STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08427

DER MOSKVER MISHPET IBER DI BIROBIDZHANER

Chaim Maltinski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים מאלטינסקי

דער מאסקווער משפט איבער די ביראבידזשאנער

תל־אביב, 1981

פאַרלאַג „ניי־לעבן"

CHAIM MALTINSKI

DER MOSKWER MISHPET
IBER DI BIROBIDSHANER

©

Printed in Israel, 1981
נדפס בישראל, 1981

6/18 — Yair str., Or Jehuda, P. O. Box 198

דעם דיכטערס אַדרעס :
רח׳ יאיר 6/18, ת.ד. 198, אור יהודה, ישראל

דפוס „אור״ בע״מ, שד׳ הר־ציון 104, טל. 822481. תל־אביב, ישראל.

אין דרייסיק יאָר אַרום...

דרייסיק יאָר איז דורך זינט אין פעברואַר 1952 יאָר האָבן די הערשער פון קרעמל דורכגעפירט אין מאָסקווע דעם אַנטיסעמיטישן משפט איבער די בירא־בידזשאַנער און אינעם זעלבן יאָר דערמאָרדעט די באַדייטנדיקסטע יידישע סאָוועטישע שרייבער און פאַרטיליקט די יידישע קולטור אין סאָוועטן־רוסלאַנד.

אין אַרויסגעבן אָט דעם בוך מיינעם האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם פריינד איטשע גאָלדבערג, דעם באַוווסטן יידישן קריטיקער און רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „יידישע קולטור", וועלכער האָט דער ערשטער פאַרעפנטלעכט די פראַגמענטן וועגן משפט, און דעם פריינד שמעון וועבער, דעם הויפט־רעדאַקטאָר פון דעם ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", וואָס האָט אָפּגעדרוקט צוויי טיילן פון בוך.

איך בין געריירט פון דער אויפמערקזאַמקייט און זאָרג, וועלכע ס'האָט מיר, דעם מלחמה־אינוואַליד און יידישן שרייבער, אַרויסגעוויזן דער קולטור־דירעקטאָר פונעם אַמעריקאַנער „אַרבעטער־רינג", דער פריינד יוסף מלאָטעק. ער האָט מיר געהאָלפן צו באַגעגענען זיך מיט טויזנטער יידישע לייענער אין ניו־יאָרק, לאָס־אַנדזשעלעס, מיאַמי־ביטש, מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, באָסטאָן, ראָטשעסטער. אין אָט די שטעט האָבן זיך מיר טיף פאַרגעדענקט דער גרויסער ייד אַלעקס ראַבין ז"ל, די טייערע, האַרציקע מענדל און רחל סלוצקי, שרה און פרץ זילבערבערג, דבורה שוואַרץ, שיינדעלע און ישראל פאַנטען, עמאַנויל גאָפמאַן, לייבל ראָזנשטיין, אשר שטשוטשינסקי, מ. בעקער, שמריה דאַווידזאָן, ש. גלאַזמאַן, מ. גלייבערמאַן, מ. פישער, אברהם קאַץ, ישראל ניימאַן, און נאָך צענדליקער ווילע יידן, וועלכע האָבן מיר אַרויסגעהאָלפן ביי יעדן שווערן טראָט מיינעם.

היינט ווי קען מען פאַרגעסן די אומדערמידלעכע בלב ונפש געטרייע טוער פון איקוף, אַזעלכע ווי מערע און מאיר זאַקהיים, סילוויא און דזשוליעס סילווער, עוועלין אַלעקסאַנדער און איר מאַן פסח, מערי און טוביה לעווין, חיים סולער, יאַנקל שפיגל, פרידא שטיין, יצחק ראָזענבוים, בערל שענקמאַן — זיי אַלע מיינע האַרציקע ברכות, און גופא אין ניו־יאָרק — בין איך געווען איבערפולט מיט דאַנקבאַרקייט און יראת־הכבוד צום גרויסן דיכטער חיים גראַדע פאַר זיינע געשפּרעכן מיט מיר. זיי האָבן מיך באַרייכערט, פאַרקריצט זיך אין מיין זכרון. ס'איז צו באַוווּנדערן אַזויפיל ליבשאַפט ביי חיים גראַדע אויסצוהערן און שמועסן מיט אַ יידן און אַ ליטוואַק דערצו.

ס'האָבן מיר פאַרשאַפט נחת די באַגעגענישן מיט די וויכטיקע ניו־יאָרקער יידישע קריטיקער חיים בעז, ד"ר אליהו שולמאַן, י. הירשהויט און מיט די יידישע שרייבער שמשון אַפּטער, ש. מאַלץ, י. גוטקאָוויטש, חיים פלאָטקין און זיין פרוי איוואַ, וועלכע האָבן זיך געזאָרגט וועגן מיר, ווי וועגן אַן אייגענעם ברודער. און ווי דערמאָנט מען נישט מיין פרוי סאָניע, זי האָט דאָך מיך געפירט קיין אַמעריקע, אַרומגעטופעט מיט מיר אין זיבן ריזיקע שטעט פון דער וועלט און געבראַכט בשלום צוריק אַהיים קיין ישראל.

אָט די אַלע גוטע מענטשן און די פאַרהעלטענישן אַרום, האָבן מיך דערמוטיקט צו פאַרענדיקן און אַרויסגעבן מיין בוך „דער מאָסקווער משפט איבער די בירא־בידזשאַנער".

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף פונעם יידישן שרייבער
און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל

מיין שיר צום ציבוגלניק...

(אַנשטאָט אַ הקדמה)

היינט איז דער 29טער פעברואַר, דער לעצטער קאַלענדאַר ווינטער־טאָג פונעם 1976טן יאָר.

נאָך אַ, פאַרהעלטניסמעסיק היפשער הפסקה אין מיין שעפעריש לעבן (וויפל דער דאַזיקער איבערייס דויערט, דערמאָן איך נישט — דאָס קימערט דאָך קיינעם נישט. ווען איך זאָל אַפילו ביזן סוף פון מיינע טעג שוין מער קיין איינציק ייִדישן אות נישט אויפשרייבן, וואָלט מיר קיינער נישט געמיינטערט, נישט געטשוכעט: „מענטש איינער, וואָס האָסטו אָנגענומען אַ פולן מויל מיט שווייגעניש ?...), זיץ איך היינט אין אַ נאָווינע, ערב פרילינג — אַ צייט פון אַלע שענסטע האָפענונגען און טרוימען נעבן פענצטער (מיין באַליבטסטע פּאָזיציע) אין מיין שפּאָגל־העלער דירהלע אין הוד השרון אויף דער קליינער, שטילער, דאָ נישט לאַנג געבוירענער גאַס העצמאות; און איך פאַרמעסט זיך, ענדלעך, אַוועקצושטעלן אין מיין העפטל אַ נייעם „אלף״, מיינעם אַ פריש צאַפּלדיקן „אַן אָנהויב — אַן אָ״... און איך וויל — איר שטעלט זיך גאָר נישט פאָר — אַז מיין זעקס און זעכציקסטער פרילינג זאָל זיין אַן אָפענער זעקס־און־זעכציק — דאָס הייסט, איך וויל אָנפאַנגען צו פאַרצייכענען מיינע לעבנס־זכרונות. ווערן אַקטיוו אינעם מעמואַרן־זשאַנער. אם ירצה השם, די סאַמע פאַסיקע רעכטע צייט אויף דעם. אַזוי פיל מענטשן אין בכבודיקן פענסיע־עלטער, אַזעלכע, וואָס האָבן אין משך פון זייער גאַנצן לעבן קיין אַנונג נישט געהאַט פון אַן איינגעטונקטער פעדער זענען לעצטנס אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אַ נאָך נישט געהערטער שרייבער־חלאת, שרייבער־פיבער. מיט אַ מין, רחמנא לצלן, פינגער־בייסעניש און וואַרפן זיך מיט זשעדנעקייט אויף יעדן בלאַנק־ווייסן בויגן פּאַפּיר. מכל־שכן איך, וואָס בין געפּלאָגט מיט שרייבערײַ פון מיינע פרי̇ע קינדער־יאָרן. טאָ זאָל זיין מיט

מזל, ווי מיין באַליבטער זיידע מענדעלע פלעגט זאָגן — מיט דער רעכטער פוס!

און זאָל שוין טאַקע זיין געגוג מיט לידער. יאָרצענדליקער האָב איך אַלץ נייע און נייע לידער־העפטלעך געשטאָפּט אין מיין זאַק, וועלכן איך היט עד היום. איך האָב מיין יִדישע מוזע, ווי אַ געטרייע מאַמע זאָרגזאַם געפּילנעוועט און געהיט אין די סאַמע פּאָר מיר שווערסטע צייטן און אַפּקומענישן. נאָר מיין לעצטע שרייבערישע הפסקה, אין דער אַמוניציע פון אַ סאָוועטישן יִדישן שרייבער — נייער עולה פון ראַטנפאַרבאַנד, האָט, מערקווירדיק, נאָר אַזוי האָט עס פּאַסירט. אויף אַ געהעריקן אופן פריהלושעט, איך וואָלט זיך אַפילו געקענט אויסדריקן, פריטשמעליעט מיין שטענדיקע שעפערישע איניציאַטיוו, אימפּעט, רגילות. צי זאָל איך עס אַלץ דערקלערן מיט די „חבלי־לידה" פון דער אַזוי גערופענער „אַבסאָרבציע"? — אין אַ געוויסער מאָס יאָ. נאָר מיר שיינט, אַז נישט דאָס איז דער עיקר. די הויפּט־סיבה איז אין עפּעס אַנדערש. גראַדע דאָ, אין ישראל, ווי אין ערגעץ נישט, האָט ביי מיר גענומען שטאַרקער טאָטשען אין האַרצן מיין לאַנגאָניקער אומרו־ווערימל און עס הערט נישט אויף צו שקראַבען אין דער נשמה דאָס באַרימטע אהרן קושניראָווס „מייזעלע"... עס הערט מיך נישט אויף צו רופן: ווער זענען דאָס די לייענער פון די יִדישע לידער? ווער, אויב נישט אַזעלכע שוין, אויף די פינגער איבערצוציילן, אַלטע, לאָמע, קראַנקע, ווי דו אַליין? און צי איז דען אַפילו פּאַר אָט דעם הייפעלע אַלטע אָפּגעלעבטע מענטשן אַ טרייסט, אַ דערפרישונג דיין וואָרט אויף מאַמע־לשון יִדיש? האַקט אָט די טריבע מחשבה אומאויפהערלעך אין די שלייפן גראַד דאָ, ווו רונד־אַרום מיר שווימלט און גריבלט מיט יִדן יונג און אַלט, האָב איך, אפשר, כדי זיך צו באַרויִקן, אָנגעכאַפּט צום מעמואַרן־„שטרויעלע": וועט נישט בעסער זיין אַצינד, צוטרעטן צו מיינע זכרונות? אַ האַלב־יאָרהונדערט האָב איך געדרוקט מיינע יִדישע לידער אין די יִדישע צייטונגען און זשורנאַלן.

דערמאָן איך זיך איינע פון מיינע ערשטע לידער, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין 1926 יאָר אין וויטעבסק:

„עפּעס ליב איז מיר צו זיצן לעבן פענצטער / אָנגעלייגט אויף אים די מידע הענט / מיין בעסטער חבר איז ער און דער שטילסטער / צווישן גרוילעכע פיר שטילע ווענט. / אויף צופלייסן דרימלט איין מיין קליינע שוועסטער / און בלייבט רויִק מיט אַ שמייכל אויף דער ליפּ. / איז מיר ליבער זיין אַליין און לעבן

פענצטער / אין אַ שטילער און אַ מידער שטוב. / ווען אַ גרינגער און אַ פרישער זיין מיין קלערן / וועל איך נעמען דאַן אַ בויגעלע פּאַפּיר, / ווען אַ קיצל טאָן אַ קאַלטע שויב מיין שטערן / און אַ קריץ טאָן שטיל: שרייב, שעם זיך נישט פאַר מיר...״

גערענק איך ווי מיין לערער פון יידיש (איך האָב זיך געלערנט אין דער וויטעבסקער נישט פולער יידישער מיטל־שול) ראַזענצווייג, וואָס איז אויך געווען אַ באַקאַנטער יידישער קריטיקער און קולטור־טוער. זיינע פילצאַליקע אַרטיקלען האָבן זיך ברייט גע־דרוקט אין דער יידישער פרעסע, האָט מיר בנוגע אָט דער ליד אַ זאָג געטאָן: „ווי קומט צו דיר אַ אוקראַאינישער גראַם — שטיב־ליב? ווייס איך טאַקע נישט, ווי אַזוי, ווייל מיין גאַנצן לעבן בין איך טריי געווען דעם יידיש־ליטווישן דיאַלעקט און ס׳קען זיין, אַז אין מיין אויער האָט דאַן שטאַרקער אָפּגעקלונגען דער גראַם „ליב־ליפּ״, וואָס הערט זיך אין אָט דער ליד דייטלעך אין מיטן פון די שורות, נישט ביים סוף. נאָר נישט דאָס איז דאָס וויכטיקע ביים דערמאָנען זיך אַצינד איינע פון מיינע ערשטע לידער „ביים פענצטער״. אַצינד, ביים אָנהויבן שרייבן מיינע ליטעראַרישע זכרונות הילכט בולט אָפּ אין מיין וועזן די לעצטע שורה פון דער ליד — „שרייב, שעם זיך נישט פאַר מיר״... איך האָב זי אָנגעשריבן מיט, בוכשטעבלעך, פופציק יאָר צוריק. זכרונות זענען דאָך טיף פאַרבונדן מיט חשבון־הנפש, מיט אייגענעם שיין און שאָטן, מיט אויסקלאָרן פאַר זיך אַליין אַלע ווינקלען און קאַנטן (ווי פון אַ פּריזמע) פון די אייגענע פאַרשידענע לעבנס־אָנגעלעגנהייטן, אָן באַפּוצונגען און אָן שלייערן, זיין אויג אויף אויג מיט זיך אַליין, אָן קיין שום קאָמפּראָמיסן און צוטראַכטע־נישן, זען ווי אין אַ געשליפענעם שפּיגל דאָס אייגענע געביין, דעם אייגענעם פּרצוף מיט אַלע בראָדעוועקעס, זאָל זיין אַפילו אומאָנגענעמע, האָבן מוט און כוח אַריבער די שוועל פון די חדרי־חדרים פון מיין נשמה און ווענדן זיך צו איר: — שרייב, שעם זיך נישט פאַר מיר... און דאָס איז גראָדע מעגלעך אויף דער לייבלעך־ליבער אייגענער ערד, אין דער אייגענער שטוב, משפחה, אין דער אָנוועזנהייט פון מיינע קינדער און אייניקלעך. אַז איך האָב עס אין דער סאָוועטישערווירקלעכקייט נישט געקענט טאָן, וויל איך עס ביי דער איצטיקער געלעגנהייט דער־ווייזן כאָטש מיט אַזאַ, וואָלט איך געזאָגט, פּאָעטישער קלייניקייט:

אינעם פעברואַר נומער פון דעם יאָר האָט דער ניו־יאָרקער זשורנאַל „דער וועקער״ אָפּגעדרוקט דריי מיינע לידער. איינע

פון זיי הייסט „כ'וואָלט בעסער". אָט איז די ליד: „באַווייזן דיר, וואָס אין מיין האַרצן טוט זיך? — / אין חדרי־חדרים אַריינפירן / פון מיין נשמה? / כ'דערוועג זיך נישט. / און טאָמער וועט אין דיינע אויגן / אַלצדינג ביי מיר אויסזען / ווי אַ פּרוטה / אַ צעבויגענע און לאָמע? / כ'וועל בעסער אויפן גליִענדיקן טריוואָקס / שטעלן נאָך אַ זיגל / און — / פאַרוואַרפן דעם אַריינגאַנג / מיט אַ הויפן ציגל..."

(פּערעדעלקינאָ־מאָסקווע 1969)

דאָס איז פולשטענדיק ריכטיק: סאָוועטן־רוסלאַנד איז פאַר מיר נישט געווען קיין שוץ. אַלע מיינע יאָרן האָט זי אויף מיר, דעם ייִדן, וואָס שרייבט לידער אויף ייִדיש געקוקט, ווי אויף אַ ווילד־פרעמדן און איז מיר תמיד מיט פאַרדאַכט נאָכגעגאַנגען, ווי אַ שאָטן און מיט אויגן פול מיט שאָדן־פרייד געוואַרט בלויז, איך זאָל ווי געשטרויכלט ווערן, זיך ספּאָטיקען, מע זאָל מיך לייכטער קענען צוקוועטשן, צעטרעטן.

איך בין אין די מלחמה־יאָרן (1941—1945) פונעם ערשטן מלחמה־טאָג געווען אין די טראַנשיי־אָקאָפּעס, בין דורך מיט שלאַכטן דעם וועג פון מינסק ביז סטאַלינגראַד בעתן אָפּטרעטן און צוריק פון סטאַלינגראַד ביז בערלין דערגאַנגען, ווו איך בין דעם 24 אַפּריל 1945 יאָר שווער פאַרווונדעט געוואָרן איןביידע פיס און נאָך אַלעמען ,פאַר מיין מסירת־נפש, פאַר מיין נישט שאַנעווען דאָס לעבן פאַרן סאָוועטישן היימלאַנד, האָט מען מיר אָפּגעטאָן די בערישע טובה (די בעריאַ־סטאַלינישע): אין אָנהויב 1952 יאָר (נאָך דעם ווי מע האָט מיר אַ יאָר צייט אָפּגעהאַלטן פאַרשפּאַרט אין אַן איינצל־קאַמער אין דער כאַבאַראָווסקער טורמע פון מ.ג.ב.) פאַרמשפּט אויף 15 יאָר קאַטאָרגע אין איר־קוטסקער טייגע. אָבער איין זאַך האָט נישט צום אַנדערן — מיין געמוטשעט לעבן, מיין פּיליאַריקע פּיין אין רוסלאַנד — תמיד לעבן אין איינע ציטערנישן — אָט אַרעסטירט מען דיך, אָט שיסט מען דיך — באַפרייט מיך נישט אַצינד דאָ, אין ישראל, שרייבנדיק מיינע זכרונות צו זיין, ווי ווייט דאָס איז מעגלעך, ערלעך און פּינקטלעך ביים דערמאָנען לעבנס־פּאַסירונגען פון באַקאַנטע מענטשן, פּערזענלעכקייטן, וועלכע זענען שוין לאַנג געשטאָרבן, אָדער פאַרטיליקט געוואָרן אינעם סאָוועטישן רעזשים. און אויב אין מיינע קינדער־יאָרן איז מיין געמיטלעכער עדות געווען די קאַלטע ווינטער־שויב, וועלכע האָט מיר געשעפּטשעט שטיל —

„שרייב, שעם זיך נישט פֿאַר מיר״, וועט איצט מיין העלער ליבער עדות זיין די מיך־באַזויבערנדיקע, נישט הויכע ישראל־פּאַלמע, פונקט אַנטקעגן מיין פענצטער, מיט איר דיקן שטאַם, וואָס דער־מאָנט מיר פון מיין ווייטער קינדהייט אַ געפלאָכטענע וואַקסענע הבדלה־ליכט. אַזאַ ליכט פלעג איך צוהאַלטן שבת־צונאַכט אין שול אויף דער בימע, צולייכטן דעם שמש, בעת ער פלעגט מאַכן קידוש מיט אַ בעכער וויין אין דער האַנט.

און דאָ, מוז איך זיך מודה זיין, עס שרעקט מיך די אחריות פון אויפצושטעלן אין מיין זכרון און דער עיקר אויפן פּאַפּיר מיינע לעבנס־דערינערונגען. איך האָב זיך שוין לאַנג איבערצייגט, ווי שטשיפּעטילנע און קריטיש מענטשן זענען צו דעם מעמואַרן־זשאַנער און זענען גרייט צו נעמען אויפן צימבל יעדן קער און ווענד פונעם מחבר.

אין אַ צוויי־דריי חדשים אַרום, נאָך דעם, ווי איך בין עולה געווען פון ראַטן־פאַרבאַנד איז אין דער צייטונג „לעצטע נייעס״ געווען אָפּגעדרוקט אַן אינטערוויו מיט מיר. די אינטערוויו איז געווען געמאַכט פון יוסף גאָלדקאָרן. אין איינקע טעג נאָך דעם, ווי דער שמועס מיט מיר איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג, האָב איך זיך צופעליק באַגעגנט אין תל־אביב אויף אַלענבי־גאַס מיט הערש סמאָליאַרן. און איך האָב באַלד באַ־מערקט — אין זיין בליק האָט אַ בליץ געטאָן אַ בייז פלעמל. ער צוימט זיך, נאָר קען זיך דאָך נישט איינהאַלטן:

— מע זאָגט, אַז אויף עברית קענסטו קיין צוויי ווערטער נישט אָנשרייבן...

— אמת טאַקע — באַשטעטיק איך.

— אין אינטערוויו זאָגסטו, אַז דיין ערשטע ליד האָסטו אָנגעשריבן אויף עברית?...

— דאָס איז אויך אמת, און איך פרוּוו אים דערקלערן, באַרעכטיקן זיך, נאָר סמאָליאַר וויל אַפילו נישט הערן די אַזוי גערופענע געשיכטע פון מיין ערשטער ליד. און איך פאַרשטיי שוין, אַז איך בין מיאוס אַריינגעפאַלן. כאָטש, ביי זיך ווייס איך, גאָט איז מיין עדות, אַז די ערשטע ליד מיינע האָב איך אָנגעשריבן אויף לשון־קודש. דאָס איז געווען מיט זייער אַ סך יאָרן צוריק אין דער שטאָט וויטעבסק. איך בין דאָן געווען אַ ניין־צען יאָריק יינגל, אַ יתום.

מיין פאָטער איז אין 1919 יאָר אין עלטער פון 34 יאָר

געשטאָרבן פון אַ פלעק־טיפוס. נאָך מיין פאָטערס טויט האָט מיין מאַמע — אַן אלמנה מיט פיר קינדער מיט אַלע כוחות זיך באַמיט, איך זאָל אויך ווייטער פאָרזעצן צו לערנען זיך ביי זוויעראָוון — איינעם פון די בעסטע וויטעבסקער העברעיִשע לערער. ער האָט מיט זיינע תלמידים גערעדט נאָר אויף העברעיִש, געלערנט מיט אונדז דיקדוק. פונעם העברעיִשן לערן־בוך פלעגן מיר אויף אויסווייניק אויסחזרן שירים און קורצע דערציילונגען.

מיין מאַמע האָט דעמלט אויף דער שאָסיינע־גאַס, נעבן פאָלאָצקער מאַרק געהאַלטן אַ קלייטל, געהאַנדלט מיט ליידיקע פלעשער, הילצערנע פויערישע לעפל, מיט הערינג און הייוון. אין אַ הויף בשכנות מיט מיין מאַמעס קרעמל האָט געלעבט אַ בעל־עגלה — אַ הויכער געזונטער רויטער ייִד און זיין ווייב פלעגט באַקן צו פאַרקויפן ציבולניקעס — פרישע בולקעס געפילטע מיט ציבעלע. איך האָב די דאָזיקע ציבולניקעס זייער ליב באַקומען — די ווייסע געשמאַקע בולקע מיט די צוגעברוינטע ווייכע וואַרעמע ציבעלע. און יעדעס מאָל, ווען איך פלעג צוקומען צו מיין מאַמעס קלייטל, פלעגט זי מיר גלייך געבן קליינגעלט, איך זאָל אַריינלויפן צו דעם בעל־עגלהס ווייב נאָך אַ ציבולניק. און ווי קאָמיש דאָס זאָל נישט זיין, אָט דעם דאָזיקן ציבולניק האָב איך געווידמעט מיין ערשטן שיר אויף העברעיִש. און איך געדענק עס זייער גענוי: אין איינעם אַ מיטן־וואָך אינדערפרי נאָכן דאַוונען. דאָס איז געווען אין דער גרויסער שול אויף וואָקזאַלנע גאַס (די שול איז געווען אין אַ הויף, ווו עס האָבן געוואָקסן עטלעכע הויכע קאַשטאַנען־בוימער) אין דער זעלבער שול, ווו עס האָט געדאַוונט מיין פאָטער — זיין אָרט איז געווען דאָס צווייטע לעבן עמוד אַנטקעגן ארון־קודש, און ווו איך האָב געזאָגט קדיש נאָך מיין טאַטן, האָט מיך אַן אומגעריכטער אינערלעכער כוח פלוצלונג אַ טראָג געטאָן אַרויף־צו, אויפן בימען און ביי דער שטילער צושטימונג פון דעם שמש אברהם־איטשע (אַן אַלטער בחור, וועלכער האָט געלעבט אין אַן אַלקערל גופא אין שול), האָב איך אויפן קול אויסגעפּאַליעט אין איין אָטעם צו־ערשט די ליד „אל הציפור" ביאַליקס און דאָס צווייטע, צי מיט, צי אָן אַ להבדיל, מיין אייגענע פאַרפאַסונג, אויף העברעיִש מיין שיר געווידמעט דעם ציבולניק.

צי די פאָר מנינים ייִדן, וואָס זענען אין דעם מאָמענט נאָכן דאַוונען געווען פאַרנומען מיט אויסטאָן טלית און תפילין, האָבן מיך געהערט, ווייס איך נישט און ווי אַזוי איך בין דערנאָך אַראָפּ

פונעם בימען, געדענק איך אויך נישט. איך בין דעמלט, ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, אַלט געווען ניין־צען יאָר.

דאָס יונג לעבן מיינס האָט זיך איינגיכן אַ דריי געטאָן קאַ־פויער, ווי אַ ווערפל, חנוכה־דריידל אויפן קאָפּ און ס'איז אויס־געפאַלן אויף „נון" — נישט; איך בין אָנגעקומען לערנען זיך אין אַ סאָוועטיש ייִדישער שול. העברעיִש איז ווי פון זיך אַליין געוואָרן בטל און אין אַ קורצער צייט אַרום — טרייף־פּסול. אין משך פון יאָרן זענען די יעווסעקעס געקראָכן פון דער הויט אין גייסט פון די „אַנטקעגנדיקע פּלענער", וואָס שנעלער „אַרויפ־הויבן" די סאָוועטישע ייִדן אויפן שטאַפּל פון דער גרויסער רוסישער קולטור, אויסלופטערן פון די ייִדישע קינדער, פון דער ייִדישער יוגנט דעם מינדסטן דוך פון אייגנס, פון נאַציאָנאַלער בראשיתדיקייט, פאַרוואַנדלט ווערן פון קליינוויז אויף אין „וואַנקע נעפּאָמניאַסטשי"... אַלץ העכער איז געוואָרן די וואַנט צווישן ייִדיש און העברעיִש, מע האָט געברענט דאָס אָרט פון יעטוועדן סימן פון אַ העברעיִזם. אין פאַרלויף פון אַ יאָרצענדליק פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די ייִדישע קאָמיסאַרן, די שפּיצקעפּ, אין עקסטאַז פון נושא־חן זיין דער רוסיפיקאַציע צעקאַליעטשעט, צעקאַטעוועט דעם ייִדישן אלף־בית. כדי אין גאַנצן אָפּטרייסלען זיך, דערווייטערן זיך פון ייִדישן אורקוואַל, אַוועקשלעפּן מיט גוואַלד דאָס ייִדיש פאָלק פון זיין געשיכטע, פון זיין יעטוועדער טראַדיציע. וויפל מאָל האָבן שוין די יעווסעקעס־לינגוויסטן אין אָנהויב פון די פערציקער יאָרן גערוקט זיך מיט „רעפאָרמעס" לגמרי צו ליקווידירן דעם ייִדישן אלף־בית, אַריבער צום לאַטייניש, צום רוסישן אַלפאַוויט — אַלץ מיט איין צוועק — צופרידן שטעלן דעם גרויסן רוסישן ברודער, בוקן זיך פאַר אים, נאָכטאַנצן, נאָכקרימען. קיין וווּנדער נישט, אַז דאָס ביסעלע, וואָס עס האָט אין מיינע פריִע קינדער־יאָרן, איינגעפלאַנצט אין מיר מיט ליבע מיין העברעיִשער לערער זוויעראָוו, איז אין דער סאָוועטישער צייט פאַרגעסן געוואָרן.

1976 י. הוד השרון.



דער מינסקער יידישער דענקמאָל

ערשטער טייל

די אויספאָרשונג

פרילינג 41־טן יאָר...

אין די יאָרן 1938 ־ 1937 ווערן אין ווייסרוסלאַנד פאַרמאַכט אַלע ייִדישע אָנפאַנג־שולן און מיטלשולן, די וויטעבסקער און מינסקער פּעדאַגאָגישע טעכניקומס, דער צוויי־יאָריקער מינסקער ייִדישער לערער־אינסטיטוט, דער ייִדישער אָפּטייל פונעם ווייסרוסישן אוניווערסיטעט, די ייִדישע קינדער־צייטונג „יונגער לענינעץ״; עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן די אָנגעזעענסטע גרעסטע ייִדישע שרייבער און קולטור־שעפער פון ווייסרוסלאַנד: איזי כאַריק, יאַשע בראָנשטיין, משה קולבאַק, חיים דוניעץ, ראַפּאַלסקי — קינסטלערישער אָנפירער פון ייִדישן מלוכה־טעאַטער פון ווייסרוסלאַנד, עליע אָשעראָוויטש, בער, מ. ליבערמאַן, ד. קורלאַנד און פּיל, פּיל אַנדערע. אָבער אויף דעם האָבן זיך די סאָוועטישע גזירות אויף ייִדן נישט פאַרענדיקט.

אין פרילינג פונעם 1941טן יאָר, מיט אַ צוויי־דריי חדשים פאַרן אָנפאַל פון דייטשלאַנד אויף סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט די געהיים־פּאָליציי פון ווייסרוסלאַנד, אונטער דער אָנפירונג פון דעם ערשטן סעקרעטאַר פון דער קאָמפּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד, דעם באַוווּסטן פּאָליטישן אינטריגאַנט און אַנטיסעמיטישן קאַריעריסט פּאַנטעליימאָנאָוויטש פּאָנאָמאַרענקאָ, צוזאַמען מיטן שעף פון דער ווייסרוסלענדישער מ.ג.ב. דעם גרוזין צענאָווע אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן אַ ברייטע אַקציע פון ענדגילטיק צו ליקווידירן די רעשטלעך פון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור אין ווייסרוסלאַנד.

דער מ. ג. ב. האָט נישט געלאָזט צורו דער פאַקט, וואָס אין ווייסרוסלאַנד לעבן נאָך אַ סך ייִדישע שרייבער. דער באָלשעוויסטישער זשאַנדאַרמעריע אין ווייסרוסלאַנד האָט געקימערט די נישט־געוווּנטשענע

פראַפּאַרציע פון די יידישע שרייבער אינעם שרייבער־פאַראיין פון ווייס־רוסלאַנד. פון די אומגעפער 60—65 מיטגלידער פון שרייבער־פאַראיין אין ווייסרוסלאַנד זענען העכער 30 געווען יידישע שרייבער. דערצו נאָך האָט זיך אין יענער צייט — נאָך סעפּטעמבער 1939 — באַזעצט אין ווייסרוסלאַנד, דער עיקר אין ביאַליסטאָק, אַ גרויסע גרופּע פון יידישע שרייבער פון פּוילן. סוף 1939 און אין אָנהויב פון דעם 1940טן יאָר זענען פאַרגעקומען גאַנץ אָפטע באַגעגענישן, ליטעראַרישע אָוונטן אין ווילנע, ביאַליסטאָק, מינסק. אויף די־אַ צוזאַמענטרעפן פלעגן אויך אַראָפּקומען מאָסקווער יידישע שרייבער, און די מ. ג. ב. פון ווייסרוסלאַנד איז צו דעם נישט „גלייכגילטיק" געווען. באַזונדערס פּאַנאָמאַרענקאָ האָט אין די אַלע ליטע־ראַרישע באַגעגענישן פון יידישע שרייבער „איינגעזען" אַ וואַקסנדיקע „מרידה" קעגן דעם מאָסקווער קרעמל און אָנשטאָט צו פאַרנעמען זיך מיט דער סאָוועטישער גרענעץ, צו זען וואָס עס טוט זיך פון יענער זייט בריסק, ווי אַזוי עס גרייטן זיך צום באַפאַלן סאָוועט־רוסלאַנד די היטלעריסטישע דיוויזיעס, האָבן פּאַנאָמאַרענקאָ און צאַנאַווע אויפגעהויבן זייערע מענטשן אין קאַמף מיט די יידישע שרייבער; עס האָבן זיך אָנגע־הויבן רדיפות אויף די יידישע שרייבער אין ווייסרוסלאַנד, מ'האָט אָנ־געהעצט איין גרופּע שרייבער אויף די אַנדערע און אין אַפּריל 1941 — אַן אַנדערהאַלבן חדשים פאַרן פאַשיסטישן אָנפאַל פון היטלערן האָבן זיך אין מינסק אָנגעהויבן אַרעסטן פון יידישע שרייבער. עס איז אַרעסטירט געוואָרן זעליק אַקסעלראָד, עליע קאַהאַן און הירשל בעריאַזקין. עס האָבן זיך געגרייט נאָך און נאָך אַרעסטן. די מ. ג. ב.־מאַשין איז געלאָזט געוואָרן אין פולן גאַנג.

סוף אַפּריל חודש, אַזייגער דריי בייטאָג, ווען איך בין אַרויס פון רעדאַקציע (איך האָב שוין דאַן געאַרבעט אין דער ווייסרוסישער יוגנט־צייטונג „טשערוואָנאַיאַ זמענאַ"), האָבן מיך צוויי אומבאַקאַנטע ציווילע יונגעלייט „איידל" אָנגענומען פוןביידע זייטן פאַר די אָרעמס און אויף „שטום־לשון" אָוועקגעפירט צום גרויסן טשעקאַ־מויער אויף דער אוריצקע גאַס. די צוויי האָבן אַ פּראַל־אויף געטאָן פאַר מיר איינע פון די דרויסן־טירן... אין משך פון 14 שעה איז געגאַנגען מיין „פאַרהער", אָן אַן איבעררייס. אין אַ 5—6 צימערן האָבן פאַרשיידענע טשעקיסטן פון פאַר־שיידענע ראַנגן אַרויסגעשטעלט פאַר מיר „גרויזאַמע" באַשולדיקונגען אין קאָנטררעוואָלוציע און נאַציאָנאַליזם. מען האָט מיר אויסגעלייענט אויס־צוגן פון צענדליקער מיינע נאָך נישט געדרוקטע לידער, אַרויסזאָגונגען און געשפּרעכן, וועלכע איך האָב ערגעץ געפירט — ווען, ווו און ביי וועלכע אומשטענדן און מיט וועמען — און ערשט אַזייגער פינף באַגינען, ווען עס האָט שוין געגומען שאַריען, האָט מען מיך אַ מטושטש'ן, אַ צע־

טומלטן, אינגאַנצן פאַרלוירענעם, אַרויסגעשטופּט אויף דער גאַס... אין אַ חודש אַרום האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה און איך בין אַוועק אויפן פראָנט.

די שטימונג מיינע אין יענע גרויזאַמע טעג איז געווען אַזאַ געדריקטע, דער יאוש אַזוי גרויס: דער פּלוצעמדיקער אָנפאַל פון דער היטלער־אַוויאַציע אויף דער הויפּשטאָט פון ווייסרוסלאַנד, מינסק, ווו איך האָב געלעבט מיט מיין פאַמיליע (פון וויטעבסק איז צו מיר געקומען אויף זומער מיין מאַמע); דאָס חרוב ווערן פון מינסק אין משך פון 3—2 טעג, אָן קיין שום ווידערשטאַנד און שוץ פון דער „מעכטיקער רויטער אַרמיי״; דאָס שיידן זיך מיט מיין משפחה — מוטער, פרוי און זיבן־יאָריקן זון — אין דער מיט פלאַם־אַרומגעכאַפּטער שטאָט און דאָס אינערלעכע חלשות־דיקע געפיל, וואָס איך בין געצווונגען געווען צו שטיקן אין זיך — דאָס בעסטיאַלישע, מערדערישע צעטרעטן פון דעם יידישן וואָרט, סאַמע ערב דעם היטלער־אָנפאַל — דאָס אַלץ האָט ווי אַ שווערער שטיין געפּרעסט מיין נשמה. די דעפּרעסיע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב אַפילו נישט געוואָלט מעלדן זיך אַלס סאָוועטישער שרייבער, וואָס דאָס וואָלט מיר אפשר געגעבן אַ מעגלעכקייט אויסגענוצט צו ווערן אויפן פראָנט אַלס שרייבער־זשורנאַליסט. איך בין גלייך אין די ערשטע מלחמה־טעג אַוועק אויפן פראָנט אַלס געוויינלעכער אַפּיצער, נישט פון קיין הויכן ראַנג אין די שיסער־טיילן, ווי אַ פעכאָטנער (פוסגייער) סאָלדאַט.

אין משך פון די פיר מלחמה־יאָרן האָב איך מיט קליינע אויסנאַמען מיט קיינעם פון די שרייבער זיך נישט דורכגעשריבן, געווען אָפּגעווייטערט פון די שרייבער־אָרגאַניזאַציעס. בלויז צופעליק איז צו מיר דערגאַנגען, אַז די מערהייט יידישע סאָוועטישע שרייבער האָבן מלחמה געהאַלטן אַלס שלאַכטלייט מיט דער ביקס אין דער האַנט און אַז פיל פון זיי זענען דערהרגעט געוואָרן.

אין משך פון די פיר מלחמה־יאָרן בין איך די גאַנצע צייט געווען אויפן פראָנט און ביי די שלאַכטן פאַר בערלין שווער פאַרווונדעט געוואָרן.

דריי טעלעגראַמעס

נאָכן אָפּזיין אַ יאָר צייט אין די מיליטערישע שפּיטאָלן, ווען אין מערץ חודש 1946טן יאָר האָב איך זיך פונעם טשעליאַבינסקער שפּיטאָל באַדאַרפט דעמאָביליזירן און דער צושטאַנד מיינער איז געווען אַ שווערער (אָן אַ פוס

און אויך דער אַנדערער פּוס איז אַ צעקאַליעטשעטער) און די פאַמיליע מײַנע האָב איך געוווּסט איז אומגעקומען אין מינסקער געטאָ, האָב איך פאַרן אויסשרײַבן זיך פון שפּיטאָל געשיקט דרײַ טעלעגראַמעס קיין מינסק — אײַנע דעם אָנפירער פון ווײַסרוסישן שרײַבער־פאַראיין מיכאַיל טיכאָ־נאָוויטש לינקאָוו ,די צווייטע טעלעגראַם דעם פּאָעט אַרקאַדי קוליאַשאָוו און דעם סעקרעטאַר פון צ. ק. פון קאָמיוג (קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד) פון ווײַסרוסלאַנד — זימיאַנין. די צײַטונג „טשערוואָנאַיאַ זמענאַ", ווו איך האָב געאַרבעט ביזן אָנהויב פון קריג, איז געווען אַן אָרגאַן פון צ. ק. פון קאָמיוג פון ווײַסרוסלאַנד. אין מײַנע טעלעגראַמעס האָב איך קורץ אינ־פאָרמירט וועגן מײַן שווערן צושטאַנד און אַז איך קער זיך צוריק אין מײַן היימשטאָט מינסק פון מיליטערישן שפּיטאָל נאָכן קריג. די שפּיטאָל־אַדמי־ניסטראַציע האָט מיר ביז מינסק געגעבן אַ ספּעציעלן באַגלייטער, ווי אַ שווערן מלחמה־אינוואַליד. נאָר ווען איך בין אָנגעקומען קיין מינסק, האָט מיך קיינער פון די אויבן־דערמאָנטע חברים נישט באַגעגנט. פון שרײַבער־פאַראײַן האָט מען בלויז אויפן וואָקזאַל געשיקט אײנעם פון די אַזוי־גערופענע משרתים פון ליט־פאָנד (אַ ווירטשאַפטלעכע באַדין־אַדמיניסטראַציע פון די שרײַבער) דעם ייִד לעווין. וואָס אַן אמת איז, מען האָט מיר געגעבן אַ צימער אין האָטעל. און ווען איך בין אין עטלעכע טעג אַרום אויף מײַנע קוליעס געקומען צום פאָרזיצער פונעם שרײַבער־פאַראיין מ. לינקאָוו, האָט ער מיך גאַנץ קאַלט אויפגענומען, געבעטן מיר פאַנאַנדערשפּיליען מײַן שינעל, איך זאָל אים באַווײַזן מײַנע אָרדענס און מעדאַלן אויף דער ברוסט און מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ, אין מינסק, איז פאַר קיין ייִדישע שרײַבער נישטאָ וואָס צו טאָן, אַז די לעבן־געבליבענע מינסקער ייִדישע שרײַבער — קאַצאָוויטש, משה טייף, מענדל ליפשיץ, מ. גרוביאַן, ישראל סערעברואַני און אַנדערע — האָבן זיך אַריבערגעפּעקלט קיין מאָסקווע און בלויז אײַזיק פּלאַטנער און הערש קאַמענעצקי זענען אין מינסק און אויך זיי קלײַבן זיך אַריבערצופאָרן קיין מאָסקווע.

איך האָב אויף דעם געענטפערט לינקאָוון, אַז איך קלײַב זיך פון מײַן היימשטאָט מינסק נישט אַוועקפאָרן און אויסער דעם איז מײַן צושטאַנד אַזאַ, וואָס מאַכט מיר שווער צו לעבן אין מאָסקווע.

האָט מיר לינקאָוו געגעבן צו פאַרשטיין: קיינער טרײַבט מיך נישט, נאָר קיין פּערספּעקטיוו פון ייִדישער ליטעראַטור אין מינסק — ייִדישע אויסגאַבעס, צײַטונגען, זשורנאַלן — וועלן שוין, ווײַזט אויס, נישט זײַן. אין האַרצן האָב איך פאַרשטאַנען אַז אַלץ איז געבליבן גילטיק — היטלער איז היטלער, נאָר, אַז פּאַנאָמאַרענקאָ האָט זיך מיט גאָרנישט געענדערט און דאָס וואָס ער האָט פאַרטראַכט ערב דער מלחמה — דאָס אַלץ בלײַבט אין פולער קראַפט. מיט דער ייִדישער קולטור אין ווײַסרוסלאַנד איז פאַר־

ענדיקט, קיין שום באַגנעדיקונג. עמעץ פון די ווייסרוסישע שרייבער האָט מיר אין יענע טעג אונטערגערוקט פּאַנאָמאַרענקאָס אַ פּאָליטישע בראָשור, אין וועלכער דער גרויסער מלוכה־אַנטיסעמיט רעדט וועגן די ייִדן פון די געטאָס, וואָס האָבן זיך געלאָזט אָן קיין שום ווידערשטאַנד אויסשעכטן, ווי די טויבן... אינגאַנצן איבערצייגט האָט מיך וועגן דער פּערספּעקטיוו־לאָזיקייט פון ייִדיש אין ווייסרוסלאַנד, ווען אייזיק פּלאַטנער און הירש קאַמענעצקי האָבן מיר געגעבן דערציילט וועגן דער אויפנאַמע וואָס זיי, מיט ה. סמאָליאַרן האָבן געהאַט ביי פּאַנאָמאַרענקאָן ביי דער אָנוועזנהייט פון צאַנאַווען. דאָך האָב איך געפּרוּווט קעמפן, דערשלאָגן זיך, מען זאָל אַרויס־לאָזן אַ ייִדישן אַלמאַנאַך פון די ייִדישע שרייבער פון ווייסרוסלאַנד.

ה. קאַמענעצקין און א. פּלאַטנערן האָט זיך איינגעגעבן, מיט דער הילף פון די לעבן־געבליבענע ייִדישע זעצער, צו געפינען די מאַטריצעס פון דעם ייִדישן זאַץ, וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט אין דער צענטראַלער סטאָלין־דרוקעריי. און איך האָב געגומען קלייבן מאַטעריאַל פאַרן אַלמאַנאַך. איינצייטיק האָב איך אָפּגעשלאָגן די טירן פונעם פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל פון צ. ק. פון פּאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד. ווייזט אויס, אַז מיר, דעם מלחמה־אינוואַליד, איז שווער געווען אָפּצוזאָגן און מען האָט מיר דערלויבט אַרויסצולאָזן, דורכן מלוכה־פאַרלאַג פון ווייסרוסלאַנד אַן איינמאָליקן אַל־מאַנאַך, אָבער נישט קיין פּעריאָדישן, פון צייט צו צייט. אין דעם ערשטן נומער פון מינסקער אַלמאַנאַך האָב איך אָפּגעקליבן די ווערק דורכויס פון אַלע לעבן־געבליבענע און אומגעקומענע שרייבער פון ווייסרוסלאַנד. אַ גרויסע צאָל עקזעמפּליאַרן האָט זיך א. פּלאַטנערן איינגעגעבן פאַרשפּרייטן דורך דער „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ״.

ביים אַרויסגעבן דעם אַלאַמאַנך איז אויפגעשווומען די פּראַגע, ווי אַזוי אים אַ נאָמען צו געבן. באַראַטנדיק זיך מיט קאַמענעצקין און פּלאַטנערן האָבן מיר באַשלאָסן אָנצורופן דעם אַלמאַנאַך „מינסק״, נאָר דער נייער פּאַרזיצער פונעם שרייבער־פאַריין, פּעטרוס בראָווקאַ, האָט קאַטעגאָריש דערווידערט. ער האָט מיר מיט אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש געגעבן צו דערקלערן, אַז מינסק געהערט צו די ווייסרוסן... און אַז איך זאָל זיך מטריח זיין און צוזוכן פאַרן אַלמאַנאַך אַן אַנדער נאָמען — נאָר נישט „מינסק״.

האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן דעם אַלמאַנאַך — „מיט פעסטן טראָט״.

דער ערשטער נומער פון אַלמאַנאַך איז דערשינען סוף פונעם יאָר 1946, אָנהויב פונעם יאָר 1947. און איך האָב נישט אויפגעהערט צו קעמפן פאַר אַ סיסטעמאַטישער פּעריאָדישקייט פונעם אַלמאַנאַך — ער זאָל דערשיינען איין מאָל אין דריי חדשים. נאָר אין צ. ק. פון דער קאָמ־פּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד האָט מיר דער סעקרעטאַר פאַר פּראָפּאַגאַנדע,

יעוועשוק, אין דעם ענדגילטיק אָפּגעזאָגט: בלויז „אַן איינמאָליקער", איינער, אָדער, העכסטנס, צוויי אַלמאַנאַכן אַ יאָר.

דער מינסקער ייִדישער דענקמאָל...

אין איינציקע מאַנאַטן אַרום, נאָך מיין צוריקקער פון שפּיטאָל קיין מינסק, זומער 1946טן יאָר, האָבן מיך, אַן אינוואַליד־אָפיצער אין רעזערוו פון דער סאָוועטישער אַרמיי און ייִדישער שרייבער, געגומען באַזוכן מינסקער ייִדן, באַקאַנטע און פריינד. דאַן איז אויפגעקומען דער געדאַנק פון שטעלן אַ דענקמאָל לזכר די פינף טויזנט ייִדן פון מינסקער געטאָ, וועמען די דייטשישע מערדער האָבן — צוזאַמען מיט זייערע אוקראַיִנישע, ליטווישע און ווייסרוסישע מיטהעלפער — פאַרטיליקט אין דער גרויסער אַקציע אין 1942טן יאָר. די דאָזיקע פינף טויזנט קדושים זענען דאַן באַגראָבן געוואָרן אין אַ טאָל צווישן די מינסקער הינטער־געסלעך, נישט ווייט פון ייִדישן בית־עלמין. ביים פּלאַנירן דעם מאָנומענט האָב איך געשטעלט אַ באַדינג, אַז אויף דעם דענקמאָל זאָל זיין אַן אויפשריפט אין ייִדיש. איך האָב גענומען אויף זיך דעם חוב אָנצושרייבן דעם פאָלגנדיקן טעקסט, וואָס איז אויסגעקריצט געוואָרן אויפן מאָנומענט: „אַ ליכטיקן אָנדענק אויף אייביקע יאָרן די פינף טויזנט ייִדן־קדושים, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די בלוטיקע שונאים פון דער מענטשהייט — די פאַשיסטישע־דייטשע מערדער־תליונים". דעם זעלבן טעקסט האָב איך איבערגעזעצט אויף רוסיש און אויך דער רוסישער טעקסט איז אויסגעקריצט געוואָרן אויפן דענקמאָל.

עס איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט ביז דער צענזאָר האָט באַשטעטיקט די דאָזיקע אויפשריפטן אויפן דענקמאָל און דאָס עצם שטעלן דעם דענקמאָל. דער מינסקער שטאָטישער צענזור־אַמט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיקן דעם ייִדישן טעקסט. דאַן זענען די מינסקער ייִדן, וועלכע האָבן דירעקט זיך פאַרנומען מיט שטעלן דעם דענקמאָל, ווידער געקומען צו מיר טענהנדיק, אַז איך, סיי אַלס ייִדישער שרייבער און סיי אַלס אָפיצער־אינוואַליד פון דער מלחמה, דאַרף גיין אין צענזור און קעמפן פאַר דער זאַך, ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין.

מיינע וווּנדן זענען נאָך געווען פריש און מיט דעם איינעם באַשעדיקטן פוס וואָס איז מיר פאַרבליבן האָב איך זיך קוים געקענט באַוועגן און אַרויפבאַקומען זיך אויפן העכסטן שטאָק פון מינסקער רעגירונגס־הויז (די וויגדעס האָבן נאָך דאַן נישט געאַרבעט). דאָס איז געווען פאַרבונדן

ממש מיט מסירות נפש און מיינע באַנדאַזשן אויפֿן פֿוס זענען געווען פֿול מיט בלוט. ווען איך האָב זיך אַרייַנבאַקומען אין קאַבינעט פֿון דעם פֿאַר־וואַלטער פֿון דעם רעפּובליקאַנישן רעגירונגס־צענזאָר איז מיין ווייטיק געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב נישט געקענט צוימען מיינע טרערן. און אפֿשר זענען די טרערן געקומען אויך פֿון די אומשטאַנדן. ווען איך האָב זיך געוואַנדן צום הויפּט־צענזאָר און דערקלערט:

— אין דעם גרוב, צווישן די פֿינף טויזנט ייִדן פֿון מינסקער געטאָ, ליגן אויך מיין מוטער, מיין פֿרוי און מיין 7יאָריקער זון...

אין אָט דעם מאָמענט האָט דער הויפּט־צענזאָר באַשטעטיקט ביידע אויפֿשריפֿטן און איינצייטיק געגעבן די דערלויבעניש אויפֿצושטעלן דעם דענקמאָל בכלל.

מיין פֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען איך בין אַרעסטירט געוואָרן דורך די מ. ג. ב.־לייט, איז איינע פֿון די הויפּט־באַשולדיקונגען קעגן מיר געווען מיין „נאַציאָנאַליסטישער, אַנטי־סאָוועטישער אויפֿשריפֿט אויפֿן דענק־מאָל נאָך די מינסקער ייִדן". די מ. ג. ב.־לייט האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ פֿאַרברעכן קעגן דער „סאָוועטישער פֿעלקער־פֿריינטשאַפֿט".

אין האַרבסט פֿונעם 1947טן יאָר, אַנטוויקלט אין דער צוקונפֿט פֿון אַ ייִדיש קולטור־לעבן אין מינסק, האָב איך באַשלאָסן מיט מיין פֿרוי (מיין צווייטע פֿרוי), די שוועסטער פֿונעם ייִדישן דיכטער ה. שוועדיק, איבער־וואַנדערן קיין ביראָבידזשאַן. גראַד אין יענער צייט האָט מען אין דער צייטונג „איינִיקייט", אָרגאַן פֿון ייִדישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט, אַ סך געשריבן וועגן דער פּערספּעקטיוו פֿון ביראָבידזשאַן, וועגן דעם, אַז די ייִדישע סאָוועטישע אינטעליגענץ דאַרף זיך זאַמלען אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

איך האָב אָנגעשריבן צום סעקרעטאַר פֿון געגנט־קאָמיטעט פֿון פּאַרטיי פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, אַלעקסאַנדער באַכמוטסקי, און באַקומען פֿון אים אַן איינלאַדונגס־טעלעגראַמע אויף קומען אַרבעטן אין דעם ליטעראַרישן אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן". און אין סעפּטעמבער 1947, פֿאַרלאָזן אונדזער קליין צימערל אויף ראָזע לוקסעמבורג־גאַס אין מינסק, זענען מיר באַגינען אָוועקגעפֿאָרן מיט אונדזער „האָק און פּאַק" אויפֿן מינסקער וואָקזאַל. צו אונדזער ווייטן וועג האָבן אונדז באַגלייט די

מינסקער ייִדישע דיכטער פּלאַטנער און קאַמענעצקי און די פּרוי פונעם פאַרשטאָרבענעם ווייסרוסישן קלאַסיקער דעם ייִדן — דמיטראָק ביאַדולאַ.

פון דעם מאָסקווער קאַזאַנסקן וואָקזאַל האָב איך געשיקט אַ טעלעגראַם אין דער צייטונג „איינִיקייט". אין דער טעלעגראַם האָב איך זיך געווענדעט צו דער ייִדישער יוגנט און ייִדישע פּראָנטאָוויקעס צו פאָרן בויען „אונדזער ייִדישע געגנט"...

מיין פאַרלאָזן מינסק אין 1947טן יאָר איז געווען אויך אַ פּועל־יוצא פון דער שווידערלעכער אַטמאָספערע, וואָס עס האָט „געשוועבט" אין דער לופטן אין דער באַציונג צו ייִדן מצד דער באַפעלקערונג אין ווייסרוסלאַנד. די פּויערים פון ווייסרוסישן דאָרף, פון די שטעטלעך און פון די שטעט, ווו עס האָבן געלעבט קאָמפּאַקטע מאַסן ייִדן, האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען ווי הפקרדיק מען האָט זיך אין די אָקופּאַציע־יאָרן באַגאַנגען מיט די ייִדן. און אויסער דעם, האָבן דאָך טויזנטער ווייסרוסישע פּאָליציי־לייט געהאָלפן מיט בײדע הענט צו קאַטעווען און צו שעכטן די ייִדישע באַפעל־קערונג. און איך, וואָס האָב זיך צוריקגעקערט פון פראָנט אין 1946טן יאָר, האָב אין די אויגן פון די ווייסרוסן דערשפּירט, אַז די היטלערישע אַנטי־ייִדישע פּראָפּאַגאַנדע איז אַריין אין בלוט און פלייש פונעם ווייסרוסישן המון.

מען האָט אויף די ייִדן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון עוואַקו־אַציע, געקוקט (באַזונדערס די וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט צו זיך אַהיים אין די שטעטלעך און קליינע ישובים) מיט ביטול און גרינגשעצונג — די נישט־דערהרגעטע, די נישט־דערקוילעטע... מיר איז דאָס שווער געווען אַריבערצוטראָגן.

אויף צו פאָרן קיין ביראָבידזשאַן — ס'איז דאָך אַ גרענעץ־ראַיאָן — האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ וויזע און איך האָב זיך, דעם אמת געזאָגט, געשראָקן, האָבנדיק אין זינען די לאַגע פון די ייִדישע שרייבער פון ווייס־רוסלאַנד, די אַרעסטן פאַרן אָנהויב פון דער מלחמה, צי וועט מען מיר נישט אָפּזאָגן אין אַזאַ וויזע. איך האָב דער מיליציע צוגעשטעלט די באַ־קומענע טעלעגראַם פון סעקרעטאַר פון ביראָבידזשאַנער געגנט־קאָמיטעט פון פּאַרטיי און, גאָט צו דאַנקען, איך האָב די וויזע באַקומען.

קיין סך ייִדישע שרייבער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד פון די אַנדערע רעפּובליקן און אויך פון מאָסקווע זענען קיין ביראָבידזשאַן, נאָך דער מלחמה, נישט אַריבערגעפאָרן. מען קאָן זאָגן, אַז איך בין דאָס געווען כמעט דער איינציקער, אויב נישט רעכענען דעם ייִדישן דיכטער פון פוילן — ישראל עמיאָט, וואָס האָט זיך דאָרטן באַזעצט, און די ייִדישע שרייבער, וואָס האָבן באַגלייט די עטלעכע עשעלאָנען איבערוואַנדערער — דער נסתר (ניסטער), י. קערלער, וואָס זענען קיין ביראָבידזשאַן געקומען אויף אַ קורצער צייט און צוריק אַוועקגעפאָרן. אויך מעלאַמוד, נאַטאָוויטש,

א. ווערגעליס זענען אין יענער צייט בלויז געקומען אין קאָמאַנדירונגען אויף צוויי־דריי וואָכן, צו מאַכן אַ פּאָר רובל, אָדער צוליב פּאָליטישע קאָמבינאַציעס. פֿאַר די ייִדישע שרייבער פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז קיין סוד נישט געווען, אַז דער ענין ביראָבידזשאַן איז שוין קיין אויסגעבלאָזענע איי נישט ווערט. און דאָך האָט די אינערץ, דער טרוים פֿון וועלן זיין אַ פֿאָלק פֿאַר זיך, געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט אויך צו ביראָבידזשאַן. מען האָט נאָך עפּעס געהאָפֿט, אפֿשר וועט דאָך פֿון דעם זיך עפּעס אויספּיקן, אפֿשר וועט געשען אַ נס — „אַז גאָט וויל שיסט דאָך אויך אַ בעזעם". כאָטש ווער־ווער, נאָר דער עלטערער דור פֿון סאָוועטיש־ייִדישע שרייבער — אין דער ערשטער ריי דוד בערגעלסאָן, יוסף ראַבין, ה. דאָבין, יחיאל פֿאַליקמאַן, איציק פֿעפֿער, ש. האַלקין און אַנדערע — זענען דאָך געווען לעבעדיקע עדות פֿון דעם חורבן, וואָס דאָס 1937טע יאָר האָט געמאַכט אין ביראָבידזשאַן, ווי אַזוי עס זענען אומגליקלעך געוואָרן די טרוימער פֿון אַ ייִדישן קאָמוניסטישן נאַציאָנאַלן אײנס די איבערוואַנדערער פֿון אַרגענטינע, פֿון קאַנאַדע, פֿון ליטע... די מערהייט פֿון זיי זענען ווי אויס לענדישע שפּיאָנען אַרעסטירט געוואָרן און פֿאַרשיקט דורך יעזשאָוון אין די סטאַליניסטישע לאַגערן, ווו זיי זענען אומגעקומען.

איך דערמאָן מיר, ווי אין פֿעברואַר־מערץ פֿונעם יאָר 1947, בעת דער ייִדישער אַנטי־פֿאַשיסטישער קאָמיטעט און די מאָסקווער ייִדישע שרייבער־גרופּע האָבן אָרגאַניזירט מיט מיר באַגעגענישן, געדענק איך, אַז אין איינעם אַ טאָג האָט מיך פֿאַרבעטן צו זיך דוד בערגעלסאָן. אין משך פֿון גאַנצן טאָג איז נאָכאַנאַנד געקומען צו רייד וועגן ביראָבידזשאַן און אגב־אורחא איז צו מיר דאַן דערגאַנגען, אַז בערגעלסאָנען אינטערעסירט נישט אַזוי ביראָבידזשאַן גופֿא, ווי דאָס ,אַז אין מאָסקווע זאָל זיין אַ ספּעציעלע פֿאָרשטייערשאַפֿט פֿון ביראָבידזשאַן, אויף דעם אופֿן, ווי אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן האָבן אַזעלכע פֿאָרשטייערשאַפֿטן. אַזוי ווי אַ שאָטן פֿון אַ וואָלקן איז פֿאַר מיינע אויגן פֿאַרבייגעלאָפֿן בערגעלסאָנס טיפֿער יאוש און אַנטוי־שונג אין דעם ענין ביראָבידזשאַן, אַ יאוש, וואָס גייט אַריבער אין ציניזם. נישט צופֿעליק איז ביי מיר אין זכרון פֿאַרבליבן דער ביראָבידזשאַנער אַנעקדאָט, וואָס בערגעלסאָן האָט מיר דאַן דערציילט: „אַ טייערע שטאָט ביראָבידזשאַן, אַ גאָלדענע שטאָט, מיט אָן אַ שיעור באַקוועמלעכקייטן, ווו דו ווילסט נאָר און ווו דיין האַרץ גלוסט נאָר, קענסטו זיך שטעלן משתין זיין..."

נאָך די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן, איז די באַן, דער עקספּרעס מאָסקווע — וולאַדיוואָסטאָק, געגאַנגען גאַנץ פּאַמעלעך. איך בין אויפֿן עלפֿטן טאָג אָנגעקומען קיין ביראָבידזשאַן. מען האָט מיך, מיין פֿרוי און איר זיבן־יאָריק מיידעלע געגעבן אין ביראָבידזשאַנער האָטעל צוויי צימערן.

נאָר פון איין צימער האָב איך זיך באַלד אָפּגעזאָגט, ווייל איך האָב גלייך דערפילט, אַז מיטן באַשטעטיקן מיך אויף דער אַרבעט ציט זיך. אין האָטעל־רעסטאָראַן איז אַלץ טייער און מיינע פּאָר רובל נעמען „טאָגן". דער ערשטער געשפּרעך מיינער מיט באַכמוטסקין, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. אינטואיטיוו האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ביז דער קאָ־מיטעט פון דער פּאַרטיי וועט נישט האָבן וועגן מיר די געהעריקע ידיעות און אָנווייזונגען, וועט מען מיך אויף דער אַרבעט אין אַלמאַנאַך „ביראָ־בידזשאַן" נישט באַשטעטיקן. באַכמוטסקין האָט, ווייזט אויס, אויך גע־וווּנדערט, וואָס פאַרבייפאַרנדיק מאָסקווע אויף מיין וועג קיין ביראָבידזשאַן, בין איך נישט אריין אין „איינִיקייט" און קיין שום פּראָטעקציע־בריוו פונעם אַניט־פאַשיסטישן קאָמיטעט מיט זיך נישט געבראַכט. איך האָב באַכמוטסקין דערקלערט, ווי דער אמת איז, אַז מיר איז אַלס אינוואַליד פיזיש שווער געווען מיט מיינע טשעמאָדאַנעס אַראָפּקומען אין רעדאַקציע פון „איינִיקייט". דאָס וואָלט מיך געקענט פאַרהאַלטן.

ביראָבידזשאַנער פּיין...

די איינציקע רעטונג איז געווען, נישט דערוואַרטנדיק צו ווערן באַ־שטעטיקט, צוטרעטן צו דער פּראַקטישער אַרבעט. איך האָב זיכּף גענומען גרייטן צום דרוק און רעדאַקטירן צוויי לידער־ביכלעך פון די דיכטער ישראל עמיאָט און איציק בראַנפמאַן. ישראל עמיאָט איז נאָך אויסער זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין „ביראָבידזשאַנער שטערן" געווען דער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון ביראָבידזשאַן אין דער מאָסקווער צייטונג „איינִיקייט". די דאָזיקע צוויי מענטשן האָבן אין גאַנג פון מיין רעדאַקטירן זייערע ביכער געדאַרפט געבן צו וויסן אין פּאַרטיי־קאָמיטעט און אין רעדאַקציע, אַז איך „יכול", אַז מען קען מיר געטרויען די אַרבעט פון רעדאַקטירן.

אויסער דעם האָב איך זיך געסטאַרעט וואָס גיכער צו באַקומען אַ דירה, איך זאָל נישט דאַרפן צאָלן פאַרן האָטעל. אַלס סעקרעטאָר פון געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט האָט אין ביראָבידזשאַן געאַרבעט זייער אַ טאַלאַנטפולער און אויסגעצייכנטער אָרגאַניזאַטאָר, אַבראַשע רוטענבערג. ער איז קיין ביראָבידזשאַן געקומען פון מינסק נאָך פאַר דער מלחמה. אין מינסק איז ער געווען איינער פון די סעקרעטאַרן פון שטאָטישן קאָמיטעט פון קאָמיוג. אַ לאַנגע צייט פאַר דעם אָנגעפירט מיט דער פּיאָנערישער אָרגאַניזאַציע פון ווייסרוסלאַנד, אַ מיטגליד פון ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמיוג

אַ טוער, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער. און ער האָט מיך געדענקט פון מינסק, אַלס אַ פאַראַנטוואָרטלעכער סעק־רעטאַר פון דער ייִדישער קינדער־צייטונג „יונגער לענינעץ".

אַבראַשע רוטענבערג האָט מיר געהאָלפן וואָס גיכער צו פאַרלאָזן דעם ביראָבידזשאַנער האָטעל — אמת, איך בין אַליין שולדיק געווען. איך האָב מסכים געווען אויף אַ שלעכטער, נישט־זוניקער דירה אין איינעם פון די ביראָבידזשאַנער שטיבער־באַראַקן, וואָס זענען געבויט געוואָרן אין די יאָרן 1934—1935. פון די גרויסע ווינטער־קעלטן פלעגן די ווענט צעפוילט ווערן און עס איז שווער געווען אָנצוואַרעמען אַזאַ דירה. אַבראַשע רוטענבערג האָט מיך געוואָרנט, איך זאָל נאָך צוואַרטן, אפשר וועט מען פאַר מיר צוזען אַ בעסערע דירה, נאָר איך האָב שוין נישט געקאָנט וואַרטן. די רעדאַקציעס פון „ביראָבידזשאַנער שטערן", „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ" און דער אַזוי־גערופענער „געגנטלעכער פאַרלאַג פון דער ייִדישער אַוטאָ־נאָמער געגנט" האָבן זיך געפונען אויף איין שטאָק. אין איינעם פון די געציילטע דריי־שטאָקיקע געבײַדעס אויף דער לענין־גאַס, דערנעבן דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי. די אַטמאָספערע אין די רעדאַקציעס, וואָס איז שוין געווען „שטאַנדהאַפטיק" אין משך פון אַ סך יאָרן, איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענע שטעטלדיקע און יעדן נייעם מענטשן האָט מען באַ־טראַכט מיט טויזנט אויגן — צי וויל נישט דער נייער מענטש פאַרכאַפּן ביי עמעצן דאָס „בענקל", צי וועט דער נייער מענטש נישט איבערדרייען עפּעס, איבערקערן די לאַנג־איינגעשטעלטע אָרדענונג. איך האָב באַלד געגעבן צו פאַרשטיין ב. מילערן, דעם רעדאַקטאָר פון „ביראָבידזשאַנער שטערן" און נ. פרידמאַנען, דעם פאַרטרעטער פון רעדאַקטאָר פון „ביראָ־בידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ", אַז איך נייטיק זיך אַליין אין הילף און מיט אַלע מאַטעריאַלן, וואָס איך פלעג צוקלייבן פאַרן אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן", פלעג איך מיט פרידמאַנען זיך מיישב זיין. אין דער פּערזאָן פון נ. פרידמאַן האָב איך געזען אַן אויסגעצייכנטן ערלעכן מענטשן, אַ גלענצנדיקן זשורנאַ־ליסט און אומדערמידלעכן רעדאַקציע־טוער. פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער, פון אַלע מאַטעריאַלן וואָס פלעגן גיין אין צייטונגס־נומער פלעגט ער מיט די אייגענע הענט איבערשרייבן „פּאַסוואַיעמו", לויט זיין סטיל און פלעגט געוויס מאַכן לאַקאַנישער, געשליפענער. דערביי פלעגט ער זיך די גאַנצע צייט סטאַרען נישט אַרויסשטעלן, נישט זיין אין צענטער ער איז געווען איינער פון די ערשטע איבערוואַנדערער אין ביראָבידזשאַן, נאָך פונעם 1928טן יאָר און איז געווען אַ לעבעדיקער עדות פון אַלע ווילקירן, אַרעסטן און קרבנות, וואָס די נ. ק. וו. ד. האָט אין די פאַר־מלחמה־יאָרן געבראַכט מיט זיך אין ביראָבידזשאַן. דער עיקר האָט ער זייער נישט געוואָלט מען זאָל אים אָנרופן ייִדישער שרייבער. ער האָט פאַר דעם נאָמען

„ייִדישער שרייבער" מורא געהאַט ווי פֿאַר פֿייער, געוווּסט מיט וואָס דאָס קען זיך פֿאַרענדיקן, נאָר ס'האָט אים אַלצייַנס נישט געהאָלפֿן...

איך האָב געאײַלט מיטן אַרויסגעבן דעם דריטן נומער פֿון אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן". דער ערשטער און צווייטער, אַ דאָפּלט־נומער, איז שוין דערשינען פֿאַר מײַן קומען. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן" איז געשאַפֿן געוואָרן דורך אַ באַשלוס פֿון צ. ק. פֿון דער אַלאַפּרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין מאָסקווע, האָט ער אָבער ביז מײַן קומען נישט געהאַט קיין שום שטאַט, קיין שום דרוק־באַזע. די ערשטע צוויי נומערן פֿון דעם דאָפּל־נומער, האָט פּאַקטיש געמאַכט ב. מילער צוזאַמען מיט פֿרידמאַנען. דער אויסערלעכער אויסזען פֿון אַלמאַנאַך איז געווען אַ גאַנץ טרויעריקער, דאָס פּאַפּיר — שרעקלעך, פּאַק־פּאַפּיר. נישט אַ סך שענער האָבן אויסגעזען אויך די דריי נומערן, וועלכע זענען דערשינען אונטער מײַן רעדאַקציע. מיר איז אַלץ אַליין אויסגעקומען צו טאָן — די גאַנצע שוואַרצע אַרבעט, אויך די קאָרעקטור, שטיין אין די נעכט ביי דער מאַשין, ווען מען האָט דעם אַלמאַנאַך געדרוקט.

לויטן באַשלוס פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי האָט מען דעם אַלמאַנאַך געדאַרפֿט דרוקן 5 טויזנט עקזעמפּליאַרן. עס איז אויך געווען אַ פֿאַראָרדענונג, אַז אַלע קיאָסקן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זאָלן דורכן „סאָיוז־פּעטשאַט" פֿאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל. 250—300 עקזעמפּליאַרן פֿלעגט „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ" נעמען אויף צו פֿאַרשפּרייטן דעם אַלמאַנאַך אין אויסלאַנד. נאָר פּאַקטיש איז דער גרונט־טיראַזש געבליבן וואַלגערן זיך אין דער דרוקעריי. צוזאַמען מיט דער ביראָבידזשאַנער שרייבער־גרופּע האָבן מיר אים געפּרוווט אויף ליטעראַרישע באַגעגענישן פֿאַרשפּרייטן אין ביראָבידזשאַן און אין אַ פּאָר אַנדערע ישובים פֿון דער געגנט. נאָר מיר האָבן געקענט פֿאַרקויפֿן בלויז אַ פּאָר צענדליק עקזעמפּליאַרן. צונויפֿשטעלן אַ נומער פֿון אַלמאַנאַך מיט די אייגענע כּוחות פֿון די ביראָבידזשאַנער שרייבער, איז געווען כּמעט אוממעגלעך. צו קליין און צו נישט־באַדייטנדיק איז געווען דער באַשטאַנד פֿון די ביראָבידזשאַנער ייִדישע שרייבער: ליובע וואַסערמאַן, בוזי מילער, ה. ראַבינקאָוו, א. בראָנפֿמאַן, י. עמיאָט און ח. מאַלטינסקי. פּאַקטיש צוויי פּראָזאַיִקער (מילער, ראַבינקאָוו) און פֿיר פּאָעטן. איך האָב זיך געווענדעט צו די מאָסקווער, קיִעווער ייִדישע שרייבער. מיר האָבן אין אַלמאַנאַך אָפּגעדרוקט די ווערק פֿון ה. פּאָלאַנקער, ח. מעלאַמוד, איציק פֿעפֿער, לייב קוויטקאָ. אידעאָלאָגיש האָט מיטן אַלמאַנאַך אָנגעפֿירט דער סעקרעטאַר פֿון געגנט־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע, בראַכין, אַן אַלטער תּושב אויפֿן ווייטן מזרח און אַן אויסגעשפּראָכן רוסיפֿיצירטער ייִד. זיין פֿרוי — אַ רוסישע.

אָגב דאַרף מען באַמערקן, אַז ביי דער פּאַרטייִישער אָנפֿירונג פֿון דער

ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט זענען, ווי אַ כלל, געווען אַסימילירטע ייִדן, וואָס האָבן מערסטנס געהאַט רוסישע ווייבער. ס'איז שוין געווען אַ מין „חלאת", אַז די אָנפירנדיקע טוער פון דער ייִדישער געגנט דאַרפן זיך מתחתן זיין מיטן גרויסן רוסישן פאָלק, כדי צו האָבן מער צוטרוי, כדי פעסטער אַריין אין דער פּאַרטייִישער עליטע, קאַסטע. אויך די קלענערע ייִדישע „שישקעס" און „קנעפּלעך" האָבן נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון די גרויסע...

ערשט אין פעברואַר פון יאָר 1948 — פינף חדשים נאָך מיין קומען קיין ביראָבידזשאַן — האָט דער כאַבאַראָווסקער קאַנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי באַשטעטיקט מיך אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר פון ביראָבידזשאַנער אַלמאַנאַך. אין 13 יאָר אַרום, ווען איך האָב זיך נאָך די לאַגער־יאָרן און נאָך מיינע אייניקע יאָר געפינען אין נאַמאַנגאַן, אוזבעקיסטאַן (1956—1960), זיך ווידער צוריקגעקערט קיין מינסק, האָט מיך דער געוועזענער דירעקטאָר פון דעם מלוכה־פאַרלאַג פון ווייסרוסלאַנד, דער שרייבער סטעפּאַן קאָזי־מיראָוויטש מייכראָוויטש, וואָס האָט מיך זייער גוט געקענט, דערציילט, אַז פון דער ביראָבידזשאַנער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע איז אין פאַרלאַג אָנ־געקומען וועגן מיר אַן אָנפראַגע און ער האָט וועגן מיר געשיקט קיין ביראָבידזשאַן זייער אַ גוטע כאַראַקטעריסטיק.

נאָר דאָס באַשטעטיקן מיך אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר פון דעם ביראָ־בידזשאַנער אַלמאַנאַך איז קיין ביראָבידזשאַן איינצייטיק אָנגעקומען צוזאַמען מיט די ערשטע פינצטערע בשורות פון טאָטאַלער אַטאַקע אויף דער סאָוועט־טישער ייִדישקייט. די ערשטע פינצטערע גרויליקע בשורה — מיכאָעלס טויט אין מינסק... און נאָך דעם איז שוין געגאַנגען אייך קלאַפּ נאָכן אַנדערן .איך האָב באַקומען אַ בריוועלע פון ה. פּאָליאַנקערן וועגן דעם, אַז דוד האָפשטיינען האָט מען צוגענומען... איך האָב באַקומען אַ בריוו פון מינסק פון הערש קאַמענעצקין. צווישן די שורות האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די ערד אונטער זיינע און אייזיק פּלאַטנערס פיס אין מינסק ברענט שוין, און אַז ער וויל מיט פּלאַטנערן קומען ראַטעווען זיך קיין ביראָבידזשאַן...

דער סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פאַר פּראָפּאַגאַנדע בראָכין האָט מיך אָפטער גענומען אַרויסרופן צו זיך אין קאַבינעט. ער האָט זיך זייער געגנוי גענומען אינטערעסירן מיט די פּלענער פון אַלמאַנאַך, מיט יעדן מאַטעריאַל, וואָס ווערט געשיקט אין דרוק. ער האָט מיט מיר גענומען פירן נישט־אָפיציעלע געשפּרעכן, צי וויל איך נישט נעמען אויף זיך דאָס רעדאַקטירן דעם „ביראָבידזשאַנער שטערן". איך האָב זיך פון דעם קאַ־טעגאָריש אָפּגעטרייסלט. איך האָב אים געזאָגט, אַז ס'קומט מיר אויס שווער צו רעדאַגירן אַ ליטעראַרישן אַלמאַנאַך און וועגן רעדאַקטירן אַ

טעגלעכע צייטונג קאָן קיין שום רייד נישט זיין. און עס איז צו מיר דער־גאַנגען, אַז בנוגע די אָנגענומענע מאַטעריאַלן צום דרוקן קאָנטראָלירט מיך בראַכין און פרעגט זיך נאָך ביי אַלע איבעריקע מיטגלידער פון דער אַלמאַנאַך־רעדאַקציע. אין דער ביראָבידזשאַנער לופט האָבן געגומען שמעקן די גוט־באַקאַנטע „ריחות" פונעם 1937טן יאָר. פון מאָסקווע זענען אָנ־געקומען די שלעכטע גרוסן וועגן פאַרמאַכן דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, וועגן ליקווידירן דעם „עמעס"־פאַרלאַג. איך האָב באַקומען אַ בריוול פון איציק פעפערן מיט אומקלאָרן יאוש און פחד... אין ביראָבידזשאַן איז פאַר־געקומען אַ פאַרזאַמלונג פון דער אינטעליגענץ, אויף וועלכער באַכמוטסקי האָט געהאַלטן אַ היסטערישע רעדע וועגן קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם און דערמאָנט די נעמען פון די ייִדישע שרייבער פון ביראָבידזשאַן, ליובע וואַסערמאַן און ה. ראַבינקאָוו. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז איציק פעפער און לייב קוויטקאָ זענען אַרעסטירט.

אין אָנהויב פון 1949טן יאָר איז דערשינען דער פינפטער נומער פון אַלמאַנאַך. איך האָב געמאָלדן בראַכינען, אַז דעם נומער דרוק איך נישט 5 טויזנט עקזעמפּליאַרן, נאָר 3000 עקזעמפּליאַרן, און איך האָב באַמערקט, אַז ער באַטראַכט עס אינערט, אַז עס קימערט אים נישט. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע איז האָפענונגסלאָז... אַז איך וועל זיך שוין פון בעריעס נעגל נישט אַרויספּלאָנטערן...

אין די קאָרידאָרן פון דער רעדאַקציע האָב איך מיט איין אויער דער־הערט, אַז דער שעף פון מ.ג.ב. פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, בראַנזבורג, איז אַוועק פון דער אַרבעט און אַנשטאָט אים אַרבעט שוין אַן אַנדערער, נישט קיין ייִד. אין איינעם אַן אָוונט אין יאַנואַר, צי פעברואַר, פונעם יאָר 1949 קלינגט מען מיר אַהיים: עס רעדט מיט אייך דער פּאָל־קאָווניק (דעם נאָמען געדענק איך נישט) פון דער געגנטלעכער פאַרוואַלטונג פון מ.ג.ב. אינעם נאָמען פון דעם שעף פון דער פאַרוואַלטונג. ער לאַדט אייך איין אויף אַ שמועס. אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט די מאַשין קומען נאָך אייך. דער שעף פון דער ביראָבידזשאַנער מ.ג.ב. איז אַן אויסגע־כאַליעטער פּאָלקאָווניק פון אַ יאָר פערציק. ביי דער אָנוועזנהייט פונעם צווייטן פּאָלקאָווניק האָבן זיי מיך אויפגענומען מיט דער טיפּישער זשאַנ־דאַרמערישער איידלקייט און העפלעכקייט. דער שעף האָט מיר צוערשט געגעבן קאָמפּלימענטן, אַז ס'איז צו באַוווּנדערן ווי יונג איך זע אויס, האָבנדיק דורכגעמאַכט אַזאַ שווערן שלאַכט־וועג און אַזוי ווייטער...

דער שעף, זיין נאָמען געדענק איך נישט, האָט מיר ענדלעך, פאַר־געלייגט:

— איר, אַזאַ מענטש, אַזאַ געניטער שרייבער, אַ פּראָנטאָוויק־קאָמוניסט, דאַרפט אַרבעטן מיט אונדז... איר, דאַרפט אונדז העלפן...

איך האָב אויף דעם ביידע פּאַלקאָווניקעס געענטפערט, אַז איך בין אַ רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל און אַ מיטגליד פון שטאָט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. און מיט דעם זשורנאַל פירט אָן דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל פון אויספיר־קאָמיטעט, דירעקט דער סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פאַר פּראָפּאַגאַנדע, דער חבר בראָכין, וועמען איך בין אונטערגעוואָרפן און פיל אויס זיינע אָנווייזונגען און וועלכער קאָנטראָלירט מיך. פאַרשטיי איך נישט, וואָס פאַר אַ נויטווענדיקייט איז צו אַרבעטן מיט איך?... דער אויספיר־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי איז פאַר מיר דער ענדגילטיקער אָנפירער אין דעם פּרט פון אַרויסלאָזן דעם אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן".

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען מיך ווידער אַרויסגערופן און דער זעלבער שעף האָט ווידער איבערגעחזרט זיין פאָרשלאַג.

איך האָב געענטפערט, אַז פּרינציפּיעל, פּאַרטייִש, קען איך אויף אַזאַ מין דיסקרימינאַציע פון אַ העכערן פאַר מיר פּאַרטיי־אָרגאַן נישט איינגיין.

עס איז אַדורך נישט מער ווי אַ וואָך ווי דער פּאַלקאָווניק, דעם שעף־געהילף, קלינגט מיר ווידער: מיט אייך וויל רעדן אַ מיטגליד פון צ. ק. פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דער חבר גאַגלידזע. אין אָוונט וועט קומען צו אייך אַ מאַשין. געהערט האָב איך אין יענער צייט, אַז גאַגלידזע איז בעריעס אַ פאַרטרעטער איבערן גאַנצן ווייטן מזרח, איינגעשלאָסן וולאַדיוואָסטאָק. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן ענטפער אויף מיין עקשנות, אויף מיין „פּרינציפּיעלקייט" צו אָנערקענען בלויז מיינע דירעקטע פּאַרטייִשע אָנפירער... נישט די מ. ג. ב.... מיט וועמעז מען דאַרף יאָ מיטאַרבעטן און מיט וועמען נישט...

בלויז מיין זיין פיר יאָר אין די טראַנשייען, אונטערן שטענדיקן פייער האָט מיר געגעבן כוחות אַריבערצוטראָגן די שווערע איבערלעבעניש. און איך האָב עס אַלץ געדאַרפט שטיקן אין זיך, מיין פרוי האָב איך נישט געוואָלט מצער זיין: זומער פונעם 1948טן יאָר איז געשטאָרבן אונדזער 8־חדשימדיקער זון — ישראל. מיין פרוי האָט גוט געפילט אין וואָס פאַר אַן אומגעבונג איך געפין זיך. ס'איז פאַר איר נישט געווען קיין בייעס — אין 1937טן יאָר האָט מען אין מינסק אַרעסטירט איר שוועסטערס מאַן יוסף גערשאָן און דערשאָסן. ביי מיר און ביי מיין פרוי איז נאָך דעם טויט פון פּיצל קינד, געפינענדיק זיך אין אַזאַ שווערער צייט, ווען עס הענגט דער חלף איבערן האַלדז, געוואַקסן אומגעהויער דער פאַרלאַנג, צו האָבן נאָך אַ קינד — כאָטש אַן איינציקן געמיינזאַמען קינד — און איך האָב פון איר פּאַרטייעט דאָס אַרויסרופן מיך צום שעף פון דער ביראָבידזשאַנער מ. ג. ב. און אויך צום מיטגליד פון צ. ק. גאַגלידזע.

אין גאָגלידזעס עקספּרעס־וואַגאָן...

אין דער אָנגעמערקטער צייט איז די מאַשין געקומען. אין מאַשין איז געזעסן דער פּאָלקאָווניק — געהילף פון שעף פון ביראָבידזשאַנער מ.ג.ב. ער האָט מיט מיר גאָרנישט גערעדט. די מאַשין איז צוגעפאָרן צו אַ ווינקל לעבן ביראָבידזשאַנער וואָקזאַל. מיר זענען אַרויס פון מאַשין. דער פּאָל־קאָווניק האָט מיך גענומען אונטערן אָרעם — ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט — און מיר געהאַלפן גיין איבער די רעלסן פון די אייזנבאַן־ליניעס. מען האָט באַדאַרפט גיין אַ 300 טריט און אפשר מער, ביז מיר זענען צוגעקומען ערגעץ אין עק פון דער סטאַנציע צו אַ באַזונדערן, אָפּגעווייטערטן עקספּרעס־וואַגאָן. אַרום וואַגאָן האָב איך באַמערקט אַ צוויי־דריי וועכטער מיט געווער. דער פּאָלקאָווניק האָט מיר געהאָלפן אַרויפגיין אויף די טרעפּ־לעך פונעם עקספּרעס־וואַגאָן. עס האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אַ שטאַרקער סנאָפּ מיט שיין און אַ ריח פון מאַראַנצן און שטאַרקע פּאַרפומען, פאַר מיינע אויגן האָבן אַ שווינדל־געטאָן אַ סך זשאַנדאַרמען, פּאָלקאָווניקעס און גענעראַלן.

עס איז מיר ביז חלשות מלאָסגע געוואָרן און מיר דוכט, אַז די שלאַבעריקייט און אָפּגעשוואַכטקייט איז אויך אַריינגעדרונגען אינעם פּראָטעז פון מיין לינקן פוס... מען האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַרן גענעראַל־פּאָלקאָווניק גאָגלידזע, מיט איין ראַנג נידעריקער פון אַ מאַרשאַל — אַ טיפּישער גרוזינישער פירשט פון אַ יאָר 55, אַ פולער, אַ מאַסיווער, מיט אַ קאָפּ זילבערנע האָר — אַ קאָמוניסטישער משנה־למלך, אַ מיטגליד פון צ.ק. פון דער פּאַרטיי, בעריעס און סטאַלינס אַ פּאַרטרעטער. ער איז פעסט געזעסן אין אַ ברייטן און ווייכן שטול אין אַ גערעאַמער קופּע. אויף נישט קיין גרויסן טיש איז געווען אָנגעשטעלט כל־טוב, פלעשער קאָניאַק, שאַמ־פּאַניער, אַ באַרג מיט פּרוכטן, מאַראַנצן, עפּל. אין דעם ווייט־מזרחדיקן האַרבן ווינטער, האָט דער דאָזיקער צויבער־טיש אין די שווערע נאָך־מלחמה־יאָרן, געריסן די אויגן.

זינט דער דאָזיקער נישט מער ווי צוואַנציק־מינוטיקער באַגעגעניש איז שוין אַדורך 30 יאָר און עס איז מיר זייער שווער אויפצושטעלן גענוי אַפילו דעם אינהאַלט פון געשפּרעך. דאָך, ווען איך שרייב עס אין דעם געגעבענעם מאָמענט שווימען אַרויס פון די פאַרלאָפענע יאָרן גרויזאַמע איינצלהייטן — מער פון אַלץ האָבן מיר געשלאָגן אין די אויגן די גרויסע גאָלדיקע גענעראַל־שליפעס מיט די מוראדיקע דריי שטערנס פון גענעראַל־פּאָלקאָווניק. גאָגלידזע האָט מיט עפּעס אַ האַלבן ווונק מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול לעבן טיש. מיר גאָרנישט נישט פאַרגעלייגט — נישט עסן, נישט

טרינקען. פון אַלע זייטן אַרום זענען געשטאַנען מיט שטומע בליקן, מיט גאָרנישט־זאָגנדיקע פּנימער זיינע וויכטיקע דינער־פּאָלקאָווניקעס און פּאָד־פּאָלקאָווניקעס. אויפן ברעג טיש איז געלעגן אַן אָפענע פּאַפּקע מיט פּאַפּירלעך צונויפגעגנייטע. אין גאָגלידזעס האַלבן ווונק צו זעצן זיך ביים טישל האָב איך אויך אויפגעכאַפּט זיין באַפעלערישקייט, איך זאָל אַריינ־קוקן אין דער פּאַפּקע... איך האָב גלייך דערקאָנט די שווידער־פּאַפּירלעך מיט מיין האַנטשריפט פון יענער נאַכט, ווען מען האָט מיך געפּאַקט אין די מינסקער גאַסן אין מיטן העלן טאָג און אונטערן דראָען מיך מיט טויט און פאַרניכטונג געפּייניקט מיך אין די ליכטיקע גרויסע קאַבינעטן פון מינסקער מ.ג.ב. אַ גאַנצע נאַכט. דאָס איז געווען, ווי איך האָב פריִער דערמאָנט, אין אַפּריל 1941טן יאָר, מיט קאַרגע צוויי חדשים פאַרן אָנהויב פון דער דייטשיש־רוסישער מלחמה.

איך האָב אַ זאָג געטאָן גאָגלידזען מיט ביטערניש אין קול: און איך האָב געמיינט, אַז די ערשטע הילטערישע באָמבע האָט אין דעם געטראָפן...

— ניין, — האָט גאָגלידזע קאַלט געענטפערט — נישט געטראָפן.

און דעמאָלט האָט גאָגלידזע דורכגעזייט עפּעס אייניקע ווערטער דורך די ציין:

— איר קלייבט זיך פאַנאַנדער אין ליטעראַטור־פראַגן און מיר מיינען...

און מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויסער צאָרן און אַן אַ צוזאַמענהאַנג, צי מיט אַ צוזאַמענהאַנג, האָב איך פּלוצים אויסגעפּאַליעט: אינעם סוף פונעם יאָר 1941, ווען דער גורל פון אונדזער היימלאַנד איז געהאַנגען אויף אַ האָר, אונטער כאַרקאָוו, האָט אין אונדזער 809 שיסער־פּאָלק, ווו איך האָב געדינט אַלס שטאַב־אָפּיצער, דער קאָמיסאַר פון פּאָלק, דער על־טערער באַטאַליאָן־קאָמיסאַר טימאָשענקאָ, גאַנצע נעכט געשיכורט און זיך פאַרנומען מיט זנות. מיר האָט זיך עס אין קאָפּ נישט פאַטויפּעט, ווי קען מען עס אַזאַ זאַך דולדן אין אַזאַ צייט... און איך, האָב זיך ווענגן דעם געטיילט מיטן עלטערן לייטענאַנט, פּ אָ ר ש ט י י ע ר פון „סמערש" פּי־דענקאָ... אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיך טימאָשענקאָ דערפּאַר... געשיקט אין אויסשפּיר צוזאַמען מיטן אויסשפּיר־ווזוואָד מיט אַ בלעכענעם רופּאָר (הילכער) אין האַנט, איך זאָל, זייענדיק אין אויסשפּיר, אָגיטירן די דייטשן, זיי זאָלן אַריבערגיין אויף אונדזער זייט... אויף דער מיליטערישער שפּראַך איז דאָס געווען ריינער אומזין, באַזונדערס אינעם יאָר 1941... אמת, פונעם פאָדער־ראַנד פלעג איך אין די נעכט, ווען מיר זענען געשטאַנען אין שוץ, פון די טראַנשייעס, צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געקענט אַ ביסל דייטש, געפּרוווט ווירקן דורך די בלעכענע רופּאָרן, גערעדט מיט לאָזונגען צוגעשיקטע פון דער פראָנט־פּאָליט־פאַרוואַלטונג צו די דייטשן און די דייטשן פלעגן ענטפערן מיט פייער, מיט מינעס, אָבער בשום אופן

נישט גיין אין אויסשפּיר אויף צו פאַרכאַפּן אַ „צונג״ מיט אַ בלעכענעם הילכער... נאָר טימאַשענקאָ האָט געוואָלט פון מיר נקמה נעמען פאַר מיין באַקלאָגן זיך צו פידענקאָן און איז געווען זיכער, אַז מען וועט מיך אין אויסשפּיר מיטן הילכער אין האַנט דערהרגענען. ווען מיר האָבן זיך ביי נאַכט, דער אויסשפּיר־ווזוואָד אין דער שפּיץ פון דעם פּאָליטרוק סאָלדאַ־טאָוו און איך נעבן אים מיט אַן אויטאָמאַט אין איין האַנט און מיטן בלעכענעם הילכער אין דער אַנדערער האַנט, דערנענטערט צו די דייטשע טראַנשייען, האָבן אונדז די דייטשן אַנטפּלעקט און געעפנט איבער אונדז אַ שטאַרקן קינזשאַל־פייער מיט אויפרייס־קוילן.

אַ ק ו י ל האָט שווער פאַרווונדעט דעם פּ אָ ל י ט ר ו ק. מיר האָבן זיך אָבער נ י ש ט פאַרלאָרן, צוזאַמען מיט די אויסשפּירער האָט זיך אונדז איינגעגעבן אָפּצוטרעטן, אַרויסצוטראָגן אויף די הענט דעם פאַרווונדעטן פּאָליטרוק. און אויך מיין בלעכענעם הילכער האָב איך געבראַכט צוריק אין טראַנשיי...

מיט מיין אויפגערעגטן דערציילן גאַגלידזען דעם דאָזיקן עפּיזאָד, האָב איך געוואָלט זאָגן, אַז מען טאָר אין אייערע ד׳ אַמות נישט שטיין, אַז אַ מענטש איז ביי אייך ווערט אַ שפּיי און נישט נאָר אַ מענטש, נאָר אויך אַ פּאָלק... איז וואָס־זשע דאַרף איך טאָן? — האָב איך מיט צאָרן פאַר־ענדיקט.

— איר דאַרפט גאָרנישט נישט טאָן... — האָט געזאָגט גאַגלידזע, און אויף דעם איז דער געשפּרעך געווען פאַרענדיקט... ביים אַראָפּגיין פון די וואַגאָן־טרעפּלעך האָט מיר דער פּאָלקאָווניק פון ביראָבידזשאַנער מ.ג.ב. ווידער צוגעהאַלטן ביי דער האַנט און אַ שווייגנדיקער צוגעפירט צו דער מאַשין הינטערן וואָקזאַל און אָפּגעפירט נישט ווייט פון מיין הויז אויף דער שלום־עליכם גאַס... איך האָב געפילט, אַז מיין גורל איז פאַרשפּילט. דאַן האָב איך ענדגילטיק פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם גרויסן פיל־מיליאָניקן פּאָלק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד פירט נישט אַן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, נישט קיין געגנט און קאַנט־קאָמיטעטן, נישט קיין צ. ק. נאָר אַ באַנדע, אַ געהיימע קאַסטע, וואָס רעגירט מיט רוסלאַנד אין די נעכט פון עקספּרעס־וואַגאָנעס, וואָס באַהאַלט זיך אויף אַ באַנדיטישן אופן הינטער די וואָקזאַלן און פּייפּט זיך אויס אויף אַלץ און אויף אַלעמען...

עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן אין ביראָבידזשאַן גופא. מען האָט אַרעסטירט די יידישע ביראָבידזשאַנער שרייבער ליובע וואַסערמאַן, ה. ראַבינקאָוו, בוזי מילער און ישראל עמיאָט, און אַזוי ווי דריי מיטגלידער פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פונעם אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן״ זענען אַרעסטירט, איז דער אַלמאַנאַך פאַרמאַכט געוואָרן. מיך האָט מען צוגענומען

אַלס ציטווייליקן נישט־באַשטעטיקטן מיטאַרבעטער פון דער צייטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן". פון מאָסקווע איז אַראָפּגעקומען אַ נייע אָנפירונג פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אינעם זומער פונעם 1949טן יאָר איז אין ביראָבידזשאַן פאָרגעקומען אַ געגנטלעכע פּאַרטיי־קאָנפערענץ. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ זענען זיך צוזונויפגעקומען אַ סך טשעקיסטן פון כאַבאַראָווסק, אין דער שיפּץ מיט גאַגלידזען. אין משך פון אַ גאַנצן טאָג האָט די פּאַרטיי־קאָנפערענץ מיט די סאַמע שווערסטע באַשולדיקונגען געטאַדלט די נאַציאָנאַליסטישע אָנפירונג — באַכמוטסקי, לעוויטין, זיל־בערמאַן, בראָכין און פיל אַנדערע. זיי זענען באַשולדיקט געוואָרן אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיטן קאָנטררעוואָלוציאָנערן אַנטי־פאַשיסטישן ייִדישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, אין וועלן דורכפירן אין געגנט אַ גוואַלד־ייִדישיזאַציע, אין אונטערהאַלטן די נאַציאָנאַליסטן־ביראָבידזשאַנער ייִדישע שרייבער.

איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ לעבעדיקער מת...

די דאָזיקע ביראָבידזשאַנער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין דער אַזוי־גערו־פענער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט געטראָגן אויף זיך דעם חותם פון אַן אַנטי־ייִדישן, אַנטיסעמיטישן צוזאַמענפאַר. און לעכערלעך איז געווען דאָס, וואָס עס איז נישט געווען וואָס צו ליקווידירן. די איינציקע ייִדישע שול אין ביראָבידזשאַן איז שוין אין 1949 געווען נישט קיין ייִדישע. בלויז אין איינעם פון די קלאַסן איז פאַר עטלעכע קינדער איין מאָל אַ וואָך געווען אַ לימוד ייִדיש און ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרעסטן, איז אויך דער איינציקער לימוד פאַרשוווּנדן; דער אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן" איז אין ביראָבידזשאַן גופא און אין דער גאַנצער געגנט פאַרשפּרייט געוואָרן נישט מער פון אַ צוואַנציק־דרייסיק עקזעמפּליאַרן פון די דריי־פינף טויזנט, וואָס מען פלעגט דרוקן.

דער פּחד פאַר דער מ.ג.ב. איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו די עלטערע ייִדן, וואָס האָבן נאָך געקענט ייִדיש, פלעגן מורא האָבן אויס־צושרייבן די טעגלעכע ייִדישע צייטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן". עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז בלויז 60—70 מענטשן האָבן אין דער געגנט אויס־געשריבן די ייִדישע צייטונג; און אויך אַ טייל פון דער דאָזיקער צאָל עקזעמפּליאַרן איז געווען אָבליגאַטאָריש און פלעגן אויסגעשריבן ווערן פאַר די דאָרפּס־סאָוועטן און דאָרפּס־קלובן, ווייל דער „ביראָבידזשאַנער

שטערן" איז דאָך געווען אַן אָרגאַן פון דער פּאַרטיי און געגנטלעכן אויס־פיר־קאָמיטעט.

און דאָך איז דער געהיים־פּאָליציייִשער פּאַרטייִשער צוזאַמענפּאָר געווען אַ דעמאָנסטראַציע פון דעמאַסקירונג און פּאַגראָמירונג פון דעם „ייִדישן נאַציאָנאַליזם אין ביראָבידזשאַן", וואָס האָט זיך כלומרשט אויס־געבויט אַ נעסט אין דער פּאַרטייִשער אָנפירונג.

מען האָט באַכמוטסקין און די אַנדערע פּאַרטייִשע אָנפירער פון דער געגענט באַשולדיקט אין וועלן קינסטלעך שאַפן פון דער ייִדישער געגנט אַן אויטאָנאָמע רעפּובליק און פירן אַ נאַציאָנאַליסטישע טעטיקייט צווישן די נייע איבערוואַנדערער און דאָס גלייכן.

נאָך דער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָנפערענץ האָב איך געפילט, אַז לאַנג וועל איך שוין נישט אַרומגיין „אויף דער ביראָבידזשאַנער ערד". יעדער טאָג איז פאַר מיר געווען אומדערטרעגלעך. איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ לעבעדיקער מת. מען האָט מיך באַזייטיקט פון דער אַרבעט פון „ביראָ־בידזשאַנער שטערן", מען האָט מיר אַפילו נישט געזאָגט פאַר וואָס און לויט דער פּאַרטייִשער ליניע קיין שום שטראָף נישט אַרויפגעלייגט. איך בין פּאַקטיש געבליבן אָן ברויט. די אינוואַלידן־פּענסיע איז געווען אַ קליינע און אויפן ווייטן מזרח איז דאַן דער יקרות געווען גרויס, שפּייז־פּראָדוקטן זענען געווען ווייניק. אויף דער אַרבעט האָט מיך קיינער נישט געוואָלט נעמען. מיר און מיין משפּחה איז פּשוט און פּראָסט אויסגעקומען צו הונגערן. דאָס קריגן אַרבעט האָט געדויערט מער פון פיר חדשים. דערצו האָט מיר דער ווייסרוסישער מלוכה־פאַרלאַג „צוגעדינט": פאַר מיין אָפּפאָרן קיין ביראָבידזשאַן האָב איך איבערגעלאָזט מיינעם אַ ציקל לידער פאַרן צווייטן נומער פונעם מינסקער אַלמאַנאַך. און אַזוי ווי איך האָב זיך געניטיקט אין מיטלען ביים אַריבערפאָרן מיט דער משפּחה פון מינסק קיין ביראָבידזשאַן, דער עיקר זענען טייער געווען די באַן־בילעטן און דער באַגאַזש, האָט מיר דער דירעקטאָר פון פאַרלאַג, סטעפאַן קאַזימי־ראָוויטש מייכראָוויטש, געוואָלט אַנטקעגן גיין און מיר אויסגעצאָלט דאָס געלט פאַרן ציקל לידער. נאָר ווען איך בין שוין אַוועקגעפאָרן, זענען פון מיינע לידער אַריין אין צווייטן נומער פון אַלמאַנאַך בלויז אַ טייל. הייסט עס, אַז איך בין שולדיק געבליבן געלט דעם פאַרלאַג. ביי נאָר־מאַלע באַדינגונגען וואָלט מען געקענט די נישט־אַריינגעגאַנגענע לידער אין נומער, אָפּדרוקן אין אַ שפּעטערדיקן נומער. אָבער ווען מען האָט שוין אין מינסק אַרעסטירט די צוויי פאַרבליבענע ייִדישע שרייבער — ה. קאַ־מענעצקי און אייזיק פּלאַטנער און מער וועט מען שוין קיין ייִדישע אַלמאַנאַכן אין מינסק נישט אַרויסגעבן, האָט דער הויפּט־בוכהאַלטער פון

פאַרלאַג און פאַרטרעטער פון דירעקטאָר, דער ייִד־קאָמוניסט פּיימער, וועלנדיק זיך באַוואָרענען — טאָמער וועט מען אויך מיך אַרעסטירן, אין ביראָבידזשאַן, האָט ער געוואָלט באַווייזן זיין טריישאַפט דער מלוכה און נישט געבנדיק מיר צו וויסן, אַז איך בין זיי שולדיק געבליבן געלט (ווייל פאַקטיש האָב איך דאָך ביי קיינעם גאָרנישט נישט פאַרנומען, איך האָב פאַרן אַרויספאָרן פון מינסק איבערגעלאָזן לידער און דער פאַרלאַג האָט לויט דער צאָל אָנגענומענע שורות אויסגעצאָלט מיר דעם האָנאָראַר), האָט פּיימער, אַ ייִד אַ פּחדן, אין נאָמען פון פאַרלאַג איבערגעגעבן די זאַך אין ביראָבידזשאַנער געריכט. דער ריכטער, אַ ווילע ייִדישע פרוי, האָט פאַרשטאַנען מיין לאַגע, וואָס איך בין געבליבן אָן אַרבעט און דער פאַרלאַג פון ווייסרוסלאַנד פאָדערט פון מיר 2000 רובל. זי האָט מיר דאַן אויפגעקלערט, אַז פאַקטיש איז דער פאַרלאַג נישט גערעכט — איר האָט געלאָזן לידער, דער פאַרלאַג האָט זיי אָנגענומען און אויסגעצאָלט. און איר וואָלט דעם ענין געווינען, נאָר... דער „נאָר" האָט באַטייט מיין „פּאָליטישע לאַגע" אין דעם דאָזיקן מאָמענט... דער מלוכה־פאַרלאַג פון ווייסרוסלאַנד איז זייער אַ סאָלידע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע און דער ענין קען אָננעמען אַ פּאָליטישן כאַראַקטער, האָט זי מיר געראָטן — איינגיין אויף אַ פּשרה, מען זאָל ביי מיר, אָן אַ טומל, דאָס געלט אַראָפּנעמען יעדן חודש צו 100 רובל. און ביזן טאָג פון מיין אַרעסט האָט מען ביי מיר פון מיין מיזערנעם קליינעם געהאַלט אויף דער טעקסטיל־פאַבריק אַראָפּגעריסן צו הונדערט רובל יעדן חודש.

מ'האָט מיך געהאַט צוגענומען אַלס אַ טעכנישן אַרבעטער אין דער ביראָבידזשאַנער טעקסטיל־פאַבריק. זייענדיק אַ שווערער מלחמה־אינוואַליד, איז פאַר מיר די אַרבעט ממש געווען אומדערטרעגלעך, איך פלעג „פאַלן אין די האַלאַבליעס". און ענדלעך איז געקומען „די אויסלייזונג" — דעם 17טן מאַי פונעם 1951טן יאָר האָט מען מיך אַרעסטירט. ס'איז געקומען אַ סוף צו מיינע גרויסע מאָראַלישע און פיזישע צרות — איך האָב דאָך געוווּסט, אַז מען וועט מיך אַרעסטירן, פלעג איך זיך סטאַרען מיט קיינעם פון די אַרומיקע אין ביראָבידזשאַן נישט ריידן, מיט קיינעם קיין מגע־ומשא נישט האָבן, כדי מענטשן זאָלן דערנאָך נישט האָבן קיין אומאַנגענעמקייטן, מען זאָל זיי דערנאָך נישט באַשולדיקן אין באַקאַנטשאַפט און פריינטשאַפט מיט אַ „שונא פון פאָלק" און האָבן איבער דעם צרות. און די ביראָ־בידזשאַנער מ. ג. ב. האָט געוואָלט פאַרקערט, איך זאָל וואָס לענגער אַרום פויזען איבער ביראָבידזשאַן, ווי אַ „פרייער מענטש" און זען, ווער עס „קלעפּט" זיך צו מיר, אפשר האָב איך „פאַרבינדונגען" מיט „אַמעריקאַנער שפּיאָנען", אפשר „פונדעווועט" מען מיך מיט וואַליוטע און מען העלפט מיר געהיים...

איך בין געווען אַרומגעשטעלט אַרום און אַרום מיט „אויגן״, וואָס האָבן געוווּסט ווען איך שטיי אויף, ווען איך לייג זיך שלאָפן, ווער ס׳קומט אַרײַן צו מיר אין שטוב. יעדע וואָך פלעגט אונדזער הויז, אונטער פאַר־שיידענע אויסריידן, באַזוכן אַ מיליציאָנער און קאָנטראָלירן די פּאַספּאָרטן. און דאָך איז אַ פּאָר וואָכן פאַר מיין אַרעסט פאָרגעקומען אַ רעטעניש, וואָס ביז היינטיקן טאָג קען איך עס נישט דערקלערן:

ערב דעם יום־טוב ערשטער מאַי האָט מיך מיין פרוי איינגעשמועסט צו גיין צו געסט צו אירער אַ חברטע — אַ דערציערין פון אַ קינדער־גאָרטן. ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט אַהיים איז מיר געוואָרן פּלוצעם שלעכט, איך האָב דערפילט אומאויפהערלעכע ווייטיקן, קראַמפן אין דער רעכטער זייט. מען האָט באַדאַרפט אַרויסרופן גיכע הילף. אין בירעבידזשאַ־נער שפּיטאָל האָט מען מיר אַ גאַנצע נאַכט געשוווענקט דעם מאָגן — עס איז ביי מיר געווען אַן אַלגעמיינע פאַרגיפטיקונג. אין דער פרי האָט מיך באַטראַכט דער פּאַלאַטע־דאָקטאָר, נאָר אין איניקע שעה אַרום איז אין דער פּאַלאַטע אָנגעקומען אַן אַנדער דאָקטאָר, וועלכער האָט מיך באַטראַכט. ווער דער דאָקטאָר איז געווען און ווער עס האָט אים געשיקט, האָב איך נישט געוווּסט. אין משך פון אַ וואָך צייט האָט מען מיך געהיילט. נאָר וואָס מיט מיר איז געשען און וואָס פאַר אַ דיאַגנאָז איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, האָב איך נישט פאַרשטאַנען.

דער אַרעסט...

דעם צענטן אָדער דעם עלפטן מאַי האָט מען מיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל. די פרוי איז געקומען מיך אָפּנעמען. נאָר דאָס אויסשרייבן איז אויך באַגלייט געוואָרן מיט געהיימנישן. אין משך פון אַ זעקס שעה האָט מען נישט געקענט מיר אָפּגעבן מיינע זאַכן, ביז ענדלעך, אין אָוונט, האָט אַ סאַניטאַר געבראַכט מיין אָנטאָן. און אין געציילטע טעג נאָך מיין צוריק־קערן זיך אַהיים פון שפּיטאָל, האָט מען דעם 17טן מאַי, עלף ביינאַכט, אָנגעקלאַפּט אין אונדזער טיר אויף שלום־עליכם גאַס. די טיר האָט געעפנט מיין פרוי. אין דעם גרויסן צימער זענען מיר געווען פינף מענטשן: איך און מיין פרוי, אונדזער קליינע טאָכטער פון אַ יאָר מיט פיר חדשים, מיין צען־יאָריקע שטיף־טאָכטער און אַן אַלטע רוסישע פרוי (וואָס פלעגט זיך

מטפל זיין מיט מיין קליינינקער טאָכטער, ווען מיין פרוי פלעגט אַוועקגיין צו דער אַרבעט). ביז איך האָב איילִיק אָנגעטאָן מיין קינסטלעכן פוס, זענען שוין די דריי זשאַנדאַרמען, איינער פון זיי אַ ייִד, אַריין אין צימער. זייער הויפּט האָט, ווייזט אויס, געוואַרט ביז איך וועל זיך „שטעלן אויף די פיס" און דערנאָך מיט אַן אַרטיסטישן זשעסט בריית צעפּראַלט די שיינע „רויטע פּאַפּקע", אין וועלכער עס איז געלעגן דער אָרדער אויף מיין אַרעסט. נאָר איך האָב אויף דעם אַפילו נישט געקוקט. איך האָב בלויז אַ זאָג געטאָן:

— ענדלעך...

עס האָט זיך אָנגעהויבן די אונטערזוכונג. מען האָט אַריינגערופן צוויי שכנים, וואָס האָבן געזאָלט זיין עדות. די אונטערזוכונג האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט ביז אין דער פרי. מ'האָט אויפגעבראָכן דעם דיל, מהאָט געזוכט געווער, איבערגעשריבן אַלע ביכער און אַלע מאַנוסקריפּטן. מ'האָט אויך געזוכט אין אונדזער שטאַל אויפן הויף; אויך דאָרטן האָט מען אויפגעבראָכן דעם דיל, זוכנדיק געווער.

צו מיין אַרעסט האָב איך זיך שוין געגרייט מער פון אַ האַלבן יאָר. איך פלעג זיך יעדן טאָג „געזעגענען" מיט נאָך מיינס אַ העפטל לידער און פלעג עס צערייסן, בכדי עס זאָל נישט אַריינפאַלן אין די זשאַנדאַרמישע הענט. ווען מיינע לידער צו איבערגעבן, אין וועלכע געטרייע הענט — האָב איך נישט געוווּסט; פלעג איך יעדן טאָג ביסלעכווייז פאַרניכטן מיינע ליטעראַרישע כתב־ידן. לסוף האָב איך בלויז איבערגעלאָזט דאָס שוין געדרוקטע און די שריפטלעכע קאָפּיעס פונעם געדרוקטן. איך בין געווען אומברחמנותדיק צו זיך אַליין. אַ טיפער יאוש האָט מיך אַרומגעכאַפּט. איך האָב שוין נישט געגלויבט אין דעם, אַז עס קען אין רוסלאַנד אויפגעריכט ווערן אַ ייִדיש וואָרט.

מיט מיין פרוי האָב איך זיך נאָך פאַר מיין אַרעסט דעררעדט, אַז ווי נאָר מען וועט מיך אַרעסטירן, זאָל זי תיכף פאַרקויפן וואָס מען קען און דרינגענדיק אַרויספאָרן צו איר פאַרשיקטער שוועסטער קיין נאַמאַנגאַן, אוזבעקיסטאַן. דאָרט איז וואַרעם און אפשר וועט זיך איר דאָרט איינגעבן איינצואָרדענען אויף אַרבעט און אַזוי אַרום ראַטעווען זיך און די קינדער פון הונגער און אומקום. אַזוי האָט זי טאַקע געטאָן.

ביים פאַרלאָזן די שטוב האָב איך זיך געסטאַרעט אָנצוטאָן די ערגערע זאַכן, האָבנדיק אין זינען, אַז אַלדאָס בעסערע וועט מיין פרוי קענען פאַר־קויפן. אַנשטאָט מיין וואַרעמען ווינטער־מאַנטל, האָב איך אָנגעטאָן מיין שינעל, וועלכן איך האָב באַקומען אין טשעליאַבינסקער מיליטערישן שפּיטאָל ביים דעמאָביליזירן זיך פון דער רויטער אַרמיי. דער שינעל איז נאָך געווען כמעט אַ נייער.

דעם 18טן מאַי, אַזייגער 9 אינדערפרי, האָבן מיך צוויי זשאַנדאַרמען

אַוועקגעפירט מיט דער באַן פון ביראָבידזשאַן קיין כאַבאַראָווסק אין דער קאַנטישער תפיסה פון מ. ג. ב.

איך בין דאַן אַלט געווען קנאַפּע 41 יאָר און נאָך געווען, פאַרהעלט־ניסמעסיק, יונג, געווען פון די פראָנט־יאָרן פאַרהאַרטעוועט. אמת, דאָס יאָר זיין אין מיליטערישע שפּיטאָלן, די פיר אָפּעראַציעס נאָך די שווערע ווונדן, האָבן זיך געלאָזט פילן, נאָר דער אימפּעט, דער „שאָק" פון אַרעסט האָט, איך ווייס נישט פון וואַנען, געעפנט אַ באַהאַלטענעם קוואַל פון כוח אין מיין לייב און לעבן.

די ערשטע נאַכט אין דער כאַבאַראָווסקער תפיסה האָט מען מיך אין דער פינצטער אַריינגעשטופּט אין אַ קאַמער, ווו ס'האָט זיך געפונען נאָך אַ מענטש, ווער ער איז געווען האָב איך נישט געוווסט; איך האָב אַפילו זיין פּנים נישט געזען.

אינסטינקטיוו האָב איך זיך געלייגט אין זיין בעטל. איך האָב אַפילו נישט אויסגעטאָן מיין קינסטלעכן פוס. כ'בין געווען טויט־מיד און כ'געדענק בלויז, אַז ליגן צוזאַמען אויף איין בעטל איז געווען אוממעגלעך סיי פאַר מיר און סיי פאַר אים. נאָר אַפילו פון שלאָף האָב איך זיך צום דאָזיקן נאָענטן שכן מיינעם מיט קיין איין און איינציקן וואָרט נישט אָנגערופן...

באַגינען האָט מען מיך פון דער דאָזיקער קאַמער אַרויסגעפירט. דעם מענטשן, מיט וועמען איך בין אַ נאַכט געווען אין איין קאַמער און געשלאָפן אויף איין טורמע־בעטל, האָב איך פאַר די אויגן נישט געזען...

דערנאָך האָט מען מיך אין משך פון טאָג פאָטאָגראַפירט, געזוכט סימנים אויף מיין פּנים און קערפּער, פאָטאָגראַפירט מיין אָפּגעשניטענעם פוס, מיין צווייטן פאַרוווּנדיקטן פוס, אָפּגעשטעמפּלט אַלע מיינע פינגער, דורכגענישטערט מיינע בגדים און נאָך אַלעמען אַריינגעפירט מיך אין אַ קליינינקער נידעריקער קאַמער — אַ קנאַפּע דריי טריט די לענג און אַ צוויי טריט די ברייט, מיט אַ פאַרקראַטעוועטן קליינעם פענצטערל. ביים אַריינפירן מיך אין קאַמער, האָט דער תפיסה־קאָמענדאַנט מיר אַ זאָג געטאָן איין און איינציקן רוסישן זידל־וואָרט: „פּיזדעץ". דער יידישער עקוויוואַלענט דערפון קען זיין, אומגעפער: „מען קען שוין נאָך דיר שטעלן אַ ליכטל", אָדער „דאָ ביסטו שוין אַ פאַרטיקער". דאָס איז געווען מיין ערשטער קבלת־פּנים אין דער כאַבאַראָווסקער מ. ג. ב.־תפיסה.

די ערשטע פּיין, פּיזישע פּיין, איז געווען, וואָס דאָס עלעקטרישע לעמפּל האָט די גאַנצע נאַכט געברענט איבער מיין קאָפּ און די שיין האָט מיר געשטאָכן די אויגן, נישט געלאָזט אַנטשלאָפן ווערן. די שיין אין קאַמערל האָט באַדאַרפט האָבן דער אויפזעער, וואָס האָט אַלע ווילע אַריינגעקוקט אין מיין קאַמערל דורכן שפּעלטל — „וואָלטשאָק", זען ווי איך

פיל זיך, צי איך שטיק זיך נישט, צי איך ווערג זיך נישט. צי איך קלאַפּ נישט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט, אָן דעם צעמענטענעם דיל.

אין איינצל־קאַמער מיטן יאַפּאַנעזער

נאָך איין פיזישע שווערי קייט האָב איך געהאַט: אין מיין איינצל־קאַמער איז געשטאַנען אַ היפּשע שווערע „פּאַראַשע" — תפיסה־אַפּטריט — און צוויי מאָל אַ טאָג, אין דער פרי און אין אָוונט, האָב איך זי שנעל באַדאַרפט טראָגן דורכן לאַנגן קאָרידאָר צום תפיסה־טואַלעט, וואָס פאַר מיר, אַן אינוואַליד, איז דאָס כמעט אוממעגלעך געווען, אַז איך זאָל איבערן לאַנגן קאָרידאָר נישט אַרויסלאָזן פון די הענט די „פּאַראַשע". האָט מען צו מיר אין אַ חודש אַרום אַריינגעפירט אין קאַמער אַ שכן — אַ יאַפּאַנעזער און די זשאַנדאַרמען האָבן געלייזטביידע פּראָבלעמען. מיטן יאַפּאַנעזער האָב איך געקאָנט ריידן בלויז אויף שטום־לשון. און ער פלעגט טראָגן די פּאַראַשע. דאָס האָט געהייסן, אַז פּאַקטיש בין איך אין אַן איינצל־קאַמער. דער יאַפּאַנעזער איז געווען מיט עטלעכע יאָר יינגער פון מיר און איך האָב לויט זיינע אויגן געזען, אַז ער איז זייער אַ ווילער און איידעלער מענטש, נאָר מיר האָבן איינער דעם אַנדערן נישט פאַרשטאַנען. דאָס איינציקע וואָרט, וואָס איך האָב יאָ באַגריפן, איז געווען „שאַנכיי", און איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז ער איז פון שאַנכיי. מיר זענען גאַנצע טעג געזעסן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, און יעדערער איז טיף געווען פאַרגראָבן אין זיינע אייגענע מחשבות...

דאָך האָב איך זיך אין אַ פּאָר וואָכן אַרום דערוווּסט אַז דער יאַפּאַנעזער קען יאָ אַן איינציקן רוסישן וואָרט. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט ער מיר באַוויזן מיטן פינגער אין מויל און איך האָב אויף זיין פּנים דערזען, אַז ער איז צוגעקילט, נישט געזונט און עס טוט אים ווי אינעווייניק אין האַלדז. און ווען דער תפיסה־אויפזעער האָט אַריינגעבליקט אין שפּעלטל, „וואָלטשאָק", בין איך צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַריינגעשריגן, אַז מיין שכן איז קראַנק. האַלבן טאָג איז אין קאַמער אַריין אַ תפיסה־אויפזעער און די קראַנקן־שוועסטער פון דער תפיסה. און דאַן האָט דער יאַפּאַנעזער אָנגעוויזן מיט זיין פינגער אין מויל און אויסגעשריען אַ רוסישן זידל־וואָרט.

די קראַנקן־שוועסטער און דער תפיסה־אויפזעער האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. דער יאַפּאַנעזער האָט מיט שטוינונג זיי אָנגעקוקט און האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי לאַכן. ער האָט דאָך פשוט געוואָלט זאָגן, אַז

עס איז אים שלעכט און געמיינט, אַז דאָס דאַזיקע וואָרט באַטייט עס...

אַ פינף צי זעקס טעג האָב איך געוואַרט, מ׳זאָל מיך אַרויסרופן, וויסן אין וואָס קאָנקרעט מען באַשולדיקט מיך. קיין קינדערשע אילוזיעס וועגן דעם, אַז מען האָט „אַ טעות" געהאַט, אַז מען וועט אין אַ קורצער צייט אַרום מיך אַרויסלאָזן, — אַזעלכע זאַכן זענען מיר אין קאָפּ נישט אויפ־געקומען. נאָר דאָך האָט מיך דער אומרו, דאָס נאַטירלעכע נישט־וויסן וואָס עס דערוואַרט מיך, געטאָטשעט, געעגבערט מיין מאַרך, געקלאַפּט אין די שלייפן. ביינאַכט האָט מיך דאָס עלעקטרישע לעמפּל דענערווירט, איך פלעג כמעט נישט שלאָפן און בייטאָג, ווען איך פלעג, אין אָנמאַכט פון די מאַטערנדיקע מחשבות, אַנדרימלט ווערן, פלעגט מיך דער תפיסה־אויפזעער תיכף מיט אַ באַפעלערישן געשריי אויפוועקן. שלאָפן בייטאָג איז געווען פאַרבאָטן. ס׳איז אַלץ אַזוי סאַדיסטיש דורכגעטראַכט געווען דורך דער געהיים־פּאָליציי אויסצומאַטערן דעם מענטשן אין די ערשטע מעת־לעתן ביזן גרונט, ער זאָל צום ערשטן פאַרהער קומען אינגאַנצן אַ צע־בראָכענער, צעקוועטשטער, מען זאָל פון אים קענען אויסקנעטן וואָס מען וויל.

ווען מען האָט מיך אין דעם „שוואַרצן וואָראָן" (תפיסה־מאַשין) גע־בראַכט צו פירן (דער וועג האָט געדויערט אומגעפער אַ צוואַנציק מינוט) און אַריינגעפירט אינעם גרויסן צימער פון אויספאָרשער, נאָך דעם ווי איך בין מיט שוועריקייטן אַרויפגעקראָכן אויף דעם פינפטן שטאָק, האָב איך אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין. מיין געוויין איז אַבסאָלוט נישט געווען צוליב דעם, איך זאָל „ווייכער" מאַכן מיין אויספאָרשער, נאָר פּשוט — איך האָב אויף זיך אַליין געקראָגן אַ ביטער רחמנות, וואָס פון אַ מענטשן קען ווערן. איך האָב דאַן אין מיין כליפּען געמוזט אויסזען אַזוי אומבאַ־האָלפן און רויִנירט ווי ביי בערלין, ווען מען האָט מיך אין דער מעדיציני־שער פּאַלאַטקע אַרויפגעהויבן אויפן טיש צו אַמפּוטירן דעם צעדרויבלטן, צעהאַקטן פוס, אין וועלכן עס האָבן אָנגעטראָפן די האַרמאַטן־שפּליטערס, נאָר דאַן האָבן איך נישט געוויינט.

איך האָב זיך זייער גיך באַרויִקט און שאַרף אָפּגעווענדט אָן אַ זייט די גלאָז מיט וואַסער, וואָס דער אויספאָרשער האָט מיר דערלאַנגט. מער האָב איך אין פאַרלויף פון דער גאַנצער פאָרשונג און אין משך פון די יאָרן, וואָס איך בין געזעסן אין די סטאַליניסטישע לאַגערן, קיין איין טרער נישט אַרויסגעלאָזט. מיינע אויגן זענען געווען טרוקן ווי ביין, און דאָס האַרץ — פאַרשטיינערט.

ביים פירן מיך צום אויספאָרשער פלעגט מען ביי מיר צונעמען מיין קוליע־שטעקן און איך האָב זיך געדאַרפט דראַפּען צום 5טן שטאָק צום אויספאָרשער מיט דער הילף פון די טרעפּ־פּאַרענטשן.

מיין פּריווילעגיע אין שוואַרצן וואָראָן...

נאָר איין וויכטיקע פּריווילעגיע האָב איך יאָ געהאַט, וואָס איז מיר זייער צונוץ געקומען: דער „שוואַרצער וואָראָן", די תּפיסה־מאַשין, וואָס האָט געפירט די אַרעסטאַנטן פון תּפיסה צו דער פאַרוואַלטונג פון דער געהיים־פּאָליציי, ווו עס פלעגן פאָרקומען די „דאָפּראָסן" (פאַרהערן), איז געווען געבויט אויפן פאָלגנדיקן אופן — דער אויטאָמאָביל איז אין דער לענג געווען צעטיילט אויף צוויי גלייכע טיילן; יעדער העלפט פון מאַשין איז געווען צעטיילט אויף דריי שמאָלע אָפּטיילונגען, ענלעך אויף שאַפ־קעלעך. אין יעדן פון די דאָזיקע „שאַפקעלעך" פלעגט מען אַריינשפּאַרן אַן אַרעסטאַנט אויף אַזאַ אופן, אַז ער פלעגט דאַרפן צונופצִיִען די פיס, איינהויקערן זיך, אַריינציִען אין האַלדז דעם קאָפּ און אַזוי זיצן צונויפ־געדרייט, צונויפגעשטיקט, אָן לופט. פון אויבן איז בלויז געווען אַ שפּעלטל, דורך וועלכן עס האָט זיך געזיפּט אַ ביסעלע לופט. אַרויסקריכן פלעגט מען פון דער דאָזיקער „שאַפקעלע" קוים אַ לעבעדיקער, בלייך ווי דער טויט.

מיך אָבער האָט מען אין דאָזיקן „שאַפקעלע" נישט געקענט פאַר־קוועטשן: דעם קינסטלעכן פוס וואָלט איך ווי נישט איז אַריינגעקוועטשט, אָבער מיין אַנדער פוס בויגט זיך נישט. דער תּפיסה־אויפזעער האָט גע־פּרוווט מיט כּוח שפּאַרן מיין נישט־בויגנדיקן פוס, בין איך אויף אים אָנגעפאַלן — ברענג אַ האַק און האַק אים אָפּ! דו זעסט דען נישט, אַז ער בויגט זיך נישט?!

איז מען אין דעם פאַרמאַכטן „וואָראָן" געווען געצוווּנגען צו לאָזן אָפן דאָס טירל פון מיין „שאַפקעלע" און איך האָב געקענט פריי אָטעמען. באַזונדערס איז דאָס געווען גוט אין די הייסע זומערדיקע טעג. דער קורצער זומער אויפן וויטן מזרח איז אַ קאָנטינענטאַלער. די היץ פלעגט דערגיין צו 30 גראַד צעלסיוס.

אָבער דערפאַר פלעגט מיין תּפיסה־באַגלייטער, וואָס פלעגט זיצן אויף אַ טאַבורעטקע צווישן ביידע טיילן פונעם „שוואַרצן וואָראָן", גאַנץ אָפט אַרויסנעמען זיין רעוואָלווער און צילן אין מיר. איך האָב אָבער אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט, געשטיקט אין זיך די שרעק און געמאַכט זיך נישט־זעענדיק...

מיין אויספאָרשער איז געווען אַ הויכער (אגב, דאַכט זיך אַ ייִד, זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען אַזירסקי), אַ זשאַנדאַר מיט אַ זאַטן, בלייכן פּנים, מיט אַ שפּיציק־אַרויסשטאַרטשענדיקן בויך, ביי די פערציק יאָר און אפשר עטוואָס מער. ער איז געווען אַ טיפּישער זשאַנדאַר־קאַריעריסט, וואָס האָט געדינט זיינע נאַטשאַלניקעס, ממש פון דער הויט געקראָכן און

האָט, ווייזט אויס, גע׳שמ׳ט פּאַר אַ מומחה אין די פראַגן פון „ייִדישער קאָנטער־רעוואָלוציע״. ער האָט אין פאַרלויף פון אַ ניין־צען חדשים געצויגן פון מיר מיינע אָדערן, דעם קליי פון מאַרך, און געשפּילט מיט מיר אין „קאַץ און מויז״. די מויז, פאַרשטייט זיך, בין איך געווען.

אַזירסקי׳ס קאַבינעט איז געווען אַ היפּשער. ביי אַ ברייטן טיש איז ער געזעסן באַלעבאַטיש, פעסט, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. אויף דער וואַנט הינטער זיין קאָפּ איז געהאָנגען אַ מורא׳דיק־גרויסער פּאָרטרעט פונעם הויפּט־גזלן פון מ.ג.ב. בעריאַ. און איך האָב פאַר מיר געהאַט שטענדיק די צוויי פּאָר גזלנ׳יש־סאַדיסטישע אויגן — בעריאַ׳ס און מיין אויספאָרשער׳ס. פון דער לינקער זייט, ווען מען קומט אַריין אין צימער, איז געווען אַ גרויסער, ברייטער פענצטער. אויספאָרשונגען פלעגן דאָס רוב פאָרקומען ביינאַכט און דער פענצטער איז געווען פאַרהאָנגען מיט אַ שווע־רער שטאָרע. אין ווינקל ביי דער זייט פון פענצטער איז געווען אַ סעיף, פון וואַנען אַזירסקי פלעגט אַרויסנעמען די סאַמע נויטיקע, וויכטיקע דאָ־קומענטן. פון צייט צו צייט (דאָס פלעגט טרעפן אַזייגער צוויי־דריי ביינאַכט). כדי צו מאַכן אויף מיר דעם געהעריקן רושם, פלעגט אַזירסקי אַרויסנעמען פון סעיף זיין רעוואָלווער, גלאַט אַזוי, כלומרשט אַ האַלט צו טאָן אים אין האַנט, געבן מיר מיט דעם צו פאַרשטיין, אַז מען וועט זיך מיט מיר נישט צאַצקען, אויב איך וועל נישט גיין „אין שפּאַן״... און דרייען אים צופיל דעם מוח ביי די פאַרהערן.

אַצינד, נאָך אַזוי פיל יאָרן, ווען איך טראַכט וועגן דעם פון דער זייט, באַדאַכטערהייט, דוכט מיר, אַז מיין אויספאָרשער פלעגט עס טאָן פּשוט פון גרויסן לאַנגווייל, פון דער מאָראַלישער צעלייגטקייט, נשמה־פּוסטקייט, פון צענדליקער שעה׳ן מאַטערן דעם „פּאָליטישן פאַרברעכער״ און פאַר־איינס זיך אַליין „אויסצוזויגן פון פינגער״ נישט־געשטויגענע, נישט־גע־פלויגענע פאַרברעכנס, נאָכאַנאַנד מינטערן מיך, האַלטן אין איין פילדערן און סטראַשען — וואָס נאָך? וואָס שוויג איך? צו פאַרפילן כאָטש אַ ביסל פונעם אויספרעג־בויגן, צו פאַרשרייבן דאָס ווייסע פּאַפּיר...

דאָס אָרט פונעם אַרעסטירטן איז געווען נעענטער צו דער טיר, אויף אַ „בכבוד׳יקער דיסטאַנץ״ פון דעם אויספאָרשער. איך פלעג זיצן אויף אַ בענקל, אַ געוויינלעכע טאַבורעטקע. פון יענער זייט טיר האָט זיך גע־נודיעט דער תפיסה־וועכטער, וועלכער האָט מיך געבראַכט צו פירן פון תפיסה.

ביי דער אַזוי־געראָפענער שייִנער באַקאַנטשאַפט מיט מיין הויפּט־אויספאָרשער אַזירסקי האָט ער צו מיר צום אַלעם ערשטן געמאָלדן:

— בנוגע אייער אַנטייל אין דער פאָטערלענדישער מלחמה, האָבן מיר עס דורכגעקאָנטראָלירט און מיר האָבן צו אייך קיין טענות נישט; נאָר

אין אַלדאָס איבעריקע זייט איר צו אונדז אַריינגעפּאַלן נישט צופעליק... אייער נאַציאָנאַליסטישע, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט איז אומבאַ־שטרייטבאַר.

דערנאָך האָט ער אַ נעם געטאָן אין האַנט אַ ריינעם בויגן פּאַפּיר פון דער קופּע פּאַפּירן אויף זיין טיש און האָט פאַרגעזעצט:

— איר זייט ביי מיר נישט דער ערשטער. איר וועט מיר קיין נייעס נישט אַנטדעקן — ס'איז שוין אַלץ אויסגעקלאָרט און צאַצקען זיך מיט אייך האָב איך נישט וואָס...

פון די דאָזיקע ווערטער האָט צו מיר גערעדט אַ קוילער, וואָס איז שוין אינגאַנצן איינגעטונקט אין בלוט, און אָט אַצינד איז געקומען מיין ריי. ער דאַרף מיך אַרויסכאַפּן, ווי אַ הינדל פון שטייג, פאַרוואַרפן דאָס קעפּל, אויסצופּן די פּאָר הערלעך פון העלדזל, אַרויסנעמען פון מויל־ווינקל דעם חלף און מאַכן דעם „טשיק"...

די „האָרעוואַניע" איז אים שוין גוט דערעסן, איינע און די זעלבע זאַך — אויפשטעלן אויפן פּאַפּיר מיט כזב און שקר דעם אַזוי־גערופענעם „באַשטאַנד פון פאַרברעכן", „צוקלעפּן" די אַנטשפּרעכנדיקע פּאַראַגראַפן פון סאָוועטישן קאָדעקס, צוגרייטן אין אַ שיינעם איינבונד אַ צוויי־דריי פּוכקע בענדער פון מיין ענין און פּטור. ער, אַזירסקי, האָט עס טאַקע געקענט מאַכן בקיצור. נאָר, ווי איך האָב אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג אין משך פון אַ צען חדשים פאַרשטאַנען, איז דאָס אַבסאָלוט נישט געווען אָפּהענגיק פון אים.

לויט דער אַלטער, שאַבלאָנער פּראַקטיק פון די צאַרישע הענקער און מאַכטהאָבער — און נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, לויט דער זעלבער סטראַטעגיע און טאַקטיק, וואָס האָט שוין געהייסן „דיקטאַטור פון פּראָ־לעטאַריאַט" — האָט דער קרעמל זיך שטאַרק געניטיקט אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן 1947—1949 — אין די יאָרן פון קאַלטן קריג, אין קאַמף מיטן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און קעגן יאַפּאַנישן אימפּעריאַליזם — אין צוגרייטן פאַרן פאָלק, פאַרן „עולם־גולם" אַ שעיר לעזאָזל — אַ פּאָר איינדרוקספולע פּראָצעסן, ענלעכע צו די פּראָצעסן פון פון 1936—37 — צענטראַלע פּראָצעסן, און דער עיקר אַ נ ט י ־ י י ד י ש ע. און בעריאָ, ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט פון מאַלענקאָוו'ן און פּאָנאָמאַרענקאָ'ן (וועלכער איז שוין אין יאָר 1949 פון מינסק קאָאָפּטירט געוואָרן דורך סטאַלינ'ען קיין מאָסקווע אויף דער צענטראַלער אַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי) האָבן פאַרגעלייגט אַ פּלאַן פון צוויי צענטראַלע פּראָצעסן: איינעם אַ מאָסקווער — דער פּראָצעס פון אַנטי־פאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט און דער מאָסקווער יידישער שרייבער־גרופּע, און דער צווייטער פּראָצעס — דער בירָאָבידזשאַנער, דער פּראָצעס איבער דער

פּאַרטייִשער ייִדישער אָנפירונג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

ביידע פּראָצעסן האָבן זיך גענומען גרייטן אומגעפער אין איין צייט — אינעם יאָר 1949. דער פּראָצעס פון אַנטי־פאַשיסטישן ייִדישן קאָמיטעט און מאָסקווער ייִדישע שרייבער האָט זיך פאַבריצירט אין מאָסקווע אונטער בעריאַ׳ס, מאַלענקאָוו׳ס און פּאָנאָמאַרענקאָ׳ס השגחה; און דער בירא־בידזשאַנער האָט זיך „געקוואַסיעט״ אויפן ווייטן מזרח אין כאַבאַראָווסק אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון גענעראַל־פּאָלקאָווניק גאָגלידזע, סטאַלינ׳ס הויפּט־געהילף אויפן גאַנצן ווייטן מזרח.

ביידע פּראָצעסן האָבן זיך אין גאַנג פון דער צוגרייטונג ענג איבער־געפלאָכטן און איבערגעקרייצט, און ביידע גרופּעס אָנטיילנעמער פון ביידע פּראָצעסן האָט מען געמשפּט אין מאָסקווע דורך דער מיליטערישער קאָ־לעגיע פונעם העכסטן געריכט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איך וועל זיך גענויער אָפּשטעלן אויפן בירא־בידזשאַנער פּראָצעס.

אומגעפער אין מאַי 1951 (גענוי אין וועלכן טאָג, ווער און ווו עס איז אַרעסטירט געוואָרן, ווייס איך נישט וועגן אַלע אָנטיילנעמער) זענען אַרעס־טירט געוואָרן:

1) באַכמוטסקי — דער געוועזענער ערשטער סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

2) זילבערשטיין — געוועזענער פּאָרזיצער פון אויספּיר־קאָמיטעט פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. אין 48—1947 איז זילבערשטיין געוועזן געשיקט פון בירא־בידזשאַן קיין מאָסקווע אויף צוויי־יאָריקע העכסטע פּאַר־טייִשע קורסן. איך האָב זילבערשטיינען נישט געקענט און אים בלויז געזען אונטערשרייבן דעם אַלגעמיינעם בירא־בידזשאַנער ענין אין כאַבאַ־ראָווסקער געהיים־פּאָליציי און בעת׳ן געריכט פון דער מיליטערישער קאָלעגיע אין דער מאָסקווער לעפאָרטאָווער תפיסה. ווו און גענוי ווען מען האָט אים אַרעסטירט, ווייס איך נישט.

3) לעוויטין — דער געוועזענער פּראָקוראָר פון דער ייִדישער אוי־טאָנאָמער געגנט. נאָך זילבערשטיינס אַוועקפאָרן קיין מאָסקווע לערנען, איז ער געווען דער פּאָרזיצער פון אויספּיר־קאָמיטעט פון דער ייִדישער אוי־טאָנאָמער געגנט.

4. בראָכין — געוועזענער סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

5) אַבראַשע רוטענבערג — פאַראַנטוואָרטלעכער ס ע ק ר ע ט אַ ר פון אויספּיר־קאָמיטעט פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

6) פראַדקין — פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „בירא־בידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ״, אָרגאַן פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און אויספּיר־קאָמיטעט פון ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, מיטגליד פון

בירואָ פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. פּראַדקין האָט ביזן סאַמע לעצטן טאָג פאַרן אַרעסט געאַרבעט אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר — שוין ביי דער נייער אָנפירונג, דער צוגעשיקטער פון מאָסקווע, אין דער שפּיץ מיט סימאָנאָוו׳ן (נישט דער שרייבער סימאָנאָוו, נאָר איינער פון מאַלענקאָוו׳ס און בעריאַ׳ס באַנדע).

7) נחום פרידמאַן — דער געוועזענער פאַרטרעטער פון רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ״ און ביים קומען פון דער נייער פּאַרטייִשער אָנפירונג געאַרבעט ביזן טאָג פון אַרעסט אַלס סעקרע־טאַר פון דער ייִדישער געגנטלעכער צייטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן״.

8) חיים מאַלטינסקי — געוועזענער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן״ און געוועזענער אָנפירער פון דער ביראָבידזשאַנער שריי־בער־גרופּע אין ביראָבידזשאַן.

פאַר בעריאַ׳ן, מאַלענקאָוו׳ן, פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן און גאָגלידזע׳ן איז אַב־סאָלוט נישט וויכטיק געווען, ווער עס זענען די אַרעסטירטע. ביים צו־גרייטן דעם „ביראָבידזשאַנער ענין״ איז צום אַלעם ערשטן וויכטיק געווען צו אַרעסטירן די ייִדישע פּאַרטייִשע, סאָוועטישע און אידעאָלאָגישע אָנ־פירער פון דער געגנט.

די מ. ג. ב. (געהיים־פּאָליציי) האָט זיך אַבסאָלוט נישט אָפּגעשטעלט פאַר דעם, וואָס איך בין מלחמה־אינוואַליד. ווען איך זאָל אַפילו זיין נישט נאָר אָן פיס, נאָר אויך אָן הענט און זיין באַלוינט מיט נאָך צוואַנציק אָרדענס, אַלציינס וואָלטן זיי מיך אַרעסטירט. זיי האָבן, צום צונויפשטעלן אַ צענטראַלן ענין, צום גאַנצן רומל, צום גאַנצן „בוקעט״, באַדאַרפט נויטיק האָבן אויך דעם אָנפירער פון דער ביראָבידזשאַנער ליטעראַרישער אויס־גאַבע „ביראָבידזשאַן״ און דעם אָנפירער פון די ביראָבידזשאַנער שרייבער. אַרויסצושטעלן באַשולדיקונגען — דאָס איז געווען פון די קלייניקייטן, אויף דעם האָט עקזיסטירט אַ גרויסער אַפּאַראַט מיט טויזנטער מענטשן, די קאַנטישע פאַרוואַלטונג פון מ. ג. ב. איבערן גאַנצן ווייטן מזרח, וואָס האָט געהערשט גרויזאַם אויף אַ שטח פון טשיטאַ ביז וולאַדיוואָסטאָק איינ־געשלאָסן, כמעט אַ האַלב רוסלאַנד, מיט גאָגלידזע׳ן אין דער שפּיץ.

די ערשטע עטלעכע חדשים איז די אויספאָרשונג געגאַנגען אינדיווי־דועל. יעדן איינעם פון דער ביראָבידזשאַנער גרופּע האָט מען געפאָרשט באַזונדער.

בעת מיין „באַקאַנטשאַפט״ מיט מיין עלטערן אויספאָרשער אָזירסקי׳ן, האָט ער מיך כמעט נישט פאַרהאַלטן, גאָרנישט נישט פאַרשריבן, נאָר מינדלעך מיך געטאַדלט און געשטעמפּלט: „גייט אין קאַמער און טראַכט, איר האָט אַ סך וואָס צו טראַכטן. איר זייט אַ פּאָליטישער פאַרברעכער, איר זייט יענער ,פויגל׳...״

און ווידער זענען פאַר מיר אָנגעשוווּמען פײַנלעכע אויסצערנדיקע נעכט און טעג: ביי דער נאַכט פלעגן בויערן מיין קאָפּ די מחשבות, שרעק און פחד־מחשבות. און ווען אַפילו איך זאָל ווען אַן אויסגעשעפּטער, אויסגע־מאַטערטער פון טראַכטן אַנטשלאָפן ווערן, פלעגט מיר דאָס עלעקטרישע לעמפּל, וואָס האָט איבער מיין קאָפּ געשטאַכן מיינע אויגן, נישט לאָזן איינשלאָפן (מיך וווּנדערט וואָס מענטשן קענען שלאָפן ביי דער ליכטיקער שיין); און בייטאָג פלעג איך אַ פּאַר׳חלש׳טער, אַ צעפּייניקטער, אַלע ווײַלע איינדרעמלען. נאָר דער תפיסה־אויפזעער האָט ווי אַ רוויב־פויגל מיך געהיט און אַלע ווײַלע מיט געשריי און מיט אַ געבראַזג פון דער אייזערנער טיר מיך אויפגעוועקט. אַזוי האָב איך זיך אָפּגעמאַטערט נאָך עטלעכע מעת־לעת.

די צוואַנציק־מינוטיקע שפּאַצירן...

אומדערטרעגלעך איז פאַר מיר געווען דער צוואַנציק־מינוטיקער שפּאַ־ציר. פון מיין איינצל־קאַמער פלעגט מען מיך אַרויספירן אויפן הויף פון דער תפיסה. דער שפּאַציר־פּלאַץ איז געווען אַ קיילעכיקער, אומגעפער אַ צוואַנציק־דרייסיק טריט אַרום און אַרום, אויסגעגאָסן מיט צעמענט, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער צעמענטענער וואַנט. איבער דער וואַנט — אַ תפיסה־אויפזעער מיט אַן אויטאָמאַט אין דער האַנט. איך האָב איינער אַליין געדאַרפט אַרומגיין דעם פּלאַץ און די גאַנצע צייט פילן איבער זיך די רער פון ביקס. דאָס איז געווען אומדערטרעגלעך אויסצוהאַלטן. מיר האָט זיך די גאַנצע צייט אויסגעוויזן, אַז אָט וועט דער תפיסה־אויפזעער, אין דער גרויזאַמער שטילקייט פון תפיסה־הויף, ווען קיינער איז אויסער מיר און אים נישט פאַראַן, אַריינלאָזן מיר אַ קויל אין קאָפּ. איך וואָלט גערן געבליבן אין קאַמער און נישט גיין שפּאַצירן, נאָר איך פלעג שטיקן די שרעק אין זיך און גיין און נישט קענען דערוואַרטן זיך אויפן סוף פון די צוואַנציק מינוט.

נישט אויסצוהאַלטן איז אויך געווען פון די „באָקסן”. איבער די לאַנגע קאָרידאָרן מיט די פיל איינצל־קאַמערן און מיט די אַן אַ שיעור אייזערנע טירן, בעת׳ן פירן מיך אויף די שפּאַצירן, אָדער די צווי מאָל — איינדערפרי און אין אָוונט — אין טואַלעט, פלעגט זיך נאָכאַנאַנד הערן דאָס בראַזגען פון די שלעסער און פון די אייזערנע טירן. גייענדיק איבערן קאָרידאָר, באַגלייט פון אַ תפיסה־אויפזעער, האָב איך קיין מאָל נישט געטאָרט באַ־געגענען עמיצן פון די אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו מיין ענין,

באַזונדערס פון די „אַדנאַדעלצעס״; און אויב דער תפיסה־אויפזעער פלעגט דערהערן אַ נאָענטן בראַזג פון אַ טיר, אָדער ערגעץ נאָענט פלעגט זיך עפענען אַ קאַמער־טיר, פלעגט ער מיך תיכף אַריינשטופּן און פאַרשליסן אין איינעם פון די הויכע פינצטערע און זייער שמאָלע קאַזעמאַטן־„באָקסן״, וועלכע זענען געווען אויסגערעכנט נאָר אויף צו שטיין פאַר איין מענטשן. בלויז אין דער הויך, עטוואָס העכער פון מיין קאָפּ, איז געווען אַ לופט־שפּעלטעלע און מיר פלעגט זיך אויסווייזן אַז אין אָט דעם שפּעלטל וועט מען צושטעלן אַ רער פון אַ פּיסטאָלעט און אַריינשיסן מיר אין נאַקן... און יעדעס מאָל, ווען כ׳האָבביים גיין אויפן שפּאַציר זיך געפונען אין די „באָקסן״, האָב איך עס תמיד איבערגעלעבט מיט שוידער. דאָס נעמט זיך פּושט פון דעם, וואָס אין סאָוועטישן פּאָלק איז אין משך פון אַ סך יאָרן געווען באַוווסט וועגן די גרוילן אין די קעלערס, אין די תפיסות פון טשעקאַ, ג. פּ. או. און נ. ק. וו. ד.

עס זענען אַדורך, ווי איך האָב אויבן געזאָגט, נאָך עטלעכע טעג ביז מען האָט מיך אַרויסגערופן צום פאַרהער. דאָס איז געווען פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען דורך דער קליינער טיר־עפענונג אונטערן „וואָלטשאָק״ האָט מען מיר דערלאַנגט מיין מיטאָג. איך האָב בלויז באַוויזן אָוועקצושטעלן אויף מיין „טומבאַטשקע״ דאָס בלעכענע שיסל מיט דער טורמע־באַלאַנדע און מען האָט מיך אָוועקגעפירט צו דער מאַשין.

דעם ערשטן מאָל האָב איך געמיינט אַז עס האָט אַזוי צופעליק געטראָפן, נאָר נאָכדעם האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס ווערט געטאָן ספּעציעל: איך זאָל צום פאַרהער קומען אַ הונגעריקער און דערנאָך אין אַ זיבן־אַכט שעה אַרום ווערגן זיך מיט דער קאַלטער פאַר־גליווערטער ביטערער תפיסה־קאַשע. איין מאָל האָב איך מיין אויספאָרשער געמאָלדן, אַז אויב מען וועט מיך נישט לאָזן אָפּעסן מיין תפיסה־מיטאָג הייסערהייט, וועל איך אויף די פאַרהערן נישט רעדן. דאָס האָט דוכט זיך מיר געהאָלפן, נאָר אויף די שפּעטערדיקע פאַרהערן, ווען מען האָט מיך גענומען באַשולדיקן אין שוידערלעכע פאַרברעכנס און איך האָב דערפילט, אַז עס הענגט אַ חלף איבער מיר, איז מיר שוין דאָס עסן סתם אין קאָפּ נישט געלעגן. איך האָב שוין אַליין נישט באַמערקט וואָס איך עס און וואָס איך טרינק: איך האָב מעכאַניש געשטופּט דעם לעפל אין מויל.

די דאָפּראָסן...

איך קער זיך אום צו מיין ערשטן פאַרהער. אָזירסקי האָט אַרויסגענומען פון זיין סעיף אַ היפּשן פאָרטפעל און פון וויטן מיר אַ ווייז געטאָן: אייער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע נאַציאָנאַליסטישע טעטיקייט איז פאַר אונדז שוין לאַנג באַוווּסט. פאַר דער מלחמה איז קעגען אייך אָנגעהויבן געוואָרן אין ווייסרוסלאַנד אַן ענין פון אייער פאַרברעכערישער טעטיקייט — און ער האָט דעם פאָרטפעל ווידער באַהאַלטן אין סעיף.

— אין דעם אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן", וועלכן איר האָט רעדאַקטירט, האָט איר געדרוקט די ווערק פון די שונאים פון פאָלק: איציק פעפער, לייב קוויטקאָ, י. דאָברושין און פיל אַנדערע שונאים, נאַציאָנאַליסטן; און אין אייערע שרייבעכצן זענען דאָ נישט ווייניק נאַציאָנאַליסטישע שטיק. עס איז קיין סוד נישט, אַז אויפן דענקמאָל פון די פאַשיסטישע קרבנות אין מינסק זייט איר געווען דער איניציאַטאָר פון אויסקריצן אַ נאַציאָנאַ־ליסטישן אויפשריפט קעגן דער סאָוועטישער פעלקער־פריינטשאַפט... — און אַזוי ווייטער און ווייטער אין דעם זעלבן נוסח.

פון דעם אָוונט האָבן זיך אָנגעהויבן לאַנג־שעה'דיקע פאַרהערן, וואָס פלעגן זיך ציִען ביז טיף אין דער נאַכט. דער אויספאָרשער אָזירסקי האָט קענטיק פאַר זיך געהאַט אַ געוויסע באַרמע, וויפל זייטלעך פאַפיר ער דאַרף ביי יעדן פאַרהער פאַרפילן. אויסער דעם האָט די סאָוועטישע מ.ג.ב. געאַרבעט איבערהויפּט אין די נעכט. און די פאַרציע ביינאַכטיקע שעה'ן האָט ער געמוזט זיך פאַרנעמען מיט מיר און מיט נאָך אַזעלכע ווי איך, פּאָליטישע פאַרברעכער. ביי יעדן פּרווו מיינעם צו דערווידערן, צו נישט מסכים זיין, פלעגט ער אָנהויבן ווילדעווען, דראָען מיר מיט קאַרצער, זידלען מיט די ערגסטע ווערטער.

איך האָב אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג געגומען פאַרשטיין, אַז מיין גורל איז שוין אַ געלייזטער און אַז ענדערן קען איך גאָרנישט און אַז איך דאַרף דעם אויסוווּרף אָזירסקי'ן געבן אַ מעגלעכקייט אויסצופילן זיין אַרבעטס־פּלאַן אָנצודראַפּען אין פאַרלויף פון די 5—6 שעה פון מיין פאַרהער דעם אָרדנטלעכן פּראָטאָקאָל. האָב איך גענומען אָנווייזן אויף מיין יאַקאָבי יידישן עבר (פאַרגאַנגענהייט) — אַז פון קינדוויז אָן האָט מען מיך אַזוי דערצויגן, שולדיק איז מיין רבי זוויעראָוו, וועלכער האָט אין מיר אַריינגעאָטעמט ליבע צו די מכבי'ער און חשמונאים; אַז שולדיק איז מיין לערער פון יידישער ליטעראַטור און די יידישע קלאַסיקער, י. ל. פּרץ, מענדעלע און שלום־עליכם — אַלע זענען זיי געווען קליינבירגער און געצויגן דאָס יידישע פאָלק פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צום נאַציאָנאַליזם... און נאָך און נאָך אין דעם נוסח.

ביז אין איינעם אַן אָוונט, אַוודאי שוין נאָך אַ צענטן אָדער עלפטן פאַרהער, איז אַזירסקי אויף מיר אָנגעפאַלן מיט די ערגסטע רוסישע זילזולים און באַליידיקונגען: דו אַזאַ און אַזאַ מערזאַוועץ, פאַרשאָלטענער נאַציאָנאַליסט, כיטרע בעסטיע; שלום־עליכם איז שולדיק און דו נישט? דו ביסט אַ בידנע שעפעלע? דערציילֿ, אַ רוח אין דיין מאַמען, וועגן דיין קאָנקרעטער, נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט, וועגן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע „סבאָריסטשעס" (אסיפות), וואָס דו מיט דיינע שרייבערלעך פלעגן דורכפירן...

איך האָב געמוזט עפּעס אויסטראַכטן פון דער פּאָליטיק, ווייל ער פלעגט זיך אָנזעצן אויף מיר, פילדערן און סטראַשען מיר מיט טויט און פאַרניכטונג; און נאָכן אָפּפּאַרטיקן זיך מיטן פּראָטאָקאָל אַזייגער צוויי ביינאַכט און צופרידן פון זיין ספּריטנער מלאכה, פלעגט ער „ווייכער ווערן" און אַ זאָג טאָן, אַז מאָרגן וועט ער מיר געבן אַ מעגלעכקייט אַ ביסל לענגער צו שלאָפן און מען וועט מיך נישט וועקן.

אין די ערשטע אומגעפער דריי חדשים פון מיין זיצן האָב איך דאָך פאַרשטאַנען, אַז אויסער די סטראַשונקעס און אויסער די פּוסטע פראַזעס, אַלגעמיינע פאַרהער־טראַפּאַרעטן און שאַבלאָנען, פאַרמאָגט נישט אַזירסקי קעגן מיר קיין שום גרויזאַמע מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן עדות זאָגן וועגן מיין אַקטיווער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. ביי דער אונטערזוכונג האָט מען ביי מיר פּאַקטיש גאָרנישט געפונען. מיינע לידער מיט שווערע שטימונגען, מיט מיינע איבערלעבענישן פון אַ יידישן דיכטער, האָב איך, גרייטנדיק זיך צום אַרעסט, פאַרניכטעט. אין די ווערק, וועלכע איך האָב געדרוקט אין אַלמאַנאַך און פּעפּער׳ס לידער, קוויטקאָ׳ס לידער און ה. פאָליאַנקער׳ס, ח. מעלאַמוד׳ס און בוזי מילער׳ס פאַרצייכענונגען און דער־ציילונגען, איז דער גרונט־אינהאַלט געווען סאָוועטישע פעלקער־פריינט־שאַפט, ליבע צום סאָוועטישן היימלאַנד. אויך אין מיינע אייגענע געדרוקטע לידער און פּאָעמעס אין אַלמאַנאַך איז נישט געווען צו וואָס זיך צו טשעפּען.

דער אַלגעמיינער פיזישער צושטאַנד מיינער, די כוחות מיינע האָבן „געטאָגט". די שלעכטע טורמע־שפּייז, די נעכט נישט שלאָפן האָבן מיך געמאַכט אויס מענטש. דאָס זיין אַליין אין תפיסה־קאַמער האָט ענדלעך גענומען „הויבן מיינע געהירן". עס האָט געטאָטשעט מיין נשמה דער גורל פון מיין פרוי, פון די קינדער — ווו זענען זיי איצט? צי איז מיין פרוי, ווי מיר האָבן זיך אָפּגערעדט, אַוועקגעפאָרן קיין נאַמאַנגאַן, אוזבעקיסטאַן, צו דער שוועסטער?

אין איינעם אַן אינדערפרי האָב איך זיך פלוצים דערפילט שלעכט. דאָס האָט געמוזט זיין סוף יוני, צי אָנהויב יולי. דעם חשבון פון דער צייט האָב איך דאַן פאַרלאָרן. עס האָט מיר פאַרפעלט אָטעם. עד־היום ווייס איך נישט, וואָס דאָס איז געווען — אַ היסטעריקע, אָדער אַ האַרץ־

אָנפֿאַל. איך האָב געגומען שטויסן און קלאַפּן אין טיר; איך האָב זיך באַגאָסן מיט שווייס, זיך געזעצט אויף דער נאַרע, פֿון דער נאַרע זיך אַראָפּגעגליטשט אויפֿן צעמענטענעם דיל און געבליבן ליגן מיט אַ שווערן אָטעם.

דאָס דעקל אין טיר, דורך וועלכן מען דערלאַנגט דאָס עסן, איז געווען אָפֿן. דער טורמע־אויפֿזעער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ, געקוקט אָנגעשטרענגט און געזען ווי איך ליג אויפֿן צעמענט, געהערט ווי איך אָטעם שווער — נאָר די טיר האָט ער נישט געעפֿנט. און איך בין געלעגן אַ מאַכטלאָז־פֿאַרצווייפֿלטער און גאָרנישט געבעטן. עס ווייזט אויס, אַז דער איינציקער אינטערעס איז ביים תּפֿיסה־אויפֿזעער דאַן געווען צו פֿיקסירן — איך לעב אָדער נישט.

מיין קאָפּ שווינדלעניש איז אָפּגעגאַנגען און איך האָב אַרום זיך גענומען זען די געציילטע קעגנשטאַנדן פֿון דער קאַמער. שפּעטער, ווען איך בין שוין ווידער געזעסן אויף דער נאַרע, האָט זיך געעפֿנט די קאַמער־טיר, אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן די מעדשוועסטער. זי האָט מיך שווייגנדיק באַטראַכט פֿון דער ווייטן, נאָר איך האָב איר גאָרנישט געזאָגט און זיך אויף גאָרנישט באַקלאָגט. די טיר איז ווידער פֿאַרהאַקט געוואָרן...

אויף מאָרגן איז ווידער געווען אַ לאַנג־דויערנדיקער פֿאַרהער, נאָר מיין אויספֿאָרשער אַזירסקי האָט ביי מיר גאָרנישט געפֿרעגט, וועגן נעכטיקן פֿאַל מיט מיר. און מיר דוכט אַז איך האָב שוין אין גאַנג פֿון פֿאַרהער אַליין וועגן דעם פֿאַרגעסן.

מיין שכן אין דער איינצל־קאַמער גאָלאָווקאָ...

ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט מען מיך אַריבערגעפֿירט אין אַ קאַמער, וווּ איך בין אַ געוויסע צייט געווען צוזאַמען מיט אַ יאַפּאַנעזער. מיט אים האָב איך געמוזט זיין אַ צוויי וואָכן. נאָכדעם האָט מען אין קאַמער צו מיר אַריינגעפֿירט אַן אוקראַינער. זיין פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען גאָלאָווקאָ, אַ הויכער, פֿעסט־געבויטער אַרבעטס־מענטש פֿון אַ יאָר 55. אינעם 1929טן יאָר האָט מען אים אַלס „באַלעגוף”, צוזאַמען מיט זיין גרויסער פֿאַמיליע, „ראַסקולאַטשעט” און אַרויסגעפֿירט אויף „סאָלאָווקי”.

די פֿרוי און אַלע זיינע קינדער זענען אומגעקומען. פֿאַרן אָנהויב פֿון קריג איז ער ווידער געווען אין זיין היימאַט, אוקראַינע. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג קעגן די דייטשן, איז ער אָדער געווען אַ פּאָליציי־מאַן, אָדער ער איז אויפֿן פֿראָנט אַריינגעפֿאַלן צו די דייטשן. איך האָב ביי אים

גאַרנישט געפרעגט. נאָר נאָכן קריג האָט מען אים ווידער איזאָלירט. און, ווייזט אויס, אין דעם געגעבענעם מאָמענט, ווען מען האָט אים אַריינגע־זעצט אין מיין קאַמער, האָט די מ.ג.ב. געמוזט אים אַרויסרופן קיין כאַ־באַראָווסק פונעם לאַגער אַלס עדות וועגן עפּעס אַן ענין פון אַ מענטשן, וועלכן מען האָט אין יענער צייט אַרעסטירט.

איך פלעג מיט אינטערעס קוקן ווי אַזוי אַקוראַט און מיט וואָס פאַר אַ הנאה ער האָט געגעסן די ביטערע טורמע־קאַשע „מאַהאַר", אַ מין סאָרט כינעזישע רייז אָדער פּראָסע. ער האָט מיטן גרויסן הילצערנעם לעפל עלעגאַנט ביי די ראַנדן רונד־אַרום שיסל פאַרנומען שטיקער קאַשע און דאָס עסן אין שיסל האָט אומבאַמערקט פאַר מיר געטייעט אין די אויגן.

איך, פאַרקערט, פלעג דרויבלען און ברעקלען די קאַשע מיט מיין לעפל אין מיטן, ביי די ברעגן און איבעראַקערן די גאַנצע קאַשע, נאָר עס פלעגט מיר דער ביסן אין האַלדז נישט קריכן. איך פלעג אַ גרויסן טייל פון מיין פאַרציע אָפּגעבן גאַלאָווקאַ'ן. ער פלעגט מיטן לעפל ברענגען אין אָרדענונג דעם „אויסזען" פון דעם, וואָס עס איז געבליבן אין מיין שיסל און אויף זיין אופן שיין און אַקוראַט פאַרזעצן דאָס עסן. איך פלעג אים רופן ביים נאָמען און פאָטער־נאָמען (איצט געדענק איך שוין נישט — דאַכט זיך, וואַסיליעוויטש).

מערקווירדיק, אין משך פון אַ חודש, וואָס איך בין מיט אים געזעסן, האָט ער מיך נישט געפרעגט, ווי מיין נאָמען איז. ווייזט אויס, אַז דאָס איז אָנגענומען ביי די מענטשן, וואָס זענען לאַנגע יאָרן געזעסן אין טורמעס און לאַגערן נישט צו קריכן איינער צום אַנדערן אין האַרצן. מיר זענען דאָך געווען מענטשן, נישט קיין חיות. געדענק איך, אַז שקיעה־צייט, ווען דורך דעם קליינעם קראַטע־פענצטער פלעגן זיך זען די פאַרגייענדיקע זון־שטראַלן, האָט גאַלאָווקאַ ליב געהאַט צו שטיין לעבן פענצטער, אויסציִען זיינע הענט אין דער הויך, וואָס פלעגן אַרומנעמען דעם סופיט און פונעם גאַנצן האַרצן זאָגן:

„עס בענקט זיך נאָך אַרבעט. איך וואָלט איצט מיט פאַרגעניגן גע־טעסעט קלעצער, געהובלט ברעטער, וואָס שמעקן מיט וואַלד".

דאָס איז געווען אַ פּשוט'ער, געזונטער האָרעפּאַשניק, אַן אוקראַיִנער פויער, וועלכן מען האָט אין בלי פון זיינע יאָרן רואינירט און צעטראָטן מיט זיין גרויסער משפחה. פאַרן צווייטן אַרעסט, האָט ער אַ קורצע צייט געלעבט אויפן וויטן מזרח; משמעות, גלייך נאָך דער מלחמה געפּילט, אַז מען וועט אים „צונעמען", איז ער געלאָפן ראַטעווען זיך אין די אָפּ־געוווייטערטע ערטער, וועלכע זענען אים שוין געווען באַקאַנט. אויפן וויטן מזרח האָט ער געלעבט מיט אַן אלמנה, אַ פרוי פון אַ גלח. גאַלאָווקאַ פלעגט זי לויבן און אויפן קול געבענקט נאָך איר.

איך האָב אים אַ פרעג געטאָן, צי געדענקט ער זיינע ביין קינדער און ווי זיי האָבן געהייסן? און מאָדנע, ער האָט אַ רגע'לע געטראַכט און נישט געקאָנט דערמאָנען זיך זייערע נעמען.

איין מאָל, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון פאַרהער, האָב איך גאָלאָווקאָ'ן נישט געטראָפן. איך בין ווידער געבליבן אַליין אין מיין איינצל־קאָמער.

פון צייט צו צייט פלעגט דער טורמע־אויפזעער דורך דער עפענונג אין טיר, דורך וועלכער מען פלעגט מיר דערלאַנגען שפייז, אַריינרוקן עטלעכע ביכער, קינסטלערישע ליטעראַטור — דאָס רוב רוסישע קלאַסיק און איבערגעזעצטע אין רוסיש פון דער וועלט־קלאַסיק. קיין רגע אויף אויסצוקלייבן פלעגט מען נישט געבן, וואָס עס פלעגט מיר קומען אונטער דער האַנט פלעג איך מוזן נעמען, פשוט אַ כאַפּ טאָן, אויב נישט, וועט זיך דאָס טיר־דעקל פאַרמאַכן און אויס. דאָס לייענען איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע טרייסט און באַרויִקונג. איך פלעג די ביכער שלינגען און נישט דערוואַרטנדיק זיך ביז מען וועט מיר געבן אַן אַנדער בוך, פלעג איך דעם זעלבן בוך איבערלייענען נאָך אַמאָל.

ווען עס האָט אויסגעזען, אַז מיין אויספאָרשונג גייט צום סוף, בין איך געקומען צו דער מסקנא, אַז לויט דער באַשולדיקונג אין נאַציאָנאַ־ליסטישער טעטיקייט דערוואַרט מיר אַ שטראָף פון צען יאָר — כאָטש ערגעץ אין מיין הינטער־באַוווּסטזיין האָבן זיך געקליבן „טרייסטן מיט האָפענונגען" אויף ענדערונגען, אויף ניסים... און בפרט אַ ייִד — לעבט דאָך מיט בטחון...

און נישט בלויז אַ ייִד. איך האָב באַמערקט, אַז אין דער סאַמע לעצטער מינוט, ווען עס איז שוין, דאַכט זיך, קיין שום האָפענונגען נישט פאַראַן, און קענען נישט זיין, גלויבט נישט דער מענטש, אַז די האַק וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף זיין האַלדז און וואַרט נאָך, זוכט נאָך דאָס „שטרויעלע" אין וועלכן ער זאָל זיך קענען אָנהאַלטן און ראַטעווען זיך.

דער פּאָליטרוק דער רוסישער אַרבעטער...

איך דערמאָן זיך איצט, ווי בערך אין מאַי חודש פון יאָר 1942, ווען מיין 304טע שיסער־דיוויזיע האָט פאַרנומען שוץ־פּאָזיציעס אין ראַיאָן פון באַלאַקלייע, כאַרקאָווער געגנט, איז די לאַגע אויפן פראָנט געווען זייער אַ שווערע. עס האָבן זיך געפילט גרויסע ענדערונגען. נאָך דעם איז דאָס

קלאָר געוואָרן: אין יוני 1942 האָבן די היטלער־אַרמייען אָנגעהויבן אַ גרויסן אָנגריף. איך בין דאַן געווען אין 809טן פּאָלק, שטאַב־אָפיצער.ביים פּאָלק איז געווען אַן אויסשפּיר־ווזוואָד און דעם ווזוואָד מיט זיין קאָמאַנדיר פלעגט מען אָפט שיקן אין אויסשפּיר נאָך אַ „צונג״. מען האָט זיך דאַן זייער געניויטיקט אין אַ „צונג״ צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דעם באַצירק־פראָנט ביים שונא. דער ווזוואָד פלעגט כמעט יעדע נאַכט גיין אין אויסשפּיר, נאָר אומזיסט.

די פּאָזיציעס ביי די דייטשן אויף דעם פראָנט־באַצירק זענען געווען שטאַרק באַפעסטיקט און די אויסשפּירער האָבן גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן. אין משך פון אַ פּאָר חדשים אויף דעם דאָזיקן פראָנט־אָפּשניט אַרום באַלאַקלייע האָט מען נישט געקענט פון הינטער די פינף צוימען דייטשישע שטעכדראָט אַרויסשלעפּן פון די דייטשישע טראַנשייען אַ פריש־צאַפּלדיקן דייטש.

דאָס איז געווען אין מיטן 1942טן יאָר, ווען די היטלער־אַרמיי איז געווען אין פולער קראַפט. האָט זיך אַריינגעמישט דער טרויעריק־באַרימטער „סמערטש״, מען האָט אויסגעטראַכט אַ שוידערלעכן בילבול אויפן פּאָליטישן קאָמיסאַר פון אויסשפּיר־ווזוואָד, אויף אַ שוין נישט־יונגן, שטילן מענטשן, אַ רוסישן אַרבעטער, וואָס איז פרייוויליק אַוועק אין די ערשטע מלחמה־טעג אויפן פראָנט.

די באַשולדיקונג איז באַשטאַנען כלומרשט אין דעם, אַז ער גיט פאַלשע באַריכטן פאַרן פּאָליט־אָפּטייל און אַז די אויסשפּירער נאַרן די קאָמאַנד־שאַפט. אין משך פון אַ פּאָר טעג האָט דאָס מיליטערישע געריכט פון דער דיוויזיע דעם פּאָליטרוק פאַר׳משפּט צום שיסן פאַר „פאַרראַט״.

באַגינען האָב איך מיט מיינע אויגן געזען דעם מאָמענט, ווי אַ נישט קיין גרויסע גרופּע אויטאָמאַטלער האָט אַוועקגעפירט „ערגעץ״ דעם פּאָ־ליטרוק... די סאָלדאַטן האָבן דעם פאַר׳משפּט׳ן פּאָלטירוק פאַרבייגעפירט נישט ווייט, אַ צוואַנציק־דרייסיק טריט פון די „זעמליאַנקעס״ פון אונדזער פּאָלק־שטאַב, אין אַ וועלדל. איך האָב באַמערקט, אַז דער פּאָליטרוק איז געווען אַקוראַטנע, ריין אָנגעטאָן, אַ קלאָר־ווייס קרעגעלע האָט אַרויסגע־שיינט איבער זיין מיליטערישער גימנאַסטיאָרקע און די שטיוול זענען ביי אים געווען ריין, גלאַנציק אויסגעפּוצט. די אויטאָמאַטלער מיטן פּאָליטרוק זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ קליינע לוזשע (עס איז ביינאַכט געגאַנגען אַ רעגן) צווישן די ביימער, האָב איך געזען ווי אַזוי דער פּאָליטרוק איז פאַרזיכטיק אַריבערגעגאַנגען די לוזשע, כדי נישט צו פאַרשמוצן זיינע אויסגעפּוצטע שטיוול און זיך דערפאַר געסטאַרעט איבערצוהיפּערן די בלאָטע...

דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק און האָט זיך פאַרקריצט אין מיין זכרון אויפן גאַנצן לעבן. דער ערלעכער רוסישער

אַרבעטער, שוין נישט קיין יונגער מענטש, איז אַ זויבערער, אַן אַקוראַטער געגאַנגען צום טויט, פונקט ווי ער וואָלט זיך גאָרנישט געקענט פאַר־שטעלן, אַז עס דערוואַרט אים אַזאַ סוף, אַ סוף וואָס עס האָט צוגעגרייט פאַר אים אַ מערדער פון „סמערטש״, כדי אַנצושרעקן די אויסשפּירער, קאָמאַנדירן און סאָלדאַטן, זיי זאָלן אונטערן דראָען פון טויט גיין קריגן אַ „צונג״.

אויך איך בין דאַן געווען ענלעך אויף יענעם פּאָליטרוק. און איך בין דאָך טאַקע געווען אַ פּאָליטרוק — פון אָקטאָבער 1943 ביז מיין שווערער פאַרוווּנדונג אין די פאַרשטעט פון בערלין, בין איך געווען צוערשט אַ „פּאַרטאָרג״ פון אַ שיסער־באַטאַליאָן און דערנאָך אַ פאַרטרעטער פון אַ קאָמאַנדיר פון אַ באַטאַליאָן פאַר דעם פּאָליטישן טייל, אין ראַנג פון אַן עלטערן לייטענאַנט.

האָב איך זיך אין מיינע מחשבות געטרייסט, אַז דאָס סאַמע ערגסטע דערוואַרט מיך נישט, וויל מיין צווייטער אויספאָרשער, אַזירסקי׳ס געהילף — אַ יונגער אוקראַאינער, וועמען עס פלעגט אָנקומען שווערלעך צוזויפ־צושטעלן די פּראָטאָקאָלן און נאָך נישט זייער געניט געווען אינעם באַגיין זיך מיט טשעקיסטישע קוילער־אינסטרומענטן — פלעגט פון צייט צו צייט פאַרגעסן, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ שונא פון פאָלק, אָדער דאָס איז געווען זיינער אַ טריוק, איך זאָל עפּעס אויספּלאַפּלען אויף זיך, פלעגט מיך באַ־רויקן: דיר דראָט נישט קיין זייער שווערע שטראָף — אין אַן אַרבעטס־לאַגער אַ צענדליק יאָר...

גרויזאַמע באַשולדיקונג — פאַרראַט און שפּיאָנאַזש...

אָבער איך האָב געהאַט אַ ביטערן טעות: אומגעפער סוף חודש יוני האָט אָזירסקי, אויף אַ בייגאַכטיקן פאַרהער, אַרויסגעשטעלט מיר אַ גרויזאַמע באַשולדיקונג — פאַראַט און שפּיאָנאַזש. די באַהויפּטונג איז געווען אַ פאָלגנדיקע: אין מינסק האָט דער אַרעסטירטער יידישער שרייבער אייזיק פּלאַטנער זיך מודה געווען אין דעם, אַז ער איז „אַן אַלטער אַמע־ריקאַנער שפּיאָן״ און האָט געהאַלטן פאַרבינדונגען מיט דער אַמעריקאַנער אויסשפּירונג. און ווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אינעם יאָר 1946 געקומען צופאָרן פּ. נאָוויק, „איינער פון אָנפירער פון דער אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־אַגענטור״ און אייזיק פּלאַטנער האָט אים, פּ. נאָוויק׳ן, איבערגעגעבן „שפּיאָ־

נישע ידעות", בין איך, חיים מאַלטינסקי, דערביי געשטאַנען און האָב געשוויגן. הייסט עס, האָט מיך אָזירסקי געטאַדלט, אַז איך האָב מיט מיין שווייגן באַשטעטיקט די שפּיאָנישע ידיעות. אָזירסקי האָט מיר פאָרגעלייענט אויסצוגן פון אייזיק פּלאַטנערס באַווייזן.

אין משך פון זיבן חדשים האָב איך אויף אַלע פייניקספּולע פאַרהערן געפירט אַ קאַמף, אַ פאַרביטערטן קאַמף אויף לעבן און טויט, אָפּצוּוואַרפן פון מיר די דאָזיקע אומגעלומפּערטע אומדערהערט־ליגנערישע באַשולדיקונגען — נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. אָזירסקי האָט די גאַנצע צייט תּליניש געוואָרפן מיר אין פּנים מיין שפּיאָנישע און פאַררעטערישע טעטיקייט. מיט אומבאַשטרייטבאַרע לאָגישע דערווידערונגען האָב איך ביי יעדן פאַרהער געפּרוּווט זיך באַפרייען פון דעם דאָזיקן „טויט־שלייף". איך האָב גע'טענה'ט: פאַר מיר איז דער רעדאַקטאָר פון דער קאָמוניסטישער צייטונג „מאָרגן־פרייהייט" פּ. נאָוויק, אָנגעהויבן פון מיינע יונגע יאָרן, געווען אַן אויטאָריטעט פון איינעם פון די אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין אַמעריקע. און ווי אַזוי קען נאָוויק זיין אַן אָנפירער פונעם אַמעריקאַנער אויסשפּיר־אָפּטיילונג, אַז ער איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געקומען אַלס אָנגעזעענער גאַסט פון אַ צענטראַלער קאָמוניסטישער צייטונג „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ"?

און איך האָב דערציילט אַלע פּרטים מיט אַלע איינצלהייטן פון געשעענעם. אַז געשען איז דאָס אין 1946טן יאָר. איך האָב באַקומען פון מאָסקווע אַ טעלעגראַם פון איינעם פון די אָנפירער פון די מאָסקווער יידישע שרייבער, פון דעם אָנגעזעענעם פּאָעט־פּראָנטאָוויק אַרן קושניראָוו, וועלכער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים מיט נאָוויקן באַגעגענען אויף מינסקער וואָקזאַל. אין דעם זעלבן טאָג בין איך מיט דער טעלעגראַם אַוועק אין שרייבער־הויז צום אָנפירער פונעם ווייסרוסישן שרייבער־פאַראיין, מיכאַאיל טיכאָנאָוויטש לינקאָוו. לינקאָוו האָט דעם פאַראַנטוואָרטלעכן סעקרעטאַר פון שרייבער־פאַראיין פּאַוועל קאָוואַליאָוו און מיך אַוועקגעשיקט אין אויסערן־מיניסטעריום פון ווייסרוסלאַנד, ווייל נאָוויק איז אַן אויסלענדער און עס איז באַשטימט געוואָרן צו באַגעגענען קושניראָוו'ן און נאָוויק'ן אויף צוויי אויטאָ־מאַשינען — איין מאַשין האָט אויסגעטיילט דער שרייבער־פאַראיין, און די אַנדערע מאַשין — דאָס אויסערן־מיניסטעריום. נאָר ווען מיר זענען געקומען צום וואָקזאַל באַגעגענען נאָוויק'ן און קושניראָוו'ן, זענען זיי שוין אויפן וואָקזאַל נישט געווען. לאָזט זיך אויס, אַז נאָוויק האָט פאַרן אַרויספאָרן פון מאָסקווע קיין מינסק געגעבן אַ טעלעגראַם צום אַקאַדעמיקער ניקאָלסקי'ס פרוי, דאַכט זיך, טיטלמאַן. איר ברודער טיטלמאַן איז אין אַמעריקע איינער פון די אָנפירער פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פאַרטיי. און דעם אַקאַדעמיקער'ס פרוי האָט באַוויזן פריער פון

אונדז באַגעגענען נאָוויק'ן מיט קושניראָוו'ן און נעמען זיי צו זיך אַהיים.

אונדזער ערשטע באַגעגעניש מיט נאָוויק'ן, מיינע צוזאַמען מיט די ייִדישע דיכטער פון מינסק, ה. קאַמענעצקי און אייזיק פּלאַטנער, איז פאָרגעקומען ביים אַקאַדעמיקער אין שטוב, ווו עס זענען געווען נאָך אַ סך געסט. דערנאָך האָט דער שרייבער־פאַראיין פון ווייסרוסלאַנד איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלע באַגעגעניש מיט נאָוויק'ן אין שרייבער־פאַראיין. אויף דער באַגעגעניש זענען בייגעווען די אָנגעזעענסטע ווייסרוסישע שרייבער.

איך האָב גע'טענה'ט צו אָזירסקי'ן, אַז אויף די דאָזיקע באַגעגענישן מיט נאָוויק'ן זענען בייגעווען צענדליקער מענטשן. זיי זענען אַלע עדות געווען פון דעם, וואָס פּלאַטנער האָט איבערגעגעבן נאָוויק'ן און איך האָב דערביי געשוויגן און וואָס פאַראַ קאָנקרעטע שפּיאָנישע ידיעות האָט דאָס פּלאַטנער איבערגעגעבן נאָוויק'ן? זאָל מען נאָך אַ מאָל פרעגן ביי פּלאַטנער'ן.

דאָס אַלץ האָב איך מיט צאָרן און פאַרצווייפלונג איבערגע'חזר'ט אויף יעדן פאַרהער. נאָר ס'האָט מיר געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס: דער גרויזאַמער „יאַרליק" (אָפּצייכן) פון אַמעריקאַנער שפּיאָן איז צו מיר געווען צוגעקלעפּט אויף נישט אָפּצוקלעפּן. מיר איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ באַשולדיקונג, פאַר וועלכער עס האָט געדראָאָט טויט־שטראָף.

די טעג און נעכט זענען מיר אַדורך אין גרויליקע מחשבות, און גראָד דאַן האָבן מיין האַרץ און מוח געקאָכט און געברויזט, עס זענען אין מיר אויפגעקומען פאַרבאַהאַלטענע כוחות און ענערגיע — מיין גאַנץ וועזן איז געווען געווענדט צום קאַמף, אומאויפהערלעך צו אויפקלערן די לעפּישקייט פון דער באַשולדיקונג — און דאָס האָט מיר געהאָלפן נישט אַריינצופאַלן אין עדנגילטיקן יאוש און אומקומען. אין משך פון שעה'ן פלעג איך אומדערמידלעך דערוועגן מיין אומשולד. איך האָב שוין געמוזט דורכבויערן די אויערן פון מיין אויספאָרשער. איך האָב דאַן נישט פאַרשטאַנען, אַז דער גאַנצער פאַבריצירטער ביראָבידזשאַנער ענין איז אויסגעטראַכט געוואָרן, נאָר צוליבן בילבול אויף די פאַרטייִשע ייִדישע אָנפירער פון ביראָבידזשאַן, אַז זיי האָבן זיך פאַרקויפט און פאַרוועגבירט צום אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש.

עפנט זיך פּלוצעם די טיר...

אין אַט די שווערע טעג, עפנט זיך פּלוצעם די טיר פון מיין קאַמער און דער תפיסה־אויפזעער האָט אַריינגעטראָגן אין קאַמער אַ קאָשיקל מיט פּראָדוקטן: האַרטע צוקער אין שטיקער און צעלאָזענע פּוטער אין אַ גלעז־

זערנער כלי. עס איז נאָך עפּעס געווען, נאָר איצט געדענק איך נישט. די צעלאָזענע פוטער האָט דער תפיסה־אויפזעער אַרויסגעגאָסן פון דער גלעזערנער כלי אין איינעם פון די פּלאַסטיק־שיסלען, מיט וועלכע די אַרעסטירטע האָבן זיך געקענט נוצן. גלעזערנע כלים זענען געווען פאַרבאָטן. דעם קאָשיק האָב איך דערקענט — פון מיין שטוב. דעם קאָשיק האָט דער תפיסה־וועכטער צוגענומען. איך האָב אים געפרעגט וועגן אַ צעטעלע — ווער האָט עס מיר געבראַכט? קיין שום ענטפער אויף דעם האָט דער אויפזעער נישט געגעבן.

מיין אויספאָרשער האָט מיר געמאָלדן, אַז מיין פרוי האָט עס מיר איבערגעגעבן. איך האָב אים געפרעגט, צי די פרוי האָט מיר וואָס אָנגעשריבן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז יאָ, אָנגעשריבן, נאָר מען קען דאָס מיר נישט באַווייזן. אין משך פון אַ גאַנצן חודש האָב איך געפאָדערט, מען זאָל מיר באַווייזן מיין פרוי׳ס בריוו. ביים אָנהויב פון יעדן פאַרהער פלעג איך אָנהויבן פון דער פרוי׳ס בריוו. ווען מיין מערדער האָט זיך שוין, קעטניק, איבערצייגט, אַז ער מוז נאָכגעבן, האָט ער מיר, אין זיינע הענט, באַוויזן מיין פרוי׳ס בריוול צו מיר.

מיין פרוי האָט מיר געשריבן, אַז זי און די קינדער זענען געזונט און האָט אויסגערעכנט וואָס זי שיקט מיר, און אַז איך זאָל זיך פאַר די קינדער נישט באַאומרויקן. דאָס וויכטיקסטע אין בריוו איז געווען, אַז מיין עקסטראַ הילצערנער פוס געפינט זיך ביי איר חבר׳טע; און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין פרוי מיט די קינדער קלייבן זיך אַרויספאָרן פון בירא־בידזשאַן צו איר שוועסטער קיין אוזבעקיסטאַן.

ווי טרויעריק די ידיעה איז פאַר מיר נישט געווען, האָט עס מיך דאָך עטוואָס באַרויקט, וואָס מיין פרוי און מיינע קינדער וועלן זיך גאַנצערהייט אַרויסרייסן פונעם פאַרשאָלטענעם ביראָבידזשאַן און דערמיט זיך ראַטעווען פון הונגער און קעלט. און כדי צו זיין איבערצייגט אין דעם, האָב איך זיך אָנגעהויבן קלאָגן אויפן צושטאַנד פון מיין קינסטלעכן פוס און געבעטן אַזירסקי׳ן, מען זאָל פון ביראָבידזשאַן אַרויספאָדערן מיין רעזערוו־פוס.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט מיר איינער פון די תפיסה־אויפזעער געמאָלדן, אַז מיין קינסטלעכער פוס איז אָנגעקומען און אַז איך קען טוישן אויף דעם נייעם. ביז איך שוין געווען מער איבערצייגט אין דעם, אַז אין ביראָבידזשאַן האָב איך שוין קיינעם נישט... און אין די מחשבות מיינע האָב איך זיך געווענדט צו נאָמאַנגאַן, ווו איך בין קיינמאָל נישט געווען, נאָר מיין פרוי, וואָס האָט מיט איר טעכטערל דורכגעמאַכט דאָרטן די אָקופּאַציע־יאָרן, פלעגט מיר אַ סך דערציילן וועגן די מענטשן און וועגן דעם לעבן אין אוזבעקיסטאַן; און דער עיקר וועגן פערגאַנער טאָל, ווו איינע פון די שענסטע שטעט איז געווען נאָמאַנגאַן. נאָר דער חלף — די

גילאָטינע, וואָס איז איבער מיר אומאויפהערלעך געהאַנגען, האָט מיך קיין איין סעקונדע נישט געלאָזט צורו. עס האָט געטיאַכקעט דאָס האַרץ מיט אומאויפהערלעכע שלעכטע, שוואַרצע פאַרגעפילן...

אין די אָוונטן פלעגט ביי מיר אָפט ווערן פאַרשטאָפּט דאָס לינקע נאָז־לעכל און עס פלעגט מיר ווערן שווער צו אָטעמען. איך פלעג אַ פאַר־לוירענער נעמען אַרומגיין איבער דער קאַמער, נעמען פאַכען מיט די הענט, שטעלן זיך נענטער צו דער קראַטע, כדי פון דעם עטוואָס אָפענעם פענצטערל אַ שעפּ טאָן אַ טראָפּן פרישע לופט. איך פלעג זיך סטאַרען צוימען, נישט צו גיין נענטער צו דער טיר, כדי נישט צו פאַרלירן דעם אינערלעכן גלייכגעוויכט, נישט נעמען „קריכן אויף די ווענט"...

דעם אמת געזאָגט, האָב איך דאַן אין די מרה־שחורה׳דיקע שוואַרצע טעג זיך באַוועגט אין מיינע מחשבות ווי „אַ בלינדע קו". ערשט איצט, ווען איך שרייב און עס שטעלן זיך פאַר בולט פאַר מיינע אויגן יענע טעג און יענע אומגעבונג, הויב איך אָן דייטלעך פאַרשטיין, אַז מיין תלין אָזירסקי האָט זיך דאַן געשטעלט אַ ציל פאַר יעדן פרייז צו „איינברעכן מיך", איך זאָל זיך מודה זיין אין פאַרראַט און שפּיאָנאַזש. ער פלעגט מיך מיט דער הילף פון די תפיסה־אויפזעער מאַטערן בייטאָג און ביינאַכט, נישט לאָזן שלאָפן, נעמען מיך צום פאַרהער, נישט געבנדיק עסן, אין די ביינאַכטיקע שעה׳ן אָפּטער אַרויסנעמען פון סעיף זיין רעוואָלווער. דער באַגלייטער פון תפיסה אין דעם „שוואַרצן וואָראָן" האָט ווידער גענומען אָנשטעלן אויף מיר דעם פיסטאָליעט און אָזירסקי האָט גענומען זינגען זיין פאַר מיר באַקאַנט לידעלע, אַז אויב איך וועל זיך עקשנ׳ען און נישט מודה זיין זיך, דערוואַרט מיך דאָס ערגסטע. ווייל זייענדיק אַ מלחמה־אינוואַליד, האָב איך נאָך אַ האָפענונג אויף אַ פאַרמילדערונג, נאָר מיט אַ תנאי, אַז איך וועל באַשטעטיקן אייזיק פלאַטנערס באַווייזן. אָבער איך האָב זיך ווי אַ פאַרצאַפּלטער מיט אַלע כוחות אָנגעכאַפּט אינעם „קוסטל" איבערן אָפּ־גרונט און דערווידערט:

„קיין שום שפּיאָנאַזש, קיין שום פאַרראַט. זאָל פלאַטנער זאָגן קאָנקרעט, וואָס פאַר אַ שפּיאָנאַזש־ידיעות ער האָט אין מיין אָנוועזנהייט איבערגעגעבן נאָוויק׳ן און זאָל ער אויסרעכענען ווער עס איז אין דער זעלבער צייט בייגעווען". און ווייטער האָב איך גע׳טענה׳ט: „אויב פלאַטנער האָט אויף זיך אויסגעטראַכט שרעקלעכע זאַכן, הייסט עס נישט, אַז אויך איך דאַרף אויף זיך אויסטראַכטן דאָס זעלבע".

(ערשט נאָך מיין רעהאַביליטאַציע אין יאָר 1956 און אַצינד, ווען איך בין שוין אין ישראל, איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן די מערדערישע בעסט־יאַלישע „אַרבעט" פון דער באַלשעוויסטישער זשאַנדאַרמעריע: אין איין

און דער זעלבער צייט ווען פאַר אונדז די אַרעסטירטע ייִדישע שרייבער — די מאָסקווער, קיִעווער, מינסקער און פון אַנדערע שטעט — האָט נאָוויק פיגורירט ווי דער „אָנפירער" פונעם אַמעריקאַנער אויסשפּיר", איז אין די יאָרן (1949—1953) נאָוויק געווען פאַר דער סאָוועטישער געזעלשאַפט־לעכקייט דער זעלבער אויטאָריטעטער אָנפירער פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער צייטונג „מאָרגן־פרייהייט").

ביי יעדן פאַרהער האָב איך געפאָדערט, אַז אָזירסקי זאָל אַריינשטעלן די דאָזיקע ווערטער מיינע. אָבער אָזירסקי האָט עס נישט געטאָן, ער האָט זיך געדרייט ווי אַ וואָרעם און שטענדיק אַנדערש פאַרשריבן מיינע ווערטער, פאַרטושירנדיק מיין קלאָרן לאָגישן מיין.

דאָס שמעקנדיקע רעסטאָראַן־געבראָטנס...

אַנומלט, עס איז שוין געווען אַ שטיק אין דער נאַכט און ער האָט געגעני געוווסט, אַז איך האָב אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געגעסן, האָט ער באַמערקט לויט מיין אויסזען, אַז איך בין זייער אָפּגעשוואַכט. מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר פון קאַבינעט און אַ יונג מיידל מיט אַ ווייסן שירצל און ווייסינקן קעפּן־היטעלע האָט אויף אַ טאַץ אַריינגעטראָגן אַ שמעקנדיקן געבראָטנס, ווי פון אַ גרויסשטאָטישן רעסטאָראַן, און אָזירסקי האָט איר עס געהייסן אַוועקשטעלן אויף דער „טומבאַטשקע" (טאַבורעט־שאַפקעלע), נעבן וועלכער איך בין געזעסן.

— רוט זיך אָפּ אַ ביסל, עסט — האָט אָזירסקי, ווי אַ פוקס, געגומען אין מיר אַריינריידן, שיִער נישט אַריינשעפּטשען מיט זיסע, גוטע ריידעלעך. ס'האָט זיך מיר דאַן שטאַרק געוואָלט מיטן גאָפּל אַריינשטעכן אָזירסקי'ן אין די אויגן אַריין, נאָר איך האָב קיין מוט נישט געהאַט עס צו טאָן. דאָס איינציקע אין וואָס איך האָב זיך געקענט נוקם זיין איז געווען דאָס, וואָס איך האָב מעטאָדיש, פּאַוואָליע גענומען עגבערן און דרויבלען מיטן גאָפּל די געבראָטענע קאָטלעטן, די רייז מיט אַלדאָס איבעריקע, וואָס איז געלעגן אין טעלער. איך האָב, געדענק איך, אָפּגעצופּט אַ שטיקל ברויט, געהאַלטן עס אין די הענט, נאָר אין מויל דעם ביסן נישט אַריינגענומען און געשוויגן. אָזירסקי איז געשטאַנען דערביי אַן אויפגעקאָכטער איבער מיר און געזייט דורך די ציין:

„עסט, עסט, איר זייט דאָך אַ הונגעריקער. איך ווייס, אַז אין תפיסה באַקומט איר דאָס נישט. עסט, עסט... וואָס עסט איר נישט?"

איך האָב פאַרגעזעצט צו „פאַרקען" מיטן גאָפּל אין טעלער, צונישט געמאַכט דאָס שיינע רעסטאָראַן־עסעכץ, נישט צורירנדיק זיך צו דעם מיטן מויל, ווי דאָס זאָל זיין סם־המות...

גראָד אין דער צייט האָט מען צו מיר אין קאַמער געהאַט אַריינגעזעצט אַ נייעם שכן — אַ גרוזינער, אַ יאָר פופציק; אַ מענטש, וואָס איז אין דער צייט פון קריג אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט און נאָכן קריג האָט אים די מ. ג. ב. אַרעסטירט און פאַרשיקט אויף לאַנגע יאָרן אין די סטאַלינישע לאַגערן. אַצינד האָט מען אים אַרויסגערופן פון לאַגער קיין כאַבאַראָווסק צו זיין אַן עדות אין אַן ענין פון אַ מענטשן, וועלכן מען האָט פאַרזעצט און ער, דער גרוזינער, האָט באַדאַרפט געבן באַווייזן וועגן דעם ענין. דער גרוזינער, וועלכער איז שוין צו יענער צייט געהאַט געזעסן אַ פינף־זעקס יאָר, האָט מיך אַריינגעפירט אין קורס, וואָס עס טוט זיך אין די לאַגערן, ווי אַזוי די לאַגערניקעס שילטן און שפּייען אויף דער קאָמוניסטישער אָרדענונג, אויף סטאַלינען און אויף זיינע געהיים־פּאָליציסטן.

דער גרוזינער האָט געהאַט אַ קראַנקן פּוס, צי פון אַ קלאַפּ, צי פון אַ פאַרקילנג, נאָר די דאָקטוירים, האָט ער מיר דערקלערט, האָבן אַ חשד אַז דאָס איז שווינדזוכט. זיין פּנים איז געווען פול און אָפּגעפרעסן. נאָכן קריג, איידער מען האָט אים אַרעסטירט, האָט ער באַוויזן חתונה צו האָבן און האָט אַ קורצע צייט מיט דער פרוי געלעבט. זי שיקט אים רעגולער פון גרוזיע גוטע „פּאָסילקעס" (פּעקלעך), וואָס האַלטן אים גוט אויף. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל רופט מען אים אַרויס פון לאַגער קיין כאַבאַראָווסק אַלס עדות. די תפיסה־אַדמיניסטראַציע קאָמפּענסירט זיין „טרחה" דערמיט, וואָס זי גיט אים אַ מעגלעכקייט, אַלס צוגאָב צו דעם תפיסה־פּאַיאָק, צו־צוקויפן נאָך פּראָדוקטן, דער עיקר צוקער. מיט אַ צוויי־דריי קילאָגראַם צוקער אַ חודש — האָט ער מיר געגעבן צו דערקלערן — ווער איך נישט אויסגעצערט...

מיין ערלעך־פאַרדינטער שטיק צוקער

גראָד דאַן, ווען איך האָב באַקומען דעם נייעם שכן דעם גרוזין, האָב איך געלייענט פלאָבער'ס „מאַדאַם באָוואַרי", פאַרשטייט זיך אין אַ רוסישער איבערזעצונג. דער גרוזין, וואָס איז געווען שוואַכלעך אין דער „רוסישער עברי", האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים אויפן קול פאַרלייענען דעם בוך. און איך פלעג אים גאַנצע טעג ביז הייזעריק ווערן פאַרלייענען פלאָבער'ן.

מיין שכן איז אַזוי פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון פֿלאָבער׳ס ווערק, אַז ער פֿלעגט מיר יעדן טאָג „אוסטיילן" פֿון זיינע צוקער־„זאַפּאַסן" אַ גרויסן שטיק האַרטן צוקער. איך פֿלעג עס ביי אים נעמען — דאָס איז געווען ביי מיר אַן ערלעך־פֿאַרדינטער שטיק צוקער.

דער גרוזין פֿלעגט זיך טיילן מיט מיר מיט זיין אַרט לעבן אין לאַגער, ווי אַזוי עס קומט אויס צו כיטרעווען און לאַווירעווען, כדי צו פֿאַרהיטן דאָס אייגענע געזונט. איך האָב געפֿילט, אַז דער מענטש איז שוין גוט אָנגעשטעקט מיט דעמאָראַליזאַציע און האָט אין לאַגער „געשלאָגן בלאָט" מיט דער אונטערוועלט, מיט די גנבים־אורקעס.

— פֿון דאַנען, פֿון דער כאַבאַראָווסקער אינערלעכער תפֿיסה פֿון מ.ג.ב. קען איך דאָך דער פֿרוי קיין בריוו נישט שיקן — פֿלעגט ער מיר געבן צו דערקלערן — דאָ וועל איך זיין מן־הסתם אַ פּאָר חדשים און ביז איך וועל זיך צוריקקערן אין לאַגער מיטן עטאַפּ, וועט נאָך דויערן אַ גוטע צוויי וואָכן. כדי עס זאָל נישט זיין קיין איבעררייס אין מיין דורכשרייבן זיך מיט מיין פֿרוי — ווייל איך שרייב איר יעדע וואָך אַ בריוו און אַז זי וועט אויפֿהערן באַקומען פֿון מיר בריוו, קען זי נאָך מיינען, אַז איך האָב שוין אַן אַנדערע און אויפֿהערן שיקן מיר די פּעקלעך און אַן זיי, ביי מיין קראַנקער פֿוס, ווער איך איינס־און־צוויי אַ „דאָכאָדיאַגע" — גיב איך זיך אַן עצה: איך האָב פֿאַרן אַרויספֿאָרן אַהער צוגעגרייט אַ פּעקל בריוו און מיין לאַגער־קאָרעש" (פֿריינטל) וועט פּינקטלעך, ווי אַ זייגער, אַרויסשיקן יעדע וואָך מיין פֿרוי אַ בריוול. וועט זי פֿאַרשטיין אַז ביי מיר האָט זיך גאָרנישט געענדערט...

און דאָך בין איך מיט מיין גרוזינישן שכן געווען געהיט, און ער פֿלעגט מיר פֿאַרשאַפֿן אומאַנגענעמלעכקייטן מיט זיין קריכן צו מיר מיט די שטיוול אין האַרצן. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט די געוויקייטן פֿון מיינע ענינים, באַזונדערס נאָך מיין צוריקקערן זיך פֿון די פֿאַרהערן. סוף־כל־סוף איז אין דעם קיין שום בייז נישט געווען, נאָר דער גרוזין האָט זיך אַנומלט אַרויסגעכאַפּט, אַז זיין אויספֿאַרשער פּירט אויך מיין ענין (דאָס איז געווען אַזירסקי׳ס געהילף) און אַז ער, דער גרוזין, וויל מיר נישט „שווער מאַכן אויפֿן האַרצן", נאָר אַז מיר דראָט... און אַזוי ווייטער, ווי איינער רעדט: „פֿאַרשטיי מיך, וואָס איך מיין".

איך האָב אין האַרצן געהאַט אַ חשד, אַז דורך דעם גרוזין ווילן מיר „מיינע גוטע ברידער" (דאָס איז געווען אין יענע יאָרן אַ פֿאַרשפּרייטער צונאָמען, וואָס האָט באַטייט, לויט די ראשי־תיבות: מ. ג. ב.) „דראַזניען" — אויפֿרייצן, אינגאַנצן אַרויספֿירן פֿון די כלים און זען ווי אַזוי איך רעאַגיר אויף דעם, און אַז אפֿשר וועל איך זיך מיטן גרוזין עפּעס טיילן, אויס־דערציילן אים וועגן מיין „שפּיאָנישער טעטיקייט". נאָר איך פֿלעג אויף

דעם גרוזינ׳ס „גוטע בשורות״ פאַר מיר נישט רעאַגירן און זיך מאַכן נישט ווייסנדיק. פלעגט דאָס אים ווונדערן און ער פלעגט זיי איבע׳רחזר׳ן: „פאַרשטייסט, עס איז ביי דיר זייער ערנסט״... פלעג איך אויף זיין אי־בער׳חזר׳ן די „שיינע בשורה״ אָנטאָן אַ „טויבע היטל״... און אין האַרצן פלעג איך באַוואַשן ווערן מיט בלוט און דער אומרו פלעגט מיר „צע־טראָגן״ מיינע געהירן.

אַזוי האָט מיך די כאַבאַראָווסקער געהיים־פּאָליציי מיט גאָגלידזע׳ן אין דער שפּיץ, געמאַטערט און געצויגן פון מיר מיינע אָדערן (דער רעזשים מיינער איז געוואָרן, אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַשולדיקן מיך אין שפּיאָ־נאַזש, אומדערטרעגלעך) ביזן טיפן האַרבסט, ביז די ערשטע פרעסט. מיינע קליידער אויף מיר זענען געוואָרן צעפליקט, צעפּאַלן.

אין דער נאַכט נאָכן אַרעסט בין איך אַרויס פון שטוב אין אַ לייכטן אַלטן קאָסטיום (די בעסערע קליידער האָב איך געוואָלט לאָזן פאַר דער פרוי און קינדער, זיי זאָלן קענען פון דעם מאַכן אַ פּאָר רובל, ביים פּטור ווערן פון ביראָבידזשאַן).

מיטן נאַקעטן לייב אויפן פּראָסטיקן אייזן...

מיינע לייכטע אַלטע שיך האָבן זיך אײנגאַנצן צעשאָטן, און אַז מען פלעגט מיך אַריינזעצן אין „שוואַרצן וואָראָן״ צו פירן אויף די פאַרהערן און די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט שוין געוווּסט, אַז אין דעם „שאַפּ־קעלע״ קריך איך מיט „מיינע פיס״ נישט אַריין און דאָס טירעלע בלייבט אָפן, פלעגט מען אין מיין „שאַפּקעלע״ אַריינזעצן אַן אַנדער אַרעסטאַנט, כדי צו קענען מיטנעמען נאָך אַ מענטשן צום פאַרהער (באָלשעוויסטישע עקאָנאָמיע) און מיך פלעגט מען ווי „אַ געפּענטעטע קאַלב״ אַ וואַרף געבן אויפן דעק פון אויטאָ. אַזוי ווי די „פּאַדלאָגע״ איז געווען פון אייזן — ווייל אויב זי וואָלט געווען פון געהילץ, קען דאָך דער אַרעסטירטער אויפן וועג פון דער תפיסה צו דער קאָנטישער פאַרוואַלטונג פון מ. ג. ב. אויפברעכן די ברעטער און אַרונטערשפּרינגען צווישן די רעדער און אַנטלויפן... — פלעג איך זיין געצוווּנגען כמעט מיט מיין נאַקעטן לייב ליגן אויפן אייז־קאַלטן פּראָסטיקן אייזן און שיער נישט צוגעקלעפּט געוואָרן, פון קעלט צום אייזן.

פאַרן די האַלבע שעה שטייענדיקערהייט איז אַפילו פאַר אַ מענטשן מיט פיס צו שווער. דערצו האָט נאָך דער שאָפער פון מ. ג. ב. געמוזט האָבן אַ דירעקטע אָנווייזונג, אַז אויפן וועג צום פאַרהער זאָל ער גוט

צעטרייסלען די בייגער פון די „אַלטע הינט״, פון די „ייִדישע פאַרשיווע שונאים פון פאָלק״. ערשט מיט אַ געוויסער צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז צווישן די וואָס מען פלעגט פירן אויפן פאַרהער „איז תמיד אויסער מיר אין די ,שאַפּקעלעך׳ געזעסן אויך עמיצער פון די ייִדישע פאַרטייִישע אָנפירער פון דער אַזוי־גערופענער ,יע. אַ. אָ.׳ — ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט.

(אין די עטלעכע יאָר, וואָס איך בין געווען אין ביראָבידזשאַן, האָב איך באַמערקט אַז די רוסיפיצירטע, אַסימילירטע ייִדישע פאַרטייִישע אָנפירער פון דער ייִדישער געגנט, פלעגן נישט ליב האָבן צו אָפט צו דערמאָנען „ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט״; די גאַנצע פּראַקטישע און טע־אָרעטישע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט פון געגנט־קאָמיטעט און אויספּיר־קאָמיטעט איז געפירט געוואָרן דורכאויס אויף רוסיש. די איינציקע דריי ייִדישע ווער־טער — „ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט״ — זענען בלויז געווען אויף די אַלטע אָפיציעלע בלאַנקען און אויפן שילד פון ביראָבידזשאַנער וואָקזאַל. אויסער דעם איז דאָך די איבערוויגנדיקע באַפעלקערונג, די גרונט־באַפעלקערונג געווען אַ רוסישע און אוקראַיִנישע און פון פאַרשטייער פון אַנדערע פעלקער. די ייִדישע פאַרטיי־אָנפירער פון דער געגנט פלעגן דאָס רובֿ אָפּעריזן אין דער פּראַקטישער אַרבעט מיטן אויסדרוק „יע. אַ. אָ.״ און אויסבאַהאַלטן דעם צופיל־אַרויסשטאַרשענדיקן „ייִדן״.)

געראַטעוועט האָט מיך דאָן, מיין איך, צו אויסהאַלטן דאָס ליגן כמעט מיטן אָנטבלויזטן לייב אויף קאַלטן אייזן, דאָס וואָס אין די פיר מלחמה־יאָרן בין איך שוין געווען געוווינט צו פּרעסן זיך צו דער פאַרפרוירענער ערד און פאַרשנייטע טראַנשייען — און דאָך איז מיר געווען גרינגער: איך האָב זיך נישט געשטיקט און פלעג זיך נישט באַגיסן מיט שוויס און מיט חלשות אין די טשעקיסטישע „דושעגובקעס״ פונעם „שוואַרצן וואָראָן״.

סוף נאָוועמבער האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט די „קאָרט״. מיין אויס־פאָרשונג איז שוין געגאַנגען צום סוף. די באַשולדיקונג אין פאַרראַט און שפּיאָנאַזש האָב איך אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן און קיין אין פּראָטאָקאָל נישט אונטערגעשריבן; און דאָס באַשולדיקן מיך אין נאַציאָנאַליזם, האָב איך אויף דעם אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. איך האָב אין האַרצן מיט דעם דאָזיקן אומגליק געמוזט שלום־מאַכן. איך האָב אין זיך דעם דאָזיקן ענין אַזוי באַטראַכט: פון מיין גורל קען איך שוין נישט אַוועקגיין — בין איך אַ ייִדישער שרייבער, הייסט עס, אַ נאַציאָנאַליסט און אין רוסלאַנד איז שוין פאַר ייִדישע קולטור קיין פּלאַץ נישטאָ, אויסער הינטער די קראַטעס.

וואָס־זשע פאַר אַ „קאָרט״ האָט זיך עס אַנטפּלעקט? אויף איינעם פון די פאַרהערן האָט מיר אָזירסקי געמאָלדן, אַז דער ענין איז שוין געענדיקט

און אַז די נאָענטסטע צייט וועל איך אונטערשרייבן אַלע פּראָטאָקאָלן. די פּראָצעדור פונעם קאָדעקס־פּאַראַגראַף פון אונטערשרייבן אַלע פּראָטאָ־קאָלן האָט געהאַט אַ נומער, וועלכן איך געדענק איצט נישט. נאָר אַז מען האָט מיך געבראַכט פון דער תפיסה אין דער געהיים־פּאָליציי פאַרוואַלטונג אונטערצושרייבן דעם אַלגעמיינעם פּראָטאָקאָל, האָט מען מיך דאָס מאָל אַריינגעפירט אין אַ גרויסן קאַבינעט און גלייך מיט מיר צוזאַמען האָט מען אַריינגעפירט אַלע אַנדערע אָנטיילנעמער פון אונדזער אַלגעמיינעם ביראָבידזשאַנער ענין: באַכמוטסקי'ן, זילבערשטיינען, לעוויטינען, בראַכינען, רוטענבערגן, פראַדקינען און פרידמאַנען.

דער שפּיגל — דאָס פּלאַסטיק־שיסל מיטן ביטערן טיי...

אין משך פון אַ האַלב יאָר האָב איך זיך אין קיין שפּיגלען נישט געזען. אָפט פלעג איך, כ'בין זיך מודה אין דעם, וועלן אַ קוק טאָן ווי אַזוי איך זע אויס. די איינציקע מעגלעכקייט איז געווען אַ קוק צו טאָן אינעם פּלאַסטיק־שיסל מיטן קאַלטן ביטערן טיי, וואָס פלעגט תמיד זיין אין קאַמער. קיין גלעזער פלעגט מען אין קאַמער נישט צולאָזן. אַנשטאָט וואַסער — ביטערע טיי. קיין גרויסן דאָרשט האָב איך פונעם תפיסה־עסן נישט געהאַט; בלויז פון צייט צו צייט אָפּמניטערן די נשמה, וואָס איז פון פיין געווען פאַר'חלש'ט, מיט אַ ביטערן זופּ פונעם קאַלטן שיסל טיי. אַ זופּ טוענדיק פון שיסל, פלעג איך דערזען אין וואַסער די אָפּשפּיגלונג פון מיין פּנים. איך האָב באַמערקט, אַז איך בין געוואָרן געל און גרין, נאָר איך פלעג זיך באַרו:יקן דערמיט, וואָס דער ביטערער טיי האָט אַ געל־גרינעם קאָליר. אָבער ווען איך האָב אין קאַבינעט דערזען די זיבן לעבעדיקע מתים, וועלכע איך האָב אויסערלעך גוט געקענט (בלויז איינעם האָב איך געזען צום ערשטן מאָל -- זילבערשטיינען), האָב איך פאַרשטאַ־נען, אַז איך זע אויס אויך פונקט אַזוי, נישט בעסער. שווידערלעך וואָס פון יעדן איז אין פאַרלויף פון אַ האַלב יאָר געוואָרן, נישט צו דערקענען! יעדער איינער מיט אַ צוואַנציק יאָר עלטער. שאָטנס פון מענטשן. ווי שווינדזוכטיקע, אָדער מענטשן מיט ראַק־קראַנקייטן, וואָס גייען שוין אויס. אָט ווי עס באַמיט זיך די רוסישע געהיים־פּאָליציי...

אָזירסקי מיט נאָך אַ גרופּע אויספאָרשער האָבן אונדז גלייך געוואָרנט, אַז ריידן צווישן זיך איז שטרענג פאַרבאָטן; אַז מען וועט פאַר אונדז אַלעמען

איבערלייענען דעם אַלגעמיינעם ענין, וועלכן אַלע דאַרפן אונטערשרייבן און דאַן וועט דער ענין איבערגעגעבן ווערן די העכערע געריכטלעכע אינסטאַנצן פון די זיעכרהייטס־אָרגאַנען. און מיט דעם וועט די מיסיע פון די אויספאָרשער זיין געענדיקט.

אָזירסקי און זיינע געהילפן האָבן אַריינגעטראָגן זיבן צי אַכט גרויסע, דיקע בענד, געוויס צו 500 אָדער 600 בלעטלעך אין אַ באַנד. יעדער באַנד איז געווען פּרעכטיק געבונדן, אַ וווּנדער־פּאַליאַנט — אַן אויסגעצאַצקעטע, אויסגעפּוצטע „תליה". אַזוי האָט אויסגעזען די צוגעגרייטע אויספאָרשונג פון דער כאַבאַראָווסקער פאַרוואַלטונג פון מ. ג. ב., וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „ביראָבידזשאַנער ענין". אַ ווירדיקע מתנה דער פּאַרטיי פּאָליט־ביוראָ אין דער שפּיץ מיט סטאַלינען.

אין משך פון פיר טעג פלעגט מען אונדז יעדן אינדערפרי ברענגען פון דער כאַבאַראָווסקער אינערלעכער תפיסה צו דער קאָנטישער פאַר־וואַלטונג פון מ. ג. ב. אויף דער פאָרלעזונג פון דעם פיל־בענדיקן „ווערק" „ביראָבידזשאַנער ענין". אין משך פון די פיר טעג איז שוין פאַר מיר קלאָר געוואָרן דער סוד, ווער עס פלעגט זיצן אין די זעקס „שאַפקעלעך" פונעם „שוואַרצן וואָראָן", ווייל איך, דער זיבעטער, פלעג ליגן אויפן אייזערנעם דיל פון מאַשין. הייסט עס, אַז נישט איינמאָל בין איך צוזאַמען מיט מיינע „אָדנאָדיעלצעס" (מענטשן מיט איין ענין) געפאָרן געפּענטעטע, צונויפגעדרייטע אין איין און דעם זעלבן „שוואַרצן וואָראָן" און איינער פון דעם צווייטן האָט נישט געוווסט. אַפילו אין משך פון די פיר טעג, פלעגט מען אונדז אויך פירן שטרענג יעדן באַזונדער און אַריינפירן און אַרויספירן פון מאַשין איינציקווייז, איינער דעם אַנדערן זאָל נישט זען. בלויז אינעם גרויסן קאַבינעט פון מ. ג. ב. פלעגט מען אונדז צונויפפירן.

עסן פלעגט מען אונדז ברענגען פון רעסטאָראַן. און דאָס מאָל האָב איך צוזאַמען מיט אַלע זיבן אַרעסטאַנטן געגעסן נישט קיין טורמע־עסן. אָבער אַלץ איינס האָב איך זיך געוואָרגן מיטן ביסן און מיר דוכט, אַז נישט בלויז איך אַליין, נאָר אַלע אַכט מיטל־יאָריקע משפחה־מענטשן, געטרייע קאָמוניסטן, פאַרשיידענע לויט די כאַראַקטערן, נאָר ביזן סוף איבערגעגעבענע, אין גרונט געוויסנהאַפטע מענטשן און איבער אַלעמען איז ממש געווען פאַרהויבן די סטאַלינישע האַק, וואָס אָט־אָט וועט זי זיך מט דער גאַנצער רציחה פון דעם גרוזינישן „יאָהאַן דעם גרויזאַמען" אַראָפּלאָזן אויף יעדן איינעם...

און דאָך — ווי שוידערלעך דאָס איז — האָט יעדער איינער פון די „אַכט" זיך געסטאַרעט מיט אַ בליק, מיט אַ מין גרימאַסע, ענלעך אויף אַ שמייכל, מיט אַ נקמה־ווונק צווישן די וואָס זענען אינעם שטייגערישן לעבן געווען נאָענט און מער פאַרבונדן צווישן זיך, אונטערשטרייכן, אַז

„יענער", נישט ער, איז מער „שולדיק". יעדער איינער האָט זיך געפּרוּווט „טרייסטן", אַז זיינע פאַרברעכנס זענען ווייניקער ערנסט פון דעם אַנדערנס.

דער חיה׳שער פּחד...

די אַלע אַכט פאַרצווייפלטע (אויך איך בתוכם) האָט נישט געבונדן צווישן זיך קיין אויסגעשפּראָכן־הייסער פאַרלאַנג צו בלייבן ביזן סוף אַ ייִד, צו גיין אויף קידוש־השם און זאָגן אָפן דאָ, ביים שלוס פון דער אויס־פאָרשונג אַז, יאָ, מיר האָבן טאַקע געוואָלט זיין ייִדן, מיר האָבן געוואָלט זיין אַ פאָלק. און וואָס קומט אונדז דערפאַר? מיר האָבן געוואָלט, אַז די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט זאָל טאַקע זיין דאָס וואָס זי הייסט — קומט אונדז דערפאַר טויט? אַנשטאָט דעם האָט זיך יעדער פון די אַכט באַשול־דיקטע באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך אַ „ביסל" פון דער לעפישער, ליגנערישער, אויסגעטראַכטער באַשולדיקונג אויפן אַנדערן. מיר, די „אַכט", האָבן דאַן אָפּגעשפּיגלט מיט זיך קלאָר און דייטלעך דעם פּנים און אַנבליק פון די סאָוועטישע מענטשן אונטערן יאָך פון דיקטאַטור און גרויזאַמער שרעק פון דער סטאַלין־תקופה. עס איז ביי אונדז געבליבן בלויז דער חיה׳שער פּחד פאַרן אייגענעם נעבעכדיקן לעבן, וואָס האָט שוין קוים געצאַפּלט אין אונדז.

די פּראָטאָקאָלן פון די פּילצאָליקע גראָבע בענדער פונעם פאַבריצירטן ענין האָט צוערשט געלייענט אַזירסקי אַליין, וואָס האָט זיך געפילט ווי דער הויפּט־מחותן אין דער „בלוטיקער חתונה"; נאָר ער האָט, ווייזט אויס, זיך גלייך אַן עצה געגעבן: וואָס דאַרף ער האָרעווען און הייזעריק ווערן צוליב די „פאַרשאָלטענע שונאים פון פאָלק"? — האָט ער די זאַך איבערגעגעבן די „שונאים" אַליין, זאָלן זיי אַליין שטיקן זיך מיט די אייגענע פאַרברעכנס.

באַכמוטסקי און פראַדקין האָבן באַקומען די „בכבוד׳יקע עליה׳ס" און געלייענט די פּראָטאָקאָלן. זילבערשטיין, פרידמאַן און איך האָבן די פּראָ־טאָקאָלן נישט געלייענט. איך האָב בכלל נישט געקענט פּליסיק לייענען רוסישע כתב־ידן. אין מיין קאָפּ איז געבליבן זייער ווייניק פון דער זשאַנ־דאַרמישער צעיושעטער, אומזיניקער תוכחה און ווילדע בלבולים, מיט וועלכע עס זענען געווען אָנגעשטאָפּט די הונדערטער זייטלעך פון די פּראָטאָקאָלן. נאָר וואָס איז מיר יאָ געבליבן אין קאָפּ? — אַז מען האָט די באַשולדיקונג קעגן אונדז איבערגעפלאָכטן מיטן ענין פון אַנטי־פּאַשיס־

טישן ייִדישן קאָמיטעט און אַז מען האָט פאַרבונדן דיביידע ענינים — דעם צענטראַלן מאָסקווער און דעם צענטראַלן ביראָבידזשאַנער. דער ביראָבידזשאַנער איז געווען אַ נאָכקרימערישע, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, קאָפּיע פון דעם מאָסקווער ענין פונעם אַנטי־פאַשיסטישן ייִדישן קאָמיטעט — פונקט מיט דעם זעלבן נוסח און מיט די זעלבע טשעקיסטישע זשאַנג־לירונגען.

וואָס זענען געווען די הויפּט־באַשולדיקונגען? די פאַרטייִשע אָנפירער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט (י. אָ. אָ.) האָבן אויף אַ פאַרברע־כערישן אומלעגאַלן אופן זיך צונויפגעניוכעט מיט די הויפּט־אָנפירער פונעם ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און צוזאַמען האָבן פעפער, באַכמוטסקי, זילבערשטיין, דוד בערגעלסאָן, לינאַ שטערן און די מאָסקווער ייִדישע שרייבער געפירט אַ „קאָנטררעוואָלוציאָנערן האַנדל״ און זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט איינעם פון די אָנפירער פון דעם אַמעריקאַנער אויסשפּיר־אַפּאַראַט, פּ. נאָוויק. דער ציל איז געווען צו שאַפן קינסטלעך פון ביראָבידזשאַן אַ ייִדישע אויטאָנאָמע רעפּובליק, מיט „וויטגייענדיקע״ קאָנטררעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוון פון אָפּרייסן זיך פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און צושטיין צום אַמעריקאַנער אימפּעריאַ־ליזם און צו די יאַפּאַנעזער מיליטאַריסטן. אָט דאָס איז געווען דער הויפּט־יאָדער פון דער אומזיניקער באַשולדיקונג. און אַרום דעם האָט זיך אַלץ געקלעפּט און געוואַקסן, ווי אַ גוט קלעפּיקער שניי, דער גאַנצער צענטראַ־לער אַנטיסעמיטישער ענין, כּדי צו פאַרשוואַרצן דעם פּנים פון די סאָוועטישע ייִדן פאַר די צוויי הונדערט מיליאָן סאָוועטישע בירגער און צערייצן אין זיי אַ גרויסע שנאה צו די ייִדן, גרייטנדיק זיך צו אַ מלחמה קעגן אַמעריקע.

די צוויי פּראָצעסן — דער פּראָצעס פונעם אַנטי־פאַשיסטישן ייִדישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און דער ביראָ־בידזשאַנער פּראָצעס — האָבן דאָך געגרייט איינע און די זעלבע מענטשן: בעריאַ, מאַלענקאָוו, פּאָנאָמאַרענקאָ און גאָגלידזע. דאָס איז פאַקטיש געווען איין פּראָצעס.

צוערשט זענען אין מאָסקווע אַרעסטירט געוואָרן די אָנפירער פונעם אַנטי־פאַשיסטישן ייִדישן קאָמיטעט — איציק פעפער, זשיץ, דער רעדאַק־טאָר פון „אייניקייט״ און די ייִדישע שרייבער פּרץ מאַרקיש, דוד בערגעלסאָן, ל. קוויטקאָ און נאָך און נאָך. דורך די פאַרגעלייענטע פּראָטאָקאָלן איז קלאָר געוואָרן, אַז פון די אַרעסטירטע ייִדישע שרייבער אין מאָסקווע, קיִעוו און מינסק, האָט די מ. ג. ב. במשך פון 1949 — 1951 „אונטערן חלף״ אויסגע־פּרעסט באַווייזן וועגן „צוזאַמענאַרבעט״, וועגן פאַרברעכערישע אומלעגאַלע באַגעגענישן פון באַכמוטסקין, זילבערשטיינען, לעוויטינען מיט די ייִדישע טוער פון מאָסקווע, דערונטער מיט די ייִדישע טוער פון סאָוועטישן

אינפאָרם־ביוראָ און מיט אַנדערע פּערזענלעכקייטן פון יידישן אָפּשטאַם. פון איציק פעפערן אַליין, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויזאַמען איינדרוק, גלייך ווי ער וואָלט זיינע באַווייזן געגעבן זיצנדיק אויף אַן עלעקטרישן שטול, האָט מען אין משך פון די צוויי יאָר, וואָס ער איז שוין געזעסן פאַרשפאַרט, „אויסגעצאַפּט" הונדערטער „כאַראַקטעריסטיקעס" פון קאָנטררעוואָלוציאָנע־רער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט. פעפער׳ס רייד, וואָס מען האָט אַרויס־געריסן מיט גוואַלד, האָבן געדינט ווי מאַטעריאַל פאַר באַשולדיקונגען קעגן סאָוועטישע יידן.

פיל פון אַזעלכע פעפער׳ס „כאַראַקטעריסטיקעס" זענען געווען אַריינ־געפלאָכטן אין די פּראָטאָקאָלן פון אונדזער ביראָבידזשאַנער ענין.

דער פּראָטאָקאָל פון פעפער׳ס אַ דאָפּראָס...

אויך מיין פּערזענלעכער ענין הייבט זיך אָן מיט אַ פּראָטאָקאָל פון פעפער׳ס אַ „דאָפּראָס" (פאַרהער) אין מאָסקווע, וועלכן עס האָט געפירט בעריאַ׳ס אַ פאַרטרעטער — ריומין. דער פאַרהער הויבט זיך אָן מיט אַ פראַגע: „וואָס קענט איר אונדז זאָגן וועגן דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון ח. מאַלטינסקין ?" פעפער הויבט אָן זיין ענטפער צו רומינען פון דעם, וואָס ער קען מאַלטינסקי׳ן אַלס אינוואַליד פון דער פאָטערלענ־דישער מלחמה. רומין שלאָגט אים איבער:

„מיר פרעגן וואָס קענט איר אונדז מיטטיילן וועגן מאַלטינסקי׳ס פאַר־ברעכערישער אַנטי־סאָוועטישער טעטיקייט אין מינסק און אין ביראָ־בידזשאַן ?" — און דאָס הייסט, אַז דער רעדער פון רעוואָלווער איז צוגע־שטעלט צו פעפער׳ס שלייף. און פעפער „דערמאָנט" זיך שוין וועגן נאַציאָ־נאַליסטישע שטריכן אין מאַלטינסקי׳ס שרייבערישער טעטיקייט נאָך אין קיעוו אין אָנהויב פון די 30ער יאָרן, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

דער פּראָטאָקאָל פון איציק פעפער׳ס פאַרהער אין יאָר 1950 אין מאָסקווע איז שוין פאַקטיש געווען דער אָרדער אויף מיין אַרעסט אין ביראָבידזשאַן אין מאַי 1951. אין די פּראָטאָקאָלן פון ביראָבידזשאַנער ענין זענען אַריינגעקומען פיל אויסצוגן פון פעפער׳ס באַווייזן און געשפּרעכן מיט באַכמוטסקי׳ן, זילבערשטיינען, און אַלע וועגן זעלבן ענין — וועגן פּלאַנירן ווי אַזוי אָפּצונאַרן די קאָמוניסטישע פאַרטיי און סטאַלינען און מאַכן פון דער יידישער געגנט אַ יידישע רעפּובליק און קינסטלעך צו שאַפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ יידישע קולטור מיט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערן

אינהאַלט. און פאַרקערט, עס ווערן ציטירט די פּראָטאָקאָלן פֿון באַכמוטסקי׳ס פאַרהערן. באַכמוטסקי איז זיך מודה, אַז בעת אַ געשפּרעך מיט פעפער׳ן, האָט אים פעפער געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם, אַז די אַמעריקאַנער גיבן נישט אומזיסט...

וועגן וואָס פאַראַ אַמעריקאַנער געלטער עס גייט אַ רייד, האָב איך דאַן נישט פאַרשטאַנען, נאָר ווייזט אויס, אַז עס איז געווען גענומען אין באַטראַכט די זאַכן, בגדים, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן געשיקט נאָך דער מלחמה קיין רוסלאַנד. עס זענען אויך געווען אַרויסגערוקט באַשולדיקונגען וועגן עפּעס לאַנדווירטשאַפטלעכע מ א ש י נ ע ן, וואָס די אָנפירונג פון דער געגנט האָט געבעטן, אָדער באַדאַרפט בעטן פון אַמעריקע פאַר ביראָבידזשאַן און מיט דעם פאַרקויפט זיך צום אימפּעריאַליזם.

אין די פּראָטאָקאָלן פונעם ביראָבידזשאַנער ענין זענען מעכאַניש אַריינגענומען געוואָרן פּראָטאָקאָלן פון די ייִדישע שרייבער פון מינסק, קיִעוו, כאַרקאָוו, מאָסקווע און פון אַנדערע שטעט, וואָס האָבן געדאַרפט באַשטעטיקן מיין פאַרראַט און שפּיאָנאַזש — פון אייזיק פלאַטנערס פּראָטאָקאָלן פון קוויטקאָ׳ס פאַרהערן. אין די פּראָטאָקאָלן זענען באַשמוצט געוואָרן פיל אָנגעזעענע ייִדישע גענעראַלן, וועלכע האָבן אָנטייל־גענומען אין די שלאַכטן קעגן די דייטשישע היטלעריסטן. עס האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז וועגן יעדן ייִדישן העלד, וועגן וועלכן דער אָרגאַן פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, די צייטונג „איינִיקייט״, האָט געדרוקט פאַרצייכע־נונגען און מאַטעריאַלן, האָט די מ.ג.ב. זיך באַמיט אָנווייזן אויף נאַציאָ־נאַליזם און באַהאַלטענער קאָנטררעוואָלוציע, און די שרייבער פון די דאָזיקע פאַרצייכענונגען און אַרטיקלען זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר באַרימט מאַכן ייִדישע נאַציאָנאַליסטן און אַמעריקאַנער שפּיאָנען, וועלכע האָבן זיך אַריינגעשמוגלט אין די פאַראַנטוואָרטלעכע קאַדרען פון דער רויטער אַרמיי.

עס לייגט זיך פשוט נישט אויפן זינען, ווי אַזוי עס איז געגאַנגען דער ווירבל־ווינט פון די רעגירונגס־פּראָוואָקאַציעס קעגן ייִדן, אָנגעהויבן פון יאָר 1947. אין „איינִיקייט״, זומער פונעם 1947טן יאָר, איז געווען פאַר־עפנטלעכט אַן אַרטיקל אויף אַ גאַנצער זייט וועגן די גרויסע פּערספּעקטיוון פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. דאָס איז געווען אַ לעגאַלער רוף צו די ייִדן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד צו פאָרן בויען די סאָוועטיש־ייִדישע מלוכה׳שאַפט. אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג און לויט די פאַרגעלייענטע מאַטעריאַלן און פּראָטאָקאָלן, האָט באַכמוטסקי געפּרוווט נאַיִוו פאַרטיידיקן זיך, אַז דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט ער געשריבן מיט דער סאַנקציע און גוט־הייסונג פון די העכערע פאַרטייִישע אינסטאַנצן, דהיינו: דער כאַבאַ־ראָווסקער קאָמיטעט פון דער פאַרטיי און צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי — איינער פון זיינע אָנפירער שעלעפּין און אַנד.

(בעת׳ן גאַנג פון געריכט אין מאָסקווע, אין דער לעפאַרטאָווער תפיסה, האָט שוין באַכמוטסקי מורא געהאַט צו דערמאָנען וועגן דעם, ווייל מען האָט אים אויף דער אויספאָרשונג באַשולדיקט אין פאַרשפּרייטן רכילות אויף די פירער פון דער פּאַרטיי).

דאָס אָרגאַניזירן די איבערוואַנדערונג פון די פינף עשעלאָנען אין 1947־48, איז דאָך געווען אַ פּועל־יוצא פון דעם דאָזיקן רוף פון דעם ערשטן סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פון בירא־בידזשאַן. אָבער אינעם גאַנג פון דעם „ביראָבידזשאַנער ענין" זענען די דאָזיקע פּאַרטיייִשע דירעקטיוון פון אָרגאַניזירן די איבערוואַנדערונג אין ביראָבידזשאַן און די איבערוואַנדערונג אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „פּאַרטיייִשן פאַרברעכן", אין פּאָליטישע אַוואַנטיורעס און פון פאַרבינדן זיך מיט דער אידעאָלאָגיע פונעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם מצד באַכ־מוטסקי׳ן, לעוויטינען און אַלע אַכט באַשולדיקטע פון פּראָצעס.

איצט איז שוין געווען קלאָר, אַז די גאַנצע איניציאַטיוו פון אָרגאַניזירן אַ מאַסן־איבערוואַנדערונג אין ביראָבידזשאַן, אַז דער גאַנצער כלומרשטער טראַסק פון זאָרג וועגן דעם ייִדישן פאָלק, דאָס סטאַלינישע זאָרג וועגן דער ייִדישער מלוכה׳שקייט אין 1947טן יאָר, איז געווען בלויז אַ פאַרויס־פּלאַנירטע פּראָוואָקאַציע פון דער באַנדע משרתים פון סטאַלינען, כדי צו פאַרוואַנדלען דעם גאַנצן ענין אין אַ קורצער צייט אַרום (מ׳קען אַפילו זאָגן, אין דער זעלבער צייט) אין ייִדישן פאַרראַט, אין אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש מצד די „פּאַרטיייִשע ייִדעלעך". דאָס זענען די זעלביקע ייִדן, וועלכע הערן נישט אויף פאַרצוזעצן זייערע טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישע מיאוס׳ע שטיק און זוכן וועגן ווי אַזוי ווידער צו קומען צו דער צענט־ראַלער מאַכט...

די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון די צוויי צענטראַלע אַנטי־ייִדישע פּראָ־צעסן — בעריאַ, מאַלענקאָוו, פּאָנאָמאַרענקאָ — האָבן זיך געשטעלט אַ ציל ענדגילטיק צו דיסקרעדיטירן דאָס סאָוועטישע ייִדנטום אין די אויגן פון סטאַלינען און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מיט דעם שטאַרק צו פאַרפעסטיקן זייערע פּאָזיציעס אין דער קרעמל־אָנפירונג, בעת יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין ווערט שוין אַלט און עס קען אַלץ טרעפן...

דער עיקר איז דאָס געווען נוגע פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן. ער האָט נאָך ערב דעם אָנפאַל פון היטלער׳ן אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרטראַכט אַ בעסטיאַ־לישע ברייטע אָפּעראַציע פון נעמען פאַרסירן דאָס ליקווידירן די סאָווע־טישע ייִדישע קולטור און ליטעראַטור, און מיט אַרעסטירן אַ צאָל ייִדישע שרייבער.

נישט קיין אַנדערער ווי פּאָנאָמאַרענקאָ האָט שוין דאַן, אין 1941, ערב דעם אָנפאַל פון היטלערן אויפן סאָוועטן פאַרבאַנד, אויסגערעכנט, אַז די

מגפה פון אומבריענגען די ייִדישע שרייבער אין ווייסרוסלאַנד וועט זיך מוזן אַריבערוואַרפן אויך קיין מאָסקווע און אוקראַיִנע; און אַז מיט דער דאָזיקער „אָפּעראַציע" וועט ער ווערן נאָך מער געהויבן אין די אויגן פון סטאַלינען.

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט זיך „איינגעשפּאַנט" אין ביידע אַנטיסעמיטישע פּראָצעסן...

איך בין איבערצייגט, אַז נאָר אַ דאַנק זיין בעסטיאַלישן און טעאָרע־טישן אַנטיסעמיטיזם נאָך פון פאַר דער מלחמה האָט זיך פּאָנאָמאַרענקאָ'ן איינגעגעבן אַלס פּאַרטייִשן אָנפירער זיך אַריינצוכאַפּן אין יאָר 1949 אין קרעמל אויף אַ צענטראַלער אָנפירנדיקער אַרבעט — ווערן איינער פון די ערשטע סעקרעטאַרן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אינעם זעלבן יאָר 1949 האָט ער זיך אַזוי אַרום אַקטיוו „איינגעשפּאַנט" אין די ביידע אַנטי־ייִדישע פּראָצעסן. מיר דוכט, אַז ער איז געווען איינער פון די וועלכע האָבן די פּראָצעסן פון פאָרויס נאָך פּלאַנירט און צונויפגע־שטעלט דעם דאָזיקן אַנטיסעמיטישן סצענאַר. אויף צו באַשטעטיקן פּאָנאָ־מאַרענקאָ'ס מאַכט־גייציקייט און אינטריגאַנטישקייט פון קאָלאָסאַלן מאַס־שטאַב, זענען מיר קלאָר געוואָרן אַ סך פּרטים, וועלכע איך האָב זיך דער־ווּסט פון מיין נאָענטער באַקאַנטשאַפט און פריינדשאַפט מיט אַ סך ווייס־רוסישע שרייבער פון עלטערן דור.

ווי קיינער פון די פּאַרטייִשע באָסעס אין לאַנד, האָט פּאָנאָמאַרענקאָ נאָך אין די יאָרן 1935—1938 פאַרשטאַנען, אַז ער מוז נעמען אונטער זיינע פליגלען צום אַלעם ערשטן די שעפערישע נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ — די שרייבער, קינסטלער און אַרטיסטן. אויף זיינע דאַטשעס אין ווייסרוסלאַנד פלעגט ער פון צייט צו צייט צונויפרופן צו זיך די ווייסרוסישע פאָלקס־פּאָעטן, די וויכטיקסטע סקולפּטאָרן, פאָלקס־אַרטיסטן און אַרטיסטקעס און ער האָט גיך באַקומען אַ שם פון דעם בעסטן פריינט און באַשיצער פון דער ווייסרוסישער שעפערישער אינטעליגענץ. מען האָט אים ממש פאַר־געטערט. אין די מלחמה־יאָרן, געפינענדיק זיך אין מאָסקווע אַלס אָנפירער פון דעם פּאַרטיזאַנער־שטאַב פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט ער נישט איבער־געריסן זיינע ענגע באַציִונגען מיט די ווייסרוסישע שעפערישע כוחות. ווען ער איז געווען דער אָנפירער פונעם פּאַרטיזאַנער־שטאַב האָט ער אויך פאַרגעזעצט צו זיין דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי

פון ווייסרוסלאַנד אין הינטערלאַנד, ווייל ווייסרוסלאַנד איז געווען פול־שטענדיק אָקופּירט. זיין הילף פאַר די ווייסרוסישע שרייבער אין הינטער־לאַנד איז געווען אַ ריין־מאַטעריעלע און ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט „ראַטעווען" פיל שרייבער, אַרטיסטן, מאָלער, אַרויספאָדערן זיי פון די פאָדער־פּאָזיציעס קיין מאָסקווע, כלומרשט ווייל ער דאַרף זיי האָבן נויטיק אין דער אַרבעט פונעם פּאַרטיזאַנישן שטאַב. פּאָנאָמאַרענקאָ האָט אָבער קיין פינגער אין אַ פינגער נישט אַ קלאַפּ געטאָן, כדי צו אינטערעסירן זיך מיטן גורל פון די יידישע שרייבער פון ווייסרוסלאַנד, ווו זיי זענען אַהינ־געקומען, ווו זיי געפינען זיך. ווי מיר איז באַוווּסט, האָט משה טייף אין די מלחמה־יאָרן, ווען ער האָט געדינט הינטער מאָסקווע אין אַ מיליטערישער טייל, געפּרוּווט צו דערשלאָגן זיך אָן אויפנאַמע ביים נאַטשאַלניק פון צענטראַלן פּאַרטיזאַנער־שטאַב, נאָר פון דעם האָט זיך, אויסער דערנידע־ריקונג, גאָרנישט באַקומען.

נישט צופעליק האָט לינקאָוו, בעת איך האָב אין יאָר 1946, נאָכן קריג, זיך צוריקגעקערט קיין מינסק פון מיליטערישן שפּיטאָל, געזאָגט צו מיר:

— אין מינסק האָבן יידישע שרייבער נישט וואָס צו טאָן...

איך האָב צו גוט געקענט לינקאָוו'ן. מיר האָבן פאַר דער מלחמה געלעבט אין איין הויז און זיין יידישע פרוי חנה און זיבן־יאָריקער זון זענען אויך אומגעקומען ווי מיין פרוי און מיין קינד. און איך ווייס, אַז טיף אין האַרצן האָט ער געהאַט תרעומות, וואָס פּאָנאָמאַרענקאָ אַלס אָנ־פירער פון די פּאַרטיזאַנער האָט נישט געהאָלפן אין דער נויטיקער צייט צו ראַטעווען זיין פרוי און קינד. פּאָנאָמאַרענקאָ האָט דעמאָלט געזאָגט צו אַ ווייסרוסישן שרייבער:

„ס'האָט זיך גוט געמאַכט, וואָס היטלער האָט ענדלעך געהאָלפן אויך דעם ווייסרוסישן שרייבער־פאַראיין פּטור צו ווערן פון די צופיל יידישע שרייבער אויף דער ווייסרוסישער ערד..."

אָט דאָס האָט אָפּגעקלונגען אין לינקאָוו'ס זאָג: „אין מינסק האָבן יידישע שרייבער נישט וואָס צו טאָן". אין די דאָזיקע ווערטער האָב איך דערפילט דעם „קבלת־פּנים" פון פּאָנאָמאַרענקאָ'ן, ווי אַן ענטפער אויף מיינע טעלעגראַמעס זימיאַנינען און קוליאַשאָוו'ן פאַר מיין צוריקקערן זיך פון מיליטערישן שפּיטאָל נאָכן קריג אין מיין היימשטאָט מינסק.

איז אָט קער איך זיך אום צום געדאַנק, וואָס איך וויל אונטערשטרייכן, אַז אין די יאָרן 1946—47 האָט פּאָנאָמאַרענקאָ'ס אויטאָריטעט זיך אַ וואַקל געטאָן אין מינסק און ער איז געוואָרן נישט דער ערשטער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט, נאָר בלויז דער פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט פון רעפּובליק. אַרום אים האָבן זיך דעמאָלט גענומען קלייבן כמאַרעלעך פון אומצופרידנקייט. האָט ער זיך געוואָרפן נאָך הילף צו די ווייסרוסישע

שרייבער, צו זיינע גינציקע פריינט, זיי זאָלן אין נאָמען פון ווייסרוסישן פאָלק שרייבן סטאַלינען וועגן דעם, אַז עס טאָר קיין האָר און קיין שאָטן נישט פאַלן אויף דעם מיט־לייב־און־לעבן געטרייען סטאַלינ׳ס תלמיד, פּאַנטעליימאָן קאָנדראַטאָוויטש פּאָנאָמאַרענקאָ. שפּעטער, ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, וועל איך זיך גענויער אָפּשטעלן וועגן פּאָנאָמאַרענקאָ׳ס „הילף״ צו די ייִדן פון די געטאָס אין די אָקופּירטע טעריטאָריעס.

וועגן פּאָנאָמאַרענקאָ׳ס בלוטיקער גייציקייט צו מאַכט, און נישט נאָר אויפן חשבון פון ייִדישע קרבנות, רעדט באַשיימפּערלעך אַזאַ מין פאַקט: ווען איך בין שוין געזעסן אינעם יאָר 1952 אין „טײַשעטלאַג״, האָב איך אויף דעם 46 לאַגער־פּונקט זיך געטראָפן און באַקענט מיטן געוועזענעם בילדונגס־מיניסטער פון ווייסרוסלאַנד, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד, פּלאַטאָן וואַסיליעוויטש סאַיעוויטש, וועלכער איז אין 1949 פאַר׳משפּט געוואָרן אויף 25 יאָר קאַטאָרגע.

סאַיעוויטש האָט נאָך פון מינסק געוווּסט, אַז איך בין אַ ייִדישער שרייבער פון ווייסרוסלאַנד און אַן אַלטער מיטגליד פון שרייבער־פאַראיין, נאָך פאַר די מלחמה־יאָרן. איך האָב עס פאַרשטאַנען דערפון, וואָס ער האָט מיך גאָרנישט פונאַנדערגעפרעגט, נאָר ער האָט זיך געטיילט מיט מיר ווי מיט אַן אייגענעם מענטשן. ער האָט מיך געהאַלטן פאַר אַן ערלעכן קאָמוניסט, אַ מענטש וואָס האָט נישט געשאַנעוועט דעם לעבן פאַרן סאָוועטישן הימלאַנד. ער, סאַיעוויטש, וועלכער האָט זיך געפונען אין לאַגער אין די סאַמע שווידערלעכסטע באַדינגונגען, האָט פאַרגעזעצט מיטן גאַנצן האַרצן צו גלויבן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין דער אידייע פון קאָמוניזם.

און מאָדנע, די געוועזענע פּאָליציי־לייט, די אונטערוועלט־טיפּן, די באַנדיטן און גזלנים מיט וועמען מיר, די קאָמוניסטן, האָבן זיך געפונען אין איין לאַגער־פּונקט, באַוואַכטע פון הינט און פון כלבים־שומרים, האָבן אָפּגעגעבן כבוד דעם געוועזענעם ווייסרוסישן מיניסטער־קאָמוניסט, וואָס האָט נישט געוווּכט פון דער אַרבעט ביים וואַלגערן אין וואַלד די ריזיקע בוימער, בעת די פרעציק־גראַדוסדיקע קעלטן ווינטער־צייט אין דער אירקוטסקער טייגע — און דאָס נישט געקוקט וואָס ער איז געווען קראַנק אויף טובערקולאָזיס. מיט זיין איבערמענטשלעכער האַרעוואַניע, פלעגט דער טויט־קראַנקער פּלאַטאָן וואַסיליעוויטש וועלן באַווייזן: „זעט, איך שעם זיך נישט דערמיט, וואָס איך בין ביזן סוף מיטן פאָלק צוזאַמען און מיך אַרט נישט, אַז איך וועל אויסגיין דאָ מיט מיין בלוט אין טייגע מיט דער זעג אין האַנט״.

אין די אָוונטן פלעג איך נאָך דער אַרבעט אַריינקומען צו אים אין באַראַק. זיין פרוי, אַ דאָקטאָר, פלעגט אים שיקן פון מינסק ווייסרוסישע

ציימונגען און זשורנאַלן, דערונטער אויך די ווייסרוסישע ליטעראַרישע צייטונג „ליטעראַטוראַ אי מאַסטאַסטוואַ״. פלעגט ער מיר געבן לייענען די ווייסרוסישע ליטעראַרישע אויסגאַבעס. און אַזוי, דערנענטערנדיק זיך, האָט ער מיר דערציילט מיט אַ סך פּרטים די טראַגעדיע, וואָס איז מיט אים פאָרגעקומען און ווי אַזוי פּאַנאָמאַרענקאָ און זימיאַנין האָבן אים „באַגראָבן״.

אין יאָר 1947 איז בראָז־טיטאָ געווען דער אָנפירער פון דער יוגאָסלאַ־ווישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, און דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק און די קאָמוניסטישע פאַרטיי מיט סטאַלינען בראש האָבן אים געליבט און געריממט פאַר זיין פערזענלעכער העלדישקייט און פאַר זיין אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד, וואָס אַ דאַנק אים, טיטאָ׳ן, האָט יוגאָסלאַוויע זיך נישט אונטערגעגעבן דער היטלערישער דייטשלאַנד. פּאַנאָמאַרענקאָ האָט אין די מלחמה־יאָרן פון הינטערלאַנד (געפינענדיק זיך די גאַנצע צייט אין מאָסקווע) פון דער וויטן „אָנגעפירט״ מיטן פּאַרטיזאַנישן קאַמף פון די ווייסרוסישע און אוקראַאִינישע פּאַרטיזאַנער אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס. האָט ער, פּאַנאָמאַרענקאָ, געוואָלט אַרויסווייזן בראָז־טיטאָ׳ן אַ חניפה־זשעסט און געשיקט צו אים אין יאָר 1947, אָדער אָנהויב 1948 (גענוי ווייס איך נישט), אַ ווייסרוסישע דעלעגאַציע פון אַ 8—7 מענטשן. ווי דעם אָנפירער פון דער ברידערלעכער דעלעגאַציע פונעם ווייסרוסישן פאָלק צום יוגאָסלאַווישן האָט פּאַנאָמאַרענקאָ באַשטימט דעם מיטגליד פונעם ווייסרוסישן צענטראַל־קאָמיטעט פון פּאַרטיי דעם „רומפּולן זון פונעם ווייסרוסישן פאָלק״, דעם מיניסטער פון פאָלקס־בילדונג פון ווייסרוסלאַנד פּלאַטאָן וואַסיליעוויטש סאַיעוויטש. אַלס מיט־גלידער פון דער דעלעגאַציע זענען אויך געווען — דער באַקאַנטער ווייס־רוסישער פּאָעט און אַקאַדעמיקער פּעטראָ גליעבקאָ און די פאָלקס־אַרטיסטין פון סאָוועטן־פאַרבאַנד לאַריסאַ פּאָמפּייעוונאַ אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ (זי איז געווען פּאַנאָמאַרענקאָ׳ס אַ קעפּס־ווייב). די נעמען פון די איבעריקע דע־לעגאַטן ווייס איך נישט.

ביים שיקן אַזאַ בכבוד׳יקע דעלעגאַציע מיט זיין קעפּס־ווייב צו טיטאָ׳ן, האָט פּאַנאָמאַרענקאָ געהאַט ווייט־גייענדיקע אויסזיכטן. ער האָט געמיינט, אַז טיטאָ וועט מיט דער צייט פאַרנעמען זייער אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער קאָמוניסטישער וועלט און ער, פּאַנאָמאַרענקאָ, דער פירער פון די ווייסרוסישע און אוקראַאִינישע פּאַרטיזאַנער איז זיין, טיטאָ׳ס, גלייכן און דורך דעם, וואָס ער וועט דורך זיין דעלעגאַציע זיך נענטער באַפריינדן מיט טיטאָ׳ן, קען דאָס אים, פּאַנאָמאַרענקאָ׳ן, מיט דער צייט אויך געבן אַ זכות אַריינצוטרעטן אינעם קרייז פון די הויכע סלאַווישע וועלט־פירער פון קאָמוניזם. אין אַ געוויסן טאָג קען טיטאָ׳ס בליק אויסדערווײלן אים, פּאַנאָמאַרענקאָ׳ן, פאַר איינעם פון די סלאַווישע קאָמוניסטישע פירער און מאָסקווע וועט זיך מוזן מיט דעם רעכענען...

אָבער דער שונא־ישראל, דער אוקראַינישער סאַדיסט פּאָנאָמאַרענקאָ, האָט געטראָפן מיטן פינגער אין הימל — פון זיין טרוים האָט זיך אויס־געלאָזט אַ בוידעם: אין גיכן האָט זיך טיטאָ אַ קער געטאָן מיטן הינטן צו סטאַלינען און גענומען פּראַווען זיין „יוגאָסלאַווישן קאָמוניסטישן שבת" פאַר זיך...

מאָסקווע, מיט סטאַלינען אין דער שפּיץ, האָט גענומען שיטן פעך און שוועבל אויף טיטאָ'ן; מען האָט אין אַלע צענטראַלע סאָוועטישע צייטונגען און זשורנאַלן גענומען דרוקן קאַריקאַטורן און פּאַמפלעטן וועגן טיטאָ, פאַרשטעלן אים אַלס וואַמפּיר, טראָצקיסט און אַמעריקאַנער טעלער־לעקער.

אָט דאַן האָט זיך פּאָנאָמאַרענקאָ נישט אויף קיין שפּאַס דערשראָקן. זיין פּאָמפּעזע דעלעגאַציע צו טיטאָ'ן, וואָס איז פאַרהעלטניסמעסיק נישט לאַנג געשיקט געוואָרן, קען דאָך וואַרפן אַ שאָטן אויף פּאָנאָמאַרענקאָ'ן גופא. עמעצער פון סטאַלינ'ס סוויטע קען „אין גוטן מוט" אַנטפּלעקן פּאָנאָ־מאַרענקאָ'ס כוונה ביים שיקן זיינע שליחים צו טיטאָ'ן. און דאַן האָט ער, פּאָנאָמאַרענקאָ, גענומען ווי אַ רויב־פויגל זיך אַרומדרייען מיט דער הילף פון זיינע לייב־קנעכט אַרום דער געשיקטער דעלעגאַציע. צוגעהאָלפן האָט צאַנאַוואַ, דער סטאַלינישער קנעכט, דער גרוזין און דער אָנפירער פון מ.ג.ב. (געהיים־פּאָליציי) אין ווייסרוסלאַנד.

לויט דער נאַטור איז פּלאַטאָן סאַיעוויטש געווען זייער אַ ווילער און האַרציקער מענטש. נישט אומזיסט האָבן אים אין ווייסרוסלאַנד די לערער אַזוי ליב געהאַט און געאַכטעט אַ סך יאָרן. און אָט, ווען ער איז מיט דער דעלעגאַציע געווען ביי טיטאָ'ן, איז צו אים צוגעגאַנגען אַ ווייסרוס, אַ פּשוט'ער פויער, וועלכער האָט אין די מלחמה־יאָרן געקעמפט אין די רייען פון די יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנער און געפינט זיך נאָך אַלץ אין יוגאָסלאַ־וויע, און געבעטן ער זאָל איבערגעבן זיינע אייגענע אַ מתנה 1000 רובל. סאַיעוויטש האָט אין דעם געגעבענעם מאָמענט נישט איינגעזען קיין שום שלעכטס אין דער בקשה פון אַ שלאַכטמאַן, זיינעם אַ ברודער לויט דער נאַציאָנאַליטעט — אַ לאַנדסמאַן, און האָט ביי אים צוגענומען די 1000 רובל און ווי אַן ערלעכער געוויסנהאַפטער מענטש צוריקקערנדיק זיך קיין מינסק, אויפגעזוכט, לויטן געגעבענעם אַדרעס, דעם פּאַרטיזאַנ'ס קרובים און אי־בערגעגעבן די מתנה פון אַן אייגענעם משפּחה־מענטשן.

אָט אין דעם האָט זיך דער רויב־פויגל פּאָנאָמאַרענקאָ אָנגעכאַפּט. דאָס איז געווען דער קליינינקער „שניי־קויל" וועלכן פּאָנאָמאַרענקאָ מיט צאַנאַ־ווע'ס הילף האָט גענומען קייקלען... און עס איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גוואַלדיקן גרויליקן קנויל פון בילבולים און אויסטראַכטענישן.

זיין קעפּס־וויב, לאַריסע פּאַמפּייעוונע'ן, האָט עס נישט געשאַט; מען האָט אויך נישט אָנגערירט דעם כבוד פון דעם ווייסרוסישן דיכטער פּעטראָ

גליעבקאַ — דאָס האָט פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן אַבסאָלוט נישט געלוינט, נאָר ברענ־גען אַלס קרבן סאַיעוויטש׳ן — דאָס איז דאַן געווען אין זיינע, פּאָנאָמאַ־רענקאָ׳ס, בלוטיקע אינטערעסן.

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט מיט צאַנאַווע׳ס הילף פאַרוואַנדלט סאַיעוויטש׳ן אין אַן „אַמעריקאַנער שפּיאָן״, וועלכער האָט זיך פאַרקויפט טיטאָ׳ן און געגומען פון זיינע, טיטאָ׳ס משרתים מזומנים און ווערבירט אויך פאַר טיטאָ׳ן מענטשן אין ווייסרוסלאַנד. דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן ביליקן מעטאָד פון די מערדער־עמגעביסטן. מען האָט פאַבריצירט נאָך אַ שוידער־לעכן ענין, פונקט אַזאַ ווי דער ענין פונעם אַנטי־פאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און ווי דער ביראָבידזשאַנער ענין, וועגן וועלכן איך דערצייל איצט.

דורך דעם קרבן — סאַיעוויטש — האָט זיך פּאָנאָמאַרענקאָ „אָפּגע־טרייסלט״ פון טיטאָ׳ן און זיך ריינגעוואַשן אין די אויגן פון סטאַלינ׳ס שפּיר־הינט; זיי וועלן שוין אים נישט קענען אונטערשטעלן אַ פיסל פאַר סטאַלינען.

מיט טרערן אין די אויגן האָט מיר דער טויט־קראַנקער סאַיעוויטש דערציילט ווי אַזוי זיין פרוי איז אַרומגעלאָפן, אָפּגעשלאָגן די טירן פון די „הויכע פענצטער״, כדי אים צו ראַטעווען פון לאַגער. זי האָט זיך געוואָנדן צום צווייטן סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד, זימיאַנינען, גע׳טענה׳ט צו אים:

„איר, זימיאַנין, ווייסט דאָך אויסגעצייכנט, ווי ערלעך און ריין עס איז געווען סאַיעוויטש״.

אָבער זימיאַנין — פּאָנאָמאַרענקאָ׳ס אַ קנעכט, וואָס נאָר אַ דאַנק פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן איז ער פון אַ „קאָמיוגישן״ אָנפירער דערהויבן געוואָרן צו אַ סעקרעטאַר פון צ.ק. פון דער קאָמפּאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד און שפּעטער האָט ער אים אויך אַריבערגעשלעפּט קיין מאָסקווע — האָט זיך פון סאַיעוויטשעס פרוי אָפּגעטשעפּעט ווי פון אַ „זלידנער פליג״.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז סאַיעוויטש פאַר פאַרראַט און שפּיאָנאַזש פאַר׳משפּט געוואָרן צו 25 יאָר קאַטאָרגע. ווען סטאַלין איז געשטאָרבן, איז סאַיעוויטש געווען איינער פון די געציילטע אויף אונדזער לאַגער־פונקט, וועלכער האָט זייער באַדויערט, מיט טרערן אין די אויגן, דעם טויט פון „פאָטער פון די פעלקער״.

אינגיכן איז סאַיעוויטש טויט־קראַנק געוואָרן און אין יאָר 1954 האָט מען אים רעהאַביליטירט. נאָר ווען איך בין אינעם יאָר 1960 געקומען צוריק קיין מינסק, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין אַ פּאָר חדשים אַרום נאָך זיין צוריקקערן זיך פונעם סטאַלינישן לאַגער איז ער געשטאָרבן.

מיט מיין דערציילן וועגן סאַיעוויטש׳ן האָב איך געוואָלט בולט׳ער

אַרויסברענגען פּאָנאָמאַרענקאָ׳ס גרויזאַמע געשטאַלט... נישט צופעליק האָבן בעריאַ און סטאַלין באַשלאָסן צו הרג׳ענען מיכאָעלס׳ן אין מינסק אונטער פּאָנאָמאַרענקאָ׳ס אויפזיכט...

איך שטעל זיך אַזוי גענוי אָפּ וועגן פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן, ווייל איך האַלט אים פאַר דעם באַגייסטערער און פּראַקטישן דורכפירער פון די צוויי צענטראַלע אַנטי־יידישע פּראָצעסן אין די יאָרן 1949 — 1951 — דער מאָסקווער און דער ביראָבידזשאַנער. עס איז נאָך ווייט נישט ביזן סוף אויסגעקלאָרט פּאָנאָמאַרענקאָ׳ס שולד אין דעם בייזוויליקן אַנטיסעמיטיזם פון נישט וועלן אַריינעמען די יידן פון די געטאָס אין די ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן. דער פאַקט אַליין, וואָס עס זענען אין די אָקופּאַציע־יאָרן אין ווייסרוסלאַנד געשאַפן געוואָרן סטיכיש אייניקע דורכויס יידישע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, רעדט שוין אַ סך. די סאָוועטישע סיסטעם, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט נישט דערלאָזן פאַר קיין שום פּרייז צו אָרגאַנירן אויפן פראָנט און אויך אויף אָקופּירטע שטחים, אויסשליסלעך „נאַציאָנאַלע איינהייטן״. די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן אין ווייסרוסלאַנד זענען פון סאַמע אָנהייב אָן אָרגאַניזירט געוואָרן און געווען אָנגעפירט דורכן פּאַרטיזאַנישן צענטראַל־שטאַב אין מאָסקווע, מיט אַ בפירוש׳ן באַדינג, אַז אין יעדן אָטריאַד, בריגאַנדע, זאָל דער קאָמאַנדיר זיין אַ רוס, אוקראַיִנער אָדער ווייסרוס. דאָס שאַפן נאַציאָנאַלע איינהייטן פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן איז נישט דערלאָזט געוואָרן. דאָס אַליין איז שוין אַ באַווייז, אַז קיין יידן האָט מען אין פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן נישט גענומען. בכלל האָט מען נישט פּרובירט אַרויסצוראַטעווען די יידן פון די געטאָס פון ווייסרוסלאַנד.

איך קער זיך אום דירעקט צום מאָמענט, ווען אַלע אַכט באַשולדיקטע האָבן זיך געפונען אין דעם כאַבאַראָווסקער מ. ג. ב.־קאַבינעט ביים אונטערשרייבן די סך־הכל־פּראָטאָקאָלן פון פּראָצעס.

לויט די באַווייזן פון באַכמוטסקי׳ן און לעוויטינען, וואָס גייען אַריין אין די בענדער פון ענין, ווערט קלאָר, אַז ווען זיי האָבן נאָך געאַרבעט אין געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין אויספיר־קאָמיטעט, זענען באַכמוטסקי און לעוויטין געווען אַרויסגערופן פונעם סעקרעטאַריאַט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, ווו מאַלענקאָוו, בעריאַ און פּאָנאָמאַרענקאָ האָבן זיי שאַרף אָנגעגריפן פאַר די פּראָיעקטן און אַוואַנטורעס לגבי דער איבערוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן. אויף דער דאָזיקער זיצונג פון סעקרעטאַריאַט און צ. ק. האָבן מאַלענקאָוו און פּאָנאָמאַרענקאָ „פעסטגעשטעלט״ וועגן באַכמוטסקי׳ס און לעוויטינ׳ס אַנטי־פּאַרטייִשער טעטיקייט פון פירן סעפּעראַטע געשפּרעכן מיט צווייפלהאַפטע יידישע פּערזענלעכקייטן אין מאָסקווע מיטן ציל צו וועלן דיקטירן די העכסטע פּאַרטייִשע אינסטאַנצן

צו לייזן די „יִדן־פּראַגע" אין רוסלאַנד אויפן אַמעריקאַנישן אופן...

לויט די אויספאָרשונגס־מאַטעריאַלן ווערט קלאָר, אַז אויף יענער זיצונג פון סעקרעטאַריאַט איז שוין פּאַקטיש „געלייזט" געוואָרן דער גורל פון די ייִדישע אָנפירער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז די ייִדישע פּאַרטיייִשע אָנפירונג פון ביראָבידזשאַן פאַרביטן געוואָרן און דער פּאַרטיייִשער גורל פון די ייִדישע אָנפירער פון ביראָבידזשאַן איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די זיכערהייטס־אָרגאַנען.

די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס פון דער ייִדישער געגנט איז אַפילו נישט געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צוצוציִען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט די „שול־דיקע" פּאַרטיי־טוער פון דער געגנט. ביזן סאַמע טאָג פון אַרעסט איז מיין פּאַרטיי־בילעט געווען ביי מיר אין קעשענע; דאָס זעלבע אויך ביי פריד־מאַנ'ען, פראַדקינ'ען, רוטנבערג'ן (וועגן די איבעריקע ווייס איך נישט).

ביים צוריקשטעלן מיך אין דער פּאַרטיי, נאָך דער רעהאַביליטאַציע פונעם ענין אין צ. ק. פון דער פּאַרטיי פון אוזבעקיסטאַן, אין טאַשקענט (נאָך דעם ווי מען האָט מיך באַפרייט פון לאַגער בין איך אַוועקגעפאָרן צו מיין פרוי און קינדער אין נאַמאַנגאַן, אוזבעקישע ס. ס. ר.), האָט מען מיר צום אַלעם ערשטן געפרעגט: וועלכע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט אייך אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי? האָב איך געענטפערט, אַז קיינער האָט מיך פון דער פּאַרטיי נישט אויסגעשלאָסן און אַז מיין פּאַרטיייִשקייט איז אין ערגעץ נישט באַהאַנדלט געוואָרן. אין צ. ק. פון דער פּאַרטיי פון אוזבעקיסטאַן האָט מען אין יאָר 1956 נישט געוווּסט אָדער זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק וועגן דעם.

די מ. ג. ב. האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו רעכענען זיך מיט פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. די גאַנצע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון ביראָבידזשאַן איז געווען אונטערן חשד פון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש און פאַרראַט. די ייִדן פון דער אויטאָנאָמער ייִדישער געגנט זענען אין 1949 דורך דער סטאַלין־אָנפירונג באַטראַכט געוואָרן אַזוי ווי די קאַלמיקן, טשערקעסן, אינגושן און וואָלגער דייטשן אין די יאָרן 42—1941, ווען מען האָט זיי אין פאַרלויף פון שעה'ן אַלעמען, פון קליין ביז גרויס, צוזאַמען מיט זייערע געגנט אויספיר־קאָמיטעטן און פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אַרויסגעשיקט אין די ווייטע מקומות. מען האָט דאַן פּראָסט־און־פּשוט באַשטימט צו ליקווידירן די דאָזיקע אויבן־דערמאָנטע פעלקער.

וואָס שייך דער אויספאָרשונגס־טעטיקייט פון כאַבאַראָווסקער געגנט־לעבער מ. ג. ב., איז נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אָזירסקי מיט זיינע געהילפן אין כאַבאַראָווסק, און מיט דער הילף פון מאָסקווער, מינסקער,

קיעווער געהיים־פּאָליציי, האָבן זיך באמת צו מאַכן „רייכער" און דער עיקר מער געשוואָלענער און פילצאָליקער די „בענדער" פון ענין, איז די באַשולדיקונג אַרויסגעקומען האַמעטנע, אויפאינדערגיך צונויפגעסטריגעוועט מיט די שטאַמפּאָווע „קונצן" פונעם עמגעביסטישן רעקוויזיט.

אַזירסקי האָט צוהילף אַרויסגערופן מיטן עטאַפּ פון לאַגער דעם שוין פאַר׳משפּט׳ן ביראָבידשאַנער שרייבער בוזי מילער, וואָס איז אַ גאַנצן זומער אָפּגעזעסן אין אַן איינצל־קאַמער, און מען האָט פאַר אים געשאַפן „באַדינגונגען", ער זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט צו „דערגענצן" אייגנהאַנטיק אויף אַן אַ שיעור זייטלעך פּאַפּיר און מאַכן „פּוכלער" דעם „ביראָבידשאַנער ענין".

פון דעם אַלעם איז די באַשולדיקונג אין מלוכה־מרידה אַרויסגעקומען זייער שוואַך. דאָס אַלץ וואָס איך האָב געהערט אין משך פון די פיר טעג פון לייענען די פּראָטאָקאָלן (און נישט אַלץ האָב איך געהערט און נישט אַלץ האָט מען געלייענט — אַזירסקי האָט אונטערגעאיילט און זיך אַלץ „גע־חכמה׳ט" — וויפל איז דער שיעור „אַזעלכע שיינע לייט" ווי מיר זענען, צו קאָרמענען מיט מיטאָגן פון כאַבאַראָווסקער רעסטאָראַן), איז געווען ענלעך צו דעם וואָס מען זאָגט אויף אונדזער קלוגן יידיש־לשון: „ער האָט מיר איינגערעדט אַ קינד אין בויך".

אַלע באַשולדיקונגען צוזאַמען, אויך די וואָס מיר אַליין האָבן טיילווייז אויף זיך אויסגעטראַכט אונטער טויט־דראָאונגען און אומאויפהערלעכער פיזישער און מאָראַלישער פּייניקונג אין משך פון לאַנגע חדשים פון זיצן אין איינצל־קאַמערס, זענען געווען אַן אויסגעבלאָזענע איי און זענען געווען צונויגעקלעפּט מיט שפּייעכץ און מיטן שוים פון אַזירסקי׳ס ליפּן. ער איז געקראָכן פון דער אייגענער הויט צו באַשמוצן און פאַרשוואַרצן אונדז מיט בילבולים און שקרים, כדי צו מאַכן פון אונדז אַ צענטראַלן אַנטי־יידישן ענין פאַר בעריאַ׳ן, פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן, מאַלענקאָוו׳ן, סטאַלינען.

צווייטער טייל

דער מאָסקווער משפּט איבער די ביראָבידזשאַנער

ווידער ציִען זיך מיינע גרויליקע טעג און נעכט...

דער איינציקער מקור מיינער — דער זכרון. קיין שום הילפס־מאַטעריאַל פֿאַרמאָג איך נישט. די געשעענישן, וועגן וועלכע איך וויל זיך איצט שריפטלעך דערמאָנען, זענען פֿאָרגעקומען אומגעפֿער אין נאָוועמבער 1951טן יאָר ביזן סוף פֿעברואַר 1952.

אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער פונעם יאָר 1951 האָט מען מיך פֿון מיין איינצל־קאַמער אין דער כאַבאַראָווסקער תּפֿיסה פֿון מ. ג. ב׳ אַריבערגעפֿירט אין אַן אַלגעמיינער קאַמער, אין וועלכער עס האָבן זיך אויסער מיר געפֿונען נאָך אַ 5—6 אַרעסטאַנטן.

איך האָב צוערשט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס די דאָזיקע ענדערונג באַטייט, נאָר אין משך פֿון עטלעכע טעג, טראַכטנדיק אָן אָן אויפֿהער בייטאָג און ביינאַכט וועגן מיין ענין און אין מיינע געשפּרעכן מיט די נייע שכנים פֿון דער קאַמער, האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז די דאָזיקע ענדערונג פֿון אַריבערפֿירן מיך פֿון דער איינצל־קאַמער אין אַן אַלגעמיינער, באַטייט — אַזוי ווי די אויספֿאָרשונג מיינע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין טאָג פֿון אַרעסט, דעם 17טן מאַי 1951, האָט זיך פֿאַרענדיקט און מיין ענין צוזאַמען מיט די ענינים פֿון די איבעריקע זיבן מענטשן, וואָס מיר אַלע אַכט האָבן מיט זיך פֿאַרגעשטעלט דעם „ביראָבידזשאַנער ענין״, איז גרייט פֿאַר דער „אָסאָ״ (ספּעציעלער בעראַטונג — „אָסאָבאָיע סאָוועסטשאַניע״), לויטן אַלטן, איינגעפֿונדעוועטן שטייגער פֿון „טשעקאָ״, געפּעאו״, ווען קיין שום געריכטן וועגן פּאָליטישע פֿלעגן מערסטנטייל נישט פֿאָרקומען, נאָר אַנשטאָט דעם איז דאָן טעטיק געווען די טרויעריק־באַרימטע „טרויקע״ (דריילינג), וואָס פֿלעגט לייזן שנעל דעם גורל פֿון דעם אַרעסטירטן.

אין די פֿאַר־ און נאָך־מלחמה־יאָרן איז די „טרויקע״ פֿאַרביטן געוואָרן מיט דער „אָסאָ״ (ספּעציעלע בעראַטונג). פֿאַקטיש איז אין דער סיסטעם פֿון

פאַראורטיילן מענטשן אָן אַ געריכט ,הינטעראויגיק, קיין שום ענדערונג נישט פאָרגעקומען. פריִער האָט דאָס געהייסן די „טרויקע״ און איצט „אָסאָ״ (אָסאָבאָיע סאָוויעשטשאַניע); דער באַשולדיקטער האָט סיי פריִער סיי איצטער קיין אַנונג נישט געהאַט, ווען עס וועט זיין ענין באַהאַנדלט ווערן. אָן עדות, אָן אַן אַדוואָקאַט, אָן דעם אייגענעם בייזיין, האָט דער אַרעסטירטער בלויז באַדאַרפט בלינד וואַרטן (ווייל ענינים זענען דאָך געווען אין די צענדליקער טויזנטער), ווען מען וועט אים אין אַ „שיינעם באַגינען״ אַריינ־טראָגן אין קאַמער דאָס פּאַפּירל מיטן אורטייל און ער וועט בלויז דאַרפן חתמ׳ענען זיך אין דעם, אַז ער ווייס וועגן זיין פסק־דין.

אויף קיין פאַרהערן פלעגט מען מיך שוין נישט אַרויסרופן און איך האָב געוואַרט אויף דעם אורטייל פון „אָסאָ״.

אָבער עס איז קיין חודש נישט אַדורך, ווי מען האָט מיך צוריק פון דער אַלגעמיינער קאַמער אַריבערגעפירט אין אַן איינצל־קאַמער. וואָס האָט פּאַסירט? ווידער האָט מען מיך אויפן 20־מינוטיקן שפּאַציר אַרויסגעפירט איינעם אַליין און ווידער האָבן מ. ג. ב.־וועכטער אָן אַן אויפהער אַריינגע־קוקט און באַטראַכט מיך דורך דעם טיר־אייגל, „וואָלטשאָק״. דערפילט האָב איך, אַז עפּעס איז געשען, אַז עמעצער האָט פון די גאַר־גאַר הויכע פענצטער אַ „פּאַרקע״ געטאָן אינעם „ביראָבידזשאַנער ענין״ און דער ענין נעמט אָן אַן אַנדער ריכטונג...

כך הווה: אין אַ וואָך אַרום עפנט זיך די טיר פון מיין איינצל־קאַמער און עס קומט אַריין אין דער באַגלייטונג פון צוויי „נאַדזיראַטעלעס״ דער שעף פון דער תפיסה. ער האָט מיר געמאָלדן:

— אייער ענין גייט איבער צו די העכסטע געריכט־אינסטאַנצן. איר האָט נישט וואָס צו וואַרטן אויף דער „אָסאָ״. עס וועט אייך משפּט׳ן אַ געריכט און נעמלעך — די מיליטערישע קאָלעגיע פון העכסטן געריכט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

און פון דעם טאָן און אופן פון אָנזאָגן מיר די דאָזיקע בשורה, האָט מיר אַ דונער געטאָן אין האַרצן... ווען עס וועט זיין דער משפּט און ווו ער וועט פאָרקומען און ביי וואָס פאַראַ אומשטענדן — דאָס איז פאַר מיר געבליבן אומבאַוווּסט.

און ווידער ציִען זיך מיינע גרויליקע טעג און נעכט אין דער איינצל־קאַמער. יעדע רגע עפנט זיך דאָס לעדעלע איבערן „אויגל״ פון מיין קאַמער און עס קוקט אין איר אַריין דער „נאַדזיראַטעל״ און באַטראַכט מיך, ווי אַזוי איך זיץ, ווי אַזוי איך שטיי און אויב ער באַמערקט אין די בייטאָגיקע שעה׳ן, אַז עס נעמען זיך קלעפּן מיינע אויגן, מינטערט ער מיך תיכף מיט אַ געשריי:

— ניע ספּאַט; (נישט שלאָפן).

אַזוי ווי קיין פֿאַרהערן זענען שוין נישט געווען, אויף די „דאַפּראָסן" האָט מען מיך שוין נישט געשלעפּט, האָב איך לגמרי פֿאַרגעסן דעם חשבון פֿון די טעג און וואָכן. בעת'ן גיין אויף די פֿאַרהערן פֿלעג איך זיך אָנ־שטויסן, ווען עס איז זונטיק (זונטיק פֿלעגט מען מיך אויפֿן פֿאַרהער נישט פֿירן) און ווען דאָס פֿאַרקראַטעוועטע פֿענצטער אין מיין קאַמער איז שוין געווען אינגאַנצן אין פֿראָסט, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז עס מוז זיין רעכטער ווינטער.

אין דער אַלגעמיינער קאַמער איז אַ פּאָר מאָל אַריינגעקומען די מעד־שוועסטער פֿון תפיסה אַרומשערן אונדז די בערד מיט אַ שערל; ראַזירן פֿלעגט מען נישט. נאָר אין דער איינצל־קאַמער בין איך ווידער אַרומגע־וואַקסן געוואָרן ווי אַ בער און איך פֿלעג גאַנצע טעג ליגן אויף דער נאַרע און צופּן די פּאָר מיר אַליין עקלדיקע האָר פֿון מיין שטעכיקער באָרד. איך בין געלעגן אויף דער נאַרע פֿאַרשטאַרט, פֿאַרשמעליעט, ווי אַ חיה'לע פֿאַררוקט אין אַ ווינקל און פּונקט אַזוי פֿאַרשטאַרט און פֿאַרגליווערט איז געוואָרן מיין באַוווּסטזיין, מיין מאַרך.

איצט, ווען איך פּרוּוו באַדענקען און באַטראַכטן יענע פּיינפֿולע פּאָר מיר טעג, דאַכט מיר, אַז דער כאַבאַראָווסקער מ.ג.ב. וואָלט גאָרנישט געאַרט, אַז אינעם גאַנג פֿון דער אויספֿאַרשונג זאָל איך זיך „אָפּטראָגן", מאַכן דעם שטאַרב. מיין זיין אַ פֿאַרדינסטפֿולער אינוואַליד פֿון דער פֿאָטער־לענדישער מלחמה האָט זיך סתם נישט געפּאַרט מיט די האַרבע באַשול־דיקונגען וואָס זענען קעגן מיר אַרויסגעשטעלט געוואָרן. צו שטאַרק האָבן זיך אַרויסגעזען די „געשטריגעוועטע נעט" פֿון דעם פֿאַבריצירטן ענין.

מיין אָנטאָן איז שוין אויף מיר געווען אינגאַנצן צעפּליקט, מען קען זאָגן צעפּוילט. די שיכלעך מיינע זענען געווען לייכטע, נישט קיין ווינטער־דיקע און האָבן „געבעטן עסן". און פֿרעסט זענען שוין געווען שטאַרקע, ווייט־מזרח'דיקע, אַזוי אַז פֿון די 20־מינוטיקע שפּאַצירן האָב איך זיך אָפּגעזאָגט און קיינער האָט זיך נישט געקליבן צו איינשמועסן מיר, איך זאָל יאָ שפּאַצירן, ווי איינער רעדט — טו ווי דו ווילסט, אַבי קלאַפּ זיך נישט מיטן קאָפּ אין וואַנט, ווייל דאָס ווערט באַטראַכט ווי אַ פּרוּוו צו באַגיין זעלבסטמאָרד און דאָס איז לויט דער תפיסה־אינסטרוקציע שטרענג פֿאַרבאָטן.

ביז איין מאָל אין אַ מיטן נאַכט (אומגעפֿער, אין וואָס פֿאַר אַ חודש דאָס איז געווען, האָב איך ערשט אָנקומענדיק אין לאַגער אויסגעחשבונ'ט — דאָס האָט געמוזט זיין סוף יאַנואַר 1951) האָט מען מיך, ווי דער שטייגער איז, אויפֿגעוועקט מיט אַ געשריי: „ס'וויעשטשאַמי" (מיט די זאַכן). איך האָב גיך־גיך, אויף וויפֿל דאָס איז מעגלעך, אַרויפֿגעצויגן אויף זיך מיין פֿראַטעז, די הייזלעך מיינע די צעריסענע, דינע; קיין וואַרעמע וועש איז

ביי מיר נישט געווען, אויך מיין פידזשאַקל אַ צעפּליקטס ,שוין אַ צעשאָטנס; דאָס איינציקע, וואָס עס האָט מיך אַ ביסל דערוואָרעמט איז געווען מיין מיליטערישער שינעל. (דעם דאָזיקן שינעל האָב איך באַקומען אין טשע־ליאַבינסקער מיליטערישן שפּיטאָל. נאָך דעם ווי איך בין דאָרט אַ האַלב יאָר אָפּגעלעגן, געמאַכט דאָרטן אַ רעאַמפּוטאַציע, האָט מען מיך אין מערץ 1946 אין שפּיטאָל גופא ביים פאַרלאָזן אים, דעמאָביליזירט פון דער סאָ־וועטישער אַרמיי און דאַן מיר געגעבן אַ נייעם אָפיצערישן שינעל. דאָס איז דערנאָך געווען מיין היימישע רעליקוויע, מיין אָנדענק פון די שלאַכטן און אין דער נאַכט פון מיין אַרעסט האָב איך אים אָנגעטאָן, כדי מיין גוטן ווינטערדיקן ציווילן מאַנטל איבערצולאָזן מיין פרוי און קינדער. מיין פרוי זאָל עס קענען פאַרקויפן צו פאַרגרינגערן די טראַגיש־אויסזיכטלאָזע לאַגע אין דער משפּחה. מיין פרוי איז געבליבן מיט צוויי פּיצלעך קינדער אויף די הענט).

אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין...

מען האָט מיך ממש געטריבן דורך די לאַנגע שטאַרק־באַלויכטענע תפיסה־קאָרידאָרן, דורך די אָנצאָליקע אייזערנע טירן; עס האָבן געקלימ־פּערט און געקלאַפּט די שליסל־טירן, די אינעווייניקסטע אייזערנע תפיסה־טויערן. איך האָב דערפילט, אַז אין דער כאַבאַראָווסקער מ. ג. ב.־טורמע קומט עפּעס פאָר זייער וויכטיקס, אין וואָס איך בין אויך אַריינגעמישט: דאָס האָט מען אַרויסגעפירט פון דער תפיסה אין ווייטן וועג אַריין די גאַנצע גרופּע פונעם „ביראָבידזשאַנער ענין”.

ענדלעך האָט מיך אַ ברײ געטאָן די ביינאַכטיקע שאַרפע, פראָסטיקע ווינטער־לופט, אָבער נישט אויף לאַנג — האַרט ביים אַרויסגאַנג פון דער תפיסה האָט שוין אויף מיר געוואַרט דער „שוואַרצער וואָראָן” (תפיסה־אויטאָבוס). צוויי „נאַדזיראַטעלעס” גיבן מיך אַ הויב און מ׳שטופּט מיך אַריין, ווי אַ זעקל, אין איינעם פון די אָפּטיילונגען — אַן ענג שטייגל גופא אינעם „שוואַרצן וואָראָן”. די מאַשין רירט זיך, מ׳פירט מיך אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין...

דאָס הילכיקע פייפן פון די לאָקאָמאָטיוון און דער ספּעציפישער גערוך פון די לאָקאָמאָטיוו־רויכן האָבן מיר צוויסן געגעבן ,אַז דער „שוואַרצער וואָראָן” איז צוגעפאָרן צו דער באַן־ליניע. און ווידער שלעפּן מיך צוויי „נאַדזיראַטעלעס” אַרויס פון שטייגל, וואָס אינעם „שוואַרצן וואָראָן” און

פירן מיך ווי אַ חתן צו דער חופּה איבער די פּראָסטיק־גליטשיקע אייזנבאַן־רעלסן צום „וואַגאָן־זאַק" (אַרעסטאַנטישער וואַגאָן). נאָר נישט אין אַ פּשוט'ן „וואַגאָן־זאַק" אין וועלכן מ'פלעגט ווי גענוויינטלעך אַריינקוועטשן אַרעסטאַנטן ווי הערינג אין אַ פעסל, נאָר מ'האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ „פּלאַצקאַרטנעם", „אַריסטאָקראַטישן" וואַגאָן־זאַק, וווּ פאַר יעדן אַרעסטאַנט איז אויסגעטיילט אַ באַזונדערע קופּע, אמת אַ שמאָלע ווי אַ קבר, אַ קופּע בלויז פון צוויי נאַרעס — אַן אונטערשטע און אויבערשטע, אין איין זייט.

הינטער דער טיר פון מיין „קופּע" איז טאָג און נאַכט אין משך פונעם גאַנצן וועג פון כאַבאַראָווסק ביז מאָסקווע געשטאַנען אַ סאָלדאַט פון די זיכערהייטס־כוחות, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין מיין „וואָלטשאָק", באַטראַכט מיך ווי אַזוי איך פיל מיך... די וואַך האָט זיך געביטן, נאָר ווי אָפט האָב איך נישט געוווּסט. דעם וואַגאָן־זאַק האָט מען כמעט נישט באַהייצט. ווען דער אַרעסטאַנטן־וואַגאָן איז, ווי דער שטייגער, אָנגעפּאַקט מיט אַרעסטאַנטן, ווערט נישט באַהייצנדיק אים, צו הייס. אָבער איך האָב די גאַנצע צייט פונעם וועג שרעקלעך געליטן פון קעלט. אין מיין שלעכטן, נישט־ווינטערדיקן אָנטאָן, האָב איך קוים דערהאַלטן מיין נשמה. סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט האָב איך נאָכאַנאַנד אָנגעטאָן און אויסגעטאָן מיין שינעל, כדי מיט אים אַרומצוּוויקלען מיינע „פּרוטהאַלבן" פיס. באַזונדערס האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין פרירן מיין כלומרשט גאַנצער רעכטער פוס, וואָס בויגט זיך נישט אין קני. דאָס וואָס ער בויגט זיך נישט, האָט מיר נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט צונויפקאָרטשען, צונויפדרייען זיך, עס זאָל מיר עטוואָס וואַרעמער ווערן. עס פלעגן אַזש נעמען שטעכן די פינגער פון קעלט און איך פלעג זיך ממש קיין אָרט נישט געפינען פון פּיין. פלעג איך שטייף אַרומוויקלען דעם פוס מיט מיין שינעל, כדי אויף אַזאַ אופן עטוואָס אים דערוואַרעמען. נאָר זייער לאַנג האָב איך מיר דאָס פאַרגעניגן נישט געקענט דערלויבן, ווייל עס פלעגט מיר פלוצעם שוידערלעך קאַלט ווערן אין די אַקסלען און איך פלעג ווידער אָנטאָן דעם שינעל אויף די אַקסלען. און אַזוי האָב איך אין משך פון די ניין־צען מעת־לעת פון מיין „רייזע" כאַבאַראָווסק — מאָסקווע (צען טויזנט קילאָמעטער) געהאַלטן אין איין אויסטאָן און אָנטאָן מיין שינעל.

אין די פּראָנט־טראַנשייען פלעג איך אין אַזאַ פאַל טופּען אויף איין אָרט און זיך דערוואַרעמען. נאָר אין מיין לאַגע, ווען איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס צו טופּען, איז מיר טאַקע געווען זייער ביטער. שטעל איך זיך גאָרנישט פאָר, ווי אַזוי איך האָב עס אויסגעהאַלטן און נישט דערפראָרן געוואָרן און נאָך מער, אַפילו נישט צוגעקילט זיך. איין גאָט אין הימל ווייס, פון וואַנען עס נעמען זיך ביי מענטשן כוחות, פאַרבאָרגענע רעזערוו־קרעפטן?

איך מיין, אַז געהאָלפֿן האָט מיר אין דעם די פֿאַרהאַרטעוועטקייט פֿון די מלחמה־יאָרן. איך בין שוין געווויינט געווען צו פֿרירן אין די קאַלטע ווינטער־טראַנשייען און אין אַן עת־צרה, אין אַ גרויס געפֿאַר קומען אויף כּוחות צו גובר זיין אַלדאָס שלעכטע און אויסגאַנגלאָזע. און גראָד מענטשן אויסגעכאַליעטע, וואָס ווייסן נישט פֿון קיין שלעכטן טאָג אין זייער לעבן, איז ביים ערשטן צונויפֿשטויסן זיך מיט אַ שוועריקייט און געפֿאַר ווערן זיי איינס־און־צוויי צוזאַמענגעבראָכן.

מ׳דערציילט, אַז אין 1953, ווען עס איז צעגראַמירט געוואָרן די בעריע־גאַנגלידזע גרופּע און מ׳האָט אין מינסק אַרעסטירט דעם מיניסטער פֿון מ. ג. ב. פֿון ווייסרוסלאַנד, דעם אויסגעפּאַשעטן גרוזין צאַנאַווע, וועלכער האָט זיך אין די יאָרן 1949—50 איזדעקעוועט איבער די ייִדישע שרייבער פֿון ווייסרוסלאַנד, אייזיק פּלאַטנער און הירש קאַמענעצקי, האָט ער, צאַנאַווע, קיין צוויי וואָכן נישט אויסגעהאַלטן און „אויסגעצויגן די פֿיס״ אין דער תּפֿיסה גופֿא.

אין משך פֿון דער לאַנגער נסיעה כאַבאַראָווסק — מאָסקווע האָט מען מיר געגעבן יעדן טאָג אַ פּייקע שוואַרצן ברויט מיט אַ שטיק ווייט־מזרח׳דיקער קעטאַ (אַ פֿעטער, זייער געזאַלצענער סאָרט הערינג). פֿון דעם ראָפּע־פֿיש ווערט מען באַלד דאָרשטיק און טרינקען קאַלטע וואַסער גיט מען בלויז צוויי מאָל אין מעת־לעת. האָב איך זיך גענומען מאַטערן פֿון דאָרשט און אויפֿגעהערט זיך צורירן צום פֿיש, באַנוגנדיק זיך בלויז מיט דעם וואָס איך פֿלעג אָפּשטשיפּען אַ ביסן ברויט און זיך ווערגן מיט דעם. און מאָדנע, איך האָב אַפֿילו קיין הונגער נישט געפֿילט. ווען איך בין וואַך געווען, און מיר דאַכט, אַז איך בין נישט איינגעשלאָפֿן אין פֿאַרלויף פֿון דעם גאַנצן וועג, בין איך פֿול געווען מיט האַלוצינאַציעס, קאָשמאַרן, דעפּרעסיע און גלייכגילט און דאָס אומרויִקע הייסע בלוט אין מיין האַרצן האָט געמוזט פֿאַרגליווערט ווערן אַזוי ווי די שטיקלעך געזאַלצענע פֿיש און פּייקעס ברויט אויף דער אויבערשטער נאַרע פֿון מיין „קופּע״.

טעלעכע מאָל אין מעת־לעת, ביי טאָג און ביינאַכט, פֿלעגט זיך פּלוצעם עפֿענען די טיר פֿון מיין קופּע־קאַמער און אַ זיכערהייט־סאָלדאַט פֿלעגט אַריינקומען און מיט אַ ביקס־שאָמפּל שנעל־שנעל אַרומטאַפּן און אַרומ־קלאַפּן דעם דיל, די ווענט און דעם סופֿיט. אַ קשיא אויף אַ מעשׂה: אפֿשר האָב איך זיך איינגעקליגט מיט מיינע צעפּרוירענע פֿינגער אויפֿצוברעכן דעם מיט בלעך געדעקטן דיל פֿון וואַגאָן, אָדער דורכבּרעכן אַ ווענטל און עס פֿאַרמאַסקירן, כּדי אין אַ געלונגענעם מאָמענט אין גאַנג פֿונעם צוג אַרויסשפּרינגען ערגעץ לעבן טשיטאַ, אָדער בייקאַל... און מאַכן אַ ויברח אויף מיינע קוליעס איבער די פֿאַרשנייטע טויזנט־מייליקע סיבירער וועל־דער און פֿעלדער...

אינעם פאַרלויף פון דער לאַנגער נסיעה האָב איך געהאַט צוויי „פערעסאַדקעס" (איבערשטייגן פון באַן צו באַן). מ'טשעפּעט אָפּ פון דעם פּאָסט־באַן כאַבאַראָווסק — מאָסקווע דעם וואַגאָן־זאַק און ביז מען טשעפּעט אים צו צו אַן אַנדער באַן געדויערט עס אַ נאַכט. איינע פון די צוויי „פערעסאַדקעס" האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון — מ'האָט מיך געבראַכט צו פירן אין דער קראַסנאָיאַרסקער תפיסה פון מ. ג. ב. און אַריינגעפירט אין אַן איינצל־קאַמער — קאַזעמאַט, פאַר צום־טויט־פאַר־משפּט'ע, ענלעך אויף אַ הייל, דורכויס פון צעמענט, סיי דער דיל און סיי דאָס געוועלב. אין מיטן פון דעם קאַזעמאַט — אַ לאַנגער, פירקאַנטיקער קאַסטן, ווי אַ פאַרמאַכטע טרונע. די אויבערשטע דעק פון דער „טרונע" האָט באַדאַרפט זיין מיין געלעגער. קיין שום אַנדער טורמע־מעבל איז אין דער קאַמער נישט געווען — נישט קיין טאַבורעט, נישט קיין טומבאַטשקע — בלויז דער טרונע־קאַסטן און די בלעכנע פּאַראַשע.

איך האָב זיך אַלץ געפּרוווט איינצומאָסטיען אויף דעם ברעט, געמאַ־טערט זיך, געדרייט זיך אויף די זייטן, פרירנדיק פון קלעט. און אויב איך האָב געציילטע קאַשמאַרע רגע'ס געכאַפּט אַ דרימל, איז דאָס געווען אַ שלאָף אונטער דער תליה...

ווען דער וואַגאָן־זאַק איז אָנגעקומען אין דער פרי קיין מאָסקווע, האָט מען מיך אַראָפּגעכאַפּט, ווי דער רוח דעם מלמד, פון די הויכע וואַגאָן־טרעפּלעך און פיר מ.ג.ב.־זעלנער, מיט די אָנגעציילטע אויטאָמאַטן אויף מיר, האָבן מיך געפירט איבער די מאָסקווער אייזנבאַן־רעלסן צום „שוואַרצן וואָראָן" ביים קאַזאַנסקער וואָקזאַל. מיין שינעל איז אויף מיר געווען צע־פּראַלט, אונטערן צעפליקטן זומער־פּידזשעקל — מיין שוואַרצע מיליטערישע גימנאַסטיאָרקע (די וועלכע איך האָב באַקומען ביים דעמאָביליזירן זיך פון דער אַרמיי אין טשעליאַבינסקער שפּיטאָל) און אויף איר, אויף מיין ברוסט, זענען קענטיק געווען די סימנים, ווי שאָטנס, פון די אָרדנס און מעדאַלן, וועלכע זענען צו איר געווען צוגעפעסטיקט, ווען איך בין נאָך געווען אַ כשר'ער פּאַרדינסטפולער אָפיצער פון דער סאָוועטישער אַרמיי. אויף די קוליעס, אַ באַוואָקסענער, אין די אָפּגעטראָגענע שיכלעך אָן שוכבענדלעך, האָב איך אין יענעם פּראָסטיקן מאָסקווער באַגינען אויסגעזען טאַקע אַזוי ווי די מ.ג.ב. האָט עס געוואָלט — ווי אַ גרויסער פּאָליטישער פאַרברעכער און שונא פון פאָלק. איך האָב קיין פּיצל מוט נישט געהאַט און כוח אַ קוק צו טאָן אַרום זיך, אויפצוהייבן אויף מענטשן מיינע אויגן. דערצו, בין איך געווען געצוווּנגען צו טרעטן פאָרזיכטיק איבער די רעלסן, איך זאָל זיך נישט אויסגליטשן און פאַלן אַרומגערינגלט מיט די באַוואָפנטע מ.ג.ב.־באַגלייטער. מען האָט מיך געהיט און איך האָב צוזאַמען מיט זיי געהיט מיין טראַגיש־פּיצל לעבן...

דער „שוואַרצער וואָראָן" האָט מיך לאַנג געפירט איבער די מאָסקווער גאַסן און פלעצער. אינעם קעסטל־שטייגל, וואָס אינעווייניק אין דער מאַשין, אַ טאָפּל־פּאַרמאַכטער, האָב איך בלויז געקענט הערן דעם באַגינענדיקן גע־רויש פון די מאָסקווער גאַסן, דעם גרילץ פון די טראַמווייען, דאָס הודזשען און פייפן פון די אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן. געקענט האָב איך נאָר אויפ־כאַפּן שטיקלעך רוסישע רייד פון פאַרבייגייענדיקע.

פונעם פאָלק, פונעם המון, פלעגט מען אויסבאַהאַלטן, איבערהויפּט אין מיטן העלן טאָג און קיינער וואָלט זיך גאָרנישט אָנגעשטויסן, אַז אָט די מאַשין איז דאָס דער „שוואַרצער וואָראָן", וואָס פירט פּאָליטישע אַרעס־טאַנטן, ווייל מערסטנטייל זענען אויף די אויסערלעכע ווענטלעך פון די דאָזיקע ספּעציעלע אויטאָבוסן („שוואַרצע וואָראָנס") געווען מיט גרויסע אותיות אָנגעצייכנט — „כליעב" (ברויט). גלייך דאָס איז אַ געוויינטלעכע מאַשין פון אַ בעקעריי, וואָס פירט פונאַנדער באַגינען פרישן ברויט אין די ברויט־קראָמען.

ענדלעך האָט די מאַשין מיך געבראַכט צו דער סאַמע־שוידערלעכער סאָוועטישער מיליטערישער תפיסה אין מאָסקווע — ליעפאָרטאָווע: אַ קאָ־לאָסאַלער קאָמבינאַט, ווו עס פלעגן אין משך פון יאָר־צענדליקער פאַר־קומען די גרויזאַמסטע מאָסקווער מאַסן־עקזעקוציעס פון די טשעקאָ און ג. פּ. או.־יאָרן איינגעשלאָסן די מ. ג. ב. אין די מלחמה און נאָך מלחמה־יאָרן.

מ'האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ פוסטן גרויסן צימער, ווו עס איז בלויז געשטאַנען אַ לאַנגער, מיט גאָרנישט באַדעקטער, הילצערנער טיש און צוויי טאַבורעטקעס. אַ תפיסה־מענטש אין אַ שוואַרצן שינעל האָט נישט געאיילט בודק געווען מיינע צעפליקטע בגדים. ער האָט דורכויס פונאַנדערגעטרענט אַלע נעט פון מיין שינעל, צעפליקטן פידזשעקל, מילי־טערישן אויבער־העמדל, דאָס שוין צעשאָטענע אונטערהעמד אויף מיין לייב. ער האָט אויפגעריסן די פּאַדמיאָטקעס פון מיינע שוין צעפאַלענע קוים לעבעדיקע זומער־שיכלעך. ער האָט דורכגעטאַפּט און איבערגעטאַפּט יעדן מילימעטער פון מיין אָנטאָן, אפשר האָב איך זיך איינגעקילגט צו באַהאַלטן אַ נאָדל, אַ זיכער־שפּילקע, אַ פּיצל גלאָז, אַ פּיל, אַ פּראָשעק סם, כדי צו באַגיין זעלבסטמאָרד. און אַז ער האָט פאַרענדיקט די אונטערזוכונג, האָט דער תפיסה־מענטש נאָך אַלץ געקוקט אויף מיר מיט דורכדרינגלעכע פרעגנדיקע בליקן, ווי איינער רעדט: „מאָך מיך נישט אומגליקלעך, אפשר האָסטו דאָך עפּעס פאַרטייעט?" ער האָט אַריינגעקוקט אין מיין מויל, גע־

נישטערט צווישן מיינע ווייניק איבערגעבליבענע ציין און דערנאָך, איינגאַנצן אַ נאַקעטן, געצוווּנגען מיך אָנצובויגן זיך און געקוקט מיר אין...

ביים אַריינפירן אין ליעפּאַרטאָוועך קאַזעמאַט נומער 4 אויפן ערשטן שטאָק, האָט מען ביי מיר צוגענומען מיין פּראַטעז, וואָס דינט מיר פאַר אַ לינקן פוס, מיין קוליע־שטעקן, מיינע קוליעס און מיינע ברילן. און אַזוי ווי אויף מיין כלומרשט גאַנצן רעכטן פוס קאָן איך נישט שטיין, ער איז אויך שווער פאַרווונדעט, בין איך אין איין רגע מגולגל געוואָרן אין אַ פּויזענדיקער באַשעפעניש. איך בין אַרומגעקראָכן איבערן צעמענטענעם דיל פון קאַזעמאַט צווישן דער נאַרע און דער טואַלעט־לאַטרינע.

כדי צו באַקומען שפּייז דורכן קאַזעמאַט־פענצטערל, פלעג איך מיט מיין אַמפּוטירטן פוס שטעלן זיך פון דער נאַרע אויפן איינציקן טאַבורעטל, וועלכן איך האָב צוגערוקט צווישן דער נאַרע און דער קאַזעמאַט־טיר און אויף אַזאַ אופן אַריבערטראָגן דאָס באַקומענע שיסל געקעכץ צוריק אויף דער נאַרע ביז דער טומבעטשקע, וואָס איז געשטאַנען האַרט צוקאָפּנס פון מיין נאַרע.

דער וואַסער־קראַן מיטן אָפּגוס איז געווען זייער נאָענט צו דער אָפּטריט־לאַטרינע. מיט דער הילף פון דער זעלבער טאַבורעטקע האָב איך געקענט ביים קראַן אויסוואַשן מיין בלעכענעם טעלער און לעפל און דאָס איבערגעבליבענע עסעכץ אַראָפּשווענקען אין דער לאַטרינע. קיין טואַלעט־פּאַפּיר, אָדער אַפילו עפּעס אַן אַנדער שטיקל פּאַפּיר האָט מען נישט געגעבן. דאָס איינציקע מאָל, ווען איך האָב זיך געהאַט געווענדט וועגן דעם צום וועכטער מיט מענטשלעכע רייד (די וועכטער איז, ווייזט אויס, געווען שטרענג פאַרבאָטן מיט מיר צו רעדן), האָט ער מיר געענטפערט:

— פּאַלטשיקאָם... (מיטן פינגערל...)

היות ווי איך בין אין דער ליעפּאַרטאָווער תפיסה געקומען נאָכן לאַנגן וועג איינגאַנצן אַן אויסגעשעפּטער, אַן אָפּגעשוואַכטער, קוים מיטן לעבן, האָט מען מיר אויסגעשריבן צוגאָב־שפּייז, איך זאָל חס־וחלילה נישט מאַכן אַ שטאַרב פאַרן פּראָצעס. נאָר איך קאָן זיך נישט דערמאָנען, אַז איך זאָל זיך האָבן אַרויפגעוואָרפן מיט זשעדנעקייט אויפן עסן. איך האָב געגעסן מאַשינעל, נישט פילנדיק וואָס איך עס און וואָס איך טרינק. איך האָב זיך אַבסאָלוט נישט פאַנאַנדערגעקליבן, וועלכע עס איז די גרונט־קאַשע און וועלכע די צוגאָב־קאַשע? דאָס עסן איז נישט געקראָכן אין האַלדז. איך פלעג אַ סך אַרויסוואַרפן און אַרויסגיסן פון שיסל אין דער לאַטרינע.

ווי איך האָב שוין באַמערקט — אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג וואָלט דער כאַבאַראָווסקער מ.ג.ב. גאַרנישט אויסגעמאַכט, איך זאָל כאַפּן אַן אַפּאָפּלעקציע און האַדי... אָבער אַז מען האָט מיך שוין געבראַכט קיין מאָסקווע צום משפט, האָט מען מיך שוין געדאַרפט האָבן אַ לעבעדיקן.

איך בין דאָך געווען אַן „אַכטל" פון דעם צענטראַלן ביראָבידזשאַנער פּראָצעס, האָט מען דעריבער מיר אויסגעשריבן צוגאָב־שפּייז.

אַ תפיסה־נאַטשאַלניק האָט צו מיר אין קאַמער אַריינגעפירט אַ ראַזי־רער, איך זאָל האָבן דעם געהעריקן היגיענישן, פּאַסיקן אויסזען פאַרן משפּט. אַזוי ווי איך האָב שוין כמעט אַ יאָר זיך געפונען אין דער כאַבאַראָווסקער תפיסה פון מ. ג. ב., האָב איך שוין געהאַט אַ געוויסע דערפאַרונג אין תפיסה־שטייגער און איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז דער דאָזיקער תפיסה־נאַטשאַלניק באַדאַרף זיין איינער פון די קאָמענדאַנטן פון ליעפאָרטאָווע און אין זיינע פונקציעס גייט אַריין צוצוגרייטן די גרויסע פּאָליטישע פאַר־ברעכער צום העכסטן געריכט. נישט דער נאַטשאַלניק און נישט דער תפיסה־ראַזירער אין ווייסן שירץ האָבן מיט מיר קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט: אַלץ איז געגאַנגען אויף שטום־לשון, זעלבסטפאַרשטענד־לעך. נאָר בעת איך האָב אַריבערגעפּויזעט פון מיין נאַרע־בעטל אויף דער טאַבורעטקע און מיט איר הילף זיך ווי־נישט־איז איבערגערוקט נענטער צו דעם וואַסער־קראַן, דעם ראַזירער זאָל זיין באַקוועמער מיך אָפּצוראַזירן, האָב איך אין דעם קאָמענדאַנט'ס בליק באַשיימפערלעך אויפגעכאַפּט, אַז ער באַטראַכט מיך ווי אַזוי ער וועט, אויב מען וועט דאַרפן, פּראַקטיש אויס־פילן דעם „שטעלן מיך צום ווענטל" און וואָס פאַר אַ צוגאָב־פאַרפּולקאָ־מונגען ער וועט דערביי געצוווּנגען זיין אָנצווועגדן, כדי לויט די געהעריקע אינסטרוקציעס אויספירן די דאָזיקע מלאכה. אינעם בליק פון דעם לעפאָר־טאָווע־קאָמענדאַנט האָב איך מיט אַלע מיינע בלוטן דערשפּירט דעם סאַ־דיסטישן עקל צו מיר. אַ מין בייסעניש, צרעת פון וועלן וואָס שנעלער מיך, דעם יידן, דעם גרויסן סטאַלין־שונא, אומברענגען, אַרויסרייסן פון מיר מיין נשמה.

די, אומגעפער, וואָך צייט, וואָס מ'האָט מיך געגרייט צום משפּט, איז פונקט אַזוי ווי די גאַנצע צייט פון דער יאָריקער אויספאָרשונג אַדורך אין אַ קאָשמאַר און וואַנזין, אַרויסצושלאָגן פון מיר דאָס לעצטע ביסל באַוווּסט־זיין, דערשטיקן אין מיר דאָס מינדסטע ווילן פון פּרווון זיך קעגנשטעלן און דערווידערן און דאָס איז געטאָן געוואָרן ווי מיט אַ מאַשין אַלץ מער און מער, מיט יעדן מאָמענט פון דערנענטערן זיך צום משפּט, פאַרגרעסערן אין מיר די שרעק, די גרויליקע חיה'שע אימה פאַר עקזעקוציע... פאַר באַקומען אַ קויל אין פּאַטיליצע...

אין דער שוידערלעכער אומגעבונג פון דער לעפאָרטאָווער טויט־מאַשין איז דאָס דער עיקר דערגרייכט געוואָרן דורך דעם אומגעהויערן טייוולאָנישן הודען פון די קאָלאָסאַלע ווענטילאַטאָרס, וואָס פלעגן פּערמאַ־נענט איינגעשלאָסן ווערן אין דעם גרויסן שטח פון דער תפיסה־טעריטאָריע. די ווענטילאַטאָרס פלעגן אַלץ פאַרטויבן, יעדן מינדסטן קלאַנג און גראַד

אין די ווילעס פון אַט דער פּאַרטויבנדיקער הודעריי האָב איך מיט חיה׳שער שרעק דערפילט דעם אָנקום פון טויט־געפאַר, אַזוי ווי אין די דאָזיקע רגע׳ס פון דער הודעריי הרג׳עט מען, שיסט מען מענטשן, אָדער מען פאַרטויבט די ווילדע געשרייען פון דול־געוואָרענעם אַרעסטאַנט, וואָס קריכט שוין „אויף די ווענט״ אין קאַזעמאַט... און דאָך האָט אויף קיין אײן רגע אין מיר נישט אויפגעהערט צו קאָכן דער עקשנותדיקער פּראָטעסט קעגן גוואַלדטאַט איבער מיר. ער האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס איך האָב אַבסאָלוט גאַרנישט געבעטן און זיך אויף גאַרנישט באַקלאָגט. אַ חיה וועג מ׳מוטשעט זי, פּייניקט, סקאַוווטשעט זי, ריטשעט — און איך האָב קיין קלאַנג פון זיך נישט אַרויסגעבראַכט און קיינעם פון מיינע מערדער און פּייניקער נישט געקוקט אין די אויגן, נישט אויפגעהויבן אויף זיי מיין בליק...

די 7—6 טעג ביזן משפּט (אגב, וויפל געגוי דאָס האָט געדויערט, ווייס איך נישט, ווייל אין קאַשמאַר האָב איך שוין לחלוטין פאַרלוירן דעם חשבון פון צייט און בפרט נאָך וואָס אין קאַזעמאַט איז געווען האַלב־פינצטער, אין געוועלב פון קאַזעמאַט האָט אין אַ געדיכטער זיפּ געברענט אַ שוואַך עלעקטריש לעמפּל, האָב איך אינגאַנצן פאַרלוירן דעם אונטער־שייד פון טאָג ביז נאַכט). אין לעפאַרטאָווע האָב איך זיך אויך, ווי אין דעם „פלאַצקאַרטנעם״ וואַגאָן־זאַק, געפּייניקט פון קעלט. מיין קאַמער איז געווען אויפן ערשטן שטאָק און די איינציקע באַהייצונג־באַטאַרעי האָט זייער קנאַפּ געוואַרעמט. אויסער דעם איז זי געווען איינגעמאַנטירט אין אַ קאַסטן מיט זייער אַ געדיכטער דינער נעץ־זיפּ, דורך וועלכער עס האָט זיך קוים־קוים געקענט דורכזיפּן די וואַרעמקייט. דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב דעם, דער אַרעסטאַנט זאָל נישט קענען נעמען זיך דאָס לעבן, שלאָגנדיק זיך מיטן קאָפּ אין די מעטאַלענע באַטאַריי־רייפן. דערצו האָט מען ביי מיר צוגענומען דעם פּראַטעצ און אויב אין וואַגאָן־קופּע האָב איך נאָך געקענט אַ ביסל טופּען אויף אַן אָרט, האָב איך עס אין קאַזעמאַט נישט געקענט טאָן. איך האָב בלויז געקענט אַרומפּויזען איבערן קאַלטן צעמענט. באַזונ־דערס קאַלט איז געווען ביינאַכט. דעם שינעל פלעגט מען ביי מיר ביים אַריינגיין אין דער קאַמער צונעמען און איך פלעג זיך ביינאַכט צודעקן מיט אַ שיטערער, דינער קאָלדרע. האַרט לעבן מיין בעטל, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז געשטאַנען מיין טומבעטשקע. זי איז געשטאַנען אַזוי, אַז הינטער דער טיר זאָל דער תפיסה־וועכטער דורך דעם טיר־שפּעלטל קענען זי זען און אויך די קעגנשטאַנדן וואָס געפינען זיך אויף איר: די בלעכענע קרוזשקע, דאָס לעפל, וואָס מוז שטענדיק שטעקן אין דער קרוזשקע און אַרום לעפל אַרומגעוויקלט דאָס שטיקל האַנטעכל, אומגעפער, אַ דריטל צי אַ פערטל פון אַ געוויינלעכן האַנטעך, איך זאָל זיך בשום־אופן

מיט דעם נישט קענען דערוועגן, אויב מיר וועט זיך עס פאַרגלוסטן צו טאָן. ביינאַכט האָב איך אייניקע מאָל געפּרוווט מיטן שטיקל האַנטעך אַרומ־צוּוויקלען מיין אָפּגעשניטענעם פוס, כדי מיט דעם אים אַ ביסל דערוואַרעמען און ער זאָל אַזוי נישט קאָנוווּלסירן, נאָר אַלע מאָל פלעגט דער „נאַדזיראַטעל״ דורכן טיר־שפּעלטל תיכף באַמערקן, אַז אַרום דעם לעפל זעט ער נישט דעם שטיקל האַנטעך און מיט האַסט אויפפּראַלן די טיר און נישטערן. איך פלעג אים פון אונטער דער קאָלדרע באַלד אָפּגעבן דאָס שמאַטקע־האַנטעכל, קיין וואָרט נישט אויסרעדנדיק מיט אים, נישט אָנקוקנדיק זיין פּנים.

טאָג און נאַכט, אָן אויפהער, אַלע זעכצן־זיבעצן סעקונדן, פלעגן די וועכטער הינטער מיין טיר עפענען דאָס לעדעלע פונעם שפּעלטל און באַטראַכטן מיך, מיין טומבעטשקע, די קרוזשקע, דעם לעפל און דאָס „האַנטעך״ אַרום לעפל. איך האָב קיין איין מאָל זיך נישט באַקלאָגט, אַז מיר איז קאַלט, אַז איך ווער ממש דערפרוירן. איך בין שוין אינגאַנצן געווען אין דער מאַכט פון גלייכגילט און טיפער אַפּאַטיע. אַ פּאָר מאָל האָט מען מיך אויף די הענט אַרויסגעטראָגן אויף דעם צוואַנציק־מינוטיקן שפּאַציר (דעם פּראָטעז און די קוליע האָט מען דאָך ביי מיר צוגענומען). דאָס ביסל פרישע לופט — אַ קליינער, אַרומגעצאַמטער פּלאַץ אין דרויסן מיט אַ הויכער דיקער צעמענטענער וואַנט. אויבן, איבער דער וואַנט, גייט אַרום אַ וועכטער מיט אַן אויטאָמאַט אין דער האַנט. אין מיטן פון דעם הייפל האָט מען מיך אויף אַ טאַבורעטקע אַוועקגעזעצט. איך האָב די פּאָר מאָל קוים אויסגעהאַלטן די צוואַנציק מינוט. אין דעם מאָמענט, ווען דער סאָלדאַט האָט זיך געפונען הינטער מיין נאַקן, בין איך שוין געווען גרייט „צו באַקומען די קויל״... און די אויסדרעסירטע מערדער האָבן שוין מסתמא פאַרשטאַנען, אַז נאָך אַ מאָל צוויי מאָל אָדער צוויי מאָל אַרויספירן מיך אויף די הענט אויף אָט־דעם „שפּאַציר״, וועל איך נישט אויסהאַלטן און זיצנדיק אויף דער טאַבורעטקע ביי דער דולער הודעניש פון די גרויזאַמע וועגטי־לאַטאַרס, אַראָפּ פון זינען און אין דער סאַמע נויטיקער מינוט פאַרן משפּט וועלן זיי מיך, איינעם פון די אַכט הויפּט־אָנטיילנעמער פון דעם ספּעקטאַקל וואָס הייסט „בירעבידזשאַנער משפּט״, פאַרלירן; דעם ספּעקטאַקל, וואָס מאַלענקאָוו, בעריאַ, פּאָנאָמאַרענקאָ און גאַגלידזע האָבן צוגעגרייט צום 23טן פעברואַר (טאָג פון רויטער אַרמיי) 1952, אַלס מתנה פאַר סטאַלינען.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן 20 פעברואַר 1952 יאָר אין דער פרי...

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 20טן פעברואַר 1952, אין דער פרי. מיט אַ פּאָר טעג פריִער האָט מען מיר אַריינגעטראָגן דעם באַשולדי־קונג־אַקט. איך האָב אַפילו נישט געבעטן די ברילן איבערצולייענען אים און דערצו בין איך געווען באַהערשט פון אַ מאָדנעם געפיל — אַליין פון זיך אויסצובאַהאַלטן די גרויזאַמקייטן, אין וועלכע מ׳באַשולדיקט מיך — פאַרראַט און שפּיאָנאַזש, פאַר וואָס עס דראָט מיר טויט־שטראָף, ווייל אַנדערש וואָלט מען דאָך מיך נישט געפירט צען טויזנט קילאָמעטער פון כאַבאַראָווסק קיין מאָסקווע אין אַ באַזונדער שטייגל־קופּע אין וואַגאָן־זאַק.

דאָס איינציקע, וואָס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון פון דעם וואָס דער סעקרעטאַר פון געריכט האָט מיר געזאָגט ביים איבערגעבן דעם באַשולדי־קונג־אַקט (וואָס האָט געהאַלטן אַ זעקס־זיבן זייטלעך געדרוקט אויף אַ מאַשינקע), איז אַז ס׳משפּט מיך די מיליטערישע קאָלעגיע פונעם העכסטן געריכט פון פ.ס.ס.ר. אַצינד געדענק איך שוין נישט, צי דער באַשולדי־קונג־אַקט איז געבליבן ביי מיר די פּאָר טעג פאַרן געריכט אין קאַמער, צי דער סעקרעטאַר פון געריכט האָט אים גלייך נאָך דעם, ווי איך האָב זיך אויף עפּעס ביי אים אונטערגעשריבן, צוגענומען.

דעם 20טן פעברואַר אין דער פרי האָט מען מיר אַריינגעטראָגן אין קאַמער מיין פּראָטעז, די קוליע, דעם שטעקן און מיינע ברילן. איך בין געווען אָנגעטאָן אין מיין שוואַרצער מיליטערישער גימנאַסטיאָרקע מיט די סימנים, די אָנגעדריקטע לעכלעך פון מיינע מיליטערישע אָרדנס און מעדאַלן. מען האָט מיך אַרויפגעפירט אין דער תּפיסה אויפן צווייטן, צי דעם דריטן שטאָק (גענוי געדענק איך נישט), אין אַ גאָר גרויסן צימער, כמעט אַ זאַל און דאָ האָב איך דערזען פאַר מיינע אויגן די זיבן אַנדערע „אָדנאָדעלצעס״ (מיטבאַשולדיקטע פון איין ענין):

1) באַכמוטסקי — ערשטער סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט;

2) זילבערשטיין — דער פּאָרזיצער פון געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט.

3) לעוויטין — פּאָרזיצער פון געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט. ער האָט פּאַרטראָטן זילבערשטיינען, נאָך דעם ווי זילבערשטיין איז אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע לערנען זיך און ביז דעם איז לעוויטין געווען דער פּראָקוראָר פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. לעוויטין האָט געהאַט הויכע יורידישע בילדונג.

4) בראַכין — דער סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פאַר פּראָפּאַגאַנדע.

5) אַבראַשע רוטענבערג — געבוירן אין 1908, דער לאַנג־יאָריקער סעקרעטאַר פון דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער ייִדישער געגנט..

6) פּראַדקין — געבוירן אין 1906, דער רעדאַקטאָר פון דער רוסי־שער צייטונג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, „בירא‏ָבידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ".

7) נחום פרידמאַן — געבוירן אין 1903, רעדאַקטאָר פון דער ייִדישער געגנטלעכער צייטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן".

און דער אַכטער באַשולדיקטער בין איך געווען — דער רעדאַקטאָר פון דעם אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן" און דער אָנפירער פון דער גרופּע ייִדישע שרייבער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אויסער די אָפיציעלע פּאָסטנס, וואָס די אַכט באַשולדיקטע האָבן פאַר־נומען אין דער אָנפירונג פון דער געגנט, איז יעדער פון זיי געווען אויס־געוויילט:

באַכמוטסקי — ווי אַ דעפּוטאַט פון אויבער־סאָוועט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַ דעפּוטאַט פון כאַבאַראָווסקער קאַנט־אויספירקאָם און פּרע־זידיום־מיטגליד פון געגנטלעכן אויספירקאָם פון דער ייִדישער געגנט.

זילבערשטיין — דעפּוטאַט פון קאַנט־אויספירקאָם, פּרעזידיום־מיטגליד פון געגנט־אויספירקאָם, מיטגליד פון ביוראָ פון געגנט־קאָם פון פּאַרטיי.

בראַכין — פּרעזידיום־מיטגליד פון געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי און אויספירקאָם פון דער געגנט.

לעוויטין — פּרעזידיום־מיטגליד פון דער געגנטלעכער פּאַרטיי־אָרגאַ־ניזאַציע און פון געגנטלעכן אויספירקאָם.

פּראַדקין — מיטגליד פון ביוראָ פון דער געגנטלעכער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

פרידמאַן — מיטגליד פון ביוראָ פון דער געגנטלעכער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

רוטענבערג — מיטגליד פון שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי, פּרעזידיום־מיטגליד פונעם געגנטלעכן אויספירקאָם.

מאַלטינסקי — מיטגליד פון פּלענום פון שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי ביזן פאַרמאַכן דעם אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן" אין אָנהויב יאָר 1949.

פּראַדקין און פרידמאַן זענען געווען אויף פאַראַנטוואָרטלעכער פּאַר־טייִשער אַרבעט גופא אין דער געגנט ביזן סאַמע טאָג פון זייער אַרעסט. ווי מיר איז באַוווּסט איז קיינער פון די אַכט באַשולדיקטע ביזן טאָג פון אַרעסט נישט געווען אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. בלויז באַכמוטסקי און זילבערשטיין און, דאַכט מיר, אויך לעוויטין האָבן אויף דער זיצונג

פון סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי אין מאָסקווע אין אָנהויב יאָר 1949 באַקומען שטרענגע אויסריידן לויט דער פּאַרטיי־שער ליניע.

מיך האָט מען, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, נאָכן פאַרמאַכן דעם אַלמאַנאַך „בּיראָבּידזשאַן" געלאָזן אַלס געוויינטלעכן מיטאַרבעטער (נישט באַשטעטיקט פון געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי) פון דער צייטונג „בּיראָ־בּידזשאַנער שטערן" און אין סוף פון 1950 באַפרייט פון דער אַרבעט פון רעדאַקציע, אָן שום מאָטיוון, נישט באַשטראָפנדיק לויט דער פּאַרטיי־ליניע. דאָס איז שוין געווען אין דער לאַנג־יאָריקער פּראַקטיק פון דער סטאַליני־שער סיסטעם — אַ דונער טאָן אין מיטן העלן טאָג, פּלוצעם. אמת, די אַרעסטן פלעגן ווי אַ כּלל, פּאַרקומען ביינאַכט. מיך, פּראַדקינען און פריד־מאַנען האָט מען אַרעסטירט דעם 17טן מאַי 1951 און איך מיין, אַז אויך די אַלע איבעריקע פון דעם „בּיראָבּידזשאַנער ענין" האָט מען אַרעסטירט אין דער זעלבער נאַכט.

באַכמוטסקי, לעוויטין, בראַכין, רוטענבערג זענען פון דער אָנפירנ־דיקער אַרבעט אין דער יידישער געגנט באַזייטיקט געוואָרן נאָך דער אויגוסטיקער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָנפערענץ פון 1949 ; ריכטיקער, אָנ־טיסעמיטישער פּאַרטיי־קאָנפערענץ. נאָר ווו און אין וועלכע שטעט זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן, ווייס איך נישט.

איך קער זיך אום צום פרימאָרגן פונעם 20טן פעברואַר 1952, צום געריכט־זאַל פון דער מיליטערישער קאָלעגיע פון דעם העכסטן געריכט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער מאָסקווער תּפיסה ליעפאָרטאָווע.

מ'האָט אונדז, די אַכט באַשולדיקטע, פונאַנדערגעזעצט אויף דעם פאָלגנדיקן אופן: אין דער ערשטער ריי אויף נישט באַוועגלעכע שטולן האָט מען אַוועקגעזעצט באַכמוטסקי'ן און זילבערשטיינען. אין דער צווייטער ריי — בראַכינען און לעוויטינען. אין דער דריטער ריי — פּראַדקינען און רוטענבערג'ן, און מיך און פרידמאַנען אין דער לעצטער הינטערשטער ריי. לעבן יעדן איינעם פון די אַכט באַשולדיקטע פוןביידע זייטן, מיר זאָלן צווישן זיך קיין שום קאָנטאַקט נישט קענען האָבן, זענען געשטאַנען ווי פאַרגליווערטע צוויי עמגעבּיסטן מיט די גרויסע רויטע אָקאָלעשקעס אויף די היטלען... 16 עמגעבּיסטן זענען, אַזוי אַרום, געשטאַנען איבער אונדזערע קעפּ אין משך פון דעם משפּט, וואָס האָט זיך געצויגן, מיט איבעררייסן אויף מיטאָג, דריי טעג.

און העכער אויף דער בינע זענען געזעסן די דריי ריכטער — אַן עמגע־בּיסטישער גענעראַל, דער פאַרזיצער פון דער מיליטערישער קאָלעגיע פונעם העכסטן געריכט און פון ביידע זייטן צוויי עמגעבּיסטן־פּאָלקאָווניקעס, מיטגלידער פון דער קאָלעגיע. איך געדענק שוין נישט צי דער סעקרעטאַר פון געריכט איז בּייגעווען, צי נישט.

קיין זייטיקע מענטשן זענען אין גערי‍כט־זאַל נישט געווען, נישט קיין פּראָקוראָר, נישט קיין פאַרטיידיקער, הינטער זיבן מאָל זיבן געשלאָסענע טירן אין דער שרעקלעכער מאָסקווער תפיסה — ליעפאָרטאָווע. בלויז פאַרן אַריינקומען פון די ריכטער, ווען מיר, די אַכט באַשולדיקטע, זענען שוין געווען אין זאַל און פון ביידע זייטן פון יעדערן פון אונדז זענען שוין געשטאַנען די צוויי „מלאכים״, פלעגט זיך אויף דער בינע באַווייזן דער קאָמענדאַנט פון גערי‍כט (דער זעלבער, וואָס האָט אין מיין קאַמער אַריינגעפירט דעם ראַזירער) און אויסשרייען: אויפשטיין, דער געריכט גייט! און ווי אַ ליאַלקע פון אַ ליאַלקע־טעאַטער — אַנטרינען.

פאַרצווייפלט מיט די לעצטע כוחות...

כדי זיך צו באַמיִען איצט, אין 30 יאָר אַרום, איבערצוגעבן דעם איינהאַלט און כראַניק פון די דריי שוידערלעכע טעג פונעם גאַנג פון געריכט, נעמענדיק אין אַכט מיין דעמאָלטיקן צושטאַנד, קען איך בלויז אַ דאַנק דעם פּרווון צו איבערגעבן מיין אייגענעם צושטאַנד. אין גאַנג פון געריכט האָט מען מיר געגעבן אַ צוויי, צי דריי מאָל אַ מעגלעכקייט צו רעדן דירעקט בנוגע דעם, אין וואָס איך ווער באַשולדיקט, אויסער דעם לעצטן וואָרט פון באַשולדיקטן, וואָס איך האָב באַקומען פאַרן אַרויסטראָגן דעם אורטייל. אין מיינע שטאַמלדיקע, פאַרקלעמטע רייד האָב איך פאַרצווייפלט מיט די לעצטע כוחות געפּרוווט דער עיקר אָראָפּשליידערן פון זיך ווי אַ מיאוס'ן שרץ די באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַזש און פאַרראַט. איך האָב אַ פאַרחוש'טער, מיט האַרץ און אויפגעבראַכטקייט, אין אַ צושטאַנד, ווי איך וואָלט געלאָפן איבערן שלאַכט־פעלד אונטער אַ האָגל פון מינעס און סנאַריאַדן, געע'טענה'ט פאַרצווייפלט צו די ריכטער:

— מיט וואָס דערווייזט מיין אויספאָרשער, אַז איך בין אַ פאַררעטער און שפּיאָן? וועלכע באַווייזן זענען ביי אים אויף דעם חשבון פאַראַן? — דער איינציקער אַרגומענט איז דאָס, וואָס מיין אויספאָרשער ציטירט פון די באַווייזן פון דעם שרייבער אייזיק פּלאָטנער (אייזיק פּלאָטנער דער מינסקער יידישער שרייבער, וואָס האָט אין 33—1932 עמיגרירט קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד פון אַמעריקע. ער איז דאָרט געווען איינער פון די פּראָלעט־פען שרייבער, געאַרבעט אין דער „מאָרגן־פרייהייט״. ער האָט עמיגרירט מיט זיין פרוי דבורה פּלאָטנער, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין סוף 1949 האָט די

מ.ג.ב. אין מינסק אייזיק פלאַטנער׳ן אַרעסטירט אין איין צייט מיטן מינסקער יידישן שרייבער הירשל קאַמענעצקי), וועלכער זאָגט, אַז ער, פלאַטנער, האָט אָנהויב ווינטער 1947, אין מינסק, איבערגעגעבן דעם רעדאַקטאָר פון דער אַמעריקאַנער צייטונג „מאָרגן־פרייהייט״ פסח נאָוויק׳ן שפּיאָנישע מאַטעריאַלן און אַז דערביי איז געשטאַנען מאַלטינסקי.

— די באַגעגעניש פון פלאַטנער׳ן מיט נאָוויק׳ן — האָב איך פאַרגע־זעצט — איז פאָרגעקומען אין מינסק אין שטוב פון דעם אַקאַדעמיקער ניקאָלסקי, צו וועמען נאָוויק איז געקומען פון מאָסקווע אין דער באַגלייטונג פון מאָסקווער יידישן דיכטער אהרן קושניראָוו און אויסער מיר זענען דאָרט בייגעווען נאָך אַ 20 מענטשן און קיינער פון זיי באַשטעטיקט נישט דאָס אַז פלאַטנער האָט איבערגעגעבן נאָוויק׳ן שפּיאָנישע מאַטעריאַלן; און אויסער דעם — האָב איך געטענה׳ט, אין אַ צושטאַנד ווי איך וואָלט אין דמיון אָנגענומען מיין אויספאָרשער אַזירסקי׳ן פאַר די לאַצן — וואָס קאָנקרעט פאַר אַ שפּיאָנישע מאַטעריאַלן האָט פלאַטנער איבערגעגעבן נאָוויק׳ן? — וועגן דעם איז דאָך אין פלאַטנער׳ס באַווייזן, וועלכע עס ציטירט אין מיין ענין אַזירסקי, גאָרנישט נישטאָ, איז וואָס אַנטפּלעקט דער מאָמענט, וואָס איך בין געשטאַנען דערביי? דערביי איז אויך געשטאַנען דעם אַקאַדע־מיקער׳ס פרוי טיטלמאַן און דער דיכטער אהרן קושניראָוו און דער דיכטער הירשל קאַמענעצקי און נאָך מענטשן, אַ פולע שטוב מיט מענטשן און אַלע לעבן זיי געוויס — צי דען זשע קען מען עס ביי עמיצן פון זיי נישט פרעגן? און פאַרוואָס האָט דער אויספאָרשער אַזירסקי מיך נישט געשטעלט אויג אויף אויג מיט פלאַטנער׳ן? איך וויל וויסן קאָנקרעט וואָס פאַראַ שפּיאָנישע מלוכה׳שע סודות האָט פלאַטנער אין מיין אָנוועזנהייט איבערגעגעבן נאָוויק׳ן, ווייל אָן דעם האָט דאָך די באַשולדיקונג אין שפּיאָ־נאַזש און פאַרראַט קיין שום ממשות נישט און וואָס האָב איך אויף דעם געזאָגט פלאַטנער׳ן און נאָוויק׳ן, איך האָב שווייגנדיק צוגעשטימט? אָדער איך האָב געזאָגט „אוי־הוי״... און דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס גיט אַ מעג־לעכקייט מיין אויספאָרשער אַזירסקי׳ן מיך צו באַשולדיקן אין אַזעלכע שרעקלעכע פאַרברעכנס?

אינטואיטיוו האָב איך געפילט, אַז איך טאָר נישט שאַרף דערווידערן דעם העכסטן מיליטערישן געריכט, וואָס באַשולדיקט מיך אין פאַרראַט און שפּיאָנאַזש, האָב איך זיך דעריבער געסטאַרעט אַנטשלאָסן פאַרצושטעלן די גרונטלאָזיקייט און לעכערלעכקייט פון מיין אויספאָרשער, וואָס האָט פון „פאַטאָלאָק״ אויסגעקראַצט מיין פאַרראַט און שפּיאָנאַזש און מיין פלוצעמדיקער יידישלעכער „אוי־הוי״ אויפן אַדרעס כלומרשט פון כאַבאַ־ראָווסקער סלעדאָוואַטעל אַזירסקי, האָט אַרויסגערופן ביים רוסישן גענעראַל פונעם העכסטן געריכט עפּעס ענלעכס אויף אַ שמייכל...

און וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין מיין זכרון פון מיין באַשיצן זיך אויפן געריכט? — איך האָב געטענה׳ט, אַז ווען איך בין געקומען קיין ביראָ־בידזשאַן אין אָקטאָבער 1947, איז דאָך שוין פּאַקטיש דאָרט קיין „ייִדיש־קייט״ נישט געווען. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב געטראָפן, איז איין ייִדישער קלאַס אין איין מיטל־שול פון דער געגנט, ווו מען האָט געלערנט ייִדיש בלויז צוויי מאָל אַ וואָך און אַלע איבעריקע לימודים האָט מען געפירט אויף רוסיש... מיט דעם האָב איך, אפשר נישט ווילנדיק, אַרויס־געבראַכט דעם ביטערן אמת, אַז די אייגענע ייִדישע פּאַרטייִשע אָנפירער פון דער געגנט, וואָס שטייען דאָ פאַרן העכסטן געריכט, האָבן זיך שוין אַליין „ערלעך״ באַמיט וואָס שנעלער אַנטקעגנקומען דער גרויסער רוסי־שער קולטור און עדנגילטיק באַהעפטן צו איר דאָס ביסל ייִדן פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט און אַליין מיט די אייגענע הענט שוין ליק־ווידירט דאָס נעבעכדיקע נאַציאָנאַלע, וואָס האָט נאָך געזשיפּעט אין דער געגנט.

אויס פּחד פאַרן אייגענעם לעבן האָט יעדער פון די אַכט באַשולדיקטע אַרויסטרעטנדיק פאַרן געריכט, ווי ווייט דאָס איז מעגלעך, געסטאַרעט זיך נישט אָנצורירן דעם כבוד פון העכסטן געריכט און צו־קאַטעגאָריש נישט אָפּצוואַרפן די אַרויסגעשטעלטע באַשולדיקונגען, ווי גרונטלאָז און פּראָ־וואָצירנדיק זיי זאָלן נישט האָבן געווען.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער הויפּט־בילבול, די באַשולדיקונגען, וועלכע זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן קעגן באַכמוטסקי׳ן — דעם ערשטן סעקרע־טאַר פון געגנטקאָם פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט? — אַז ער, באַכמוטסקי, האָט צוזאַמען מיט זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער — פּראַדקין, זילבערשטיין, לעוויטין, בראַכין און אַנדערע — אויף אַ נידערטרעכטיקן אופן געוואָלט אָפּנאַרן סטאַלינען און דעם צ. ק. פון דער פּאַרטיי און קינסטלעך צו שאַפן אויפן ווייטן מזרח אַ ייִדישע מלוכה; און אַז דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל האָבן זיי געוואָלט מיט דער הילף פון דעם שפּיאָנישן אַנטי־פאַשיסטישן ייִדישן קאָמיטעט אין מאָסקווע ביי דער מיטהילף פון דער גרופּע מאָסקווער ייִדישע שרייבער, וועלכע זענען צוזאַמען מיטן אַנטי־פאַשיסטישן ייִדישן קאָמיטעט געווען פאַרבונדן מיט דעם הויפּט פון דער אַמעריקאַנער אויסשפּיר־דינסט.

אויסער דעם איז אין דעם באַשולדיקונג־אַקט געזאָגט געוואָרן, אַז מאַלענקאָוו, בעריאַ, פּאַנאָמאַרענקאָ, גאַגלידזע האָבן אין צ. ק. פון דער פּאַרטיי נאָך אין אָנהויב פון יאָר 1949 אויף אַ זיצונג פאַרגעוואָרפן באַכ־מוטסקי׳ן און זילבערשטיינען, אַז זיי (באַכמוטסקי און זילבערשטיין) האָבן מיט כיטרע מיטלען צוליב פאַרברעכערישע נאַציאָנאַליסטישע צוועקן צו שאַפן אַ ייִדישע רעפּובליק אויפן ווייטן מזרח, אויסגענוצט אין מאָסקווע

אַ ריי צענטראַלע פּאַרטייִשע טוער, ייִדן לויט דער נאַציאָנאַליטעט, אַזעלכע ווי לאַזאָווסקי, פאַרזיצער פון סאָוועטישן אינפאָרמאַציע־ביוראָ; זשעמטשו־זשינע׳ן, מאָלאָטאָוו׳ס פרוי, און אויך אַנגעזעענע ייִדישע גענעראַלן פון דער סאָוועטישער אַרמיי.

די פּאַרטייִשע אָנפירער פון דער ייִדישער געגנט זענען פון דעם העכסטן געריכט באַשולדיקט געוואָרן, אַז איינצייטיק מיט דעם, וואָס עס איז פאַרסירט געוואָרן דער ענין פונעם קינסטלעכן שאַפן אויפן וויטן מזרח אַ ייִדישע רעפובליק, האָבן די ייִדישע פּאַרטייִשע טוער פון דער געגנט אידעיִש און אָרגאַניזאַציאָנעל זיך פאַרבונדן מיטן אַמעריקאַנער אימפּעריאַ־ליזם מיט דער כוונה, אַז נאָך דעם, ווי די ייִדישע רעפּובליק וועט געשאַפן ווערן, זאָל מען זי אָפּרייסן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַרקויפן זי, די רעפּובליק, צו די אַמעריקאַנער און יאַפּאַנער...

איצט אין יאָרן אַרום, פּאַטויפעט זיך גאָר נישט אין קאָפּ די זינלאָזי־קייט, די לעכערלעכקייט און שוואַרץ־מאה׳דיקייט פון דעם גרויזאַמען בילבול. אין משך פון די דריי טעג, וואָס עס איז געגאַנגען דער פּראָצעס, האָבן באַכמוטסקי, בראַכין, לעוויטן, פראַדקין און מיר אַלע אונטערן פּחד פון טויט־שטראָף „געקייט און איבערגעקייט" אָט די דאָזיקע אומגעלומפּערטע ווערסיעס. אין גאַנג פון משפּט האָבן אין די מיילער פון די ריכטער, און די באַשולדיקטע האָבן דאָס געמוזט נאָכזאָגן, פיגורירט נאָכאַנאַנד געוויסע פּראָטאָקאָלירטע זאַצן פון דער אויספאָרשונג וועגן לאַזאָווסקי׳ס אַ זאָג ערגעץ, פּעפּער׳ס אַ וואָרט, אַ געשפּרעך אין טעלעפאָן פון באַכמוטסקי׳ן מיט פּעפּער׳ן, עפּעס אַ בריוול פון אַן אַמעריקאַנער ייִדן אַ כלל־טוער... וואָס באַווייזן „באַשיימפּערלעך" די פאַררעטערישקייט און שפּיאָנישע צילן פון די בירָאָבידזשאַנער פּאַרטייִשע אָנפירער.

„אין שותפות מיט די אַגענטן פונעם אַמעריקאַנער אויסשפּיר"...

אַזוי, צום ביישפּיל, האָט אין פּראָצעס נאָכאַנאַנד פיגורירט פּעפּער׳ס אַן אויסדרוק: „אַמעריקאַנער גיבן גאָרנישט אומזיסט"... דער פאַרזיצער פון געריכט האָט ציטירט אָט די שטעלן פון דער אויספאָרשונג, ווו באַכ־מוטסקי אָדער לעוויטין (איך געדענק שוין נישט איצט ווער פון זיי), ווען זיי זענען געווען אין אַן אַמטלעכער שליחות פון בירָאָבידזשאַן אין מאָסקווע, האָבן זיי באַזוכט דעם ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און אין אַ

שמועס מיט פעפער׳ן זאָל זיי פּעפער האָבן אָנגעדייט די דאָזיקע פראַזע:
„די אַמעריקאַנער גיבן גאָרנישט אומזיסט״. און דער פאָרזיצער פון גע־ריכט, דער גענעראַל פון מ. ג. ב. האָט עס אויף זיין שטייגער אויסגעטייטשט אַזוי, ווענדנדיק זיך צו אונדז, די באַשולדיקטע:

— עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז איר זענט אַריין אין שותפות מיט די אַגענטן פונעם אַמעריקאַנער אויסשפּיר, ווען עס האָט זיך אין מאָסקווע איינגעגעבן צו פאַרמאַסקירן אונטער דער שילד פון אַ סאָוועטישן אַנשטאַלט מיטן נאָמען „אַנטי־פאַשיסטישער יידישער קאָמיטעט״ און פאַר דעם, וואָס איר האָט פון זיי באַקומען און אין דער צוקונפט געהאָפט צו באַקומען, האָט איר געצאָלט און געדאַרפט צאָלן מיט קאָנטררעוואָלוציאָנערער נאַציאָנאַליס־טישער טעטיקייט, מיט איבערגעבן געהיימע מלוכה־סודות פון דער יידישער געגנט דער אַמעריקאַנער אויסשפּיר־דינסט דורך דער פאַרמיטלונג פון פּעפער׳ן און אַזעלכע ווי ער...

איינע פון די הויפּט־באַשולדיקונגען, וועלכע זענען געווען אַרויסגע־שטעלט קעגן דעם ערשטן סעקרעטאַר פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, באַכמוטסקי׳ן, איז געווען דער פאַקט, וואָס ער האָט אין זיינעם אַן אַרטיקל וועגן דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער געגנטלעכער פּרעסע און איבערגעדרוקט אין דער צייטונג „איני־קייט״, דערמאָנט ציפערן פון דער צאָל יידישע רויט־אַרמייער איינוווינער פון דער יידישער געגנט, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן פון דער פאָטערלענדישער מלחמה קעגן די נאַציס און וויפל פון זיי זענען אומגעקומען. און אָט דער דאָזיקער פאַקט איז פון העכסטן מיליטערישן געריכט באַטראַכט געוואָרן ווי דאָס אַרויסגעבן מיליטערישע מאָביליזאַציע־סודות פון דער סאָוועטישער אַרמיי דעם שונא. ס׳איז גאָרנישט צו באַנעמען מיט וואָס פאַראַ בילובלים און ווילדע אויסטראַכטענישן עס זענען געווען אָנגעפּיקעוועט די פיל־בענדיקע אויספאָרשונג־מאַטעריאַלן, וואָס די קאָנט־אָפּטיילונג פון מ. ג. ב. האָט צוגעגרייט פאַרן העכסטן געריכט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דערביי האָבן די באַשולדיקטע, ווי מענטשן וואָס טרינקען זיך, געפּרוווט זיך אָנצוכאַפּן פאַר אַ רעטונג־שטרויעלע און סיי באַכמוטסקי און סיי בראַכין האָבן זיך אָפּנהאַרציק געקלאַפּט על־חטא: „מיר האָבן פאַר־לוירן די פּאָליטישע וואַכזאַמקייט! מיר האָבן ווי בלינדע נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז פאַר אַן אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט געווען...״

און דער פאָרזיצער פון געריכט פלעגט זיי ביי די דאָזיקע ווערטער בייז און שטעכיק איבעררייסן:

— מאַכט זיך נישט פאַר קינדער... פאַר שעפּעלעך. ווער וועט עס איך גלויבן?...

איך בין זיכער אין דעם, אַז סיי פראַדקין, סיי בראַכין, לעוויטין און

די אַנדערע באַשולדיקטע האָבן טיף פאַרשטאַנען (עס איז שוין געווען גענוג דערפאַרונג פון די פאַרגאַנגענע יאָרן צו פאַרשטיין), אַז אין יענעם מאָמענט האָבן די אָנפירער פון דער פאַרטיי, די ראַפינירטע אַנטיסעמיטן, מאַלענקאָוו און פּאָנאָמאַרענקאָ און בעריאַ, אויס הינטישער געטריישאַפט צו סטאַלינען אים צוגעגרייט אַלס מתנה אָט דעם פּראָצעס פון די אַכט ביראָבידזשאַנער יִדן, וועלכע האָבן פאַרנומען דאַן די פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין דער יִדישער אויטאָנאָמער געגנט און אָט־אָ די מתנה האָט מען סטאַלינען באַדאַרפט אונטערטראָגן צום טאָג פון דער רויטער אַרמיי, דעם 23טן פעברואַר 1952. צוצוגרייטן דעם דאָזיקן „טערטל" האָט מען באַפולמעכטיקט דעם „קאָנדיטער" — דער מיליטערישער קאָלעגיע פונעם העכסטן געריכט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד... נאָר דאָס צאַפּלען זיך און קלאַמערן זיך פאַרן לעבן איז ביי אונדז געווען אַזוי גרויס, אַז קיינער פון די אַכט יִדן, די אָן קיין שום גרונט באַשולדיקטע אין די גרעסטע מלוכה־פאַרברעכנס, פאַרראַט און שפּיאָנאַזש, זייענדיק שוין אויסגעשעפּט און געפינענדיק זיך שוין אויפן ראַנד פון טויט, האָבן קיין פּיצל יִדישן מוט נישט געהאַט, קיין ווירדע און שטאָלץ — אויפצורייסן אין דער לעצטער מינוט דאָס געשווילעכץ פון דעם בילבול און מאַכן בלויז איין און איינציקן טראָט צו קידוש־השם — אַ שליידער טאָן דעם גרויען רוסישן גענעראַל, פאָרזיצער פון דער מיליטערישער קאָלעגיע דעם ביטערן אמת אין די אויגן וועגן דערווירקלעכער כוונה פון דער פאַבריצירטער באַשולדיקונג און אָנשטאָט דעם האָט יעדער פון אונדז געוואָלט אָראָפּטרייסלען פון זיך און אַרויפוואַרפן די כלומרשטע שולד אויפן אַנדערן, אויף דעם וואָס האָט פאַרנומען דאָס וויכטיקערע „בענקל" אין געגנט. דער צווייטער סעקרעטאַר האָט באַשולדיקט דעם ערשטן און אַזוי ווייטער. די באַשולדיקטע האָבן זיך באַמיט נישט צו מודה זיין זיך, אָבער עפּעס יאָ אָנערקענען, כדי נישט צו צערייצן שטאַרק די מיליטערישע קאָלעגיע און זיך אַלץ געהאַלטן פאַרן שטרויעלע וואָס האָט געהייסן: „דער וואָלף זאָל זיין זאַט און די ציג זאָל בלייבן גאַנץ" — מ'זאָל כאָטש בלייבן מיטן אייגענעם לעבן.

אין וואָס־זשע איז באַשטאַנען די טייוולאָנישע, פּרעכע פּראָוואָקאַציע פון דער רוסיש־גרוזינישער מ.ג.ב. בנוגע אַכט אומשולדיקע יִדן קאָמוניסטן — געטרייע, געהאַרכזאַמע, איבערגעגעבענע טשינאָווניקעס דעם סאָוועטישן היימלאַנד, וואָס זענען אונטער זיבן שלעסער פאַרבאָרגן פון דער געזעלשאַפטלעכקייט און פון דער גאַנצער וועלט, געשטאַנען צעבראָכענע, אויסגעפּייניקטע, פאַר דעם העכסטן סטאַלינישן געריכט? — אין דעם וואָס די אָנפירנדיקע פאַרטיי־אינסטאַנצן, סיי דער כאַבאַראָווסקער קאַנט־קאָמיטעט פון פאַרטיי (די יִדישע אויטאָנאָמע געגנט איז לויט דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע אַדמיניסטראַטיוו געווען אַ טייל פון דעם כאַבאַראָווסקן

ווייט־מזרחדיקן קאַנט) און סיי אין מאָסקווע דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי און די רעגירונג פון דער רוסישער פעדעראַציע, אין וועלכער עס גייט אַריין דער כאַבאַראָווסקער קאַנט און די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט, האָבן אין די ערשטע צוויי נאָך־מלחמה יאָרן, 1945—46, אָנגענומען אַ ריי באַשלוסן און באַשטימונגען וועגן דעם ווייטערדיקן וווּקס, פונאַנדערבלי פון דער אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט און קולטור פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט און טאַקע מיטן טראָפּ צו אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע קולטור פון די סאָוועטישע ייִדן.

עס זענען אויף דעם סמך געשאַפן געוואָרן ברייטע פּערספּעקטיוו־פּלענער וועגן נייע בויונגען. עס זענען קאָנקרעטיזירט געוואָרן פּלענער פון פּאָרסירן אַ גרויסע נייע איבערוואַנדערונג פון די סאָוועטישע ייִדן פון אוקראַיִנע און ווייסרוסלאַנד. אין הסכם מיט אָט־די באַשלוסן פון די העכסטע פּאַרטיי־אינסטאַנצן, האָבן זיך אין האַרבסט פון 1946 שוין געגרייט אין וועג אַריין פינף טויזנט ייִדישע משפחות פון ווינניצער, כערסאָנער און ניקאָלאַיעווער געגנטן. עס איז געווען פּאָרויסגעזען צו בויען אין בירעבידזשאַן אַן אוניווערסיטעט.

לויט דער באַשטימונג פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי האָט אין בירעבידזשאַן געגומען דערשיינען אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער אַלמאַנאַך „בירעבידזשאַן", וועלכער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין מיט אַ טיראַזש פון 5 טויזנט עקזעמפּלאַרן. דערצו איז אין באַשלוס פון צ. ק. געווען אונטערגעשטראָכן, אַז דער אַלמאַנאַך „בירעבידזשאַן" זאָל דורך דער אַלפּאַרבאַנדישער „סאָיוזפּעטשאַט" פאַרשפּרייט ווערן אין אַלע קיאָסקן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איינצייטיק האָט דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי באַשלאָסן צו שאַפן אין בירעבידזשאַן אַ געגנטלעכן מלוכה־פּאַרלאַג אַרויסצוגעבן קינסטלערישע און פּאָליטישע ליטעראַטור אויף דער ייִדישער שפּראַך, מיט דעם צוועק, אַז קיין בירעבידזשאַן זאָלן מיט דער צייט אַריבערפאָרן די ייִדישע שרייבער, אַרטיסטן, וויסנשאַפטלער, קולטור־טוער פון מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו, מינסק און פון אַנדערע גרויסע שטעט פון לאַנד. און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן כלומרשט מיטן ווונטש און מיטן ציל צו פּאַרפעסטיקן די נאַציאָנאַלע סאָוועטישע קולטור פונעם סאָוועטישן ייִדנטום מיט דער פּערספּעקטיוו צו פּאַרוואַנדלען די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט אין דער נאָענטסטער צוקונפט אין אַן אויטאָנאָמער ייִדישער רעפּובליק.

באַכמוטסקי, בראַכין, פּראַדקין, לעוויטין, רוטענבערג זענען געווען דורך און דורך אַסימילירטע ייִדן (און זיי זענען געווען די פּאַקטישע אָנפירער פון דער געגנט), שוין אויסגעפּרוווטע אין די יאָר־צענדליקער פונעם סטאַליניסטישן רעזשים. זיי האָבן געהאַט די געהעריקע דערפאַרונג און גוט זיך אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ, אַז אַן דעם ווויסן און אָן דער הסכמה פון

די העכערע פּאַרטיי־אינסטאַנצן טאָר מען זיך נישט דערוועגן אַפילו אַ שטיינדל איבערצורוקן אויף אַן אַנדער אָרט אין דער געגנט, באַזונדערס ווען דאָס האַנדלט זיך וועגן נאַציאָנאַלע פּראָגן, וואָס אין די סטאַלינישע צייטן איז דאָס געווען זייער אַן איידעלער אַרטיקל. זיי האָבן געטאָן בלויז דאָס אַלץ, וואָס עס איז שוואַרץ אויף ווייס אָנגעוויזן געווען פון די העכערע און פון די גאָר „הויכע פענצטער״, ווייל אַנדערש האָט בכלל אין רוסלאַנד גאָרנישט געקאָנט געמאָלט זיין: אַלץ ווערט פּלאַנירט, באַשלאָסן און באַ־שטעטיקט פון אויבן.

(מען דאַרף נאָך האָבן אין זינען, אַז אין דעם אָנפירנדיקן אַפּאַראַט פון דער געגנט, אין אַלע אָפּטיילונגען פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און געגנט־אויספיר־קאָמיטעט האָבן געאַרבעט זייער אַ סך רוסישע מענטשן און וועגן יעדער „קרומער זאַך״ וואָלט תיכף „צוגעטראָגן געוואָרן״ קיין כאַבאַראָווסק און קיין מאָסקווע. די אַלע פּאַראַנטוואָרטלעכע רוסישע פּאַרטיי־טוער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט זענען, פאַרשטייט זיך, צו דעם „ביראָבידזשאַנער ענין״ קיין איינער נישט צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווייל צו דער „פאַבריקאַציע״ פון דעם אַנטיסעמי־טישן פּראָצעס האָט מען באַדאַרפט האָבן בלויז ייִדן, זאָל זיין אַסימילירטע, געשמד׳טע, נאָר ייִדן...)

נאָך מער, גלייך נאָך דער מלחמה, ווען אין אַ סך שטעט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פון אַמעריקע אָנצאָליקע פּעק און פּעקלעך פון בגדים, חפצים, פאַרשיידענע שטוב־זאַכן און טעכנישע אויס־שטאַטונג פאַר די סאָוועטישע בירגער, האָבן די העכערע פּאַרטיי־אינס־טאַנצן, מענטשן פון קאַנטישן־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי (פון כאַבאַראָווסק) געגעבן אָנצוהערן די פּאַרטיי־טוער פון דער געגנט, אַז מ׳קען און אַז מ׳דאַרף זיך נישט שעמען מיט דער הילף פון דעם מאָסקווער אַנטי־פאַשיס־טישן קאָמיטעט צו בעטן ביי אַמעריקע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס און אַנדערע טעכנישע אויסשטאַטונג, ספּעציעל פאַר די קאָלווירטן און סאָווירטן פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. און בלויז אין משך פון אַנדערהאַלבן יאָר איז אַלץ, וואָס עס איז געווען ווייס, קלאָר ווי דער טאָג, מיטאַמאָל געוואָרן שוואַרץ און פינצטער ווי די נאַכט: דאָס פּלאַנירן נאַ־ציאָנאַלע סאָוועטישע ייִדישע קולטור איז מגולגל געוואָרן אין ייִדישן נאַציאָנאַליזם, און דאָס זיין פאַרבונדן מיט דעם נישט לאַנג אויטאָריטעטן און פאַרדינסטפולן ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע אויף קראָפּאָטקין־געסל, האָט שוין געהייסן — פאַרברעכערישע שפּיאָנישע פאַר־בינדונגען. באַגעגענישן און טרעפונגען מיט ייִדישע סאָוועטישע שרייבער האָט שוין באַטייט קאָנטררעוואָלוציאָנערע נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט י ש ע ט ע־ט י ק י י ט („סבאָרישטשעס״), און די פּרוּוון צו באַקומען פון אַמעריקע

לאַנדווירטשאַפטלעכע אויסשטאַטונג און מאַשינעס פאַר די קאָלווירטן, דאָס קריגן טעכנישע הילף פאַר דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט שוין באַטייט — פאַרקויפן זיך דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און שטרעבן צו וויטגייענדיקע פאַררעטערישע מעשים, אָפּצורייסן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד דעם ווייטן מזרח פאַר אַמעריקע און יאַפּאַן. אָט דאָס אַלץ האָבן פּלאַנירט צו טאָן מיט דער הילף פון שפּיאָנאַזש די אַכט יידן קאָמוניסטן: באַכמוטסקי, זילבערשטיין א. אַ. און ס׳קומט זיי פאַר דעם די העכסטע שטראָף — טויט.

און ווען ביים אָנפאַנג פון דער אויספאָרשונג אין די בייגאַכטיקע קאַבינעטן פון דער כאַבאַראָווסקער מ.ג.ב. האָבן באַכמוטסקי, בראָכין, לעוויטין, געפּרוווט זיך פאַרטיידיקן: — ס׳טייטש, מיר האָבן דאָס אַלץ געטאָן אין הסכם מיט די פאַרטיי־באַשלוסן און מיט דער צושטימונג פון די העכערע פאַרטיי־אינסטאַנצן פון כאַבאַראָווסק און מאָסקווע און געוואָלט זיך סומך זיין אויף געוויסע אויטאָריטעטן אין קאַנט־קאָמיטעט און צ.ק. פון דער פאַרטיי, איז מען זיי באַפאַלן מיט די לעצטע זידל־ווערטער און מיט פאַכעדיקע רעוואָלווערן, מיט דראָען אויף וואָכן־לאַנג אַריינצוואַרפן אין קאַרצער צו די מייז און שטשורעס און געווילדעוועט: — „אַזוי גאָר? אייער פאַרברעכערישע שפּיאָנישע טעטיקייט וואַרפט איר אַרויף אויפן כאַבאַראָווסקער קאַנט־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי? אויפן צ.ק.? פאַרשאָלטענע ביטערע שונאים פון פאָלק! שקורעס (פעלן)!״ א.ד.ג. — האָט שוין ווייטער קיינער פון די אַכט באַשולדיקטע אויף די „דאָפּראָסן״ און כל־שכן אויפן משפט אין ליעפאָרטאָווע קיין פּיפּס נישט געטאָן צו פּרוּוון פאַררופן זיך אויף עמעצן און אַרויסצוברענגען פון מויל אַ רוסישן נאָמען פון אַ טוער פון קאַנט־קאָמיטעט אָדער פון צ.ק. איז געבליבן בלויז פחד און חיה׳שער אינסטינקט צו בלייבן לעבן, ביים שטיין לעבן אָפּגרונט, שטופּן פון זיך ווי ווייט מעגלעך די שווערערע שולד, ווי אַ שרעץ אַרויפצוואַרפן אויפן צווייטן, אויף דעם וואָס האָט פאַרנומען דעם העכערן פּאָסטן. און אויך אָנקומען צום נעבעכדיקן פאַרטיידיקן זיך מיט דער „קורצזיכטיקער פּאָליטישער בלינדקייט״ און מאָטיווירן, אַז זיי — באַכמוטסקי, בראָכין, לעוויטין, פראַדקין — האָבן מיט קיין שום אויסלענדער אין ערגעץ זיך נישט באַגעגנט. אמת, זיי זענען געווען פאַרבלענדט פון די אויטאָריטעטן פון די מאָסקווער יידישע שרייבער, אַזעלכע ווי פעפער, מאַרקיש, בערגעלסאָן און פאַרלוירן די וואַכזאַמקייט. און דער פאָרזיצער פון געריכט האָט ווידער בייז איבערגעריסן די דאָזיקע ריידעכץ:

— מאַכט זיך נישט נאַיִוו. מיר באַהאַנדלען דאָ נישט אייער פאַרטייִשקייט, נאָר משפט׳ן אייך פאַר פאַרראַט, שפּיאָנאַזש, קאָנטררעוואָלוציאָנערער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט...

אַט אַזוי אומגעפּער איז געגאַנגען דער „ספּעקטאַקל" פון פּראָצעס. אין משך פון די ערשטע צוויי טעג האָבן דער גענעראַל און די צוויי פּאָלקאָווניקעס ציטירט שטעלן פון פיל־בענדיקן אויספאָרשונג־מאַטעריאַל (אויפן טיש פאַר די ריכטער זענען געלעגן אין שטאַרקע שיינע איינבונדן אַכט צי ניין זייער דיקע בענדער פון דעם „ענין". די כאַבאַראָווסקער מ. ג. ב. האָט אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג אַריינגענומען אין אונדזער „ענין" אַ סך פּראָטאָקאָלן און באַווייזן פון די פּאַראַלעלע, אין דער זעלבער צייט געפירטע ענינים פון דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און פון די ענינים פון אַ ריי מאָסקווער, קיִעווער, מינסקער, בירָאָבידזשאַנער ייִדישע שרייבער, אַרטיסטן און קולטור־טוער. אין דעם „ענין" זענען אויך אַריינגענומען געוואָרן צענדליקער „קרייץ־סטאַווקעס" — פּראָטאָקאָלן פון באַ־ווייזן און פאַרהערן. ביי די אַרטיקע עמגעביסטן איז געווען אַ שוואַכקייט צו באַווייזן פאַר די העכערע אָרגאַנען פון דער מ. ג. ב. זייער שווערע „האָרעוואַניע" און שאַפן פוכקע פיל־בענדיקע באַשולדיקונג־אַקטן; וואָס באַדייטנדיקער און שענער דאָס אָפּגעטועטע „שטיקל אַרבעט" איז, אַלץ מער אויסזיכטן קען מען האָבן אויף אַן אויסצייכענונג, אָרדען אָדער באַקו־מען אַ העכערן ראַנג און אַמט.) און געגעבן לויט דער ריי יעדן איינעם פון די אַכט באַשולדיקטע, להבדיל, אַן „עליה", ער זאָל די דאָזיקע שטעלן „קייען און איבערקייען" אויפן קול און נאָך אַמאָל דערמיט באַשטעטיקן דאָס, וואָס ער האָט שוין באַשטעטיקט און אונטערגעשריבן אין דעם גאַנג פון די פילצאָליקע „דאָפּראָסן" אין כאַבאַראָווסקער מ. ג. ב.

דער „בירָאָבידזשאַנער ענין" איז געווען אַ שאַבלאָנער, ווי אַלע טויזנ־טער פּאָליטישע ענינים אין ראַטן־פאַרבאַנד מיט אַלע אַטריבוטן און פּי־טשעווקעס פון פּאָליסיפיקאַציעס, פיקציעס, פשוט גערעדט בילבולים. אַלץ איז שוין פון פריִער געווען צוגעגרייט, מ'זאָל אונדז משפּט'ן הינטער־אויגיק דורך דער „אָסאָ" (ספּעציעלע באַראַטונג). מ'האָט דאָך מיך, ווי איך האָב דאָס שוין פריִער דערמאָנט, אין האַרבסט פון 1951 געהאַט אַריבערגעפירט פון מיין איינצל־קאַמער אין דער אַלגעמיינער; נאָר אין הסכּם מיט דער צווישן־פעלקערלעכער אַטמאָספער, צוליב דעם קאַלטן קריג, צוליב דעם צעשיושעטן אַנטיסעמיטיזם אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט זיך סטאַלין מיט זיין זשנאַדאַרמעריע גענויטיקט אין אַ מער־איינפלוסרייכן, מער וואָגיקן אַל־פאַרבאַנדישן בילבול מיט אַ היסטאָרישן אונטערשלאַק. האָט מען פון דעם ברודיקן שניי־קויל, וואָס איז שוין געווען צונויפגעקוועטשט אין כאַבאַ־ראָווסק, אויסגעקייקלט אַ קאָלאָסאַלע „שניי־באַבע" אין אַלפאַרבאַנדישן מאָסשטאַב — דער „בירָאָבידזשאַנער משפּט" — „נאַ טשאַרני דיען" — עס וועט געוויס צו נוץ קומען...

דעם מאָסקווער משפּט
איבער די ביראָבידזשאַנער האָבן געגרייט
סטאַלין מיט זיינע לייב־דינער...

נאָך דער סצענאַר פון דעם „ביראָבידזשאַנער משפּט" איז געווען דורך דער מ.ג.ב. צוגעגרייט אַ סך, אַ סך פריִער, שוין דאַן, ווען די מ.ג.ב. האָט מיט פּאַנאָמאַרענקאָ׳ס און צאַנאַווע׳ס הענט, אין מינסק, דער׳הרג׳עט מיכאָעלס׳ן. אָט דאַן איז שוין אויף שוואַרץ געווען צוגעגרייט דער דאָזיקער ענין. דער גורל פון די אַכט באַשולדיקטע איז שוין געווען גע׳חתמ׳עט דאַן, אין אָנהויב 1949, ווען מען האָט באַכמוטסקי׳ן מיט לעוויטינען דרינ־גענדיק אַרויסגערופן פון ביראָבידזשאַן קיין מאָסקווע אויף דער זיצונג פון דעם סקרעטאַריאַט פון צ.ק. פון דער פּאַרטיי.

די זיצונגען האָבן געפירט מאַלענקאָוו און פּאַנאָמאַרענקאָ, כדי כלומרשט אויסצוהערן באַכמוטסקי׳ס אַ באַריכט פאַרן צ.ק. וועגן דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. אויף אָט דער זיצונג פון סעקרעטאַריאַט איז באַכמוטסקי׳ן אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ האַרבער פּאַרטייִשער חשבון, און אים זענען פאַרגעוואָרפן געווען אַלע חטאים, גראָבע פּאָליטישע פעלערן, וואָס די פּאַרטייִשע אָנפירונג פון דער געגנט האָט דערלאָזן פאַרן לעצטן צייט־אָפּשניט.

דער סעקרעטאַריאַט פון צ.ק. האָט אָנגענומען אַ ספּעציעלע באַשטי־מונג וועגן דער אַרבעט פון דער געגנט און באַכמוטסקי, אַלס ערשטער סעקרעטאַר פון דער ביראָבידזשאַנער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, האָט באַקומען אַ פּערזענלעכן שטרענגן אויסרייד מיט אַ לעצטער וואָרענונג לויט דער פּאַרטייִשער ליניע. און אָט די באַשטימונג פון צ.ק., אין אָנהויב פון 1949, וועגן דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג פון דער געגנט, איז געלייגט געוואָרן אין גרונט פון דעם באַשולדיקונגס־אַקט פונעם העכסטן געריכט דעם 20סטן פעברואַר 1952. די מ.ג.ב., די אויספאָרשונג־און געריכט־אָרגאַנען האָבן בלויז געדאַרפט פאַר דעם אַנטיסעמיטישן באַשלוס פון סטאַלינ׳ען און זיינע נאָענטע משרתים צוגרייטן דעם פּאַסיקן יורידישן פּראָצעדורעלן מלבוש אויף וואָס עס איז אַוועק צוויי־דריי יאָר פון רדיפות און פּיין פאַר די אַכט באַשולדיקטע און פאַר נאָך אַנדערע צענדליקער, וואָס זענען אין דער זעלבער צייט אַרעסטירט און גע׳משפט געוואָרן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דער „פאַרשטעלונג" פון דורכפירן זומער 1949 די געגנטלעכע פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין ביראָבידזשאַן, אויף וועלכער גאַגלידזע, דער שעף פון דער קאַנטישער מ.ג.ב. און בעריאַ׳ס פּאַרטרע־טער פון דער אַלפאַרבאַנדישער מ.ג.ב., האָט אַראָפּגעבראַכט מיט זיך פון

מאָסקווע און כאַבאַראָווסק אַ גרויסע סוויטע און אַ נייע פּאַרטייִשע אָנ־פירונג פאַר דער „י. אַ. אָ.״ (אויפן פּאַרטייִשן און מ. ג. ב.־לשון האָט די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט געהייסן לויט די ראשי־תיבות אויף רוסיש „י. אַ. אָ.״ — יעווריעיסקאַיאַ אַווטאָנאָמנאַיאַ אָבלאַסט).

אין דער פּראַקטישער טאָג־טעגלעכער טעטיקייט איז די אַנטיסעמיטן און אַסימילירטע ייִדן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דעם אָנפיר־אַפּאַראַט און אין די אַנשטאַלטן פון דער געגנט, דערווידער געווען און זיי האָבן זיך געשעמט מיטן ייִדישן נאָמען פון דער געגנט, און כדי אינגאַנצן אויסצו־מיידן דעם אויסדרוק „ייִדישע געגנט״ האָט מען זיך בדרך־כלל באַנוצט מערסטנטייל מיטן אויסדרוק „י. אַ. אָ.״. ביי די אַנטיסעמיטן גופא האָט דער גאַנצער מהות פון דער ייִדישער געגנט געקלונגען שוין דאַן, אין די יאָרן 1946 — 1951, ווי חוזק און שפּאָט, ווייל וואָס פאַר אַ ייִדישע געגנט איז דאָס אָן ייִדן און דאָס ביסל ייִדן, וואָס לעבן דאָ, זענען שוין קיין ייִדן נישט. די גאַנצע ייִדישקייט פון דער געגנט באַשטייט בלויז פון עטלעכע ייִדישע אותיות אויף די צוויי שילדן — איין שילד אויפן קאַרניז פון דער וואָקזאַל־געביידע אויף דער סטאַנציע „ביראָבידזשאַן״ און די צווייטע שילד אויף דער געביידע פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט.

אין דער שפּיץ מיטן באַוווסטן מאָסקווער עם־גע־ביסט און שונא־ישראל אַנדריי וואַסיליעוויטש סימאָנאָוו, איז די אויסעראָרדנטלעכע (אַזוי האָט זי געהייסן) געגנטלעכע פּאַרטיי־קאָנפערענץ פאַרגעקומען אין דער געביידע פון דעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן מלוכה־טעאַטער, וואָס האָט שוין פאַקטיש אַלס ייִדישער טעאַטער נישט עקזיסטירט (דער גרעסטער זאַל אין ביראָ־בידזשאַן). ווער עס זענען געווען די דעלעגאַטן און וועלכע אָרגאַניזאַציעס עס האָבן זיי אויסגעוויילט, דאָס איז שוין דאַן קיינעם, ווי מ. דאַרף פאַר־שטיין, נישט איינגעפאַלן צו פרעגן, נאָר די זאַך איז אַרום און אַרום געווען באַוואָרנט פון די מ. ג. ב.־אָרגאַנען. אין זאַל זענען אַלס כפּרה־הענער ביי־געווען באַכמוטסקי, בראָכין, לעוויטין, רוטענבערג...

צו יענער צייט איז שוין דער אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן״ געווען פאַר־מאַכט און די קאָלעגיע־מיטגלידער, די ביראָבידזשאַנער שרייבער בוזי מילער, ישראל עמיאָט, הערשל ראַבינקאָוו, זענען געווען אַרעסטירט. מיך אַלס רעדאַקטאָר פון אַלמאַנאַך האָט מען אַרויסגעפירט פון דעם באַשטאַנד פון פּלענום פון שטאָט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, האָב איך אויף דער קאָנפערענץ אַלס „כפּרה־האָן״ באַקומען אַן איינלאַדונג־בילעט, אָבער נישט אין זאַל, אונטן — אַהין אַריינצוגיין האָט מען מיר שוין נישט געטרויט. מיין בילעט איז געווען אויבן אויף דער „גאַליאָרקע״ אויף איינער פון די לעצטע רייען.

די קאָנפֿערענץ, אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט געדויערט אַ טאָג, אָדער צוויי טעג. מ׳האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין גיסן „פּאָמויניצעס” אויף דער אַראָפּגעגומענער אָנפֿירונג, באַשולדיקט זיי אין קניִען און בוקן זיך פֿאַרן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, אין פֿאַרבינדונגען מיט די אַרעסטירטע מאָסקווער און ביראָבידזשאַנער יִידישע שרייבער, פֿאַר זיין ענג פֿאַרבונדען מיטן קאָנטררעוואָלוציאָנערן און פֿאַררעטערישן יִידישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט און פֿאַר צעוואַלגערן די גאַנצע ווירטשאַפֿטלעכע אַרבעט אין געגנט, פֿאַר ביִזוויליק נישט אויספֿירן די מלוכה־פּלענער א. אַ. וו.

די קאָנפֿערענץ איז געווען אַן אָפֿענע אַנטיסעמיטישע דעמאָנסטראַציע אין מיטן העלן טאָג מיטן אָנטייל פֿון די היכע פֿאַרטיי־אינסטאַנצן פֿון כאַבאַראָווסק און מאָסקווע און מיטן אָנטייל פֿון איבערגעטאָענע אין ציווילע קליידער צענדליקער כאַבאַראָווסקער און מאָסקווער עם־גע־ביסטן. גלייך נאָך דער קאָנפֿערענץ איז שוין אַלץ אַוועק ווי אויף פּוטער: עס האָבן זיך פֿאַרגרעסערט די אַרעסטן און די אַלע וואָס האָבן געאַרבעט (עס רעדט זיך, פֿאַרשטייט זיך, וועגן יִידן) צוזאַמען מיט דער אַראָפּגענומענער קאָמפּראָמיטירטער אָנפֿירונג, זענען אָן קיין שום מאָטיווירונגען, ווי עס וואָלט געווען זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון דער אַרבעט. אַ ריי אַנדערע פֿון זיי האָבן באַקומען, אַזוי צו זאָגן, אַ „וואָלטשי בילעט” (אַ וועלפֿישן בילעט) און גיי שריי חי־וקיים, אָדער טרינק זיך.

דאָס ביראָבידזשאַנער ביסל יִידן, פּשוט׳ע האָרעפּאַשניקעס, זענען אין יענער צייט געווען אין גרויס ציטערניש. די מורא איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מ׳האָט זיך געשראָקן צו נעמען אין האַנט אַריין אַ פֿרישן נומער פֿון דער צייטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן”, כדי נישט באַשולדיקט צו ווערן אין דער מגפֿה — נאַציאָנאַליזם... דער טיראַזש פֿון דער געגנטלעכער יִידישער צייטונג האָט אין די יאָרן 50—1949 אַראָפּגענידערט פֿון 500—400 עקזעמפּלאַרן ביז 50—60, שוין אַריינגערעכנט די פֿאַרפּליכטנדיקע עקזעמפּלאַרן. דער „ביראָבידזשאַנער שטערן” איז דאָך געווען אַן אָרגאַן פֿון געגנט־קאָמיטעט פֿון דער פֿאַרטיי און אויספֿיר־קאָמיטעט און די ראַיאָן־סאָוועטן, דאָרף־סאָוועטן און די ביבליאָטעקן זענען פֿאַרפּליכטעט געווען אויפֿן מלוכה׳שן חשבון אויסצושרייבן די דאָזיקע צייטונג. דעם אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן”, פֿון וועלכן איך בין געווען „אויף קורצע יאָרן” דער רעדאַקטאָר (אינגאַנצן באַוויזן אַרויסצולאָזן פֿיר נומערן), האָב איך אין דעם סוף פֿון 1948 מיט גרויסע אָנשטרענגונגען געקענט פֿאַרשפּרייטן אין דער געגנט אַרום 40 עקזעמפּלאַרן, אַ טייל פֿון זיי אומזיסט, ביי אַ טיראַזש פֿון פֿינף טויזנט עקזעמפּלאַרן.

אין דער איינציקער ביראָבידזשאַנער מיטלשול, ווו אין דעם צווייטן

קלאַס איז בלויז צוויי מאָל אַ וואָך געווען דער לימוד יידיש, איז גלייך נאָך דער קאָנפערענץ דער לימוד יידיש אויסגעוואָרצלט געוואָרן.

די לערערין פון דעם צווייטן קלאַס (איר נאָמען האָב איך פאַרגעסן) איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, אין ציטערניש מ׳זאָל זי נישט באַשולדיקן אין נאַציאָנאַליזם, און צווינגען די קינדער צו לערנען יידיש און מ׳קען זי דערפאַר אַרעסטירן. איר מורא איז געוואַקסן דערמיט, וואָס איך, אַ יידישער שרייבער, בין מיט אַ געוויסער צייט צוריק בייגעווען ביי איר אין קלאַס אויף אַ לימוד יידיש און באַשריבן מיט געפיל איר יידיש לערנען מיט די קינדער אין דער צייטונג „אייניקייט״. מיין לויבן זי איז איצט געווען אַ „בערישע טובה״...

נאָך דער געגנטלעכער קאָנפערענץ האָבן באַכמוטסקי, בראַכין, לעוויטין, רוטענבערג געמוזט פאַרלאָזן די געגנט. בלויז פראַדקין און פרידמאַן זענען איבערגעבליבן אויף פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט אין דער געגנטלעכער פּרעסע. פרידמאַנען האָט מען פון דער יידישער צייטונג אַריבערגעפירט אין דער רוסישער און זיי האָבן ביידע געאַרבעט ביז דער סאַמע נאַכט פון אַרעסט. וווהין עס זענען אַוועקגעפאָרן פון געגנט די אַראָפּגענומענע פון דער אַרבעט פאַראַנטוואָרטלעכע טוער, ווייס איך נישט. שפּעטער איז צו מיר דערגאַנגען (כאָטש איך האָב זיך אַליין איזאָלירט, איז דאָך ביראָ־בידזשאַן, אין גרונט גענומען, גאַנץ קליין, אַזוי ווי אַ גרויס דאָרף), אַז באַכמוטסקי איז אַוועקגעפאָרן קיין ראָסטאָוו. זיין פרוי האָט געשטאַמט פון דאָרטן. מיט באַכמוטסקי׳ן, פראַדקינען, לעוויטינען בין איך באַקאַנט געווען אָפיציעל, און פערזענלעך האָב איך זיי ווייניק געקענט. נאָך ווייניקער מיט באַכמוטסקי׳ן און לעוויטינען, ווייל איך בין אָנגעקומען אין דער געגנט אין אָקטאָבער 1947 און פאַקטיש האָבן זיך אין יאָר 1948 שוין אָנגעהויבן די צרות און רדיפות.

אַ ביסל נענטער בין איך געווען באַקאַנט מיט אַבראַשע רוטענבערג׳ן. איך האָב אים נאָך געקענט אין ווייסרוסלאַנד. נאָר ווו ער איז דעמאָלט אין זומער 1949 נעלם געוואָרן, ווייס איך נישט. עס איז מיר אַפילו נישט איינ־געפאַלן זיך צו עצה׳ן מיט אים, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיך, אַזוי שטאַרק דערשלאָגן בין איך געווען אין יענער צייט און אַזוי מורא געהאַט האָט איינער פאַרן אַנדערן. וואָס שייך נחום פרידמאַנען, מיט וועמען איך האָב געלעבט אין איין הויז אויף דער ביראָבידזשאַנער שלום־עליכם גאַס און וועמען איך האָב זייער געשעצט און ליב געהאַט, האָב איך זיך באַמיט, נאָך דעם ווי מ׳האָט מיך אין דעצעמבער 1950 באַזייטיקט פון דער אַרבעט אין דער צייטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן״, אים נישט צו באַגעגענען און אַפילו נישט צו רעדן מיט אים, ס׳זאָל אויף אים נישט פאַלן אַ חשד, אַז ער האָט מיט מיר פאַרבינדונגען, ווייל לויט דער גאַנצער באַציִונג צו מיר

האָב איך שוין גוט געפילט, אַז איך בין אַ „פּאַרטיקער" און אַז מ'וועט מיך זיכער אַריינזעצן. פון דעם טאָג, ווען מען האָט מיך באַזייטיקט פון דער אַרבעט אין רעדאַקציע, האָב איך זיך דערפילט אינגאַנצן איזאָלירט, ווי אַ מענטש וואָס טאָר נישט קומען אין באַרירונג מיט די אַרומיקע און אַליין געווייכט פון מענטשן.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר, די אַכט באַשולדיקטע, וועלכע האָבן געלעבט און געאַרבעט אין ביראָבידזשאַן און זענען פאַראייניקט געווען אין איין ענין — „אַדנאַדיעלצי" — האָבן אונדז די אויספאָרשונג־אָרגאַנען נישט אַרויסגעשטעלט די באַשולדיקונג פון אַנטי־סאָוועטישער טעטיקייט געאייניקט אין איין גרופּע, אין איין אָרגאַניזאַציע. אין יענער צייט, ווען אין דער פּראָווינץ און אין די גרויסע שטעט פלעגן פאַבריצירט ווערן פּאָליטישע ענינים אין די טויזנטער, האָבן די מערסטע פון זיי פאַרגעשטעלט מיט זיך, לויט די פּאַראַגראַפן פון סאָוועטישן פּראָצעדוראַלן קאָדעקס — די פּונקטן 10 און 11 פאַראייניקט דורך אַ בינד־שטריך — 10־11, וואָס האָט באַטייט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערע גרופּע, אָדער אַן אָרגאַניזאַציע. עס איז גענוג געווען, אַז צוויי צי דריי אַרעסטירטע זאָלן זיין שכנים, אָדער אַרבעטן אין איין אַנשטאַלט, איין פאַבריק, ווי די באַשולדיקונג אין אַנטי־סאָוועטישער טעטיקייט זאָל פון אַ פּערזענלעכער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאָלעקטיווער, אין אַן אָרגאַניזאַציע, פון מענטשן אָרגאַניזאַציאָנעל און אידעיִש פאַרבונדענע צווישן זיך. דאַן פלעגט צו דעם קאָדעקס־פּונקט 10אָ (מיטן „קינדער־טערמין" צען יאָר לאַגער) צוגעגעבן ווערן מיט אַ בינד־שטריך דער ציפער 11, אויף אַזאַ אופן: 10 אַ־11 און די שטראָף איז שוין אַנטשפּרעכיק אויסגעוואָקסן פון צען יאָר צו 25 יאָר און צו טויט־שטראָף.

פרעגט זיך: פאַרוואָס האָט עס אַזוי פּאַסירט, וואָס אין משך פון דער אויספאָרשונג, וועלכע האָט געדויערט אַרום אַ יאָר, האָט מען אונדז, די אַכט „אַדנאַדיעלצעס", נישט אַרויסגעשטעלט די באַשולדיקונג פון אַן אַנטי־סאָוועטישער גרופּע אָדער אָרגאַניזאַציע? אין דער פּראַקטיק פון פאַבריקאַציע און גוואַלד האָט דאָס פאַר דער אויספאָרשונג קיין שום מי נישט פאַרגעשטעלט, נאָר דאָס איז פאַרגעקומען דערפאַר, ווייל אויבּ צו קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז דער געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און אויספיר־קאָמיטעט פון דער יידישער געגנט האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, פאַלט מיט דעם אַ שאָטן גופא אויפן כאַבאַראָווסקער קאַנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי מיט זיין זשדאַנאָרמערשער אָנפירונג, אין דער שפּיץ מיט גאָגלידזען. אויסער דעם ווערן מעכאַניש דאַן באַשולדיקט אויך די צענדליקער רוסישע טוער פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. דעריבער, מיין איך, האָט מען אונדז די אַכט

„אַדנאַדיעלצעס", נישט אַרויסגעשטעלט דעם פּונקט 11 און יעדער איינער אין באַשטאַנד פון די אַכט איז גע'משפּט געוואָרן פּערזענלעך פאַר זיינע פאַרברעכנס. נאָר מ'קען זיך נישט קלאָגן, מ'האָט אונדז נישט „באַ'עוול'ט". די אויספאָרשונג האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַנדערע זייער „חשוב'ע" פּונקטן, מיט די פּאַראַגראַף־פּונקטן פאַר עקאָנאָמישער קאָנטררעוואָלוציע, פאַר אַנטפּלעקן מיליטערישע סודות, פאַר פאַרראַט און שפּיאָנאַזש. און אויב אין דעם פּונקט 10אַ — אַנטי־סאָוועטישע נאַציאָנאַליסטישע טעטיקייט — האָבן זיך אַלע אַכט באַשולדיקטע טיילווייז, צי איינגאַנצן, מודה געווען אונטער די כסדר'דיקע דראָונגען און שאַנטאַזש, און שרעק מיט אומברענגען „שטעלן צום וואַנט", פאַרפירן אין קאַרצער, דערשטיקן אין שטייגל פון דעם „שוואַרצן וואָראָן", פירנדיק אויף די „דאָפּראָסן" פון תפיסה צו דער קאַנט־פאַרוואַלטונג פון מ.ג.ב., איז אָבער מיט די פּונקטן, איך געדענק שוין נישט גענוי זייערע ציפערן, דוכט זיך 6, 7 — פאַרראַט און שפּיאָנאַזש און מיט די פּונקטן 8 און 9, אויך אַזוינע גרויזאַמע אָנשיקענישן, פאַר וועלכע ס'קומט טויט־שטראָף און נאָך אַמאָל טויט־שטראָף, האָט זיך יעדער פון אונדז געבאָרעט (געראַנגלט) ממש ווי מיטן מלאך־המוות, מיט די לעצטע כוחות געסטאַרעט אָראָפּצוואַרפן פון זיך אָט די לעפּישע בילבולים, ווייל אויב אונטערצושרייבן זיי, האָט דאָס באַטייט זיך אַליין אָנטאָן אַ שטריק אויפן האַלדז.

ביים פאַרענדיקן די אויספאָרשונג אין כאַבאַראָווסק האָט מען אונדז אַלעמען די אַכט „אַדנאַדילצעס" געהאַט צונויפגעזאַמלט אין איין גרויסן צימער אויף דעם אַזוי־גערופענעם סיום, פאַרן סך־הכל־„דאָפּראָס", וואָס אַנטשפּרעכט, דאַכט זיך, דעם פּאַראַגראַף 204. אין משך פון די פיר טעג האָט מען פאַר אונדז פאַרגעלייענט אַלע פּראָטאָקאָלן פון דעם גאַנצן ענין (אַגב, האָבן די פּראָטאָקאָלן געלייענט, לויט דער ריי אויפן קול, די באַשול־דיקטע אַליין, כדי נישט צו פיל מטריח זיין די אויספאָרשער). איז מיר פון די פּראָטאָקאָלן קלאָר געוואָרן, אַז קיינער פון די באַשולדיקטע האָט זיך דירעקט אין די שפּיאָנאַזש און פאַרראַט־פּונקטן נישט אָנערקענט פאַר שולדיק. נאָר די אויספאָרשונג האָט זיך מיט דעם נישט גערעכנט. די דאָזיקע באַשולדיקונגען זענען אַלציינס אַריין אין דעם באַשולדיקונג־אַקט פון העכסטן געריכט.

אין די פּראָגעס פון די ריכטער, אין דעם טאָן פון שטעלן די פראַגעס און אין דעם אַקצענטירן און פאָרמולירן (גאַנץ שטיל און רויק, ווי מען זאָגט: „קוילן אָן אַ מעסער") די גרויזאַמע ציטאַטן פון די אויספאָרשונג־פּראָטאָקאָלן און אין דעם אייניקע מאָל דערמאָנען דערביי די נעמען פון די אָנפירער פון דער פאַרטיי און רעגירונג, סטאַלין'ס נאָענטע מיטקעמפער, וועלכע האָבן זיינער צייט האַרב געוואָרנט די פאַרטייִשע אָנפירונג פון דער

געגנט, האָב איך, וואָס בין געזעסן אין געריכט־זאַל אַ פאַר׳חוש׳טער, אַ פאַרשטיקטער מיט אָנגעצונדענע געהירן, דערפילט ווי ביי דעם אויסגע־כאַליעטן אַדעליקן מ. ג. ב.־גענעראַל, פאַרזיצער פון דער מיליטערישער קאָלעגיע, בלאַנקט אַן אומזעבאַרער חלף אין האַנט.

די לעצטע ווערטער...

...עס האָט זיך פאַרענדיקט דער צווייטער טאָג פונעם משפט אַזייגער פינף אין אָוונט (עס איז שוין גוט טונקל, פעברואַר חודש). איבער די הויכע געוועלבן פון דער קאַלאָסאַלער תפיסה ברענען שוין שוואַך, ווי דורך אַ געדיכטן נעפּל, פּילצאַליקע עלעקטרישע לעמפּלעך. מען פירט מיך שוין צוריק אַראָפּ אויפן ערשטן שטאָק. יעדן איינעם פון אונדז פירט מען שטרענג באַזונדער און מ׳זעט גאָרנישט אין וועלכער ריכטונג מען פירט. עס איז שטרענג פאַרבאָטן זיך אומצוקוקן און מ׳הערט אַפילו נישט אַ צווייטנס זיך דערוויטערנדיקע טריט, ווייל אָט ווערן שוין איינגעשלאָסן די דול־מאַכנדיקע הודעדיקע ווענטילאַטאָרס...

נישט געקוקט אויף מיין שווערן פּסיכישן צושטאַנד, האָט זיך דאָך איינגעקריצט אין מיין זכרון דאָס אויסזען פון דער תפיסה ליעפאָרטאָווע: אַ רונדע גאַלערייאַרטיקע פון אַ צען, אָדער צוועלף שטאָק די הויך, ווי אַ קאָלאָסאַלער צירק. אין היטנערגרונט פון די יאַרוסן־שטאָקן, ביז סאַמע־סאַמע אויבן, אונטערן קופּאָל, לענג־אויס די ווענט אַן אַ שיעור טירן און טירעלעך פון די קאַזעמאַטן, איינצל־קאַמערס, וואָס זעען אויס ווי די פענצ־טערלעך פון אַ זיך דערוויטערנדיקער שיף אין ים. ביי מיין קאַזעמאַט נעמט מען ביי מיר ווידער צו מיין קינסטלעכן פוס, מיין קוליע און שטעקן, מיינע ברילן, און איך ווער אויף ס׳ניי פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרשטאַרטער אַרומקריכנדיקער באַשעפעניש צווישן נאַרע און טואַלעט־לאַטרינע. עס „קוקט" אויף מיר דאָס שטיקל האַנטעך, אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז פון דעם לעפל וואָס שטעקט אין דער בלעכענער קרוזשקע אויף דער טומבעטשקע ביי מיין צוקאָפּנס...

☆

דעם דריטן טאָג פונעם פּראָצעס איז דאָס געריכט צוגעטראָטן צו געבן די באַשולדיקטע זייערע לעצטע ווערטער פאַרן אַרויסטראָגן דעם אורטייל.

אין זכרון איז ביי מיר פֿאַרבליבן דער „אַלגעמיינער נוסח״, וואָס האָט געקלונגען אין יעדערנס לעצטן וואָרט. אַלע האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז פֿון די יונגע יאָרן אָן האָט מען זיך דערצויגן אין דעם גייסט פֿון איבער־געגעבנקייט און טריישאַפֿט דעם סאָוועטישן היימלאַנד, דער קאָמוניסטישער יוגנט און דער פּאַרטיי. סטאַלינ׳ס נאָמען האָט קיינער פֿון די באַשולדיקטע אין זייערע לעצטע ווערטער נישט דערוועגט זיך אַרויסצוברענגען אויף די ליפּן, ווייל אַזעלכע פֿאַרברעכער, ווי מ׳האָט אונדז געהאַלטן, האָבן קיין שום מאָראַלע רעכט נישט אויף דעם. מען האָט מיט הכנעה געבעטן ביים העכסטן געריכט באַגנעדיקונג און מילדערונג פֿונעם אורטייל, צו געבן אַ מעגלעכ־קייט צו לעבן און מיִען זיך ביזן סוף פֿאַרן היימלאַנד. איך האָב נאָר פֿאַר־געדענקט, אַז בלויז פֿראַדקין האָט אין זיין לעצטן וואָרט זיך דערוועגט יאָ צו דערמאָנען סטאַלינ׳ס נאָמען. ער האָט געזאָגט: „מיין איינציקע טאָכטער, ווען זי איז געבוירן געוואָרן, האָב איך אַ נאָמען געגעבן „סטאַלינאַ״ און מיט דעם האָט ער געוואָלט אונטערשטרייכן, ווי טריי ער איז געווען דער פּאַרטיי און דעם סאָוועט־פֿאַרבאַנד. באַכמוטסקי, בראָכין און פֿראַדקין, וועלכע האָבן געהאַט רוסישע פֿרויען און קינדער פֿון זיי, האָבן אין זייערע לעצטע ווערטער אונטערגעשטראָכן זייער צוגעבונדנקייט צום גרויסן רוסישן פֿאָלק און צו דער גרויסער רוסישער קולטור. אין אָט די ווערטער זייערע האָט אָפּגעקלונגען ווי צווישן די שורות דער מאָטיוו, אַז „בכלל וואָס פֿאַר אַ שייכות האָבן מיר צו דעם יידישן נאַציאָנאַליזם״. זיי האָבן באַהויפּטעט, אַז זייער מוטער־שפּראַך און די מוטער־שפּראַך פֿון זייערע קינדער איז רוסיש.

נחום פרידמאַן האָט אין זיין לעצטן וואָרט דערמאָנט, אַז ער שטאַמט פֿון דער שטעטלדיקער אָרעמקייט און אַז זיין גאַנץ לעבן, פֿון די יונגע יאָרן אָן, זענען אַדורך אויפֿן סאָוועטישן וויטן מזרח און פֿון דאָרט איז ער אין די מלחמה־יאָרן אַוועק אויפֿן פֿראָנט זיך שלאָגן קעגן די פֿאַשיסטן. אויך נחום פֿרידמאַן האָט געבעטן ביים העכסטן געריכט באַגנעדיקונג און מילדערונג פֿונעם אורטייל.

איך האָב אין מיין לעצטן וואָרט דערמאָנט וועגן מיין אָנטייל אין די שלאַכטן, וועגן מיין שווער פֿאַרוווּנדעטע ווערן אין די קאַמפּן פֿאַר בערלין. נאָר איך וויל זיך דאָ נישט באַרימען, אָבער איך דאַרף זאָגן ווי אַזוי דאָס איז געווען: איך געדענק עס זייער גוט, אַז איך האָב אין מיין קורצן לעצטן וואָרט (וואָס האָט געדויערט, דוכט מיר, אַ צוויי־דריי מינוט) ביים העכסטן געריכט גאָרנישט געבעטן, נישט קיין באַגנעדיקונג, נישט קיין פֿאַרמיל־דערונג און איך האָב אויך נישט צעגעזאָגט, אַז אויב מ׳וועט מיר געבן אַ מעגלעכקייט, וועל איך זיך מיִען פֿאַרן היימלאַנד. פּשוט, מיין צונג האָט

זיך נישט אַ קער געטאָן עפּעס צו בעטן ביי דעם העכסטן געריכט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער אורטייל...

אין דעם זעלבן טאָג פון דעם 22טן פעברואַר, 1952, שפּעט ביינאַכט, האָט דער פאָרזיצער פון דער מיליטערישער קאָלעגיע פון העכסטן געריכט, אין דער אַנוועזנקייט פון די צוויי מיטגלידער פון געריכט, פאַרגעלייענט דעם אורטייל. אויסער די 16 עס־געביסטן־וועכטער איז ביים פאָרלייענען דעם אורטייל אויך בייגעווען דער קאָמענדאַנט פון ליעפערטאָווע און, דאַכט זיך ,אויך דער סעקרעטאַר פון געריכט. איך געדענק ,אַז מיר, די באַשול־דיקטע, זענען שוין געזעסן אין געריכט־זאַל, ווען פון דער זייט פון דער סצענע איז שנעל, מיט האַסטיקע טריט, אַריין דער פאָרזיצער גענעראַל און נאָך אים די צוויי פּאָלקאָווניקעס. ביים גענעראַל אין האַנט איז געווען די פּאַפּקע מיטן אורטייל. דעם אורטייל האָבן מיר געהערט שטייענדיקערהייט. אַזוי איז, ווייזט אויס, באַפוילן געוואָרן. דאָס לייענען האָט געדויערט, מסתמא, אַ צען־צוועלף מינוט. צוערשט אַן אַלגעמיינער קורצער אַריינפיר און גלייך:

— באַכמוטסקי — ערשטער סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, פאַר פאַרראַט, שפּיאָנאַזש, אַנטי־סאָוועטישער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט (דערביי אויסגערעכנט אַנטשפּרעכיק אַלע פּאַראַגראַפן פון פּראָצעדורעלן סאָוועטישן קאָדעקס) — העכסטע שטראָף דורך שיסן, מיטן קאָנפיסקירן דאָס פערזענלעכע אייגנטום, אָפּנעמען די מיליטערישע ראַנגן און מלוכה־באַלוינונגען.

— זילבערשטיין — פאָרזיצער פון געגנט־אויספיר־קאָמיטעט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, פאַר שפּיאָנאַזש, פאַרראַט, אַנטי־סאָוועטישער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט (אויסגערעכנט די אַנטשפּרעכנדיקע קאָדעקס־פּונקטן) — טויט־שטראָף דורך שיסן, קאָנפיסקירן דאָס פערזענלעכע אייגנ־טום, אָפּנעמען די מיליטערישע טיטלען און אויסצייכנונגען.

לעוויטין (וואָס האָט פאַרטראָטן זילבערשטיינען אויפן פּאָסטן פונעם פאָרזיצער פון געגנט־אויספירקאָם, ווען זילבערשטיין האָט זיך געלערנט אין מאָסקווע) — אויך פאַר די זעלבע אויסגערעכנטע פאַרברעכנס — פאַר־ראַט, שפּיאָנאַזש און קאָנטררעוואָלוציאָנערע נאַציאָנאַליסטישע טעטיקייט — 25 יאָר לאַגער פון שטרענגען רעזשים אין די ווייטע מקומות פון לאַנד.

בראָכין — סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, פאַר פּראָפּאַגאַנדע, אויסגערעכנט אַלע פאַרברעכנס — צו 25 יאָר לאַגער מיט שטרענגען רעזשים.

רוטענבערג — פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר סעקרעטאַר פון אויספיר־קאָמיטעט פון דער געגנט, פאַר נישט דירעקטן שפּיאָנאַזש, אַזוי געזאָגט, מיטגעהאָלפן, פאַר נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט — 10 יאָר שטרענגען לאַגער, און נאָכן אָפּזיין דעם טערמין — פאַרשיקן אויף פינף יאָר אין די ווייטע מקומות פון לאַנד.

פּראַדקין — צען יאָר שטרענגען לאַגער פאַר אַנטי־סאָוועטישער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט און נאָכן אָפּזיין דעם טערמין, פאַרשיקן אויף פינף יאָר אין די ווייטע ערטער. די באַשולדיקונגען אין שפּיאָנאַזש און פאַרראַט אָראָפּגענומען.

נחום פרידמאַן — צו צען יאָר שטרענגען לאַגער און פינף יאָר פאַר־שיקונג, נאָכן אָפּזיין דעם טערמין, אין די ווייטע ערטער — פאַר אַנטי־סאָוועטישער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט. די באַשולדיקונגען פון פאַר־ראַט און שפּיאָנאַזש אָראָפּגענומען.

חיים מאַלטינסקי — צען יאָר לאַגער מיט אַ שטרענגען רעזשים און צו פינף יאָר פאַרשיקונג אין די ווייטע ערטער נאָכן אָפּזיצן דעם טערמין — פאַר אַנטי־סאָוועטישער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט, און די באַשולדיקונ־גען פון פאַרראַט און שפּיאָנאַזש אַראָפּגענומען.

אויסמושטירטע אַדעליקע תּלינים...

באַכמוטסקי און זילבערשטיין, אויף וועמען עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ טויט־אורטייל, זענען בעת׳ן פאַרלייענען דעם אורטייל געשטאַנען אין דער ערשטער ריי מיט די פּנימער געווענדט צו דער סצענע, צו די ריכטער, האָב איך זייערע פּנימער נישט געזען. זיי זענען נאָך דעם, ווי מ׳האָט אויסגערופן פאַר זיי טויט־שטראָף, געבליבן שטיין און מיט אונדז אַלעמען ביזן סוף אויסגעהערט דעם אורטייל שווייגנדיק, מיט קיין שום זאַך נישט רעאַגירנדיק. איך האָב אין זאַל קיין שום וואָרט נישט געהערט, נישט פון זיי און נישט פון קיינעם. נאָר באַלד ווי דער פאָרזיצער פון געריכט (ער האָט דעם אורטייל געלייענט גאַנץ שנעל, אָבער דייטלעך, שוין ווייזט אויס געווען גוט געניט אין די זאַכן, אויסמושטירטע אַדעליקע תּלינים) האָט פאַרענדיקט לייענען, האָב איך בלויז באַמערקט, אַז די עם־

גע־ביסטן־וועכטער, וואָס זענען געשטאַנען לעבן באַכמוטסקי׳ן און זילבער־שטיינען, האָבן זיי האַסטיק אַ נעם געטאָן אונטער די אָרעמס און אַרויס־געפירט פון זאַל די ערשטע.

אין אַ מעת־לעת אַרום האָט מען מיך פון דער ליעפאָרטאָווער תפיסה אַריבערגעפירט אין דער מאָסקווער תפיסה בוטירקי. אויפן אונטערשטן שטאָק אין בוטירקי האָט מען מיך ווידער אַ פּאָר שעה געמאַטערט, געזוכט ביי מיר אין מיינע בגדים, אין די ציין, אין הינטער־לייב. דעם קינסטלעכן פוס און דעם שטעקן האָט מען מיר נישט געגעבן און איך האָב געמוזט פויזען אויף אַלע פיר ביזן פערטן שטאָק אויף הינטערוויילעכטס, ווייל דער פוס וואָס בויגט זיך נישט האָט מיר געשטערט צו באַוועגן זיך פאָרויס צו די טרעפּלעך און צו קריכן אַרויפצו. ערשט אין דער אַלגעמיינער קאַמער, אין וועלכער מען האָט מיך אַריינגעפירט, האָט מען מיר אָפּגעגעבן מיין גאַנץ פאַרמעגן: דעם פוס, די קוליעס און כמעט אַ פוסט זעקל, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען נאָך צוויי רעזערוו־פּיס. אין דער קאַמער זענען געווען אַ 30 אַרעסטאַנטן, מערסטנטייל ייִדן — נאָך זייער אורטייל — פון פאַרשיידענע שטעט פון ראַטן־פאַרבאַנד: דאָקטוירים, אינזשיניערן, זשור־נאַליסטן און פּשוט עמך. אַלע זענען געווען פאַראורטיילט אויף 10 און 25 יאָר פאַר נאַציאָנאַליסטישער אַנטי־סאָוועטישער טעטיקייט. אין דער זעל־בער קאַמער האָט מען אין איינִיקע טעג אַרום אַריינגעפירט די פאַר׳משפּט׳ע ייִדישע מאָסקווער שרייבער משה טייף און מ. שטורמאַן.

אין בוטירקי האָב איך געמוזט אָפּזיצן אַ צוויי־דריי חדשים, וואַרטנדיק אויף אַן עטאַפּ קיין סיביר אין לאַגער אַריין.

אין פאַרלויף פון די אַלע יאָרן נאָך דעם משפּט אין ליעפאָרטאָווע האָב איך זיך מיט קיינעם פון די זיבן באַשולדיקטע, מיינע „אַדנאָדעלצעס״, נישט געטראָפן, נישט אין לאַגער און נישט דערנאָך אויף דער פריי. מען האָט מיך אין נאָוועמבער, 1955, אין וואָלאָגדע, אַרויסגעלאָזט פון לאַגער, אָבער איך בין שוין צוריק קיין ביראָבידזשאַן נישט געפאָרן. איך האָב שוין דאָרט קיינעם פון מיינע אייגענע נישט געהאַט, אויסער מיין אַכט־חדשים׳דיקן זון, ישראל — אויף דעם ביראָבידזשאַנער בית־הקברות. איך בין אָוועקגעפאָרן צו מיין פרוי און קינדער אין דעם ווייטן נאַמאַנגאַן, אוז־בעקיסטאַנער סאָוועטן־רעפּובליק. נאָר צו מיר זענען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז מען האָט באַכמוטסקי׳ן און זילבערשטיינען דעם טויט־אורטייל פאַרביטן אויף 25 יאָר שטרענגען לאַגער. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך האָב זיך שוין געהאַט צוריקגעקערט פון נאַמאַנגאַן קיין מינסק, האָב איך געהערט זאָגן, אַז לעוויטינען זענען געוויסע אונטעוועלט־טיפּן, באַנדיטן, באַפאַלן אין לאַגער און דער׳הרג׳עט. עמעצער פון די דאָזיקע רוצחים האָט זיך דער־

וווסט, אַז לעוויטין איז געווען אין ביראָבּידזשאַן אַ פּראָקוראָר און אין זיינער צייט פאַרמשפּט דעם רויבערס פריינט.

וועגן בראַכינען האָב איך געהערט, אַז ער לעבט אין כאַבאַראָווסק און האָט אַפילו — געניי וועגן דעם ווייס איך נישט — געשריבן אַ פּיעסע וועגן ייִדישן נאַציאָנאַליזם. מיט רוטענבערג׳ן פלעג איך כמעט ביז מיין אָפּפאָרן פון מינסק זיך איבערשרייבן. ער האָט געאַרבעט לעבן גאָרקי אויף אַ דריט־ראַנגיקער אַרבעט ווי אַן אַנגעשטעלטער. איך האָב זיך אויך דורכגעשריבן מיט נחום פרידמאַנען. שפּעטער האָב איך געזען אין איינעם פון די נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ אַ נעקראָלאָג וועגן נחום פרידמאַנ׳ס טויט.

אין די העכסטע אינטערעסן פון וועלט־קאָמוניזם...

צום שלוס וויל איך צוגעבן, אַז קיין ביראָבידזשאַן בין איך געקומען צו פאָרן אין אָקטאָבער, 1947. אַרעסטירט האָט מען מיך דעם 17טן מאַי 1951. פאַרהעלטניסמעסיק בין איך דאָרט געווען נישט לאַנג, דריי מיט אַ האַלב יאָר. נאָר עס האָט זיך מיר דאָך גוט פאַרגעדענקט: די רוסישע מ.ג.ב. האָט זיך ביים אונטערקלייבן די פאַרטייִש־סאָוועטישע קאַדרען פאַר דער ייִדישער געגנט געהאַלטן ביי אַ שאָוויניסטיש־רוסישן גרונד־פּרינציפּ (דער „פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם״ און די „פעלקער־פריינדשאַפט״ זענען בלויז געווען מאַסקעס און בלאָף). נאָך דעם ווי אין די יעזשאָוו־יאָרן — 38—1936 — איז די פאַרטייִשע אָנפירונג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט צעגראַמירט געוואָרן אַלס נאַציאָנאַליסטישע און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע, האָט מען אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן זיך געסטאַרעט אָוועקצושטעלן אויף די וויכטיקסטע פּאָסטנס פון דער געגנט — רוסן, דער עיקר אין די גרעסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, מיליטערישע אָביעקטן, אַ שטייגער ווי „כינגאַן־אָלאָווא״ (כינגאַן־בליי) און אויף די אייזנ־באַן־קנופּן און אייזנבאַן־וואַרשטאַטן, אַזעלכע ווי אָבלוטשע, סמידאָוויטש און אַנדערע. אויסער דעם איז די איבערוועגנדיקע צאָל באַפעלקערונג אין דער ייִדישער געגנט באַשטאַנען פון רוסן, אוקראַאינער, ווייסרוסן, און די ייִדן זענען געווען בלויז אַ קליינע מינדערהייט.

אָבער ביראָבידזשאַן איז דאָך אויך נאָך דער מלחמה געבליבן אין דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע ווי אַ ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט, איז מען צוליב יוצא־וועגן געצווונגען צו „פאַרווייסן״ די פאַרטייִשע סאָוועטישע

אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס מיט הייפלעך ייִדן, דער עיקר פון די אַסי־מילירטע, געשמד׳טע, האַלבע און פערטל ייִדן, וואָס נישט געקוקט אויף דעם ,וואָס זיי האָבן געלעבט אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָבן זיי, ערשטנס, נישט געקענט קיין ייִדיש און, צווייטנס, געווייכט פון ייִדיש און פון ייִדישקייט, געשעמט זיך צו רעדן מיט אַ פשוטן ייִדן אויף מאַמע־לשון, אין האַנט נישט גענומען קיין ייִדישע צייטונג און בוך. ס׳איז געווען גאָר אַ יחוס און אַ געוויסער שטאָלץ, אַז מ׳איז ווייט פון ייִדישקייט. מ׳האָט געקוקט אויפן גאַנצן ענין ביראָבידזשאַן מיט איראָניע און מיט שטענדיקער אָנגעשפּיצטקייט און פאָרזיכטיקייט. דאָס טרויעריק־באַרימטע 1937טע יאָר האָט אין די הערצער פון ביראָבידזשאַנער אײַנוווינער און דערנאָך, אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, ביי זייערע אונטערגעוואַקסענע קינדער, אײַנגעוואָרצלט אַ געפיל און אַן איבערצייגונג, אַז פון דער ייִדישקייט דאַרף מען זיך היטן, אַז קיין גוטס וועט פון דעם נישט אַרויסקומען.

די ביראָבידזשאַנער נאָך יונגע ייִדישע אינטעליגענץ האָט זיך „געקושט אין די פּיסקלעך" מיט דער קולטור פון דעם גרויסן רוסישן פאָלק און מיט דער אַלוועלטלעכער לענין־שפּראַך — רוסיש. און ערשט פון אָט אַזעלכע צען מאָל און הונדערט מאָל דורכגעקאָנטראָלירטע און איבערגע־זיפּטע ייִדן, פלעגט מען אויסקלייבן אויף דער אַרבעט אין די אַנשטאַלטן פון דער געגנט און זיי זענען אַלציינס געווען שטענדיק אונטער אַ חשד און פאַרדאַכט.

אָבער אויף די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין געגנט־קאָמיטעט און אויספיר־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, פלעגן מערסטנס באַשעפטיקט ווערן גע׳שמד׳טע. אַזוי זענען אין די יאָרן 46—1945 אויפן פּאָסטן פון ערשטן סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי געשיקט געוואָרן פון מאָסקווע באַכמוטסקי, זיין רוסישע פרוי אַן אָפּשטאַמיקע פון די ראָסטאָווער קאָזאַקן; בראָכין, דער סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פאַר פּראָפּאַגאַנדע, זיין רוסישע פרוי — אַן אַלטער תושב פון כאַבאַראָווסק, אַ לערערין פון דעם כאַבאַראָווסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט; פּראַדקין, דער רעדאַקטאָר פון דער געגנטלעכער צייטונג „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ", זיין רוסישע פרוי — אַ פאַראַנטוואָרטלעכע טוערין פונעם ביראָ־בידזשאַנער שטאָט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי; צירקעל, דער פאַרוואַלטער פון פּאַרטיי־אָפּטייל פון דער צייטונג „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ", זיין רוסישע פרוי, אַן אָפּשטאַמיקע פון קובאַן, אויך אַ קאָזאַטשקע א אַ. וו., א. אַ. וו.

איך צווייפל זייער, צי אָט די אויסגעשפּראָכן־אַסימילירטע ייִדן זענען שטאַרק אָנגעגאַנגען די אינטערעסן פון ייִדישן פאָלק און בפרט דער גורל פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אַלס אַזאַ, זי זאָל זיך אַנטוויקלען מיט אַ ייִדישער הויכער נאַציאָנאַלער קולטור. צווישן אַזעלכע ייִדישע

טוער ווי ליבערבערג, דער פּאַרזיצער פֿון ביראָבידזשאַנער געגנט אויספֿיר־קאָמיטעט אין 1936, ביז דעם סעקרעטאַר פֿון געגנט־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי באַכמוטסקי אין 1947, איז געווען דער אונטערשייד ווי צווישן טאָג און נאַכט. בלויז איינצלנע אַזעלכע ערלעכע ייִדן ווי נחום פֿרידמאַן, וועלכע האָבן נאָך אַ סך יאָרן לעבן אין ביראָבידזשאַן, געזען פֿאַר זייערע אויגן ווי אַזוי מ׳האָט אין 1937 פֿאַרניכטעט די בעסטע ייִדישע טרוימער, אינ־טעליגענטן, די בעסטע ייִדישע טוער, זענען זיי שוין לאַנג געווען אַנטוישט און זענען געבליבן לעבן און אַרבעטן אין דער געגנט, מורא האָבנדיק פֿאַרן אייגענעם שאָטן. און אַזעלכע פּאַרטיי־טוער ווי בראַכין, פּראַדקין און באַכ־מוטסקי, ביי וועמען בלויז אין די פּעסער איז געווען פֿאַרשריבן זייער נאַציאָנאַליטעט, האָבן לעבנדיק אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט זיך געצויגן מיט דער גייציקייט פֿון קאָרטן־שפּילער צו מאַכן אַ קאַריערע, צו שטייגן אויפֿן פּאַרטייִשן לייטער. אַזעלכע אַסימילירטע פּאַראַנטוואָרטלעכע טוער פֿון דער געגנט האָבן, דאַכט מיר, בלויז אויסגענוצט, נישט אָן מורא, דעם מאָמענט וואָס דאָ, אין דער אַזוי־גערופֿענער ייִדישער געגנט, האָבן זיי יאָ אַ מעגלעכקייט צו זיין אויף פּאַראַנטוואָרטלעכער פּאַרטייִשער אַרבעט, וואָס אין די אַנדערע געגנטן אין לאַנד וואָלטן זיי עס בשום־אופֿן נישט געקענט דערגרייכן.

פּאַרקערט, דאָ, אין ביראָבידזשאַן, אויב ס׳שפּילט צו דער מזל און מ׳געפֿעלט די „הויכע פּענצטער״, איז געווען אַ מעגלעכקייט פֿון געגנט־קאָמיטעט זיך אַריינצוכאַפּן אויף אַ „בענקל״ אין קאַנטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט אין כאַבאַראָווסק, אָדער מען קען גלייך פֿון ביראָבידזשאַנער געגנט־קאָמי־טעט פֿון דער פּאַרטיי אַריין אין אַפּאַראַט פֿון צ. ק. אין מאָסקווע פֿלעגט מען דאָך דערציילן, ווען איך בין שוין געווען אין ביראָבידזשאַן, וועגן דער פּראַקטיק פֿון באַכמוטסקי׳ס אַרבעט אין געגנט־קאָמיטעט, אַז ער פֿלעגט גאַנצע נעכט אָפּזיצן אין זיין קאַבינעט (אין יענע יאָרן איז דאָס געווען אַ מאָדע ביי די גרויסע „קנעפּלעך״ אַראָפּנעמענדיק אַ מוסטער פֿון סטאַלינען, אַז אין זיינע „הייליקע״ קרעמל־פּענצטער ברענט די שיין גאַנצע נעכט. ער, דער פֿאָטער פֿון די פֿעלקער, מאַכט קיין אויג נישט צו, זאָרגנדיק וועגן זיינע זין און טעכטער...) און קוועטשן דעם בענקל, וואַרטנדיק אויף אַ קלונג פֿון מאָסקווע פֿון די חדרי־חדרים, אַ שטייגער פֿון שעלעפּינ׳ען, איינער פֿון די סעקרעטאַרן פֿון צ. ק. אין יענער צייט, מיט וועמען באַכמוטסקי איז געווען גוט באַקאַנט, אָדער פֿון עמעצן אַנדערש פֿון די גאָר הויכע פּאַרטיי־אַנפֿירער, צו זוכה זיין מיט זיי שמועסן און קענען געפֿעלן ווערן און נושא חן זיין אין יענעמס אויגן.

אָבער לויט דער איראָניע פֿונעם גורל האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז בעריאַ, מאַלענקאָוו און פּאָנאָמאַרענקאָ האָבן זיך אין די יאָרן 1947—1951

שטאַרק געניטיקט — ממש ווי דאָס לעבן איז דאָס זיי נויטיק געווען — צוצוגרייטן אין סטאַלינ׳ס נאָמען און לויט סטאַלינ׳ס באַפולמעכטיקונג אַ רושמ׳דיקן צענטראַלן אַנטיסעמיטישן פּראָצעס, כדי צו באַווייזן און צו איבערצייגן דאָס פיל־מיליאָניקע סאָוועטישע פאָלק, אַז נישט בלויז די יידישע שרייבער, אַרטיסטן, דאָקטוירים און וויסנשאַפטלער זענען וואָס אין דער קאָרט, נאָר אַז אויך די יידישע פּאַרטיי־אָנפירונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט איז אַ פּאַרקויפטע, אַז זי באַשטייט פון פאַררעטער און שפּיאָנען.

בעריאַ׳ן, מאַלענקאָוו׳ן, פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן האָט אַבסאָלוט נישט געקי־מערט, וואָס באַכמוטסקי, בראָכין, פראַדקין און אַנדערע זענען אַסימילירטע יידן און אַפילו געשמד׳טע. פאַר זיי איז דער עיקר געווען וויכטיק, וואָס די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן זענען לויט די פּעסער, לויטן באַ־רימטן פינפטן פּאַראַגראַף אין פּאַס — יידן. די אָנפירער פון דער פּאַרטיי האָבן באַדאַרפט פאַר דעם געהעריקן רושמ׳דיקן פּראָצעס אַ פּאָליטישן „בוקעט" און דער בוקעט זאָל באַשטיין פון די סאַמע אָנזיכטיקע „קווייטן" פון דער יידישער געגנט, וואָס פאַרנעמען די וויכטיקסטע פּאָסטנס אין געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטײ, אין געגנט־אויספיר־קאָמיטעט, אין דער פּרעסע, אין דער ליטעראַטור און נעמלעך:

1) ערשטער סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.
2) פּאָרזיצער פון געגנט־אויספירקאָם.
3) פּאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון געגנט־אויספירקאָם.
4) סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי פאַר פּראָפּאַגאַנדע.
5) רעדאַקטאָר פון דער רוסישער צייטונג „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ".
6) רעדאַקטאָר פון דער יידישער צייטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן".
7־8) רעדאַקטאָר פונעם ליטעראַריש־פּאָליטישן אַלמאַנאַך „ביראָבי־דזשאַן" און אָנפירער פון דער גרופע ביראָבידזשאַנער יידישע שרייבער.

און די אַלע אַכט יידן־קאָמוניסטן, סאָוועטישע פּאַטריאָטן, מלחמה־וועטעראַנען, מלחמה־אינוואַלידן, וועלכע האָבן אין יענעם צייט־פּעריאָד פאַרנומען די אויבן־אָנגעוויזענע פּאָסטנס, זענען דאָס געווען דער נייטיקער קרבן צום אַנטיסעמיטישן פּראָצעס, וועלכער האָט באַדאַרפט דינען אין סטאַלינ׳ס העכסטע אינטערעסן פון וועלט־קאָמוניזם. איינצייטיק איז אָט דער צענטראַלער פּראָצעס געווען דער ענדגילטיקער סוף פון דעם סאָוועטישן יעווסעקיזם.

דער משפּט איבער דער יידישער פּאַרטייִשער אָנפירונג פון דער געגנט אין מאָסקווע, איז געווען דורכגעפירט בסוד־סודות, פּונקט אַזוי ווי מ׳האָט אין אייניקע חדשים אַרום אין 1952טן יאָר אויסבאַהאַלטן, קיינער

זאָל נישט וויסן, דעם משפּט איבער די מאָסקווער ייִדישע שרייבער, נאָר די סטאַליניסטישע שוואַרצע מאה האָט זיך שוין פּיבערהאַפט געגרייט דעם ייִדנהאַס אַרויסצוטראָגן אָפן פאַרן המון אויף די גאַסן און פּלעצער, אויף די שפּאַלטן פון די צענטראַלע אַלפאַרבאַנדישע צייטונגען. עס האָט זיך שוין עפנטלעך געגרייט דער גרויסער בילבול אויף די ייִדישע דאָקטוירים, וואָס האָבן זיך געקליבן צו פאַר׳סמ׳ען סטאַלינען מיט זיינע נאָענטסטע מיטקעמפער און אין אָנהויב פון יאָר 1953 האָבן זיך אין באָלשעוויסטישן סאָוועטן־פאַרבאַנד צעברויזט, ממש צעבושעוועט, די אַנטיסעמיטישע כוואַליעס שטאַרקער און העכער ווי אין די סאַמע שוואַרצע צייטן פון דעם צאַרישן רוסלאַנד; בלוטיקע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געריסן צו פאַרשווענקען, פאַרשטויסן אין די סיבירער טויט־לאַגערן, שוין אין די נאָך־מלחמה באַדינגונגען, מיליאָנען סאָוועטישע ייִדן און זיי דאָרטן אומברענגען.

דריטער טייל

נאָכן משפט

ביי דער כנרת

נאָך אַ פיר־חדשימדיקן פיינעם שפּאַציר, וואָס איך האָב אומדעוואַרט פאַר זיך אַליין געמאַכט איבער אַמעריקע, האָב איך היינט, — זונטיק דעם 16טן מערץ 1981 יאָר, אין אַ נאָוועמבע, פרייוויליק פאַרשלאָסן זיך אין ד׳ אמות, להבדיל, ווי אין „אָדינאָטשקע״ (אַן איינצל־קאַמער). אינדערפרי בין איך מיטן „אגד״־אויטאָבוס אָנגעקומען פון נצרת־עלית (געווען דאָרט אַ פּאָר טעג צוגאַסט ביי מיין טאָכטער און אייניקלעך) קיין טבריה און תיכף ומיד איינגעאָרדנט זיך אינעם מלון „פּאר״, וועלכער געפינט זיך אויפן סאַמע ראָג פון די צוויי גאַסן — „אוהל יעקב״ און „יהודה הנשיא״ אין אַ זוניקן, ווילן חדרל, אויפן צווייטן שטאָק, מיט אַלע וויגאָדעס.

אין נצרת־עלית איז באַגינען געווען שטאַרק קיל. אין די צען־פופצן מינוט, וואָס כ׳האָב געוואַרט אויפן אויטאָבוס, האָט מיך ממש דורכגענומען דער שאַרפער ווינט און דאָ, אין טבריה, אין גאַנצן אַ דרייסיק קילאָמעטער פון נצרת, איז דאָך שוין אמתער זומער, אַזוי למשל, ווי אין דער ווייסרוסישער פּאָליסיע, אין זשיטקאָוויטש, צי אין יעלסק, סוף יוני־חודש.

דורכן אָפענעם פענצטער פון מיין האָטעל־צימערל זעט זיך נישט ווייט איבער די מויערן און טעלעוויזיע־שטאַנגען, צווישן די פּאַלמעס און קיפּאַריסן, די כנרת, ווי אַ שטילער, אומבאַוועגלעכער פּאַס טייך, מיט זיין קעגנאיבערדיקן באַרג, וואָס ווייזט אויס אין דער פרי, דורכן העלן, שיטערלעכן נעפּל, אַזוי ווי אַ גלייכע, לאַנגע וואַנט, אָדער דערמאָנט דעם זוים פון אַן אָפּגעווייטערטן ווייסרוסישן וואַלד. האָב איך זיך דערמיט נישט באַגוגנט, ווייל איך האָב דורכן האָטעל־פענצטער נישט דערפילט די ימיקייט פון כנרת, אירע באַזונטע, זיך צעשפּילנדיקע כוואַליעס און נישט געפוילט זיך און אַראָפּגעפאָרן אונטן (דער מלון „פּאַר״ איז אין דער העכערער,

באַרגיקער טייל פון שטאָט) צו דער טבריהער תחנה מרכזית (צענטראַלע אויטאָבוס־סטאַציע) און פון דאָרט ביז איך שוין צופוס צוגעגאַנגען צום סאַמע ברעג פון כנרת, אין דמיון מאַיעסטעטיש פאַרנויגט זיך, אַזוי צו זאָגן, „געצויגן מיין הוט״ פאַר איר פריש־אָטעמדיקער, ימיקער רחבות.

אָפּצושטאַטן אַ וויזיט דעם טבריהער ים, איז ביי מיר אַזוי ווי צו באַזוכן מיינעם אַ האַרציקן פריינד, אַ ידיד, האָב איך דער כנרת מיט אַ שמייכל אין זיך דערמאָנט, ווי אַזוי מיט אייניקע יאָר צוריק, ווען איך בין נאָך געווען אין דעם מצב פון אַן עולה חדש, האָט דער ווינט אַראָפּגעריסן פון מיין קאָפּ מיין מינסקער גלות־הוט און אַן אַ קאַטאָוועס אַוועקגעטראָגן אים, אַרומהוידענדיק איבער די שטראַלנדיקע כנרת־וואַסערן און רוף אים, דעם ווינט, צו אַ דין־תורה. אַצינד האָלט איך פעסט אין דער האַנט מיין נייעם ישראל־קאַפּעליוש, אַ קשיה אויף אַ מעשה... און אומזיסט־אומנישט, ווייל רויִק, מיט אויפגעקוואָלענער געשליפנקייט, שפּרייט זיך דער ים, גלאַט־גלאַט, קיין פאַלדעלע, קיין רונצעלע, ווי די באַקן פון אַן עופּל־קינד, כאַטש בויג זיך אַן און קוש זיי אויס. כמעט אַ וואָך צייט, ביז איבער פּורים, איז די כנרת געווען אַזוי גאַלדיק־שטיל, קיין סימן נישט, קיין זוואַניע, פון דעם רוישיקן ווינט, קיין שאַרכעלע נישט צו הערן. בלויז כאַלאַסטרעס הימעניקעס — די כנרת־פישלעך, זענען פאַר ווילטאַג געשפּרונגען פון וואַסער און געפּאַטשט מיט די עקלעך איבער די זון־שטראַלן.

☆

לעם דער תחנה ספינות, דאָס אָרט ביים כנרת־ברעג, ווו מען שטייגט אַרויף אויף די נישט־גרויסע פּאַסאַזשיר־שיפן דורכשפּאַצירן זיך איבערן ים, האָט געררודערט, גערוישט, ווי אין אַ בינשטאָק: הונדערטער קינדער, יינגעלעך און מיידעלעך, דאָס רוב שילער פון די יינגערע קלאַסן, האָבן געוואַרט ס׳זאָלן זיך צוריקקערן די אַנדערע מיט קינדער פאַרפולטע שיפן און דאַן וועט אַנקומען זייער ריי אַרויפצולויפן אויפן שיף צו מאַכן דעם געגאַרטן רעיס איבער דער כנרת. און ס׳קאָן געוויס זיין, אַז אַ סך פון זיי, וועלן היינט צום ערשטן מאָל אין אַ דאַמפער־שיף פאָרן איבערן ים ווייט פון ברעג. איך האָב אַ טראַכט געטאָן ,אַז עס זענען, אפשר דאָ אויך אַזעלכע קינדער, וועלכע פאַרטייען אין זיך די מורא צו זיין אין ים, אָבער, אויף די צעפלאַמטע קינדערשע פּנימער און די זשוואַווע בלישטשענדיקע אייגלעך, אויף דעם אופן, ווי אַזוי זיי וואַרפן, ווער ווייטער, שטיינדלעך אין וואַסער, שליידערן שטיקלעך פּיטעס פאַר די פישלעך און מעוועס — איז שווער צובאַמערקן סימנים פון שרעק.

אַ ייִנגעלע וויזט אָן מיטן פינגער און שרייט, ווי נישט אין זיך, איבעררעשט: — קוקט, קוקט, די מעווע האָט אַרויסגעכאַפּט פון וואַסער דאָס פישל, וועלכע האָט אָקערשט דערשלונגען דאָס שטיקל בולקע, וואָס איך האָב אַ וואַרף געטאָן...

— חד גדיא, חד גדיא, — צעזינגט זיך גאַר פלוצעם אַ מיידעלע מיט דער מעלאָדיע פון דער פסחדיקער הגדה.

מיר זענען געפעלן געווען ביי די קיגדער די זאַרגזאַם פּאַרפּראַבקע־ווטע פלאַסמטסאַמע־פלעשלעך (פליאַשקעס), אַריינגעטאָן אין ספּעציעלע דיקע ברעזענטענע, אָדער טוכענע זעקלעך, ווי ביי די זעלנער און העגנגען שטייף אַרומגעדרייט ביי די לענדן. אין סאַמע געלויף און געהאַווע, צע־פּאַליעטערהייט, שטעלט זיך אַ ייִנגעלע פלוצעם אַנידער, גיט אָן עפן דעם קאָרעק פון פליאַשקע, טוט אַ זופּ וואַסער, אָדער עפּעס אַן אַנדער מין געטראַנק און לאָזט זיך ווידער שפּרינגען, שפּילן זיך.

נישט וויט פונעם ים־ברעג, אויף אַן אָפענעם פּלאַץ, שטייען אַ פינף צי זעקס גרויסע אויטאָבוסן, וועלכע האָבן געבראַכט אַהערצו צו פירן דאָס קליינוואַרג פון די אַנדערע שטעט און ישובים פון לאַנד, צו פאַרברענגען ביי דער כנרת, איינצוזאַפּן אין זיך די מחייהדיקע, אַנהייב־זומערדיקע ים־לופט, הנאה האָבן פון דעם שווימען אויף אַ שיף אין דעם אָפענעם ים.

צווישן די קינדער גייען אַרום די לערער און לערערינס, אַ צוויי־דריי פון זיי מיט הילכערס אין די הענט און רופן נאָכאַנאַנד און וואָרענען צו זיין פאָרזיכטיק ביים ברעג, נישט שטופּן זיך, נישט שטויסן, נישט צופיל אָנבויגן זיך צום וואַסער בעתן וואַרפן די שטיקלעך פּיטעס פאַר די זשעדנע כנרת־פישלעך, חס־וחלילה נישט אומפאַלן אין וואַסער. איך האָב אויך באַמערקט עטלעכע לערער באַוואָפנטע מיט ביקסן, אָדער דאָס זענען געווען ספּעציעלע בטחון־מענטשן פון משמר הגבול, אָדער פאַרשטייער פון די עלטערן־קאָמיטעטן, וואָס באַגלייטן און באַוואָרענען די קינדער אין וועג, מ׳לעבט דאָך אין ישראל... עס זאָל אַלץ זיין בסדר און כשורה, טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע זאָלן אין דער היים זיין רויִק, אַז די קינדער וועלן בשלום צוריקקערן זיך אַהיים פאַרברוינטע אויף דער זוניקער ים־לופט, צופרידענע פונעם טיול (שפּאַציר).

כ׳האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק פּונקט אַנטקעגן דער קליינער כנרת־פריסטאַן, אַזוי צו זאָגן — האַפן פאַר די שפּאַציר־שיפן און מיט ליבשאַפט געקוקט אויף די קינדער, טייערע ייִדישע קינדער, בלוט און פלייש פון מיין לייב, איינגעהאָרכט זיך אין זייער איילי־שפּרודלדיקן, זינגעווודיקן, שיינעם עברית־לשון, וואָס קלינגט אין זייערע מיילער אַזוי נאַטירלעך און נישט געצוווּנגען, ווי דאָס אַרומקרייזן פון די ווייסע ים־מעוועס מיטן אייגנטימלעכן פאַר זיי געשריי און פלוצעמדיקן צופאַלן צום

וואַסער, אַ גליטש געבנדיק זיך איבער אים, ברייט צעשפרייט די פליגלען, און ווידער זיך אַ הייב־טאָן אין דער לופטן.

אויף דער באַנק, ווו איך בין געזעסן, האָבן ראַפּטאָם פריילעך ראַנג־לענדיק זיך, צוגעזעצט אַ פּאָר ייִנגעלעך, איינער פון זיי, אַזוי האָט זיך מיר אויסגעוויזן, האָט אַ בליק געטאָן מיט מיטלייד אויף מיין קוליע און שטעקן און עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט אַ פרעג טאָן, טאַקע ביי אים, וואָס האָט אויף מיר אַזוי אַ קוק געטאָן, פון וואָס פּאַר אַ שטאָט, צי ישוב ער איז? און צי איז דען די פראַגע געווען פּאַר מיר אַזוי וויכ־טיק? — אין מיין האַרצן האָט פשוט געיוירט אַ שטאַרקע בענקשאַפט צו רעדן מיט ייִדישע קינדער פריי און זאַפטיק־קלוג, פונקט אַזוי, ווי זיי רעדן אַצינד צווישן זיך, אַזוי ווי מאָטל פּייסי דעם חזנס האָט זיך דורכ־געשמועסט מיט זיין ליב שכנס קעלבל מעני. נאָר איך האָב זיך נישט דערוועגט. דער לעפּישער געבוי פון מיינס אַן עברית־משפט *) און ביז איך וואָלט אים, ווי אַ שווערע פּאַס מיט ווייך אַרויפגעקייקלט אויף מיין צונג, וואָלט ביי די צוויי ייִנגעלעך אַמווינציקסטן אַרויסגערופן אַ שמייכל, אָדער שטוינונג און בכלל פּאַסט נישט, האָב איך באַלד געפונען אַ תירוץ פאַר זיך צו פרעגן עפּעס ביי קליינע קינדער אין דער נאָענטער אַנוועזנהייט פון זייערע לערער און דערציִער. דערצו נאָך האָט אין מיין מוח „אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגלען" די פּיל־יאָריקע סאָוועטישע געוווינטשאַפט (גלייך ווי זי וואָלט שוין ביי מיר געווען אַן איינגעבוירענע) פון שטענדיקער אָנגעשפּיצטקייט, וואַכזאַמקייט (איי, די ביטערע גרויזאַמע וואַכזאַמקייט, די פאַרשאָלטענע „בדיטיעלנאָסט" **) וואָס טייכן בלוט זי האָט אָפּגעקאָסט!) דער כסדרדיקער „טאָמער" און „מאָלע וואָס", דער היפּוך פון אַ נאַטירלעך און פריי מענטשלעך לעבן, צו שמייכלען, ווען דיר איז עס ליב און ניחא, צו רוגזן זיך, ווען דו דאַרפסט זיך רוגזן...

די צוויי ייִנגעלעך זענען שוין אויף מיין באַנק נישט געוועזן. זיי האָבן שוין געהאָט זיך אויסגעמישט אין דער לוסטיקער פּילדעריי צווישן אַנדערע הייפלעך קינדער, נאָר מיך האָבן שוין די פייערצונגען, ווי אַ טרוקענעם בעריאָזעווען שייטל האָלץ אַרומגעכאַפּט מיינע אומאויפהערלעכע ספקות, וואָס עגבערן און טאָטשען מיך שוין עטלעכע יאָר און זענען מיך דורס: „איינמאָל פּאַר אַלע מאָל, שלאָג זיך עס דיר אַרויס פון דיין אַלטן קאָפּ — זיי, די ישראל־קינדער וועלן שוין די־ין לשון ייִדיש נישט קענען און לגמרי נישט דיינע ייִדישע לידער. זאָלסט אַפילו זיין אַזאַ ראַפינירטער און קרעפּטיקער דיכטער ווי מאַני לייב, אָדער אַזאַ טראַגישע טיפע דיכטערישע פּערזענ־לעכקייט ווי משה־לייב, צי ווי ה. לייוויק. ווייל ווי גערעכטן מ'זאָל זייערע

*) משפט — עברית: פּראָזע.
**) בדיטיעלנאָסט — רוסיש: וואַכזאַמקייט.

ווערק נישט האָבן איבערגעזעצט אויף עברית, ווען זיי אַלץ־איינס נישט אַנטפלעקן דעם אייגנטימלעכן האַרציקן חן פון מאַמע־לשון — די פרישקייט, שפּילעוודיקייט און קאַליריקייט פון אַ רעגן־בויגן. און דאָס איז דאָך נאָך אין שייכות צו העברעיִש און ייִדיש, צו לשונות, וואָס זענען, אַזוי צו זאָגן, געברודערט און געשוועסטערט. און בכלל, על־פּי מיין נאַרישן שכל, איז דיכטונג אוממעגלעך איבערצוזעצן, ס׳איז בלויז אַן איינרעדעניש. ס׳איז אַזוי ווי איבערצופלאַנצן אַ האַרץ. איבערגעזעצטע דיכטונג איז אַן און פאַר זיך שוין, אָדער אַ ניי־געשאַפענע, וואָס געהערט שוין צום דיכטער־איבערזעצער, ס׳איז שוין זיין נאַטור, באַהויכט פון זיין נשמה, אָדער, אין מערסטן טייל, איז איבערגעזעצטע פּאָעזיע אַן אויסגעמוטשעטע, אַ ראַכי־טישע, אויף משקלות, קוים וואָס עס זשיפּעט, אַ צאַפּלדיק פישל, וואָס די כוואַליע האָט זי אַרויסגעפּאַטשט אויפן זאַמד... אָדער אַזאַ איבערגעזעצטע פּאָעזיע וואָס דערמאָנט סתם אַ קאַליקע־זייגער, אַ שברי־כלי, וויפל מאָל דו זאָלסט עס נישט פאַרריכטן, בייטן די ספּרוזשינעס, ציילט ער אָפּ אַ פּאָר „טיק־טאַקן" און שטעלט זיך ווידער אָפּ, אָן אַ סימן פון לעבן...

און דיר פאַלט נאָך איין, — הער איך נישט אויף צו יאָדען זיך און גריזשען, — פאַר דיינע לעצטע גראַשנס (אָדער ווי איינער אַ ייִדישער דיכטער האָט געשריבן אויף דער ערשטער זייט פון זיינעם אַ ניי־דערשי־נענעם לידער־בוך: „אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון קישקע־געלט"...) צו דינגען אַ שורה־איבערזעצער און אָפּדרוקן מיט שווערקייטן און מיט אַזויפיל נישטזיכערקייטן, אַ ביכל אויף עברית און צאָלן אין די צייטונגען פאַר רעקלאַמירן דאָס דערשינענע ביכל. אָט די ווילע קינדער, וועלכע דו זעסט אַציִנד אַזוי נאָענט פאַר דיינע אויגן, זיי דאַרפן עס נישט. עס זענען פאַראַן צענדליקער העברעיִשע דיכטער, דאָ אין לאַנד געבוירענע, דערוואַקסענע דיכטער, וואָס שרייבן פאַר קינדער און ווייסן אויסגעצייכנט, ווי אַזוי דורכצושמועסן זיך מיט אָט דער טייערער, פּיקחותדיקער הענדום־פענדום־חבריה, אין גראַמען און אָן גראַמען. פאַר אָט די העברעיִשע דיכ־טער איז עס אַ נאַטירלעכע זאַך, פון זיך אַליין אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע און וויל נישט זיין קיין פלאָקן אין ראָד, קיין צוטשעפּעניש, אַזאַ איז שוין דיין מזל, אָנגעצייכנט פון דער השגחה עליונה... און זיי משלים מיט דעם... און לאָז געמאַכט, און טו דאָס, צו וואָס דו ביסט אַציִנד אַראָפּגעקומען קיין טבריה און פאַרשלאָסן זיך אין ד׳ אמות אין דעם מלון „פאַר" — צו פאַר־ענדיקן דיין טורמע־ און לאַגער־בוך. דאָס וועט זיך לכל הפּחות לאָזן איבערזעצן אויף עברית, אפשר נישט אַזוי גיך, אָבער מיט דער צייט. מ׳וועט זיך אַרומזען — די יונגע ישראלים דאַרפן און מוזן וויסן, ווי אַזוי ייִדישע דיכטער און שרייבער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן נאָך אַלץ געטרוימט אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, ווען אַ דריטל פון אונדזער פאָלק איז

שוין פאַרטיליקט געווען אין די געטאָס און פאַרברענט געוואָרן איי די דייטשישע גאַז־קאַמערן, האָבן זיי, די יידישע סאָוועטישע שרייבער, ממש מקריב געווען זיך צו שאַפן ווערק אין אָנדענק פון די אומגעבראַכטע קדושים, געצויגן זיך מיט ליבשאַפט צו די לעבנגעבליבענע יידן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון די מלחמה־שלאַכטן און פון דער אומגליק־לעכער עוואַקואַציע אין הונגער און אומצוכט און געוואָלט זיי טרייסטן, מינטערן, מיט אַ יידיש קינסטלעריש וואָרט און פאַר דעם ריינעם און טיפן פאַרלאַנג זייערן, האָבן די מאָסקווער קרעמל־הערשער פאַרשטויסן מיט גוואַלד די בעסטע פון די יידישע שרייבער און זיי צעשאָסן אין די קעלערן, אין די קאַזעמאַטן פון די מאָסקווער ליוביאַנקע און ליעפאָרטעווע־תפיסות. און אַ סך אַנדערע יידישע שרייבער און דיכטער האָט די קאָמו־ניסטישע זשאַנדאַרמעריע פאַרשיקט אין קרירה־קאַלטן סיביר, זיי זאָלן דאָרטן אַלס שקלאַפן, וואָס גיכער אויסהויכן די נשמות, עס זאָל זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּוועלן דער יידישער אינטעליגענץ און די פשוטע האָראָפּאַשנע און גלויביקע יידן אין רוסלאַנד ,צו טראַכטן וועגן אַן אייגענער שפּראַך, אייגענער קולטור, צו זיין אַ פאָלק, אַנען פאַר זיך. און אויף אָט דעם רוצחישן פסק־דין איז געווען געשטעלט די ענטגילטיקע, בלוטיקע חתימה — סטאַלינס חתימה.

אין דער מאָסקווער תפיסה בוטירקי

אין מיינע אויערן האָט דייטלעך אָפּגעקלונגען דער אורטייל פון דער מיליטערישער קאָלעגיע פונעם העכסטן געריכט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד: צען יאָר שטרענגער, רעזשימנער לאַגער און נאָך דעם — אויף פינף יאָר פאַרשיקט צו ווערן אין די אָפּגעווייטערטע מקומות פון לאַנד... אָבער פון מיין זיין שוין מער ווי אַ חודש אין דער מאָסקווער תפיסה בוטירקי און וואַרטן יעדן טאָג, יעדע שעה, אויף אַן עטאַפּ אין לאַגער — אוי, ווי דער מענטש איז פול דער נאַטור געניוגט צו האָפענונגען און אילוזיעס... — האָבן זיך אין מיין דמיון אָנגעהויבן צו וועבן די פאַרשידנסטע וואַרשיינלעכקייטן און, דער עיקר, אָן אַ שיער פאַרמילדערונגס־וואַריאַנטן, אַז עמעצער דאַרף נאָך איבערקוקן דעם אורטייל און, אַז עס קאָנען נאָך פאַסירן זאַכן צום גוטן און מען דאַרף נישט אויסלייגן רק אויף שלעכט, עפּעס איז נאָך פאַר מיר נישט אַלץ קלאָר, ווייל אָט זע איך דאָך, ווי אַזוי אייניקע פון די, ווי איך, שוין פאַראורטיילטע לויט אַנדערע פּאָליטישע ענינים, וואָס

זיצן אַצינד מיט מיר צוזאַמען אין דער אַלגעמיינער קאַמער, פּאָדערן ביי די אויפזעערס פּאַפּיר און אַ בלייער, היות זיי געפינען זיך נאָך אין מאָסקווע, ווילן זיי שרייבן אַנקלאַגעס דעם אויבער־סאָוועט פון פּ.ס.ר.ר., מ׳זאָל איבערקוקן דעם אורטייל, וואָס עס איז זיי אַרויסגעטראָגן. נאָר יעטוועדן באַזונדער ענטפערן די אויפזעערס כמעט מיט איינע און די זעלבע ווערטער (און קיין איין זאַך דערגייט נישט אַזוי גיך צו מיין באַוווּסטזיין, ווי שטאַמפּ און שאַבלאָן) אַבי אָפּטשעפּען זיך:

— אַז איר וועט שוין אָנקומען אויפן אָרט, אין לאַגער, וועט איר פון דאָרטן האָבן די פּאַסיקע מעגלעכקייט צו שרייבן אַן אַנקלאַגע...

און שוין דער ענטפער אַליין און באַזונדערס דער אויסזיכטלאָזער אויסדרוק „אויפן אָרט" — הייסט עס, אַז וועגן עפּעס אַן אַנדער אויסוועג קאָן קיין שום ספק נישט זיין — פלעגט רויִרן און צונישט מאַכן מיינע חלומות, אַז עמעצער *) האָט מיך נאָך אין זינען און קוקט אַריין אין מיין ענין... נאָר אַלץ־איינס, ס׳פלעגט דורכגיין אַ טאָג און נאָך אַ טאָג פון נאָגנדיקער וואַרטעניש, פאַרטייעטער בענקשאַפט צו זיין אויף דער פריי, נישט צו זיצן פאַרצווייפלט, פאַרשפּאַרט מיט ריגלען און שלעסער הינטער קראַטעס און הויכע געמויערטע ווענט און ווידער פלעגן אין מיינע געהירן אויפשווימען, ווי שווימלעך נאָך אַ רעגן, מיראַזשן־בליִעכץ, מילדערונגען און אויסלייז־סיטואַציעס, אומגעריכטע צויבער־ניסים, ווייל אויב נישט דאָס, טאָ פאַרוואָס זשע, פונדעסטוועגן, האַלט מען מיך נאָך פאָרט אין מאָסקווע און מען שיקט מיך נישט אין לאַגער אַריין, שוין דעם צווייטן חודש נאָכן אורטייל?

וואָס עס טראַכטן די אַנדערע אַרעסטאַנטן, וועלכע זיצן מיט מיר צוזאַמען, אויך אַזעלכע, אומגליקלעכע ווי איך, בין איך זיך מודה, אַז איך האָב ביי זיי וועגן דעם, ביי קיינעם, נישט געפרעגט. איך בין געווען דורכויס פאַרנומען מיט מיינע אייגענע מחשבות, דמיונות, פאַרחושט, נישט־דאָיִק. איך פלעג בלינד זוכן אַ לינדערונג אין מיינע יסורים און אָפּט אַרויסרופן אין מיין פאַרשטעלונג די געשטאַלט פון מיין פרוי, אַרומאַרעמען זי, קושן זי. גופא דאָ, אין דער אַלגעמיינער קאַמער אין דעם אַרעסטאַנטישן הור־האַ, גערויש־ריידעריי, פלעג איך פאַרשטומט זיצן אויף מיין נאַרע און אויפשטעלן פאַר מיינע אויגן בילדער פון אונדזער לייבלעכער נאָענטקייט, אונדזערע ערשטע באַגעגענישן באַלד נאָך דער מלחמה, ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט פון מיליטערישן שפּיטאָל. די פריינדשאַפט און ליבשאַפט

*) עמעצער — אויב ס׳איז יאָ געווען אַן עמעצער, וועלכער האָט זיך אינטערעסירט מיט מיין גורל, איז דאָס, לויט דוד האָפשטיינס קלאַסישן אויסדרוק, געווען „אַ גרויסער עמעצער" — אַליין דער גורל מיינער, זיין ליבער נאָמען, וועלכער האָט מיר געהאָלפן דאָס אומדערטרעגלעכע אַריבערצוטראָגן.

איז פֿאַר אונדז ביידן געווען אַן אַ שיִער טייער און זיס. און אַט די גליִיקע, צאַפּלדיקע אויפֿרודערונג מיינע, בייטאָג אין דער קאַמער, פּלעגט מיך ווידער אַריינוואַרפֿן אין די אָרעמס פֿון האָפֿענונגען און אילוזיעס — אפֿשר, אפֿשר...

און עס איז מיר דאָן אַפֿילו אויף מיין זינען נישט געקומען דער געוויינלעכער, ווי צוויי מאָל צוויי איז פֿיר, נישט פֿריילעכער ענטפֿער אויף מיינע פֿוסטע, גרונטלאָזע טראַכטענישן וועגן אַ שטיקל ישועה פֿאַר מיר: נאָך דערויף, ווי דער אורטייל איז שוין אַרויסגעטראָגן, וואָלט מען אונדז דאָ, אין מאָסקווע, אין דער קאָמוניסטישער הייליקער הויפּט־שטאָט קיין איבעריקע מינוט נישט געהאַלטן, נאָר תיכּף געשטויסן און געטריבן, ווי טשערעדעס שאָף און רינדער מיטן עטאַפּ אין לאַגער אַריין. ווייל פֿון דעם מאָמענט אָן, ווען דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן, „דער גערעכטער און ענטגילטיקער", ווערן מיר, די פּאָליטישע, די „שונאים פֿון פֿאָלק" באַטראַכט דורך דער מ. ג. ב. און דער קאָמוניסטישער מאַכט, ווי שקלאַפֿן, וואָס זענען געצוווּנגען אַן אַ מידנסטן אויסנאַם, פֿאַר אַ שטיקל ברויט און שיסל באַלאַנדע, צוגעשמידט זיין צו עבֿודת פּרך, צו דינסט דער גראַנדיעזער בויונג פֿון קאָמוניזם. אָן קיין שום טעכניק, אַפֿילו אָן דער הילף פֿון פֿערד און פֿי, פּונקט ווי מיט אַנדערטהאַלבן הונדערט יאָר צוריק, אין דער צאַרישער לייב־אייגנטום־תּקופֿה, באַדאַרפֿן מיר אַלס שקלאַפֿן שלעפּן אויף זיך דעם יאָך פֿון די סאָוועטישע „פּיאַטילעטקעס", מערן די דערגרייכונגען פֿון דער סאָציאַליסטישער בויונג, אַרומגערינגלט און באַדראָט פֿון ביקס־אויטאָמאַט און פֿון די סיבירער וועלף־הינט, ביז אומצופֿאַלן און בלייבן ליגן אין די „טשעקיסטישע האָלאַבלעס" שוין אויף נישט אויפֿצושטיין, און אין אַ „הילצערנעם בושלאַט" באַגראָבן צו ווערן אויף איינעם פֿון די פּילצאָליקע געהיימע בית־עלמינס. צופֿוסנס דעם קבֿר וועט נישט שטיין קיין מצבֿה מיטן נאָמען און פֿאַמיליע פֿונעם מענטשן, נאָר צו אַן אייזערנעם שטאַנג וועט זיין צוגעשלאָגן אַ בלעכל מיט דעם פֿאַרשיפֿירטן נומער פֿון דעם אַרעסטאַנט. און קיינער פֿון זיינע אייגענע און ליבע, זיינע קינדס־קינדער וועלן שוין קיינמאָל נישט וויסן און נישט דערגיין, ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען...

טאָ פֿאַר־וואָסזשע האָט מען אונדז, די פֿאַראורטיילטע, פֿאַרהאַלטן אין די תּפֿיסות און נישט געשיקט אין די לאַגערן? האָבן דען געפֿעלט לאַגערן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד? — יאָ, אין לאַגערן איז אויך געווען אַ מאַנגל און באַזונדערס אין תּפֿיסות. אָבער דער עיקר אַפּהאַלט איז געווען אין דעם ברענגען די פֿאַראורטיילטע אין די לאַגערן אַריין, אין די זייער קנאַפּע טראַנספּאָרט־מיטלען און אין די גייטיקע טויזנטער, מיט הינטישער געטריישאַפֿט, אויסגעדרעסירטע יונגע מ. ג. ב.־וועכטער און אויפֿזעער, וועלכע

זאָלן אין יעטוועדן אומשולדיק־פאַרמישפּטן מענטשן זען „אַ ביטרען וואָלף אין אַ שאָפן־פעלץ", אַ בלוטיקן שונא פון פאָלק, וואָס מען מוז פון אים אויספּרעסן, אויף כלערליי אופנים, דעם לעצטן ביסל קליי פון די ביינער און גרייט זיין ביי יעדער געלעגנהייט, וועלכע איז פאַרויסגעזען לויט די אינסטרוקציעס, מאָמענטאַל אַריינצושיסן אים אַ קויל אין קאָפּ...

אָבער אַפילו, ווען עס זאָלן יאָ געווען זיין צו דער געהעריקער צייט די נויטיקע צאָל וואַגאָנען, און וועכטער־באַגלייטער, וואָלט די דאָזיקע רוצחישע אַרבעט פון אַזאַ מין ריזיקן מאַסשטאַב אין קורצע טערמינען נישט געקאָנט אויסגעפילט ווערן. ווייל אין די יאָרן 1949 — 1952 האָט די מ. ג. ב. ווי קיינמאָל אין די סאָוועטישע פּעריאָדן, מיט די ביליקסטע פּראָוואָקאַציעס און בילבולים, פאַראורטיילט אויף לאַנגע יאָרן קאַטאָרגע צענדליקער טויזנטער לחלוטין אומשולדיקע מענטשן פאַר זיין רעליגיעז און אָנגעהערן צו אַ רעליגיעזער סעקטע, פאַר ליב האָבן דאָס מאַמע־לשון און קולטור פון אייגענעם פאָלק, פאַר דעם אַזוי גערופענעם קאָסמאָפּאָלי־טיזם, ניוועלירן די גרויסע רוסישע קלאַסיק און „פאַרברעכעריש" פאַר־גלייכן זי מיט פרעמד־אויסלענדישע מוסטערן, פאַר נישט וועלן זיין אין קאָלכאָז און סאָווכאָז, פאַרן אויסרעדן אַ וואָרט מיט אַן אויסלענדער, פאַר האָבן פאַרבינדונגען מיט מענטשן, וועמענס קרובים זענען שוין אַרעסטירט, פאַר דערמאָנען אַ „טרייפהן נאָמען", פאַר אַ פרייער מינע, פאַר דערציילן אַן אַנעקדאָט, פאַר שווייגן, ווען אַלע אַרום שרייען הוראַ, פאַר קרום אַ קוק טאָן אויף סטאַלינס פּאָרטרעט און אַזוי ווייטער און דאָס גלייכן, בוכשטעבלעך, אָן קיין שום גוזמאס ,ווי טרויעריק־קאָמיש דאָס זאָל נישט קלינגען.

אָט די קאָלאָסאַלע מאַסע מענטשן, וואָס איז געמשפּט געווען אין די צענטראַלע רוסישע שטעט, ווי מאָסקווע, לענינגראַד, גאָרקי, קויבישעוו און אַנדערע און אין די רעפּובליקאַנישע און קאַנטישע צענטערס ווי קיִעוו, מינסק, טאַשקענט, פרונזע, ווילנע, טאַלין און כאַבאַראָווסק, סטאַווראָפּאָל — האָט מען נאָכן אַרויסטראָגן די אורטיילן געדאַרפט סאָרטירן, גרופּירן לויט די מ. ג. ב.־קאַטעגאָריעס און פונאַנדערשיקן איבער די פילצאָליקע „גולאַגן" און „גולאַגלעך" אויף אוראַל, סיביר, אויפן ווייטן מזרח און מיטל־אַזיע. רוסלאַנדס שטחים זענען דאָך מוראדיק גרויס און אין אַלע אירע עקן און העקן זענען געווען צעשטעלט, ווי טעלעגראַף־סלופּעס, לאַגער־פּונקטן, קאָלאָנעס, „קאָמאַנדיראָווקעס" מיט טורעמלעך, וועלכע מ׳מוז כסדר באַ־זאָרגן מיט פרישע „שקלאַפן־סחורה".

און באַדאַרפט האָט די זשאַנדאַרמעריע דאָס אַלץ טאָן געהיים, דאָס פּילמיליאָניקע סאָוועטישע פאָלק זאָל קיין אַנונג נישט האָבן פון די, נישט צום גלויבן אומגעהויערע מאַסשטאַבן פון אַרעסטן און פאַבריצירטע

ענינים. אָבער דאָס קאָמפּלעקטירן צונויפשטעלן ספּעציעלע, דורכויסיקע עשעלאָנען פון אַרעסטאַנטן, איז אין יענע שווערע נאָך־מלחמה יאָרן געווען צו ריזיקאַל: דער וועג צו דער גרעסטער טייל לאַגער־פּונקטן קיין סיביר, ווייטן מזרח און מיטל־אַזיע איז געלעגן בלויז דורך די מאָסקווער אייזן־באַן־קנופּן — די צענטראַלע מאַגיסטראַל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. און אַזעלכע „נישט געוווּנטשענע" עשעלאָנען, ווען אין די שפּייז־קראָמען פון דער הויפּט־שטאָט האָבן דעמלט געפעלט די נייטיקסטע פּראָדוקטן, וואָלטן געקאָנט „אויפרייסן די אויגן" ביים שטאָטישן המון. דאָס האָט אויך גע־קאָנט דערגיין צו די אויסלענדישע קאָנסולאַטן און אויסער דעם איז געווען אַ געפאַר צו קאָנצענטרירן מאַסן פאַרמשפּטע אויף די מאָסקווער וואָקזאַלן. אין רוסלאַנד איז מען נאָך פון די צאַרישע צייטן שטענדיק געווען אין פּחד פאַר אומרוען און בונטן, לא כל שכן, אין די סטאַלינישע יאָרן, ווען די רויטע מאָסקווע האָט אין יעדן שאָטן פון אַ שטיין און ביין אייגעזען קראַמאָלע און פאַרראַט... זענען די מ. ג. ב.־אָרגאַנען געצוווּנגען געווען אין די נעכט, גניבהש, צוטשעפּן צום לעצטן וואַגאָן פון די געוויינלעכע פּאַסאַזשיר־באַנען, גיכע באַנען און אַפילו עקספּרעסן, אַ פאַרקראַטעוועטן וואַגאָן, אַ טורמע אויף רעדער, וואָס האָט געהייסן „וואַגאָן־זאַק". פלעגט מען אין אים נישט נאָר, ווי אין אַ זאַק, נאָר אַזוי ווי אין אַ פאַס הערינג אַריינקוועטשן וויפל נאָר עס לאָזט זיך — אַרעסטאַנט אויף אַרעסטאַנט. אָט אויף אַזאַ אופן פלעגט מען ביסלעכוויַיז אויסלאָדן די תּפיסות און אַוועקפירן די אומבאַגרייפלעך גרויסע צאָל פאַרמשפּטע אין דער טיף פון ראַסיי צו די ווילדע, זומפּיקע טייגעס, אָנסופיקע געדיכטע וועלדער, צו די ערדן באַדעקטע מיט אייביקן אייז — די טונדרעס, אַהין־אַהין, צו די קאַטאָרזשנע רעזשימנע סטאַלינישע לאַגערן. דעריבער האָט מען אַזוי לאַנג געדאַרפט וואַרטן אויף אַזאַ עטאַפּ אין לאַגער אַריין. און ביי מיר האָט אויף דער נאַרע אין דער מאָסקווער בוטירקי־טורמע געטליִעט נאָך אין מיין צעהיצטן, צוגעטעמפּטן מוח אַ האָפענונג — אפשר, אפשר... ביז עס איז אומפאַרמיידלעך דערגאַנגען צו מיין ריי, צו מיין שקלאַפן־נומער און מען האָט אויך מיך, ווי אַלע אַנדערע, ביינאַכט, אַזוי ווי מיט פאַרמאַכטע אויגן אין „שוואַרצן וואָראָן" געבראַכט אויף איינעם פון די מאָסקווער וואָקזאַלן און דירעקט צוגעפירט צום סאַמע טרעפּל פון „וואַגאָן־זאַק" און מיך אַריינגעשטופּט צוזאַמען מיט מיין גאַנצן קלאַפּערגעצייג, די קוליעס און שטעקן און נאָכגעוואָרפן מיר אין אַקן מיין „באַגאַזש" — דעם גרויסן, פאַרשטויבטן, כמעט פוסטן זאַק מיט מיינע אַלטע צוויי רעזערוו־פּראָטעזן... אָט אַזוי האָט זיך פאַר מיר דעם יִיד, דעם מלחמה־אינוואַליד, אָנגעהויבן דער וועג צום לאַגער, אַ וועג פול מיט פּיין און דערנידערונגען.

אין „וואַגאָן־זאַק"

דער „וואַגאָן־זאַק" איז שוין נישט געווען ווי יענער, מיט דריי חדשים צוריק, וועלכער האָט מיך געבראַכט אַלס באַשולדיקטן פון כּאַבאַראָווסק קיין מאָסקווע, צום צענטראַלן אַנטיסעמיטישן פּראָצעס, צום מאָסקווער משפּט איבער די ביראָבידזשאַנער, אַ מתנה דעם גרויסן סטאַלין. אין יענעם „וואַגאָן־זאַק" האָט מען דאָך מיך געפירט ווי אַ יחסן, אין אַ באַזונדערן אַרעסטאַנטישן שטייגל־קופּע און טאָג און נאַכט איז ביי מיין אייזערנער טיר געשטאַנען אַן עמגעביסט און אַריינגעקוקט אין „וואָלטשאָק", ווי אַזוי איך מאַטער זיך און דעק אַלע ווילע צו מיט מיין שינעל מיינע פּרוטאַלבן צעפּרוירענע פיס און קאָן זיך נישט דערוואַרעמען.

דער איצטיקער „וואַגאָן־זאַק" איז געווען, אַ געוויינלעכער סאָוועטישער באַן־וואַגאָן פון דריטן קלאַס מיט אָפענע קופּעען, צו דריי פּאָלקעס פון ביידע זייטן, צעטיילט אויף צוויי טיילן, די גרעסערע טייל איינגאַנצן אַן איזאָלירטע, אָפּגעצוימט מיט אַ דורכויסיקער אייזערנער קראַטע — פאַר די פאַרמשפּטע און הינטער דער קראַטע — פאַרן קאָנוואָי, די וועכטער מיט די רויטע אָקאָלישקעס. אויף זייער שטח איז געווען דער טואַלעט, דער טאַמבאָר, די אַרויסגאַנג־טיר צו די וואַגאָן־טרעפּלעך.

דער קאָנוואָי האָט דורך די גרויסע קראַטע־פּעטלעס געזען, וואָס עס טוט זיך ביי די אַרעסטאַנטן, נאָר זיך נישט געמישט און אויף אַלץ, וואָס דאָרט קומט פאָר, נישט רעאַגירט, ווי איינער רעדט: „זאָלן זיי דאָרט אַליין צווישן זיך אויסקומען, די פּאָהאַנע שונאים, אַזוי ווי סקאָרפּיאָנען זאָלן זיי פּרעסן איינער דעם צווייטן, שטיקן זיך און ווערגן, וועט אונדז זיין רויִקער..." סיידן, ס'ברעכט דאָרטן אויס פלוצעם אַ געשלעג צווישן די אונטערוועלט־טיפּן, די גנבים־אורקעס מיט די, וועלכע האָבן געדינט דעם דייטש, די פּאָליצייִ־לייט, צי מיט די רעליגיעזע, פון די סעקטאַנטן און איינער איז גרייט דעם צווייטן דעם קאָפּ אַראָפּרייסן און ס'דערהערן זיך גוואַלדן — „ראַטעוועט, ער וויל מיך שטעכן!"... דאַן באַווייזן זיך די „רויטע אָקאָ־לישקעס" מיט דראָענדיקע פויסטן און געשרייען ביי דער קראַטע, נאָר בלויז אין באַזונדערע פאַלן שליסן זיי אויף די קראַטע־טיר צו אַריין אינע־וויניק און מאַכן אָרדענונג.

...האַלבע נאַכט, פון די ערשטע מינוטן אָן גייט אין דער שמאָלער אַרעסטאַנטישער שטייג לענגאויס דעם וואַגאָן אַ שטויסעריי, שטופּעריי, צו פאַרנעמען די פּלעצער אויף די אונטערשטע בענק, באַקוועמער איינ־צומאָסטן זיך אין דער שרעקלעכער ענגשאַפט. כּאָטש ווי נישט איז זיך

אַריינגעקוועטשט מיט כוח און שטומערהייט מיטן עלנבויגן געשטופּט דעם שכן אין די ריפּן, צו מאַכן פאַר זיך עטוואָס מער פּלאַץ, צו קאָנען זיכערער מיטביידע הענט האַלטן דעם אייגענעם קלומעק. וועגן אַרויפדראַפּען זיך און פאַרנעמען אַליין אַ צווייטע פּאָלקע, האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין און ווער ס׳האָט עס יאָ געפּרוווט טאָן, איז ער אַראָפּגעשמיסן געוואָרן אויף אונטן מיטן קלומעק צוזאַמען. אויך אויף די צווייטע פּאָלקעס איז מען געזעסן איינגעבויגן, צונויפגעדריקט, די פיס געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט אין דער לופטן. די יינגערע, די אורקעס, רעצידיוויסטן, רויבער, פאַרגוואַלדי־קער, ביי וועמען גניבה און גזילה איז פון קליינוויז אָן געוואָרן אַ סטאַבילע פּראָפעסיע און זענען נישט איין מאָל און נישט צוויי פאַרמשפּט געוואָרן, אָט די באַנדיטן שפּרינגען, קלעטערן פלינק ווי מאַלפּעס איבער די אַקסלען און קעפּ, כדי צו פאַרכאַפּן אומבאַשטרייט די אויבערשטע, דריטע פּאָלקעס, ווו מען קאָן גרעפּיש אויסציִען די אייגענע גלידער, אַרומקוקן זיך פון דער הויך און נעמען באַלד באַלעבאַטעווען, צעפּילדערן זיך, די קאָנוואָירן זאָלן הערן, נושא חן זיין אין זייערע אויגן:

— „אונדזערע טאַטעס האָבן זיך געשלאָגן פאַרן היימלאַנד... געפאַלן אין די שלאַכטן... מיר האָבן דען פאַרראַטן?... מיט וועמען מען האָט אונדז אויסגעמישט? נישט מוחל צו זיין..."

און איינצייטיק נישטערט דער זעלבער מנוול־נאַרקאָמאַן, פּרעסט זיך איין מיט זיינע אויגן, ווי אַ שפּאַרבער אין עמעצנס אַ „פּילצוואָגנדיקן" קלומעק און טראַכט ביי זיך: „געוויס איז ביי יענעם־אַ ,מוזשיק׳ אין זיין קלומעק אין צען טראַנטעס פאַרוויקלט אַ פּאָר קילאָגראַם שפּעק און ווורשט..."

ביי די אורקעס האָט יעטוועדער נישט קיין גנב און ראַבירער, געהייסן „מוזשיק" — אַ פּראָסטער פויער, געמיינט די אַלע, וואָס לאָזן זיך אין לאַגער אָנטאָן אַ „כאָמעט" אויף זיך און האָרעווען. לויט זייער אורקישן גאָרגל־שניידער שלוחן־ערוך איז אַ מצווה ביי די מוזשיקעס צו שלעפּן פון טויט און פון לעבעדיק.

און שפּעטער, ווען דער צוג איז שוין אין פולן גאַנג, און ס׳פאַרטומלט דאָס קלאַפּן פון די רעדער, זענען אַ צוויי־דריי אורקעס באַפאַלן טאַקע דעם מוזשיק, אַרויסגעריסן דעם קלומעק פון זיינע הענט און געדראָט: „שווייג, אַנישט דערווערגן מיר דיך..."

אָבער נישט שטענדיק געראָט עס די אורקעס. אויך דאָס מאָל געפינען זיך אין וואַגאָן־זאַק צווישן די פאַרמשפּטע געוועזענע אָפיצערן און אַפילו אַ באַיאָרטער עסטאָנישער גענעראַל, אַ טאַלינער. זיי זענען אין קריג אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צום דייטש און באַוויזן אַ פּאָר יאָר אָפּצומאַטערן זיך אין די היטלערישע לאַגערן. אָבער ווען זיי האָבן זיך נאָך דער מלחמה צוריקגעקערט אַהיים, האָט זיי די עמגעבע אַרעסטירט

(לויט סטאַלינס תורה טאָר אַ רוסישער סאָלדאַט, בפרט אַן אָפיצער און גענעראַל, נישט אַריינפאַלן אַ לעבעדיקער אין שונא׳ס הענט), געפּיינקט עטלעכע יאָר אין די איינצל־קאַמערן פון די עמגעבע־טורמעס און ערשט אַצינד פאַרמשפּט פאַר פאַרראַט און שפּיאָנאַזש אויף 25 יאָר שטרענגן רעזשימנעם לאַגער. אָט די געוועזענע מיליטערלייט, מענטשן מיט ווירדע, רעדן זיך געשווינד, אויפן ווונק צונויף און איינעם פון די מאָראַדיאָרן, ווי ס׳געהער צו זיין, אַ נעם געטאָן פאַר די באַקעס, און אָפּגענומען ביי אים דעם צוגערויבטן קלומעק און עס אָפּגעגעבן דעם עלטערן, אַנגע־פודיעטן אַרעסטאַנט און דעם גנב פאַרשטופּט אונטער דער באַנק, וואָרע־נענדיק:

— מען זאָל פון דאָרט דיין פּרצוף נישט אַרויסזען, קיין פּיפּס דיינעם נישט הערן. — ער האָט פון אונטער דער באַנק געהאַווקעט, געשאָטן מיט ניבול־פּה נאָר דאָך מורא געהאַט אַרויסצוקריכן.

מיר איז נישט לאַנג אויסגעקומען פאַרחלשט צו ליגן אויפן דיל, צוגעפּרעסט צו דער וואַגאָן־וואַנט. די זעלבע מיליטערלייט האָבן באַלד אויסגעפונען פאַר מיר אַ ברעקל אָרט אויף דער אונטערשטער באַנק. איך האָב געקראָגן אַ מעגלעכקייט אָראָפּצונעמען פון זיך מיין שינעל, פאַנאַנדערצושפּיליען אויף מיין ברוסט מיין שוואַרצע גימנאַסטריאָרקע (מיליטערישע אויבערהעמדל) און אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און געקומען עטוואָס צו זיך און, מאָדנע, מיין מוח האָט גענומען אַרבעטן — די ערשטע מחשבה איז געווען: „אין וואָס פאַר אַ ריכטונג גייט דער צוג? — ס׳קאָן דאָך זיין — קיין מיטל־אַזיע, נענטער צו אוזבעקיסטאַן, צום פּערגאַנער טאָל, וווהין מיין פרוי מיט די קינדער זענען איצטער צוזאַמען מיט מיין פאַרשיקטער שוועגערין ברייגע. און, אַז מען פאַרשיקט אַהין, זענען מן־הסתם פאַראַן דאָרט נישט ווייט לאַגערן... איך קוק אויף די געדיכט־פאַרקראַטעוועטע, פאַרליאַפּעטע וואַגאָן־פענצטער, די אַרעס־טאַנטן זאָלן נישט זען די וועלט, נאָר פון יענער זייט שויב איז איצט במילא נאַכט און בלויז פון צייט צו צייט פינקלען דורך פייערלעך אויף די באַן־ליניעס. און ווידער נאַכט... אַנטקעגן מיר, באַמערק איך, אין דער וואַגאָן־טונקלעניש, ווי דער פויער, ביי וועלכן מ׳האָט געהאַט צוגערויבט דעם קלומעק און ער האָט אים מיט דער הילף פון די געוועזענע מיליטער־לייט צוריק באַקומען, קוקט זיך אַרום און שלעפּט עפּעס פון דאָרט אַרויס און שטופּט אין מויל... דער ריח פון פעטער שינקע, צוגעפּעפּערט מיט געווירצן און קנאָבל צעגייט זיך איבער דער געדיכט־פאַרדומפּטער וואַגאָן־לופט. פון דער אונטערשטער באַנק שטעקט אַרויס אַ האַנט, די האַנט פון דעם אורקע, וועלכער האָט זיך דאָרט באַקוועמלעך איינגעאָרדנט מיט נאָך עמעצן פון זיינע קאַרישלעך (לאַגער־פריינטלעך) און ס׳דערהערן זיך

פון אונטער דער באַנק פאַרשטילטע, אָבער דייטלעכע דיבורים:

— מוזשיק, רייס אָפּ אַ שטיק וורשט און דערלאַנג! באַדאַרפסט זיך, נבלה, גרויסן וואָס איך בעט ביי דיר. זיכער וועל איך זיך טרעפן מיט דיר אין מיין לאַגער־פונקט... ביסטו אין מיינע הענט, וועסטו פויזען צו מיר אויף קאַראַטשקעס און בעטן מיך — „נעם, נעם!". ווייל אַלע דיינע פעקלעך פון דיין ווייב, און פון דיינע קינדער און אייניקלעך וועל איך אויסטרייסלען און צעברעקלען פאַר די „טריאַסאַגוזקעס" (ציטער־עקלעך, קליינע סיבירער פייגעלעך) און וועסטו ווידערשפעניקן, וועל איך דיך מיט מיינער אַ שפּיציקער זאַכעלע אַ קיצל טאָן צווישן די ריפּעלעך... איך האָב נישט וואָס צו פאַרלירן... דער לאַגער איז מיין היימעלע, איך בין אַ קיילע־ביקער יתומל און יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש איז מיין פאָטערל — באַטיושקע...

דער פויער־אַרעסטאַנט קווענקלט זיך, נאָר שטעקט אַריין די האַנט אין קלומעק, פאַרקעט זיך דאָרטן אינעווייניק, טאַפּט. פון אונטער דער באַנק דערנענטערט זיך צו אים דעם אורקעס האַנט: מוזשיק, אַנטשיידענער, פאַר מיר און פאַר מיין קאַרישל... דער פויער שטרעקט אויס אַ היפּשן שטיק וורשט צו דער האַנט. די האַנט טוט עס אַ כאַפּ און פאַרשווינדט...

ס׳יאָגט דער באַן... אין די אויגן קריכן מיר די שיטערע, צעשטרייטע שטראַלן פון דעם קליינעם עלעקטרישן לעמפּל, וואָס איז אַרומגעדרייט מיט דראָט און הענגט אין דער הויך צווישן די אָפּענע וואַגאָן־אָפּטיילן און מיר נעמט זיך דאַכטן, אַז איך זע, און אפשר דאַכט זיך מיר נישט, נאָר איך זע אויף אַן אמתן, אַ לעבעדיק פלאַטערל פליט אַרום דעם פאַרדראָטעוועטן לעמפּל און קאָן זיך נישט צוטוליען צו דער ליכטיקייט און קלאַפּט זיך אָן מיט די פליגעלעך אָן די דרעטלעך, און פלאַטערט, פלאַטערט אַרום דעם קנאַפּן לעמפּל־פייער... און עפּעס ווי אין מוח לויערט ביי מיר: דורך וואַנען־זשע האָט זיך אַריינבאַקומען אין וואַגאָן־זאַק דאָס געמאַטערטע פלאַטערל ?...

פון דעם קופּע־טישל הייבט אויף זיין ווייסן קאָפּ דער קריגס־געפאַנגענער עסטאָנישער גענעראַל, וועלכן די טשעקיסטן האָבן זעקס יאָר „געפּאַרשט" אין דער מאָסקווער „לוביאַנקע" און איז ערשט אַצ׳ינד פאַר־אורטיילט און זאָגט ווי צו זיך אַליין און צו אַלעמען:

— אין די קאַרצערס האָב איך פאַרקילט מיינע נירן און קאָן לאַנג נישט איינהאַלטן דעם אורין — און ער לאָזט זיך קריכן איבער די ליגנדיקע, דערנענטערן זיך צו דער קראַטע־טיר:

— סאָלדאַט, איך מוז משתין זיין...

ס׳דערהערט זיך באַלד אַ שטים פון אַ צווייטן אַרעסטאַנט: — איך אויך, נאַטשאַלניטשעק, לאָז מיך אויף אַ קלייניקייט... עס האָט צוגעשפּאַרט... פון דער אַנדער זייט קראַטע ענטפערט אַ סאָלדאַט, קוויטשעט ווי אַ

הענדל, וואָס שטאַפּלט שוין העכער צו ווערן אָט־אָט אַ פּאָלנער האָן, אַ ראַזבאָיניק:

— דאָס שפּאַרט דיר די השתנה אין קאָפּ... שפּאַר אויף צוריק...

און אַ צווייטער „רויטער אָקאָלישעק" באַשטעטיקט: — דיין סיפּאָן וועט נישט פּלאַצן, נישט קיין זייפן־בלאָז, און ביסט נישט קיין זויגלינג... ס'איז דאָ אויף דעם אַ צייט, אין דער פרי, נאָר אין דער פרי.

דער עסטאָנישער גענעראַל ווערט אויפגעקאָכט: — דאָס מאַמע־מילך האָט נאָך אויף אייערע ליפּן נישט אויסגעטריקנט און איר פּייניקט שוין אַלטע לייט. איך האָב קראַנקע נירן, לאָז מיך אין קלאָזעט;

און שוין אַ הייזעריקער, באַטרונקענער קול, ווייזט אויס, פון די קאָנוואָי־עלטסטע צעליאַרעמט זיך: — פאַרמאַך דיין פּיסק, פאַר מיר ביסטו נישט קיין גענעראַל — אַן אַרעסטאַנט! הער נאָר אַ חוצפּה — ער שרעקט מיך און באַפעלט מיר — „לאָז אים!"...

דער עסטאָנישער גענעראַל קריכט צוריק איבער די קערפּערס פון די ליגנדיקע, קומט צו צו זיין אָרט, די אויבערשטע ליפּ ציטערט, די הענט טרייסלען זיך, ער ציט מיט האַס אַראָפּ פון שוך איינעם פון זיינע רעוועלער (טאַלינער) קאַלאָשן און פּילט אים אָן ביז צום ראַנד מיט זיין אורין און שטעלט דעם קאַלאָש פאַרזיכטיק אַוועק אין ווינקל, ביים אַריינגאַנג אין קופּע.

...עס האָבן קיין סוף און קיין ברעג נישט די אוממענטשלעכע ליידן אָן איין־און־איינציקע נאַכט צו געפינען זיך אין דעם איבערגעפּאַקטן וואַגאָן־זאַק. אין רוסלאַנד לעבנדיק, האָב איך נישט געוווּסט גענוי דעם פּירוש פון דעם אויסדרוק „חיבוט הקבר", אַצינד, נאָך אַ סך יאָרן, דערמאָנענדיק זיך מיין ערשטע נאַכט אין וואַגאָן־זאַק אויפן וועג צו סיביר, ווייס איך שוין, וואָס אַזוינס באַטייט „חיבוט הקבר". אויסגעשעפּטע, ווי דערהרגעטע, אַרומגעפּלאָכטן איינער מיטן אַנדערן, צוזאַמען מיט די קלומקעס, פּויערישע קופערטלעך, טשעמאָדאַנלעך, איבערגעבונדענע מיט שמאַטעס און אַלטע צעקנייטשטע רימענס, וואַלגערן זיך די פאַראורטיילטע אויפן דיל אונטער די אונטערשטע בענק. אויף די ערשטע און אויף די צווייטע פּאָלקעס זיצט מען און יעטוועדער אויף זיין שוין „איינגעפונדעוועטן" אָרט, זוכט אַ מינדסטע מעגלעכקייט, כאָטש אויף איין רגעלע, אַנצופּשאַרן דעם שווערן קאָפּ אויף זיין שכנס אַקסל. און די, וועלכע זיצן אויף דער צווייטער פּאָלקע, אַראָפּגעהאָנגען די פיס אונטן, אַנגעטון אין אָפּגעטראָגענע צעטריקנטע שוכוואַרג, באַרירן זיי נאָכאַנאַנד מיט די שמוציקע שטיוול און שיך די פּנימער פון די וואָס זיצן אויף די אונטערשטע בענק. און אַלע באַגיסן זיך מיט אַנגסטיקן שווייס און שטוכען די לייבער, ממש רייסן פון זיך די הויט, און אייניקע גיט זיך איין, אַראָפּצורוקן מיט

דער הילף פון איין פוס דעם שוך פון דעם אַנדערן פוס, צו געבן אַ האַרעלע וואַליע, פרייען אָטעם, דעם צעוווּנדיקטן קראַמפּטיקן מאַזאָל... אַ האַלב־צעוויקלטע פאַרברודיקטע פּאַרטיאַנקע (אָנוטשע) נעמט אָווערן, דערדושעט צו ווערן. נישט אויפצוהויבן זיך, נישט צו רירן זיך פון אָרט, נישט האָבן קיין פּיצל שפּייעכץ אין מויל צו באַלעקן דעם אייגענעם גומען... אַזאַ מין פּיין! און נאָר די יונגע „אורקעס"־מאַראַדיאָרן אין דער הייך, אויף די אויבערשטע פּאַלקעס, באַצוויט, באַדריט, אויפגעלייגט ווי סענדוויטשן, דרייען זיך אין שלאָף און נסים ונפלאות, פאַלן נישט אַראָפּ אונטן אויף די ליגנדיקע...

קוים דערלעבט באַגינען, אָבער ער ברענגט נישט קיין פאַרגרינגערונג, ביז מען דערוואַרט די ריי צום אָפּטריט, פאַרדרייען זיך אַזש די געדערים פון ווייטיק. און נישט איינער און נישט צוויי שטייען שוין אין לוזשקעלעך און ווישן מיט די שיך נעבן זיך מיט שרעק און חרפּה, עס זאָל נישט וואַרפן זיך אין די אויגן, נאָר דער שטאַרקער, גיפטיקער געריך פון צואה שלאָגט פון איינעם צום אַנדערן. אין קלאָזעט לאָזט מען דורך דער קראַטע־טיר בלויז איינציקווייז (טשעקיסטישע וואַכזאַמקייט איז אומפאַרגלייך וויכטיקער פון אַ שקלאַפס לעבן). דער קאַנוואָי האַלט די טיר פון אָפּטריט אָפן און שטייט ממש דעם אַרעסטאַנט אויפן קאַרק: — שנעלער, מעלק זיך אויס...

— ביסט נישט ביי דער שוויגער צו גאַסט.

און טאָמער ווייזט אויס אַ „רויטן אַקאַלישעק", אַז עמעצער מאַרודיעט, שלעפּט ער דעם אַרעסטאַנט פאַרן קאַלנער פון דעם טואַלעט אַרויס:

— גיי, גיי, ריר זיך צו גאַרנישט נישט צו מיט דיינע חזירישע פינגער, שטעק זיי אַריין צו דיר אין די קעשענעס, אָדער שפּאַר זיי אין...

און איילנדיק צוריק פונעם אָפּטריט דורכן שמאָלן דורכגאַנג, ווייל דער סאָלדאַט שרייט דיר נאָך מיט זילזולים, רוקט דיר אַ צווייטער סאָלדאַט אַריין אין דער דלאָניע, אַ זיך צעפּליוכענדיק קענדל מיט וואַסער און ווילסטו וואַש מיט דעם דאָס פּנים, די הענט, אָדער טרינק עס אויס. צוזאַמען מיטן וואַסער באַקומסטו אַ דיקע, קוואַמפּיקע לוסטע ברויט מיט אַ שטיקל ווייטמזרחדיקע קעטאַ (ראָפּע־הערינג). און ווען בלויז אַ שטשיפּע טאָן מיט די ציין פון דעם ראָפּע־פיש, נעמט דיך באַלד דורשטן און וואַסער ווען וועסטו שוין אין משך פון דעם גאַנצן טאָג מער נישט באַקומען, כאַטש צי זיך אויס...

נאָך אַזאַ נאַכט זיין אין אָט־דער קלאָאַקע, וואָס הייסט וואַגאָן־זאַק, זעען די אַרעסטאַנטן אויס דערשלאָגענע, מיט צעקנייטשטע, אויסגע־

בלייכטע פנימער, ווי מיט געלזוכט פאַרגאָסענע, מיט האַלב־אָפענע מיילער און בלויז די צעשוווּמענע ווייסלעך פון די אויגן גלאַנצן אָפּ, ווי אָנגעצונדן און פינקלען מיט פיבער, שגעונדיק...

די געוועזענע מיליטערלייט, וועלכע האָבן נאָך נעכטן אין אָנפאַנג נאַכט אַרויסגעוויזן ספּריטנעקייט און געוואָיעוועט מיטן אורקע, שטומען זיי אַצינד, אומעט און גלייכגילט קוקט אַרויס פון זייערע פאַרצווייפלטע מוטנע בליקן, פאַרזונקענע אין זיך, ווי אין אַ טיפן און פינצטערן ברונעם: „נישטאָ קיין שום האָפענונג... 25 יאָר קאַטאָרגע נאָך יאָרן זיין אויף די שלאַכטפעלדער, אין היטלערישע לאַגערן, אין לוביאַנקער טשעקיסטישע איינצל־קאַמערן, קיין שום אויסזיכט אויף לעבן, כאָטש טו זיך אַ מיתה אָן...״

און איך אַליין, ווייס איך נישט, ווי אַזוי איך האָב דאָן אויסגעזען, נאָר ווען איך שטרענג איצט אָן מיין זכרון, צווייפל איך, צי איך בין אין יענעם באַגינען ענלעך געווען אויף אַ מענטשן. איך האָב געמוזט דאָן אין גאַנצן אַריין אין מיין „טשערעפּאַכע־פּאַנצער״ און זיך געפילט, ווי מיט דריי חדשים צוריק אין דער איינצל־קאַמער אין ליעפאָרטאָווע, ווען איך האָב פאַרשטאַרט אַרומגעפויזעט איבערן צעמענט, ווי אַ חיהלע צווישן דער נאַרע און טואַלעט־לאַטרינע... און איך וויל אין גאַנצן זיין ערלעך מיט זיך אַליין, נישט שאַנעווען זיך אויף קיין איין ניונצעלע נישט, מיר איז דאָך דאָן אין וואַגאָן־זאַק נאָך דער דערשטיקנדיקער נאַכט, אין דער פרי, נישט געקומען אויף מיין זינען אַ מחשבה, ווי אַזוי־זשע האָבן אויס־געזען אין מינסקער געטאָ מיט צען יאָר פריִער, אין 1942 יאָר, ערב זייער אומקום, מיין מאַמע, מיין 7יאָריקער זון נפתלי און מיין פרוי סטערע, ווי איז ביי זיי אין געטאָ דאָרטן, דורך אַ נאַכט? און ווי זיי האָבן זיך געפילט אין דעם אָנקומענדיקן באַגינען און צי מיין מאַמע, מיין קינד און מיין פרוי האָבן מיך דאָן דערמאָנט?...

וואָס איך האָב יאָ געהאַט גוט פאַרגעדענקט: אין דער פרי האָט דער זעלבער יונגער אורקע געהאַט אַרודעוועט מיט זיינע לאַגער־קאַרישלעך אויף דער אויבערשטער פּאָלקע און האָט פון דאָס ניי געלאָזט אין גאַנג זיין „פּלאַטע״ נאָך הילכיקער, די וואָך זאָל טאַקע הערן: „אונדזערע טאַטעס זענען געפאַלן אין די שלאַכטן... מיר האָבן דען פאַרראַטן? — מיט וועמען מען האָט אונדז אויסגעמישט, נישט מוחל צו זיין...״

דאָס פּראָוואָצירנדיק לידעלע האָט „אויסגענומען״, אַזוי ווי דורכגע־לייגט אַ „שותפות־בריקל״ צווישן די אונטערוועלט־טיפּן און טשעקיסטישן קאָנוואָי, די „רויטע אָקאָלישקעס״... און פאַר די לאַגער־מאַראַדיאָרן, אַפילו פאַר די מער פּחדנותדיקע פון זיי, האָט עס געדינט פאַר אַ סיגנאַל — אַצינד, שוין אין דער פרי, פאַר דער ביסל ליכטיקער שיין (ס׳איז דאָך שוין געווען אָנהויב פרילינג, אַפּריל חודש), וואָס האָט זיך דאָך דורכגעריסן

דורך די פאַרשמירטע און פאַרקראַטעוועטע וואַגאָן־פענצטער, אַנצוגרייפן די מוזשיקעס מיט די קלומקעס.

אָנגעהויבן האָבן די גנבים קלאַמפּערשט פריינטלעך: איינער פון די אורקעס רופט פּלוצעם אויס: — מוזשיק, איך טו דיר אַ טובה... לאָמיר זיך בייטן, נאַדיר מיינע נייִנקע וואַטאָווע הויזן, אַנישט וועסטו דאָך דאָרטן צעפרוירן ווערן ווי אַ קראַליק, — און ביי די רייד וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ זיינע צעלאַטעטע ערטערווייז צעסמאַליעטע וואַטאָווע פּליודערן פון דעם דריטן לאַגער־טערמין, — זעסט דאָך, ערשט פון דער נאָדל, און דו דערלאַנג קאָרשט פון דיין קלומעקל, איך האָב דאָך געזען ביי דיר... פונקט אויף מיין מאָס... איך בין דאָך אַ קאָפּיטשקע יינגער פאַר דיר... דו וויסט דאָך דעם לאַגער־זאַקאָן (געזעץ) — דו שטאַרב היינט און איך מאָרגן...

און די כאַפּטע מאַראַדיאָרן קומען צו הילף דעם „אָנהויבער”. מען רייסט זיך צו צו די קלומקעס, טשעמאָדאַנלעך, קופערטלעך, ביי איין מוזשיק, ביי אַ צווייטן, ביי אַ דריטן און פאַר איין מאָמענט צעשלעפּט מען די בעסערע ווערטפולערע בגדים, שיך, העמדלעך און דער עיקר די שפּייז־פּראָדוקטן: שפּעק, צוקער, סלאַיטשיקלעך מיט חזיר־פעטס, מיט פּוטער, פאַרגעלטע האַרטע פּויערישע קעזן — גאָמלקעס און איינס און צוויי פאַרשווינדן די אורקעס מיט דעם אַלעמען, ווי די שטשורעס אין די ווינקלען אונטער די בענק, אויף די אויבערשטע פּאָלקעס...

פון דער אַנדער זייט קראַטע צעטראָגט זיך דורכן רוישן און קלאַפּן פון די רעדער, דורכן פייפן פון לאָקאָמאָטיוו, דאָס קוויטשיק געלעכטער פונעם יונגן „רויטן אָקאָלישעק”, אַ הענדל, וואָס שטאָפּלט שוין העכער צו ווערן אָט־אָט אַ פּאָלנער האָן אַ ראַזבאָיניק...

פערעסילקעס *)

סווערדלאָווסקער...

דער דייטשישער מערדער־עקספערימענטאַטאָר ד״ר מענגעלע פון אוישוויצער לאַגער וואָלט געוויס געקענט געני ביז אַ מינוט, אויס־חשבונען וויפל אַ שקלאַף איז ביכולת זיך צו מאַטערן אין די באַדינגונגען פון אַ סאָוועטישן וואַגאָן־זאַק. פאַר נויט וואָלט זיך אויך אין סאָוועטן־

*) איבערליפערונגס־תפיסות.

פֿאַרבראַד געפֿינען אַזאַ ספּעציאַליסט... לויט דעם, ווי איך, דער פֿאַרמשפּטער צו שקלאַפֿערײַ, אויף אומקום, בין אַלײן געווען פֿאַרהרוזניעט ביז פֿאַרסמט און דערשטיקט צו ווערן אין אָט־דעם אָפּפֿאַל, עיפּוש פֿון וואַגאָן־זאַק, אַזוי ווי מען וואָלט געפּענטעטע באַשעפֿענישן אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַן אָפּטריט־גרוב לעבעדיקערהייט, מײַן איך אַז אַלטע, קראַנקע און אויסגעצערטע לײַט, וואָלטן לאַנג נישט געקאָנט ציִען, העכסטנס, דרײַ, צוויי, אפֿשר, פֿיר טעג און זיי וואָלטן אָנגעהויבן פֿאַלן, ווי די פֿליגן.

זעט איר, די הורטן, פֿי, סקאָט, וואָס די סיבירער קאָלווירטן און סאָוו־ווירטן גיבן אָפּ דער מלוכה אויף פֿלייש־פֿאַרגרייטונג פֿאַר מאָסקווע און לענינגראַד, אָט די „לעבעדיקע סחורה״ פֿאַשעט מען אין וועג, מען פֿירט אין געראַמע, דורכגעלופֿטערטע פּולמאַן־וואַגאָנען. די רינדער האָבן אינעם פֿראַכט־וואַגאָן אַלץ אויפֿן אָרט: קאָרם, פֿרישן וואַסער, זויבערן שטרוי אונטער די פֿיס.

אָבער דאָס עמגעביסטישע „ווערפּעלע״ דרייט זיך, דרייט זיך און ווי דער סוף פֿון יעדן דריידל, שטעלט עס זיך אָפּ... די קאָנוואָירן קאָנען דאָך אויך לאַנג נישט אויסהאַלטן, ווי אָפּגעפֿרעסן און יונג זיי זאָלן נישט זײַן, דעם געשטאַנק און אַוועק, וואָס שפּאַרט אויף זיי דורך די גרויסע קראַטעלעכער פֿון דער אָנגעשאָפּטער שטייג מיט אַרעסטאַנטן. און מ׳איז געצוווּנגען דעם קאָנוואָי צו בײַטן, אָדער צו געבן אַ מעגלעכקייט אָפּצורוען און אויסער דעם וואַרט מען דאָך אין די לאַגער־פּונקטן אויף „ראַבאָטיאַגעס״, די שקלאַפֿן האָבן דאָך דאָרט אַ טבע גיך צו שטאַרבן. די דאָרטיקע נאַטשאַלניקעס פֿון די לאַגערן, די פּאָלקאָווניקעס און מאַיאָרן פֿון מ. ג. ב., זיי זענען דאָס די סוחרים, די אויפֿקויפֿער פֿון די נײַע טראַנספּאָרטן מיט סאָוועטישע „זעקאַען״, דאַרף מען דאָך זיי האָבן וואָס צו פֿאַרהאַנדלען אויף נאמנות, ברענגען זיי צו פֿירן כאָטשבי לעבעדיקע מתים... און די מאָס פֿון פּײַן האָט אַ גרענעץ. מיר זענען דאָך דורך דער מאַכט אָפּיציעל פֿאַרמשפּט אויף אַ טערמין — צען יאָר, פֿופֿצן יאָר, פֿינף־און־צוואַנציק יאָר, אָבער נישט תיכף אויף צו צעשיסן, אָדער צו פֿאַרפּייניקן. האָט מען אין קאַרגע צוויי מעת־לעת אַרום אָפּגעטשעפּעט פֿון באַן דעם וואַגאָן־זאַק, אַ לאָקאָמאָטיוו האָט אים דערנאָך אַרומגעשלעפּט אויף געדרייטע, געשלענגלטע זײַטיקע באַן־ליניעס, ביז ער איז מיט אים אויף די רייקעס אַרײַנגעפֿאָרן דורך אַ ברייטן טויער אין אַ גרויסער אַרומצוימונג פֿון הויכע, דיקע בערוועגעס מיט שטעכדראָט איבער זיי... מיר זענען אָנגעקומען אויף דער טעריטאָריע פֿון איינער פֿון די גרעסטע איבערליפֿערונגס־תּפֿיסות פֿון מ. ג. ב. — די סווערדלאָווסקער פּערעסילקע. אָט די בשורה האָבן אונדז ביים אַרײַנפֿאָרן אין טויער אָנגעזאָגט די אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען שוין דאָ אַמאָל געווען. און מיט דעריין האָט זיך צעבראָכן און צעשאָטן מײַן לעצטער „טרייסט־טעלערל״:

מען פירט מיך נישט אויפן וועג צו מיטל־אַזיע, נענטער צו נאַמאַנגאַן, צו מיין פרוי און קינדער, נאָר גאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, אַהינצו, איבערן אויסגעטראָטענעם אַלטן צאַרישן סיבירער קאַטאָרגע־שליאַך — סווערדלאָווסק (יעקאַטערינעסבורג), נאָוואָ־סיבירסק, קראַסנאָיאַרסק, איר־קוטסק, אַהין צום קאַטאָרזשאַנסקן בייקאַל...

און נאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אויך פון די איבערליפערונגס־תפיסות טאָר מען קיין בריוו נישט שרייבן, און בלויז דאַן וועלן מיר קאָנען שיקן אַ בריוו צו די אייגענע, ווען מיר וועלן שוין אָנקומען אויף אונדזער באַשטענדיקן ענדגילטיקן אָרט.

— סיידן, — שושקעט מיר אַריין אין אויער אַ זעקאַ, וועלכער היניעט שוין דאָ אויף דער פּערעסילקע אַ פּאָר וואָכן, — אויב דיר וועט געראָטן אָנצוטרעפן אויף איינעם אַזאַ, וואָס אַרבעט דאָ אַלס „וואָלנאָ־נאַיאָמני" (פרייוויליק זיך פאַרדונגענער) — פאַראַן אַזעלכע אין די וואַרשטאַטן, אויף דער קיך, אין דער וועשעריי, און וועט ריזיקירן צו נעמען ביי דיר דיין בריוו און אים אין שטאָט אַריינוואַרפן אין אַ פּאָסט־קעסטל.

און ביי מיר אין קאָפּ שווימט שוין אויף מיין שוועגערין ברײנעס אַדרעס אין נאַמאַנגאַן, די גאַס, דער נומער פון איר קיביטקע (ליימענער הייזקע), וווהין מיין פרוי מיט די קינדער איז פון בירָאָבידזשאַן אַרויס־געפאָרן. איך האָף, אַז זיי זענען בשלום אַהין אָנגעקומען. אָבער קיין ריינעם בויגנדל פּאַפּיר האָב איך נישט. קיין בלייער אויך נישט, קיין קאָנווערט נישט, קיין מאַרקע, קיין לייב און לעבן נישט. און ווי אַזוי טרעפט מען אָן צווישן דער גרויסער מענגע מענטשן אַרום מיר אויף דער „גוטער טויב", וואָס זאָל אין איר שנאָבל נעמען מיין בריוו צו מיין הינדע־לעבן און מיט אים אַריבערפליִען איבער די הויכע בערוונעס מיט שטעכדראָט און זאַרגזאַם, ווי איך אַליין וואָלט עס געטאָן, אַראָפּלאָזן אין איינעם פון די סווערדלאָוו־סקער פּאָסט־קעסטלעך און נאָך גוט זיך אַרומקוקן, צי דער בריוו איז טאַקע אַריינגעפאַלן אין קעסטל... און באַלד נאָך דעם, לויפט אויף מיר אָן ווי אַ כמאַרע, אַן אַנדער מחשבה: און ווי אַזוי שרייבט מען אָן מיין פרוי וועגן מיין פאַראורטיילטקייט... ווי אַזוי אַרויסצוברענגען אויפן פּאַפּיר די צען יאָר... דערנאָך די פינף... ווי אַלט וועל איך שוין דעמאָלט זיין? און זי מיט צוויי קליינע קינדער... איינער פון זיי איז אונדזער אַ געמיינזאַם קינד, מיין טאָכטער, אַ נאָמען נאָך מיין מאַמען אסתר. אַצינד דאַרף זי שוין זיין צוויי יאָר מיט דריי חדשים... אונדזער זון ישראל, פון אַכט חדשים האָט זיך נישט איינגעגעבן צו פאַרהיטן אין דעם מיט פראָסט דורכגעפרוי־רענעם, צעפוילטן בירָאָבידזשאַנער באַראַק... צי וועט הינדע קאָנען פאַר־היטן מיין פּיצל־טעכטערל, ווען אַזויפיל געפאַרן לויערן אַרום און אַרום...

אַ חלשות, אַ שפּלדיקייט נעמט שווינדלדען פאַר מיינע אויגן, עס גליטשט זיך ביי מיר אַרויס די קוליע פון אונטערן אָרעם. מיט דער צווייטער האַנט שלעפּ איך נאָך זיך נאָך מיין זאַק און זוך אַן אָרט זיך צוצוזעצן און אָפּווישן דעם שווייס פון פּנים. איך האָב קיין פּאַסיקן אָרט נישט געפונען און זעץ זיך אויפן דיל, אַרונטערגערוקט אַ פּאָלע פון מיין שינעל, טו אַ פּאָכע מיט דער האַנט איבער מיין קאָפּ... אַ פאַרביילויפנדיקער שאָטן פון טויט... איך עטעם טיף אָפּ... אויף דער נשמה, אויף איר סאַמע דעק, ליגן פאַרגראָבן די האָלאָוועשקעס פון מיין טרוים — מיין ייִדישע שאַפונג, וואָס די כאַמולעס האָבן צעשרפּעט און צעטראָטן מיט זייערע יוונישע שטיוול. און ס'נעמט מיך אַרום אַ רחמנות־געפיל, אַ צער בעלי חיים אויף זיך אַליין. איך דערמאָן מיך פּלוצעם „דאָס גוססדיקע ליכט" דעם נאָמען פון איינעם פון מיינע ערשטע לידער, איך האָב דאַן געמוזט אַלט זיין 15 יאָר. דאָס איז געווען אַ געדענק־ליד וועגן מיין ברודערל יאָסעלע, וואָס איז געשטאָרבן אַ האַלב יאָר נאָך דעם, ווי מיין פאָטער איז געשטאָרבן. מיין מאַמע האָט נישט געוואָלט אַז מיר, די קליינע קינדער, איך און מיין שוועסטערל פריידל זאָלן זען דעם טויט... האָט עמעצער אונדז ביידן אַוועקגעפירט צו דער מאַמעס אַ גוטער באַקאַנטע, אָבער ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָב איך אַלץ איינס באַוויזן צו באַמערקן דעם הויכן חברה־קדישא־מאַן מיט דער ברייטער באָרד ווען ער איז אַרויס פון אונדזער שטוב און אַוועקגעטראָגן אונטער דער פּאַכווע פאַרוויקלט אין ווייסן מיין קליינעם, שיינעם ברודערל יאָסעלע... דאָס איז געווען דער זעלבער חברה־קדישא־מאַן, וואָס איז די לעצטע נאַכט געזעסן ביי מיין טאַטנס בעט בעת זיין טיפוס־קראַנקייט, געזאָגט תהילים און איך געדענק, ווי אין מיטן דער נאַכט, איך בין שוין דאַן אַלט געווען אַכט, דאָס ניינטע יאָר, איז דער הויכער ייִד געגאַנגען מיט אַ ליכט אין דער האַנט פון טאַטנס חדר דורך אַלע צימערן אין קיך אַריין צו געפינען אַ פעדער, אָדער אַ פעדערוויש, צולייגן צום טאַטנס נאָז־לעכער, פעסטצושטעלן זיין טויט... איך האָב געפּרוווט זיך דערמאָנען שורות פון יענעם ליד, אָבער חוץ דעם נאָמען „דאָס גוססדיקע ליכט" דערמאָנען זיך נישט געקאָנט... צי בין איך לאַנג אַזוי געזעסן מלאָסנע, פאַרשטומט מיט מיינע אברים און חושים, נאָר אַרויסגעפירט האָט מיך פון דער פאַרגליווערטקייט דאָס אויסטערליש בילד, דער אויסערגעוויינלעכער, קאָלירטער מענטשן מיש־מאַש, אַ געווירבל פון געשטאַלטן, וואָס האָט נאָענט, ממשותדיק געשוועבט אויף־און־אָפּ פאַר מיינע אויגן, כאָטש ר'יר זיך צו צו יעטוועדן פאַרשוין מיט דער האַנט. עס האָט מיך אויפגעמונטערט דער נאַטירלעכער נייגער. איך האָב מיט אינטערעס געקוקט און געשטוינט: איך קאָן מיך נישט דערמאָנען דעם אינערלעכן אויסזען פון דער סווערדלאָווסקער־פּערעסילקע, אָבער איך געדענק גענוי —

קיין קאַמערס זענען נישט געווען. אין מיין זכרון שימערירן קאָלאָנעס מאַסיווע זיילן־געוועלבן, אַ געביידע, אַ זאַל מיט אַ הויכער, קופּאָל־אַרטיקער סטעליע, ענלעך אויף אַ מאַרק אונטער אַ דאַך. דאָס איז געווען פון אַמאָליקע צייטן אַ פונדאַמענטאַלע אַרעסטאַנטישע עטאַפּ־קרעטשמע...

... הונדערטער „געקרוינטע" סאָוועטישע שקלאַפן, וואָס זענען נאָך מיט עטלעכע שעה צוריק אַ גאַנצן מעת־לעת און מער געווען צונויפגעשטופּט, ווי הינער אין אַ קאַטוך אין די „טורמעס אויף רעדער", האָבן אַצינד געהאַט אַ מעגלעכקייט, ביז מען וועט זיי ווידער אַריינשטופּן אין אַ וואַגאָן־זאַק, אויסצוגלייכן די צונויפגעדרייטע ביינער. און שפּאַנען אויף און אָפּ, הין און צוריק, פון איין עק זאַל צום אַנדערן. מען באַוועגט מיט אַלע אַברים, מען לאָזט אין גאַנג אַלע תנועות און העוויות, וואָס אַ מענטש איז מסוגל צו מאַכן. און דער עיקר — מען רעדט צווישן זיך הויך, אויפן קול, אויף אַזויפיל לשונות! נאָר מער פון אַלץ דערגייט צו מיר דאָס ענערגישע פאָכען מיט די הענט, דאָס זשעסטיקולירן, דאָס אויסטענהן זיך, דער הייסער וויכוח, דאָס אויספּלאַצן מיט אַ מאָל מיט אַ געלעכטער. און וואָס איך זע אויסגעשפּראָכן, אָן קיין שום טעות, די פּנימער פון כינעזער, קאָרעער, דייטשן, יאַפּאַנער. איך קאָן נישט פּינקטלעך באַשטימען, ווער צווישן זיי זענען טשעכן, יוגאָסלאַווער, פּאָליאַקן, בולגאַרן, אָבער זיי זענען אַלע דאָ. איך הער לויט זייער לשון, איך כאַפּ אויף די סלאַווישע וואָרצלען... גאָר גוט זענען מיר באַקאַנט די געזיכטער פון די פּילצאָליקע פעלקער און פעלקערשאַפטן פון ראַטנפאַרבאַנד — די אוקראַינער, ווייסרוסן (יידן און באַקאַנטע יידן האָב איך געזוכט און גענישטערט אין יעטוועדן פּנים און אַנבליק פון מענטשן), מאָלדאַוואַנער, ליטווינער, באַשקירן, אוזבעקן, לעטן, מאָרדווינער, טשוואַשן קאַלמיקן, קירגיזן, פון די פיל קאַווקאַזער פעלקער־שאַפטן — אַזערבײַדזשאַנער, גרוזינער, טשעטשענצעס, טשערקעסן. די פיר יאָר מיינע, וואָס איך בין געווען אויף די פראָנטן און אין משך פון אַ יאָר אין מיליטערישע שפּיטאָלן, האָבן איך שוין קענען געלערנט די פּנימער פון די סאָלדאַטן, זייער נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט. די אַלע נאַ־ציאָנאַליטעטן דערקען איך דאָ צווישן דעם אַרעסטאַנטישן המון. פיל פון זיי אָנגעטון אין די געוויינלעכע זעקאַ־מלבושים אין פופייקעס, בושלאַטן, אין וואַטאָווע הויזן און אַ סך נאָך אין די אייגענע צעקנייטשטע, אָפּגעבליאַ־קעווטע מאַנטלען און אַנצוגן, נאַציאָנאַל געקליידט, מיליטעריש, אַט זע איך הוצולישע פּוילישע פעלצלעך מיט נאַציאָנאַלע אָרנאַמענטן (די עסקי־מאָסן און טשוקטשן פון די צפון שבטים, מיט וועמען ס'איז מיר נישט אויסגעקומען צו טרעפן זיך אין מיין לעבן, האָב איך זיי דאָ אויף דער פערעסילקע יאָ באַמערקט — איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען זיי לויט די ווייסע, זייער הויכע פוטערנע אונטעס און גרויסע פאַפּאַכעס פון

הירשן־פעל), מענטשן אין שינעלן, אין מיליטערישע קורטקעס און די פאַר־שידנסטע — דייטשישע, עסטרייכישע, ענגלישע, יאַפּאַנישע און באַזונדערס — אין די רוסישע, די פּראָסטע סאָלדאַטישע גרויע שינעלן. און אויך היפּש אין אָפיצערישע. איך באַמערק איניקע געוועזענע גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס (דאָ איז אויך דאָ דער עסטאָנישער גענעראַל, מיט וועלכן איך בין געפאָרן אין איין וואַגאָן־זאַק. איך הויב אויף מיין האַנט און באַגריס אים) אין די לאַנגע הויזן מיט די קאַנטן און לאַמפּאַסן און אין זייערע ספּעציעלע פּאָלקאָווניק־פּאַפּאַכעס (היטלען).

צווישן די אַרומשפּאַנענדיקע זע איך אויך זקנים — הויט און ביינער, מיט וואַקסענע פּנימער, ווי מאַנעקענען, אַזעלכע, וואָס זענען געזעסן אין די רוסישע טורמעס פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דאָס זענען עס. ער־ן, מיענשעוויקעס, בונדאָווצעס. צווי פון אָט די „סיווע טויבן" שטעלן זיך אָפּ נישט ווייט פון מיר און איינער ווייזט דעם אַנדערן אָן אויף די מויער־מעכטיקע געוועלבן אין זאַל:

— פון די ערשטע צאַרישע פּערעסילקעס, וואָס יעקאַטערינע די גרויסע האָט זיך משתדל געווען אויסצובויען...

...מיט איין זייער וויכטיקן אויסנאַם — אַצינד איז דאָס געווען אַ סטאַלינישע אַרעסטאַנטישע וועלט־קרעטשמע אויפן וועג צו דער סאָוועטישער סיבירער קאַטאָרגע אין די 1949 — 1952 יאָרן...

און פּאַסירט האָט עס אַזוי: די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט, נאָר דאָרט, וווּ די טיילן פון דער רויטער אַרמיי זענען שוין מיט שלאַכטן געווען אַריינגעטראָטן, האָבן די קאָמאַנדעס, סטאַלינישע זיכערהייטס־אָפיצערן תיכף פאַרקאַטשעט די אַרבל צו טאָן די שוואַרצע אַרבעט: צו רייניקן די צוקונפטיקע דעמאָקראַטישע לענדער־סאַטעליטן פון די קאַפּיטאַליסטישע און אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן, פאַר־גרינגערן דאָס צוגרייטן נייע פּלאַצדאַרמען פאַרן רוסישן וועלט־קאָמוניזם...

די דאָזיקע לייט, סטאַלינס לייב־מענטשן־אַמאָראַלע נפשות, האָבן אין די מלחמה־יאָרן געהאַט פּריווילעגיעס — צו געפינען זיך אויף אַ „בכבודיקן מהלך" פון די ביטערע פייער־שלאַכטן, נישט צו זיין אונטערן האָגל פון קוילן, מינעס און סנאַריאַדן און אַ טייל פון זיי האָט אפילו קיין פּולווער נישט געשמעקט. עס האָט נאָך געטראָגן זיך אין דער לופטן דער מלחמה־קוראַזש, דער טשאַד פון דעם גרויסן סטאַלין־נצחון, האָבן אָט־די אויס־געפּאַשעטע ליבלינגען — עמגעביסטן כדי צו באַווייזן נאָך אַריינצוכאַפּן שלאַכט־אָרדענס און העכערע מיליטערישע ראַנגען, פּלייסיק אַרומגעשליאָנדרעוועט אין די נעכט איבער פּראָג, בודאַפּעשט, סאָפיע, וואַרשע און ווי היצעלס געכאַפּט אומשולדיקע מענטשן אין די גאַסן און פון די וווינונגען און מיט גוואַלד זיי איבערגעפּעקלט קיין ראַטנפאַרבאַנד, פאַרשפּאַרט אין

די מ. ג. ב.־תפיסות און פאַבריצירט קעגן זיי פּאָליטישע ענינים. די דאָזיקע זגראַיעס עמגעביסטן האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט די ערשט באַפרייטע לענדער — רוסלאַנדס שכנים, ווי אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, בולגאַריע, רומעניע, נאָר זיי זענען געקראָכן, ווו נאָר עס האָט זיך געלאָזט, קיין ווין, קיין פּאַריז, קיין בריסל, שטאָקהאָלם, כאַרבין שאַנכיי — ווו די וועלט האָט אַן עק און אויך דאָרטן פאַרוואָרפן די „היצל־שליפּן" אויף אַלטע, קראַנקע, רוסישע עמיגראַנטן און אויך אויף זייערע קינדער. לעבעדיקע מענטשן, ווי קאָנטראַבאַנדע געשמוגלט קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איינגעזעצט זיי און געמשפּט. און אַצינד זענען זיי דאָ אַלע מיט מיר, שוין פאַראורטיילטע, אויף דער סווערדלאָווסקער פּערעסילקע (טאָקע בוכשטעבלעך אַן אַרעס־טאַנטישע וועלט־קרעטשמע) אויפן וועג קיין סיביר, צו ווערן דאָרט קאָמפּ־לעקטירט אין די לאַגערן אין באַשטאַנד פון נייע בריגאַדעס־סאָוועטישע שקלאַפן.

אויף דער פּערעסילקע און שפּעטער אין לאַגער האָב איך אויך באַ־געגנט אַלטע רוסישע עמיגראַנטן, אַדל־לייט, אָפיצערן פון הויכן ראַנג, שרייבער און זשורנאַליסטן, געוועזענע גרויסע סוחרים, גוט־באַזיצער און אַפילו קרובים, באַדינער, גוווערנאַנטן פון דעם קיסר ניקאָלאַי דעם צווייטנס משפּחה, וועמען די פאַרשטייער פון די סאָוועטישע קאָנסולאַטן האָבן נאָכן קריג צוגעזאָגט: „אויב איר ווילט זיך צוריקקערן אין אייער רוסישער היימאַט, וועט מען אייך מוחל זיין די אַלטע זינד קעגן דער סאָוועטן־מאַכט און אין הסכם מיט דער סטאַלין־קאָנסטיטוציע וועט איר ווערן גלייכבאַ־רעכטיקע בירגער פון לאַנד און רויק, אומבאַזאָרגט אין אַלע הינזיכטן קאָנען זיך אויסלעבן די יאָרן אויף דער ליבער רוסישער ערד..." פיל פון די דאָזיקע אַלטע לייט האָבן מיט אַ ריינעם געפיל און גוטע כוונות גע־גלויבט אין די שיינע ווערטער פון די סאָוועטישע געזאַנטע און מסכים געווען אויף אָט־די הומאַנע, אָרנטלעכע תנאים און... געפּאַקט זיך אויף דער „טשעקיסטישער וועגדקע": אין אַ קורצער צייט אַרום זענען זיי אַלע אַרעסטירט געוואָרן אַלס אויסלענדישע שפּיאָנען און דיווערסאַנטן און באַקומען דעם „טשעטוויערטאַק" *)...

אַזוי האָט דאַן אויסגעזען דער געווימל, אויסגעמיש פון געוועזענע קריגס־געפאַנגענע פּאַדאַנע **) פון אַ צענדליק מדינות, נאַציאָנאַליסטן יידישע,

---

*) „טשעטוויערטאַק" — רוסיש: אויף מאַמע־לשון הייסט עס — אַ פערטעלע, געמיינט אַ פערטל יאָרהונדערט, אַ פינף־און־צוואַנציקער יאָרן קאַטאָר־זשאַנסקע לאַגער.

**) פּאַדאַנע — רוסיש: אונטערטאַנער.

אוקראַיִנישע, ליטווישע און אַנדערע. קאָסמאָפּאָליטן אייגענע (ד. ה. סאָוועט־טישע) און כל המינים שהוא עמיגראַנטן פון נאָך דער רעוואָלוציע און פרישע, פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, פאַרשטייער פון די געוועזענע פרעמדע פּאַרטייען. היפּש פון די פאַרמשפּטע זענען געווען פּראָסטאַקעס, חי־וקיימס, דורכשניטלעכע סאָוועטישע בירגערס, ערלעכע „שרייפעלעך", ווי סטאַ־לין האָט זיי דעם צונעמעניש געגעבן, וואָס האָבן באַקומען אַ „קלייניקייט" — פינף — זיבן יאָר לאַגער פאַר אַרויסכאַפּן זיך נאָך אַ פּאָר גלעזלעך וואָדקאַ בלויז מיט אַ רמז אין אַדרעס פון די סאָוועטישע פאַראַנדקעס, אָדער פאַר איבערדערציילן יענעמס אַ וויץ וועגן אַ ימח־שמוניק אַ רעפּובליקאַנישן „קנעפּל", „אַ צענערל" פאַר שטיין דערביי, ווען זיין שכן האָט געשאָלטן „די וואָנצעס" און האָט וועגן דעם נישט דערציילט ווו מען דאַרף. אָבער דער אַנדער שכן איז געשטאַנען בעת מעשה הינטער דער טיר און האָט זיי ביידן אומגליקלעך געמאַכט... אינעם המון פון די איזאָלירטע פון דער סאָוועטישער „פרייהייט" פילט זיך די אָנוועזנהייט פון דעם שיכט אונטער־וועלט־טיפן — די פּראָפעסיאָנעלע גנבים, אורקעס, רויבערס, פאַרגוואַלדי־קער און סתם באַנדיטן... און צווישן דעם געמויזעכץ — די דם־שונאים פון מיין פאָלק — כאַפּטעס דייטשישע היטלעראָוועצעס און זייערע משרתים, די פּאָליציי־לייט, סטאַראָסטעס אוקראַינער, ווייסרוסן, ליטווינער, וולאַסאָוו־צעס, אַן ערב־רב, אַ צוזאַמענפלוס אין איין רינשטאָק — סאָוועטישע סווערדלאָווסקער פּערעסילקע.

אין לויט דער סאַמער ביטערסטער איראָניע פונעם גורל איז אין יענע רגעס קיין שאָטן פון אַ מחשבה נישט דורכגעלאָפן אין מיין זינען, אַז סווערדלאָווסק, געוועזענער יעקאַטערינעסבורג, טראָגט דעם נאָמען פון אַ יונגן יידן, וואָס האָט געשטאַמט פון פּאָלאָצק, ווייסרוסלאַנד — סווערדלאָוו יאַקאָוו מיכיילאָוויטש. ווען ער איז אַלט געווען 20 יאָר איז ער אין דעם 1905 יאָר (דאָס יאָר פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע) געווען דער אָנפירער פון די יעקאַטערינעסבורגער אַרבעטער־רעוואָלוציאָנערן און פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט 14 מאָל געווען אַרעסטירט און ביי 12 יאָר אָפּגעווען אין טורמעס און פאַרשיקונג. און ס׳קאָן זייער זיין, אַז ער איז אויך געווען דאָ, אויף דער זעלבער יעקאַטערינעסבורגער פּערעסילקע. עס האָט געזיגט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אין נאָוועמבער 1917 יאָר איז שוין סווערדלאָוו געווען דער פאָרזיצער פון דעם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, דער ערשטער סאָוועטישער פּרעזידענט. אוןווען ער שטאַרבט נישט אַזוי יונג, אין אָנהויב פון דעם 1919 יאָר (זיין קבר איז פון זינט דאַן אויפן מאָסקווער רויטן פּלאַץ), האָט ער אין די שפּעטערדיקע סטאַלין־יאָרן, אָן קיין שום צווייפל, דעם זעלבן גרויזאַמען סוף פון אַלע, אָן אַן אויסנאַם אָנפירער יידן, וואָס האָבן דאַן אַרומגערינגלט לענינען און

אים, סטאַלינען אַליין. און סווערדלאָווסק נאָמען וואָלט שוין לאַנג אויסגע־קאָרניעט געווען. אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זענען שוין פֿוניענער בלוטיקער צייט אַדורכגעלאָפֿן אַזויפֿיל מוטנע וואַסערן און סיי די יוגנט און סיי די מענטשן פֿון מיטעלן עלטער, פֿרעג זיי בחרם, שטויסן זיך גאָרנישט אָן וועגן דעם, אַצינד, אין די צעיושעטע יאָרן פֿון יידן־פֿיינטשאַפֿט, אַז סווערדלאָוו איז געווען אַ ייִד און די פּראָפּאַגאַנדע באַמיט זיך אויף וויפֿל ס׳איז מעגלעך דאָס אויסצובאַהאַלטן, ווי אַ מיאוסע בראָדעווקע. אַזאַ סאָוועטישע היסטאָ־רישע אויסגאַבע, ווי די ווייסרוסישע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע, באַנד 8, דערשינען אין מינסק אין 1973, ווערט דאָרט אין דער נאָטיץ וועגן סווערד־לאָוון יאַקאָוו מיכיילאָוויטש נישט דערמאָנט, אַז ער שטאַמט פֿון אַן יידישער משפּחה. עס ווערט בלויז אָנגעגעבן, אַז זיין פּאַרטייאישער פּסעוודאָנים איז געווען „אַנדריי״.

☆

אין זאַל, אונטער דער סטעליע, האָבן זיך שוין אָנגעצונדן מיט דינעם דראָט אַרומגעוויקלטע, קליינע עלעקטראָ־לעמפּלעך, די שוואַכע אַרעסטאַנ־טישע שיין זיפּט מרה־שחורה און טונקלעניש אויף דער נשמה. פֿון אַ זייטיקן אַריינגאַנג קומט מען אָן מיט שיסלעך באַלאַנדע און פֿיל פֿון די מאַרשירנדיקע פֿון איין עק זאַל צום אַנדערן, לאָזן זיך אַהין צו באַקומען די אַרעסטאַנטישע וועטשערע. אין די ווינקלען, ביי די ווענט, וואַלגערן זיך צונויפֿגעפּרעסטע, כמעט פּוסטע, שעניקעס (אַרעסטאַנטישער נאַכט־געלעגער אויף דער פּערע־סילקע). מען זעצט זיך אויף זיי אויס צום עסן. מע זופּט גלייך פֿון די שיסלען. זעלטן ביי וועמען מען זעט אַ לעפֿל. די לופֿט ווערט אָנגעפּילט מיט פּאַרע און מיטן ספּעציפֿישן איבלדיק־געזאַלצענעם גערוך פֿון טורמע־באַלאַנדע — אַ שיטערע זופּ פֿון טוכלע, צוגעפֿוילטע קרויט מיט צעקראָכענעביינדלעך פֿון קאָמבאַלאָ־פֿיש. אָדער מיט אַרומשווימענדיקע אין דער שיסל קליינע שטיקלעך ראָפּע־קעטאָ.

אַ זעקאָ, ווייזט אויס שוין אַן אַלטער לאַגער־תושב האָט באַמערקט, אַז איך זיץ אויפֿן פֿאַל, אָפּגעבונדן דעם פּראָטעז, האָט ער מיך געבראַכט אויף זיין ווינטערדיקן היטל אַ שיסל מיט מיין פּאָרציע עסעכץ: — שלינג, כל זמן ס׳איז הייס. באַלאַנדע האָט צוויי מעלות: ס׳קריכט אין האַלדז, נאָר דאַן, ווען דו ביסט טויט־הונגעריק, אָדער ווען ס׳איז זודיק, אָקרעפּ...

איך האָב אים באַדאַנקט און געוואַרט ביז דער ברעג פֿון דער בלע־כענער שיסל וועט זיך אָפּקילן. באַמערק איך, ווי עמיץ דרייט זיך אַרום מיר, באַטראַכט מיך. דערנענטערט זיך, בויגט זיך צו מיר אָן און רירט זיך צו

מיט די פינגער צו אַ רימעננדל פון מיין פּראַטעז. דער אַרעסטאַנט איז געווען העכער פון מיטעלן וווקס, געמוזט זיין מיט אַ 3—4 יאָר עלטער פון מיר. נישט זיין פּנים, נישט זיין הולך און נישט זיין קול, האָב איך, נאָך אַזויפיל פאַרלאָפענע יאָרן נישט פאַרגעדענקט, נאָר עס האָט זיך אָפּגעשטעמפּלט אין מיין זינען דער פיבערישער אומרויִקער גלי פון זיינע אויגן... אָט אַזוי גיט אויף דיר אַ קוק אין דער טונקלעניש אַ קאַץ...

— פאַר וואָס ביסטו דאָ? — טוט ער מיך שאַרף אַ פרעג און בויגט זיך צו מיר ווידער אָן און זעצט פאַר, — איך ווייס פאַר וואָס איך בין דאָ. אָט זעסטו... אין יענעם עק זאַל, אויף אַזאַ מין מהלך פון מיר זענען זיי געשטאַנען אין די גריבער... אַ סך, אַ סך... אַלטע און קינדער און נאַקעטע... האָב איך אָט אַזוי ווי פון דאַנען געקאָסיעט איבער זיי... און ער נעמט האַסטיק באַוועגן מיט ביידע זיינע הענט רעכטס און לינקס, לינקס און רעכטס. און איך דערזע אין מיין דמיון, ווי ער באַוועגט מיט אַ הענטל פון אַ קוילן־וואַרפער. זיין בליק גלאַנצט מיט רוצחישן שגעון און ער חזרט איבער: ווייס איך פאַר וואָס איך בין דאָ, אָבער דו?...

איך האָב זיך אינסטינקטיוו אַ צי געגעבן צום הייסן, בלעכענעם שיסל, נאָר איידער איך האָב עס אַ כאַפּ געטאָן מיט די הענט, האָט עס זיך פאַנאַנדערגעפליוכעט. פון מיין פלוצעמדיקער באַוועגונג אויפן פּאָל, האָב איך מיטן פּראַטעז אַ שטויס געגעבן אין שיסל... ווען איך האָב אויפגעהויבן מיין בליק צום קוילער, איז ער שוין נישט געווען. איך האָב געקוקט אַרום און אַרום, אַזוי ווי די טשערעפּאַכע, ווען זי שטרעקט אַרויס אין גאַנצן דעם דינעם האַלדז און קליינעם קאָפּ פון איר פּאַנצער... איך בין קיין מאָל אין מיין לעבן נישט געווען אַזוי אומבאַהאָלפן און דערנידעריקט, ווי אין יענעם אַפּריל־אָוונט פון דעם 1952 יאָר אויפן וועג צו טיישעטלאַג אויף דער סווערדלאָווסקער פערעסילקע...

נאָוואָסיבירסקער...

די נאָוואָסיבירסקער איבערליפערונגס־תפיסה איז אויך נאָך געווען פון די צאַרישע צייטן. נאָר זי האָט אויסגעזען אַנדערש. דאָרט איז נישט געווען ווי אין סווערדלאָווסק אַזאַ גרויסע סטאַדאָלע, וווהין מען פלעגט צונויפּ־טרייבן הונדערטער אַרעסטאַנטן פון די אָפּגעטשעפּעטע וואַגאָן־טורמעס אויף רעדער. אָבער דער זע־קאַ האָט דאָרט געהאַט די זכיה אַרומצודרייען זיך אַ פּאָר טעג אין דער געביידע און פריי גיין צו באַדערפעניש, וואַשן

די הענט, אָטכאַיען די נשמה מיט אַ קאַלטן טרונק וואַסער פון קראַן. אין דער נאָוואָסיבירסקער פערעסילקע זענען לענגאויס די קאָרידאָרן געווען די געוועגלעכע באַזונדערע פאַרשלאָסענע קאַמערס. די קאַמער, אין וועלכער מ׳האָט מיך אַריינגעפירט האָט געהאַלטן אַ פיר־זעקס־ און דרייסיק קוואַד־ראַט־מעטער. אין די צאַרישע צייטן איז אַזאַ קאַמער געווען אויסגערעכנט נישט מער ווי אויף אַ 10—12 עטאַפּ־אַרעסטאַנטן. אַצינד האָט מען אין איר צונויפגעשטופּט אַן 80 זעקאַ. קיין פענצטער איז אין דער קאַמער נישטאָ. טאָג און נאַכט ברענט אַן עלעקטריש לעמפּל. אין דעם צימער שטייען עטלעכע דרייגאָרנדיקע נאַרעס, נאָר ס׳איז אַזאַ היץ און דער־שטיקעניש, מ׳באַגיסט זיך מיט שווייס און יעדער סטאַרעט זיך צו ווייכן פון די נאַרעס און לייגן זיך אויפן צעמענטענעם פּאָל, אָדער לכל הפּחות אונטער די נאַרעס, ס׳איז קילער. אַלע האָבן פון זיך אַראָפּגעשליידערט די מלבושים און מ׳ליגט אין די גאַטיעס. אַ סך האָבן אַראָפּגעצויגן פון זיך די העמדער, צו דערפילן אויפן לייב כאָטש אַ טראָפּן פרישע לופט, וואָס שטראָמט פון קאָרידאָר דורך דער קליינער פּירקאַנטיקער עפענונג אין דער אייזערנער קאַמער־טיר. (דורכן זעלבן פענצטערל דערלאַנגט מען די אַרעסטאַנטן דאָס עסן). אַז דו דערנענטערסט זיך צום פענצטערל, דער־הערסטו דעם „טשאַנג״, דאָס הודעריי, אַ מין „קעסל־גרוב״ פון דער זיך אַרויסציִענדיקער הייס־צעגליטער לופט פון דער קאַמער מיט דער אַנטקעגן־אַריינשטראָמענדיקער קאַלטער קאָרידאָר־לופט. דורכן פענצטערל דער־טראָגן זיך פון קאָרידאָר קללות און ניבול־פּה. די „ערלעכע גנבים״ פלוכען עס און שעלטן די „גנבים־צויגן״ („סוקי״ — רוסיש), וועלכע גיבן זיך אונטער דעם לאַגער־רעזשים און אַרבעטן.

פון דער קאַמער קעגנאיבער הערן זיך פרויען־שטימען. ס׳איז אַ קאַמער פאַר אַרעסטאַנטקעס. אַ יונגער אַרעסטאַנט פון די אורקעס שאַרט זיך צו צו דער טיר־עפענונג און שרייט אַריין: —

— ליזבע־דושע, באַוויז דיין ליכטיק פּנימל... אַנטבלויז דיין אַקסעלע... איך האָב שוין צוויי יאָר קיין מיידל־ברוסט נישט געזען. אָט שנייד איך פאַר דיר אויס מײַן צאַפּלדיק האַרץ. נאַ, נעם, ליובע־דושע...

דער אויפזעער פון יענער זייט אייזערנער טיר פאַרהאַקט דאָס פענצ־טערל. אין קאַמער הייבט זיך אָן אַ געשריי: — מיר ווערן דערשטיקט! עפנט דעם לופטשיק!

מען באַפאַלט דעם אורקע מיט גוואַלדן, ער זאָל אָפּטרעטן פון דער טיר. און אין מיטן קאַמער שטייט גאַנצע מעת־לעתן די שררה׳טע, די גרויסע הילצערנע פּאַס, די בכבודיקע פּאַראַשע... יעדן אין דער פרי טראָגן פיר אַרעסטאַנטן זי אַרויס אַן אָנגעפּולטע, אויף דרוקעס און ברענגען זי צוריק אַריין אַן אויסגעליידיקטע אויפן זעלבן אָרט.

שפּעט אין אָוונט, ווען אין גאַרמאַלע באַדינגונגען נעמט זיך דער מענטש גרייטן צום שלאָף, גייט אין קאַמער אַריין קראַפט דער חיהשער גענזען פון אַנטבלויזטן כוח, ווער ס׳איז פיזיש שטאַרקער און פרעכער, באַמיט זיך, ווי אַזוי זיין פּעקל ביינער אויסצושפּרייטן אויפן צעמענט באַקוועמער, כדי נישט צו דאַרפן ליגן איינגעדרייט אין דרייען. זעקס און דרייסיק קוואַדראַט־מעטער — פאַר אַכציק מאַנסבילן, כמעט נישט מער, ווי אַ פערטל ד׳ אמות פאַר יעדן איינציקן אינדיווידיום. און די שוואַכערע, די קראַנקערע, גאַר אַלטע און די קאַליקעס ווערן צונויפגעקוועטשט און צוגעשאַרט, וואָס נענטער צו דער פּאַראַשע... און דאָס ווערט אָנען פאַר זיך אויפן אַרעסטאַנטישן שטום־לשון „הומאַניש" און „מאָראַליש" באַרעכטיקט: די שוואַכע, די קראַנקע, די קרומע און לאָמע און אויך די, וואָס האָבן אַ רגילות צו מאַכן ביינאַכט עטלעכע „רעיסן" צו באַדערפעניש, זאָלן נישט זיין געצוווּנגען צו פויזען און צו קריכן יענעם אויפן קאָפּ און וועקן, און בפרט אַזאַ ווי איך, וואָס כדי אויפצוהויבן זיך און אָנטון דעם פּראָטעז, דאַרף איך האָבן אַ שטיקל איבריקן פּלאַץ. האָב איך מיט יעדער נאַכט דערנענטערט זיך צו דער פּאַס... צוויי וואָכן האָבן מיר זיך געמאַטערט אין דער נאָוואָסיבירסקער פּערעסילקיע, וואַרטנדיק אויף אַ וואַגאָן־זאַק. אַזוי, אַז די לעצטע עטלעכע נעכט איז שוין די „פּאַס" געווען ביי מיר צוקאָפּנס און נעבן מיר. אַ קאָפּ ביי אַ קאָפּ איז געלעגן אַ טיפער זקן, אַ באַרימטער רוסישער אַנאַרכיסט, שוין אין די 90קער. מיט 15 יאָר קאַטאָרגע האָט אים באַשאָנקען דער קיסר ניקאָליי דער צווייטער און אין דעם 37טן סאָוועטישן שחיטה־יאָר האָט אים יעזשאָוו פאַרשיקט קיין מאַגאַדאַן אויף 10 יאָר. און אין דעם 1952טן יאָר האָט סטאַלינס תליין לאַוורענטי פּאַוולאָוויטש בעריאַ „פאַר־זאָרגט" דעם זקן מיט אריכת־ימים — מיט נאָך 25 יאָר קאַטאָרגע.

קראַסנאָיאַרסקער...

דער אויפזעער פירט מיך דורך די קאָרידאָרן פון דער קראַסנאָיאַרסקער פּערעסילקע, צו דער פאַר מיר אָנגעצייכנטער צעלע. דאָ איז מיט דריי חדשים צוריק געווען איינע אַ נאַכט מיין סטאַנציע אויפן וועג פון כאַ־באַראָווסק קיין מאָסקווע, צום צענטראַלן פּראָצעס. מיינע בליקן בלאָנדזשען איבער די פאַרהאַקטע קאַזעמאַט־טירן, נאָר איין קאַמער־טיר איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו דער אַנדערער. איך האָב גוט פאַרגעדענקט דעם קאַשמאַרן „אינעווייניק" פון קאַזעמאַט פאַר די צום טויט פאַרמשפּטע, מיטן

„טרונע־קאַסטן" אין דער מיטן, אויף וועלכן איך בין אָפּגעלעגן יעגע נאַכט מיט אַנגעצונדענע אויגן... איך טו אַ זייטיקן קוק אויפן אויפזעער (מיין אפשר ערשטער בליק אויף אַ טורמע־מענטש) צי נישט דער זעלבער האָט מיך דאָן אַריינגעפּירט אַהין? צווישן די תּפיסה־ווענט גופא, לענגאויס די קאַמערן, גייען די טורעמשטשיקעס אַרום אָן געווער, מיט בונדן שליסלעך אין די הענט. פון אַ נישט־באַוואָפנטן „שוואַרצן מאַנטל" *) מעג ער אַפילו זיין אַ רוצח, לויפט אויף מיר אַזוי נישט אָן דער פּחד... און פון לעבן אַ גאַנץ יאָר אין די טורמעס... מ'זאָגט דאָך: מען זאָל נישט געפּרוווט ווערן, צו וואָס מ'קאָן געוווינט ווערן... דער אויפזעער האָט אויפגעכאַפּט מיין בליק אויף אים:

— וואָס גלאָצסטו די אויגאַנעס? — גיי, גיי אויף רעכטס, — האָט ער אויף מיר אַ ברום געגעבן. איך האָב אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען און דאָך בין איך אין קאָרידאָר אויף רעכטס מסוגל געווען צו באַמערקן און תּופס זיין אַזעלכעס, וואָס האָט זיך פריש אָפּגעשטעמפּלט אין מיין זינען: ביים סוף פון קאָרידאָר זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן אַנדערן צוויי הויכע, לאַנגע אייזערנע שטייגן, ווי אין אַ זוויערינעץ. די קראַטעס האָבן געגרייכט ביז צום טורמע־באַלקן. אין איין אייזערנער שטייג זענען געווען פאַרשטופּט די „ערלעכע גנבים" און אין דער צווייטער שטייג — די „אורקעס־צויגן". ס'איז מיר געוואָרן אומהיימלעך, גרויליק פון דעם, ווי אַזוי די ביידע צדדים זענען ווי חיות־רעות געקראָכן אויף די קראַטעס, געטרייסלט מיט זיי און מיט שוים אויף די ליפּן געשאָלטן זיך און געשאָטן אָן אויפהער מיט שלשלתדיקן יוניש־אַרעסטאַנטישן ניבול־פּה, געשטרעקט דורך די קראַטעס די ברודיקע פינגער מיט די שוואַרצע, לאַנגע נעגל און גרייט געווען איינצוגריזשיען זיך איינער דעם אַנדערן אין גרגרת. קאָן מען דען פאַרגעסן אַזאַ סאָוועטישע תּפיסה־קאַרטינקע? — די זוויערינעץ־שטייגן פאַר מענטשן און אומענטשן, אַ שטייג אויף אַ שטייג...

קראַסנאָיאַרסק, דער שוועל צו מזרח־סיביר... אין די ווינטערס צעפלאַקערן זיך דאָרט די פּופּציק גראַדאָווע פראָסט מיט וויגע־ווינטן, וואָס שינדן זיבן הויטן פון לייב. פון דער זומפּיקער, דורכגעפרוירענער קראַסנאָיאַרסקער ערד שטאַרצן אַרויס, ווי קאַרטשעס, צעקרימטע בעריאָזקעס, קאַרליקלעך, פּגירלעך. אַפילו קיין אָנדייט נישט אויף די שיינע ווייסרוסישע קראַסאַוויצעס־בעריאָזעס. און אויך אין אָט דער קרירה־געמויזעכץ, סאָוועטישן רינשטאָק, האָב איך זיך געטובלט.

*) די טורמע־אויפזעער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד טראָגן מערסטנס שוואַרצע שינעלן.

טײַשעטלאַג...

די סטאַנציע און יִשוב טײַשעט, אירקוטסקער געגנט, ערגעץ בײַם אויסלאָז פון יִשוב — דער גרויסער צענטראַלער לאַגער־פּונקט פון דער צעצווײַגטער קאָמוניסטיש־פּעאָדאַלער בעל־הבתישקייט — טײַשעטלאַג. עס האָט נאָך געהייסן אַנדערש — אָזיער־לאַג. נאָר ריכטיקער וואָלט זײַן עס אָנצורופן עמגעביסטישע אימעניע מיט 60 טויזנט סאָוועטישע לײַב־אײגענע...

פון דאַנען, האָבן עס די זעקאַ אין די נאָכמלחמה־יאָרן געגומען דורכלייגן דורך דעם אירקוטסקער טײַגע־וואַלד די זײַטיקע באַן־טראַסע טײַשעט — אײבאַקאַן, וועלכע האָט שוין אין 1952 יאָר געצויגן זיך אויף אַ מהלך פון אַ 200 קילאָמעטער. לענגויס דער נײַער באַן־ליניע האָבן זיך טיף אין דער טײַגע צעשפּרייט קוואַדראַטנווײַז לאַגער־פּונקטן — „אימעני̇עלעך", פיליאַלן פון דעם גרויסן סאָוועטיש־פּריצישן גוט טײַשעטלאַג. און איבער יעדן ווינקל פון אַזאַ קוואַדראַט, אַרומגעצוימטן, ווי דער שטייגער איז, מיט סטויפּעס — בערווענעס און שטעכדראָט, הויכט זיך אַ טורעמל, פון וואַנען טאָג און נאַכט גלאָצט מיט די אויגן אַן אָנגעפּעלצטע „פּאָפּקע" — אַ סאָל־דאַט פון די זיכערהייט־כוחות מיט אַן אויטאָמאַט, און דערנעבן איז גרייט אין אַ שלאַכט־פּאָזיציע — אַ קוילן־וואַרפער...

די זעקאַ האָבן אין דער אורוואַלד־טיפעניש געזעגט, אומגעוואַלגערט איין ריזיקן בוים נאָכן אַנדערן, געריי̇ניקט די שטאַמען פון די צווײַגן און בלעטער און דאָס ווערטפול בוי־געהילץ שטאַבלירט, נאָך דעם די אומגע־הויערע קלעצער, געשלעפּט אויפן קאַרק צו דער אײַזנבאַן־טראַסע, מיט דער הילף פון דרענגער אַרויפגעקייקלט זיי אויף די וואַגאָן־פּלאַטפאָרמעס. די וואָלגער בורלאַקעס פון די אַלטע צאַרישע צײַטן האָבן אַזוי שווער נישט געהאָרעוועט. די שקלאַפן פון טײַשעטלאַג האָט אין די שטאַרקע פרעסט און אין די פּאָר הייסע זומער־חדשים, אין דעם מאָסקיטן־געווירבל — רונד אַרום די וואַך מיט אויטאָמאַטן און הינט אָוטשאַרקעס — געדראָט יעדע רגע צעקוועטשט ווערן אונטער אַ קראַכנדיקן בוים, אָדער צעברעכן זיך רוק און לענד בײַם שטאַבלירן און בײַם לאָדן די פּלאַכטעס געהילץ אויף די פּלאַטפאָרמעס. אָבער ס'האָט עקזיסטירט נאָך אַ גרעסערע געפאַר — בעתן אויפקלייבן אויף די דיעלאַנקעס די בוימער־צווײַגן, דעם געבלעטער און כוואַראָסט, האָט בלויז געפעלט אַ האָר, אומפאָרזיכטיק אַ טראָט צו טאָן אויף רעכטס צי אויף לינקס אויפצוהויבן אַ צווייגל און נישט באַמערקן די אָנגעצייכנטע דורך דער וואַך סימנים פון דער פאַרבאָטענער גרענעץ־ליניע, זי עובר זײַן און באַקומען אַ קויל פאַר „וועלן אַנטלויפן"...

דער סאָלדאַט, וואָס האָט דאָס געטאָן, פלעגט בדרך כלל פאַר „מאָביל־

קייט און וואַכזאַמקייט"ביים טשאַטעווען נאָך די „שונאים פון פאָלק" באַלוינט ווערן דורך דער לאַגער־נאַטשאַלסטווע מיט צוויי־דריי וואָכן אורלויב אַהיים...

...אויף דעם צענטראַלן לאַגער־פּונקט אין טיישעט האָבן זיך געפונען אַלע טשעקיסטיש־ווירטשאַפטלעכע אָפּטיילונגען און די פאַרוואַלטערס פון דער קאָלאָסאַלער אימיעניע. צו בלייבן גופא אין טיישעט, ביי דער הויפּט סאָוועטישער אייזנבאַן־מאַגיסטראַל, האָבן געהאַט דעם מזל אַזעלכע זעקאַ, וואָס זענען געווען געניטע פאַכלייט: טעכניקער, מאַשיניסטן, עלעקטריקער, בוכהאַלטערס מיט הויכער בילדונג וכדומה. דאָס רוב פאַרמשפּטע האָט מען צעסאָרטירט איבער די לאַגער־פּונקטן לענגאויס דער טראַסע טיישעט — אייבאַקאַן.

אין טיישעט בין איך געווען בלויז עטלעכע טעג, ביז מען האָט קאָמפּלעקטירט אַ גרופּע אַלטע לייט און אינוואַלידן. נאָר דאָ, אויפן צענטראַלן לאַגער־פּונקט, בין איך אָפּיציעל געקרוינט געוואָרן מיט דער נייער שוין איצט מיין אייך־און־אייביקער זוואַניע — זעקאַ (די רוסישע ראשי־תיבות פונעם וואָרט זאַקליוטשאָני — פאַרשלאָסענער, פּראָסט גערעדט — אַרעסטאַנט) און מיט אַ סטאַבילן, אויף גאַנצע צען יאָר פאָרויס נומער: AH־911. בעת אַלע מיינע פריערדיקע געהויבענע טיטלען, ווען איך בין נאָך געווען אַ כשר וישר'ער סאָוועטישער מענטש, אַזעלכע ווי סטאַרשי לייטענאַנט (עלטערער לייטענאַנט), אָרדן־טרעגער, אינוואַליד פון דער פאָטערלענדישער מלחמה, מיטגליד פונעם סאָוועטישן שרייבער־פאַריין, זענען בטול ומבוטל געוואָרן. איך טו אין זיך אַ ביטערן שמייכל — ס'איז מיינע נישט קיין גיפטיקע, שפּלדיקע, אָנמעכטיקע ליצנות. ווייל טיף אין מיר פּייניקט עמעץ מיין נשמה. איך פיל נישט מיין אייגענעם חיות. אויף אייביק איז אויסגערונען ווי אַן אויג, דער טרוים פון מיינע העלע ייִנגל־יאָרן — מיין ייִדישע פּאָעזיע... אַ לאָך אין האַרצן געבליבן... איי, איך האַלט זיך נאָך אויף מיינע קוליעס, פּלאָנטער נאָך מיט די פיס, אָבער שוין נישט איך בין עס, נישט איך. ווער־ווער, נאָר איך ווייס שוין געוויס, אַז דאָס איז גאָר אַן אַנדערער — אַ שפּילצייג ביי אַ קינד אין דער האַנט, אויף אַ גומקע־בענדל, אַ שוואַרץ, גלאַנציק זשוקל, וואָס באָמבלט זיך, וואַרפט אום, צאַפּלט אין דער לופטן מיט אַלע זיינע אַרומטאַנצנדיקע פיסלעך... און איך אַליין בין שוין אויסער מיין אייגן האַרץ, אַפילו דער שאָטן איז נישט מיינער. אין מיר איז שוין פאַרקערפּערט אַן אַנדער סובסטאַנץ — אַ זעקאַ, אַ שקלאַף, וואָס טראָגט אַ פאַרשיפרירטן רוסישן נומער AH־911...

צו די קייזערלעכע טויערן *)

מאַי־חודש. דער לעצטער און קירצסטער עטאַפּ צו די „קייזערלעכע טויערן" פון מיין אָפּקומעניש־אָרט. דאָס מאָל האָט מען מיך געפירט נישט אין אַ וואַגאָנזאַק, נאָר אין אַ פּראַכט־וואַגאָן („טאָווארניאַק") איבער דער טראַסע טיישעט־אייבאַקאַן, שוין „ביי זיך אין דער היים", אויף דער טעריטאָריע פון טיישעטלאַג. די יאַזדע האָט געדויערט אַ קאַרגע דריי שעה. דער לאָקאָמאָטיוו איז געגאַנגען נישט געאיילט, אַן „אַ היץ אין פּאַראַוואָז", ווי ס'וואָלט אים פלוצעם איינגעפאַלן צו ציילן די שפּאַלעס. דער מאַשיניסט אַליין האָט זיך, אַפּנים, פאַרגלוסט פון ווילטאַג ווען דורכצושפּאַצירן פאַוואָלינקע איבער דער מזרח־סיבירער טייגע. וואָס? — ער פירט דען אַ פּאַסאַזשיר־באַן? אַ פּראַכט־צוג? ער מוז דען פּינקטלעך, מינוט צו מינוט אָנקומען אויף דער, אָדער יענער סטאַנציע? ווער וועט אים דאָ, אין דעם אַ סיבירער העק קאָנטראָלירן? שוין עטלעכע יאָר, ווי ער האָט דאָ גאָר נישט אַזאַ אָנגענעמע און געהויבענע טועכץ — צוצופירן די נייע פּאַרטיעס זעקאַ צו די לאַגער־פּונקטן. מאַרודיעט ער, דער מאַשיניסט — במילא וועלן די דאָזיקע מינוטן פאַררעכנט ווערן די פאַרמשפּטע אין זייערע לאַנגע, אַרעסטאַנטישע יאָרן. איז וואָס איז די איילעניש?

דורך די שפּאַרונעס פון דעם פּראַכט־וואַגאָן שווינדלט פאַרביי אַ גרינע וועלט — וואַלד, וואַלד, כוואָיע... זון־העזעלעך גליטשן זיך איבער דער וואַגאָן־סטעליע, שפּרינגען פון איין פאַרטונקלטן ווינקל צום צווייטן. אַלץ שטאַרקער דערפילן מיר אינעווייניק אין וואַגאָן דעם וואַלדישן, פעכקן כוואָיע־דופט. דער צוג גייט לאַנגזאַמער, לאַנגזאַמער, שטעלט זיך אָפּ. גאָר נאָענט דערהערט זיך אַ רודעריי, אַ טופּעריי. מ'דערקענט שוין די געשרייען פון די קאָנוואָירן: „מאַלטשאַט"! (שווייגן!) וויקוטשו! (נעמט זיך צונויף אין אַ רעדל!). די אייניקע פון אונדזער גרופּע, וועלכע שטייען צוגעפּרעסט צו די וואַגאָן־שפּעלטלעך און קוקן, גיבן אונדז איבער:

— פון דעם שכנישן וואַגאָן לאָזט מען אַראָפּ...

— זיי זענען שוין אָנגעקומען אויפן אָרט...

— ס'פאַלן, ס'קייקלען זיך טשעמאָדאַנדלעך, קופערטלעך.

— איינעם קוים אַ לעבעדיקן, וויים ווי אַ טוך, פירן צוויי אַלטע אונטער די הענט...

— אַן פּאַרט אַראָפּ אַ מענטש אויף רעדעלעך, אַןביידע פיס...

---

*) „צאַרסקיִע וואָראָטאַ" — רוסיש — קייזערלעכע טויערן. אַזוי האָט ביי די אַרעסטאַנטן געהייסן דער אַריינגאַנגס־טויער אין די לאַגערן.

אינעם פֿאַרפֿינצטערטן וואַגאָן אויף שמאָלע, לאַנגע ברעטער, אויס־געשפּרייט אויף נידעריקע קלעצלעך, זיצט אונדזער גרופּע אַלטע לייט און אינוואַלידן. מ׳הערט אוקראַיִנישט לשון, אַנדערע רעדן צווישן זיך אויף ליטוויש, מיין אויער כאַפּט אויף די ווייכע, גרזאַנגפֿולע „על״־קלאַנגען פֿון די עסטאָנער. פּלוצעם דערפֿיל איך, ווי עמעצער דערנעבן רוקט מיר עפּעס אַריין אין דער דלאָניע און איך הער הייזעריקלעכע, שטילע מאַמע־לשון־ווערטער: „נעמט אין מויל אַ זויערע צוקערקע, צו דערהאַלטן די נשמה...״ אַזוי האָב איך זיך באַקענט מיטן מאַליעווער שוחט ר׳ שייע... דאָס זענען געווען די ערשטע יידישע ווערטער, צו מיר געווענדעטע, זינט מען האָט מיך אין דער נאַכט פֿונעם 17טן מאַי 1951 יאָר אַרעסטירט אין ביראָבידזשאַן.

ס׳גייט דורך אַ מינוט 20 און דער צוג לאָזט זיך ווייטער. אַלץ מער מענטשן פֿון אונדזער גרופּע קוקן אַריין אין די וואַגאָן־שפּאַרונגעס. דער אומגעדולד קלאַפּט אין האַרצן, פּויקט אין די שלעפֿן, אַן אומגעדולד אויס־געמישט מיט פּחד. עס ציט זיך, נישט אויסצוהאַלטן, יעדע איינציקע רגע. נאָר אָט, דער באַן נעמט ווידער גיין לאַנגזאַמער, לאַנגזאַמער, קוים, שטעלט זיך אָפּ.

— אונדזער ריי, — רייסט זיך ביי עמעצן אַרויס.

— מען דערנענטערט זיך צו אונדזער וואַגאָן...

קאָנוואָירן רוקן פֿאַנאַנדער די טיר... די מאַיִקע וואַלד־זון פֿאַרבלענדט. איך רייב די אויגן, די שטאַר־בלינדקייט גייט גיך דורך. אַנטקעגן וואַגאָן דערזע איך שטייט שוין אין אַ האַלבן קרייז די „אָצעפּלעניע״ (אַרומקייטלונג) —סאָלדאַטן מיט אויטאָמאַטן אין די הענט. איינער פֿון דער וואַך שרייט אין וואַגאָן אַריין:

„לאָזט אַראָפּ די ברעטער״!. און איבער די צונויפֿגערוקטע ברעטער, צוגעשטעלטע צום פּראַכט־וואַגאָן, גליטשן מיר זיך אַראָפּ איינער נאָכן אַנדערן אויפֿן זשוויר מיט די קלומקעס און פּעקלעך נעבן דעם באַן־ליניע אַנשיט. די באַפֿעל־קאָמאַנדעס פֿאַרהילכן אונדז — „ניע ראַזגאָוואַ־ריוואַט״! (נישט רעדן!) וו״קוטשו״! (נעמט זיך צונויף אין אַ רעדל!״) און גלייך נאָך דעם קומט די קורצע וואָרענונגס־אויפֿקלערונג: „שאַג וו׳פּראַוואָ, שאַג וו׳לעוואָ ראַזוונאָסילנאָ פּאָביעגו״. דער גענויער פּירוש פֿון דעם איז: גיט עמעצער אַ טראָט אויף רעכטס, אָדער אויף לינקס, אין אַ זייט, איז דאָס פּונקט, ווי מען אַנטלויפֿט און מען ווענדט תיכף אָן געווער...

דער לאָקאָמאָטיוו מיט די עטלעכע צו אים צוגעשפּעטע פּראַכט־וואַגאָנען דערווייטערט זיך... צוזאַמען מיטן קאָנוואָי, וואָס רינגלט אונדז אַרום גייען מיר דורך אַ 50 — 60 טריט איבערן טייגע־גראָז און קומען אַרויף אויף אַ ברייטלעכן אויסגעטראָטענעם וואַלד־שטעג. דאָרט שטייט אַ פֿערד געשפּאַנט אין אַן אָפֿענער שמאָלער דראָבינע. איינער פֿון דער

וואַך, מסתמא דער קאָנוואָי־עלטסטער באַפעלט: „קיינער וואַגט נישט זעצן זיך אויף דער פור, בלויז די פעקלעך און קלומקעס לייגט אַרויף!

ס׳געפינען זיך אַזעלכע, וואָס וואָלטן נישט וועלן זיך צעשיידן מיט זייערע קלומקעס און טראָגן זיי מיט זיך. נאָר דער זעלבער עלטסטער „רויטער אָקאָלאָשיק" לויפט צו צו איינעם אַזאַ און דערלאַנגט אים אַ שטורכע אין דער ריכטונג צום פורל: „וואָס איז דיר, אַרעסטאַנט, געווען באַפוילן?" און אַז דער זעקאַ האָט שוין זיין קלומיק געהאָרכזאַם אַריינגע־קוועטשט צווישן הויפן זאַכן אויף דער דראַבינע, האָט אים דער קאָנוואָי־עלטסטער אַ שפּאַר געטאָן אין די הענט די לייצעס: „גיי ביי דער זייט פון פערד, מיטן שטעג, מיט אַ מיטעלן טראָט, פאַרשטנאַען?".

און ווידער צעהליכט זיך איבערן וואַלד די וואָרענונג: — שאַג וו׳פראַוואָ, שאַג וו׳לעוואָ ראַוונאָסילנא פּאָביעגו!"...

מיר לאָזן זיך גיין און אַרום אונדז און וואָגן, אין אַ האַלבן קרייז, פון ביידע זייטן וואַלד־שטעג גייט די וואַך. דער זעקאַ, וואָס האָט ערשט געהאַט אַריינגעכאַפּט דעם פיינעם שטויס, האָט צעטומלט אַ צו שטאַרקן ציִ געטאָן מיט די לייצעס און דאָס פערד האָט גענומען באַוועגן זיך שנעלער און מיר זענען שוין אַלע געצווונגען געווען האַסטיקער נאָכצוגיין. איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס האָט זיך באַקומען, ווי פון זיך אַליין, נאָר אַזאַ איז געווען דער ווילן פון דער גאַנצער גרופּע אַלטע לייט, עמעץ טוט מיר אַ ריר ביים אַקסל, איינער וויַיזט מיר אָן מיט אַ ווונק... איך האָב באַלד נישט פאַרשטאַנען וואָס דער ווונק באַטייט, נאָר אָט, אַנדערע צוויי מאַכן אַ באַוועגונג און לאָזן מיך דורך צווישן זיך, איינער פון זיי איז שוין מיר קעגנטלעך, אַ זקן מיט אַ קיילעכיק ברייטן פּנים מיט גרויסע שוואַרצאַפּלען, ביים אַריינקריכן אין פראַכט־וואַגאָן האָט ער מיך פּשוט אויפגעהויבן אויף זיינע הענט, געהאָלפן מיר אַרויפצוקאַראַבקען זיך. בין איך, הייסט עס, אַצינד אַרויסגערוקט אויף מיינע קוליעס פאָרויס, האַרט צו דער פור, וואָס דאַרף געבן דער וואַך צו פאַרשטיין: „אַ שווערער קאַליקע, זאָל דאָס פערד גיין לאַנגזאַמער". איך בין מאַשינעל נאָכגעגאַנגען נאָך דער דראַבינע. מיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער די אָנגעוואַל־גערטע קלומקעס און קניפּלעך, נאָר איך האָב זיי נישט געזען... און שיִער נישט אָנגעשלאָגן זיך מיט מיינע קוליעס אויף דער פור. איך האָב נישט פאַרנומען די וווּנדערלעכע שיינקייט פון דער טייגע־כוואָיע אַרום מיר און נישט געהערט דאָס טויזנטקעלכיקע צוויטשעריי פון די פייגל און פייגעלעך אין דער מאיִקער טערפּקער קנאָפּסן־פרישקייט פון די ביימער און קוסטעס, ווייל אין מיינע געהירן האָט געדונערט אַן איין־און־איינציקע מחשבה: „ווי ווייט דאַרף מען גיין? צי וועט נישט טרעפן עפּעס מיט מיין פּראָטעז? צי הויבן נישט אָן די אָנגעוויקלטע שמאַטעס און בינטן אַרום מיין

„קולטיאַפקע״ *) צו רייבן און צו אַריינשניידן זיך אין פלייש? און איך וועל נישט קאָנען גיין... דער קאָנוואָי וועט אויף מיר נישט וואַרטן... זיי וועלן מיך אָפּפירן עטלעכע טריט אָן אַ זייט צווישן דער טייגע־געדיכטעניש, און פטור״... די וואַלדישע לופט אָן אָנגעגאָסענע מיט שטאַרקע כוואַיע־ריחות פאַרשיכורט, צעפּלאָנטערן מיינע רעיונות און מיינע ליפּן נעמען שעפּטשען מבולבל „שאַג וו׳פּראַוואָ, שאַג וו׳לעוואָ״... און מישן זיך פּלוצעם אויס מיט די ווערטער פון מיינע אַ מלחמה־ליד, וואָס קומט מיר ווילד אַרויף אויפן זינען — „דער לעצטער מאַרש צו דער טראַנשיי, צום שלאַכט... שירע שאַג, — טויט דער קאַמבאַט גלייך אַ געשריי...״ ס׳וואַקלט מיך... ווער האַלט עס מיך אונטער?... אַ, דער שוחט... כ׳דערהער: „האַלט זיך... עס איז שוין מסתמא נישט ווייט...״

נישט אַזוי די מידקייט פון אַ 3—4קילאָמעטער גאַנג איבער דעם טייגע־שטעג פּייניקט אַזוי די אויסגעמוטשעטע אַלטע לייט, ווי דאָס גע־פינען זיך אונטערן רער פון דעם אָנגעלאָדענעם אויטאָמאַט און דאָס לגמרי נישט האָבן קיין אָנונג וויפל נאָך ס׳וועט דויערן דאָס טופּען איבער דער וואַלד־געדיכטעניש.. און טאַקע דער וועג אויך, קוים וואָס מען דערכעט, מ׳גייט מיט די לעצטע כוחות. און אָפּשטײן? ווי ווענסטו אָפּשטיין? אַז דער סאָלדאַט טרעט דיר אָן אויף די „זאַדניקעס״. דו דערפילסט דעם רער פון אויטאָמאַט אויף דיין רוקן און דאָך הייבט אָן איינער, אַ צווייטער פון דער גרופּע אַלטע לייט אומצופרידן צו קרימען זיך, כניקען. זיי זענען דרייסטער, געוואַגטער פון מיר, דער עיקר פון די רעליגיעזע, די סעקטאַנטן. מען פּראָטעסטירט שוין אויפן קול:

— וואָס טרייבט מען אַזוי?

— מיר קאָנען נישט...

— זאָל מען זיך אָפּשטעלן...

און דער אַלטער, מיט דעם ברייטן קיילעכיקן פּנים און מיט די גרויסע שוואַרצאַפּלען (איך האָב זיך מיט אים אין לאַגער געחברט — פיליפּאָוויטש, אַזאַ איז זיין נאָמען, צי פאָטער־נאָמען, געבליבן אין מיין זכרון, האָט געשטאַמט פון גראָזני, קאַווקאַז. ער איז געווען אַ מאָלאָקאַן — אַזאַ מין רעליגיעזע סעקטע, וואָס האַלט זיך נאָענט צום יידישן גלויבן) טוט אַנטשיידן אַ טראָט צום פויער וואָס גייט ביי דער זייט פון פערד און נעמט מיט רוגזה אַרויס די לייצעס פון זיין האַנט: „וואָס טרייבסטו? מיר זענען דאָך נישט קיין פירפּיסיקע״, — און גיט אַ גלעט, אַ צערטל דאָס פערד, דאַקאַזשעט פון בעקעשע אַ ווייס ציגעלע צוקער, גיט עס דעם פערד צווישן די אייזן־רימענדלעך אויף די פּיכטע, ווייכע ליפּן. די זעקאַ אַרום זעען

*) פון דעם רוסישן וואָרט „קולטיאַ״, וואָס באַטייט די פאַרבליבענע טייל פון פוס.

דאָס. דאָס פורל מיט די אָנגעוואָלגערטע פעקלעך, קלומקעס, נעמט גיין אַ סך לאַנגזאַמער. דעם מאַלאַקאַנס שוואַרצאַפּלען טוען אַ גלאַנץ, אַ קלוגער שמייכל באַהעלט זיין פּנים. עמעצער זיפצט לייכט אָפּ. מ׳דערפילט זיך געפּאַרלאַזער און, מערקווירדיק, די וואָך רעאַגירט נישט, גייט נאָך שווייגנ־דיקערהייט... אַ פּאָר פון די גאָר אָפּגעשוואַכטע, אויסגעבלייכטע, אַלטע, „פּאַפּראַוועץ״ כלומרשט אויפן פורל אַ קלומעק, וואָס אַט־אַט פאַלט עס אַראָפּ און רוקן אים אַריין באַוואָרנטער צווישן די פעקלעך און פאַריינס האַלטן זיי זיך אַ קאָפּל אָן אין ד׳ פור־דרענגלעך. מען שפּאַרט זיך אָן ביי דער זייט פון דעם וואָגן. איך האָב זיך אָפּגערוקט עטוואָס אויף הינטער, נישט צו שטערן זיי. איך קאָן דאָך במילא נישט אָנהאַלטן זיך ביי דער פור, ביי מיר זענען ביידע הענט פאַרנומען מיט די קוליעס. איך באַרויק מיך אַ ביסל. דער פּראָטעז איז אין אָרדענונג און איך פיל נישט, אַז עס זאָל מיר דאָרט עפּעס רייבן, שניידן. איך בין דאָך געווען זייער אויסגעע־דאַרט און דאָס וואָס איך האָב זיך שטייף אָנגעשפּאַרט אויף די קוליעס איז מיר גרינגער געווען אַריבערצוטראָגן צווישן זיי מיין קוואַרן גוף און דערביי נישט שטאַרק אָנדריקן אויף דער „קולטיאַפּקע״. נאָר פּאָר וואָס קוק איך אַזוי מיט נייגער אויף דעם זעקאָ, וואָס גייט סאַמע נעבן וואָגן און בויגט זיך פון צייט צו צייט איבער דער דראַבינע, כאַטש אויף אַן אויגנבליק מיטן קערפּער אָנצולייגן זיך אויף דער פור, אַז זיינע פיס זאָלן בלייבן אַ האָרעלע הענגען אין דער לופטן... מיין דמיון טראָגט מיך בליץ־שנעל איבער צו די סאַמע ערשטע מלחמה־טעג... אין מיטן נאַכט... איך לויף אויפן וועג צו פּוכאָוויטש... אַ 30 קילאָמעטער פון מינסק, ווייט, ווייט אויף הינטער איז דער האָריזאָנט ראָז — מינסק איז אין בייזע פלאַמען־פייערן. און פּלוצעם יאָגט אָן אויפן שליאַך, אין דער פינצטערניש, אַן איינצלנע פור, אַ פול־געפּאַקטע מיט מענטשן, איך מאַך סימנים, שריי, נאָר די פור שטעלט זיך נישט אָפּ. „וויאָ, וויאָ!״, — שרייט עמעצער אויף דער פור. איך לאָז מיך האַסטיק לויפן נאָכן וואָגן, אַזוי ווי ייִנגלווייז, אויפן וויטעבסקער ספּאָרט־פּלאַץ אויף אַ קורצער דיסטאַנץ — 60, צי אויף 100 מעטער. איך בין שוין ביי דער סאַמער פור, איך לויף זי נאָך, ווי אַ געטרייער הונט, איך שלאָג זיך אַרויס פון די כוחות. פון וואַנען נעמען זיך ביי מיר אַזויפיל כוחות? איך האָב זיך אין עפּעס ספּאַטיקעט, איך פאַל אום און שפּרינג אויף ווי אַ פּילקע פון דער ערד, איך האָב זיך צעראַצט, צעקלאַפּט, נאָר איך וויל נישט, מ׳זאָל אויף מיר רחמנות האָבן, איך לויף נאָך און אויף מיין מזל — אַ באַרג אַרויפצו. דאָס פערד פאַר־לאַנגזאַמערט זיין גאַנג. איך האַלט מיך אָן פאַרן ווענטל פון וואָגן און בויג זיך גניביש איבער צו די מענטשן אויף דער פור, אַ רגעלע פילן נישט מיינע פיס די ערד. איך לויף ווידער נאָך, עס נעמט מיך שטעכן

אין דער זייט. און אַלץ עפּטער בויג איך זיך אָן אויף דעם וואָגן מיט מיין גאַנצן קערפּער, נאָר אַצינד שטערט מען עס מיר נישט צו טאָן. ס'איז געווען אַ פול־געפּאַקטע פור מיט ייִדן. אַ שטאַרק פינצטערע נאַכט אַרום. און עמעץ טוט מיך אַ צי צו זיך ביים אַקסל און איך בין שוין כמעט אויף דער פור, מען העלפט מיר אַריינצוקוועטשן זיך צווישן די פּאַרנדיקע. און אַזוי האָב איך זיך געראַטעוועט און נישט געבליבן ביים דייטש... באַגינען, בין איך שוין אויף דער סטאַנציע פּוכאָוויטש. דאָרט זענען געווען פאַרשטייער פון דעם אַנטלאָפענעם מינסקער וואָיענקאָמאַט. איך האָב זיך פרייוויליק פאַרשריבן אין די מאָביליזאַציע־צעטלען...

...דער שוחט, ר' שייע, ציט מיך ביים אַרבל: — איר זעט שוין די סלופּעס מיטן שטעכדראָט. געלויבט איז דער אייבערשטער. דערשלעפּט זיך גאַנצערהייט...

איך בין געגאַנגען אַזוי פאַרחושט און צעטראָגן, אַז איך האָב עס נישט באַמערקט. די גרופּע אַלטע לייט און אינוואַלידן איז צוגעקומען צו דער לאַגער־וואַכטע, צום ברייטן לאַגער־טויער, קייזערלעכן טויער... עס דערהערט זיך די קאָמאַנדע פון דעם קאָנוואָי־עלטסטן: — „לאָזשיס, גדיע סטאָיִש" (לייג זיך ווו דו שטייסט). ווי אַ מידע סטאַדע רינדער לייגן מיר זיך אויפן גראָז און וואַרטן אומבאַהאָלפן צעפּאַרעטע, מיט צעהיצטע אויגן, עס זאָלן זיך פאַר אונדז צעפּראַלן די „צאַרסקיִע וואָראָטאַ" — דער קייזערלעכער סטאַלינישער לאַגערטויער...

די זעקס־ און פערציקסטע קאָלאָנע*)

מיין שפּאָגל־נײַ גיהנום־היימעלע (עס האָט זיך מיר פאַרקריצט דער ציניִשער אויסדרוק פון דעם יונגן אורקע אין וואַגאָן־זאַק — „מיין היימעלע") איז די זעקס־ און פערציקסטע קאָלאָנע. אַ פאַרשיפּרירטער, עמגעביסטישער אַדרעס, ער באַדייט: אַ לאַגע־פּונקט אויף דעם 46טן קילאָמעטער פון דער אייזנבאַן־ליניע טײַשעט—אייבאַקאַן, וואָס אויסגעבויט האָבן זי די סאָוועטישע שקלאַפן פון טײַשעט־לאַג**). מיין דירה — די לינקע טייל פון דער אונטערשטער נאַרע, סאַמע נעבן דער אַריינגאַנגס־טיר אינעם באַראַק

*) קאָלאָנע — דער עמגעביסטישער נאָמען פון אַ באַזונדערן לאַגער־פּונקט.
**) טײַשעטלאַג — דער זעלבער טשעקאַ־מאַיאָנטעק האָט געהאַט נאָך אַ נאָמען: „אָזיער־לאַג".

פאַר די אַלטע לייט און אינוואַלידן — אַן איינגשטאָקיקע לאַנגע הילצערנע געביידע, וואָס האָט מיר תמיד דערמאָנט די בירא־בידזשאַנער הייזער־באַראַקן אויף דער אַזוי גערופענער שלום־עליכם־גאַס... אַזעלכע וווינונגס־באַראַקן זענען אין לאַגער געווען פינף און אין יעדן פון זיי, פון ביידע זייטן, צו ביין — צען דריי־גאָרנדיקע נאַרעס. יעדע נאַרע האָט צוויי ליג־ערטער, צעטיילט מיט אַ ברעטל פון 5 — 7 סאַנטימעטער די הייך. דער אינוואַלידן־באַראַק איז געשטאַנען אין סאַמע עק פון דעם לאַגער, נאָענט צום אָפּטריט און איז געווען דער אָפּגעווייטערטסטער פון דעם לאַגערס „קייזערלעכן טויער". און ווייל אין דעם אינוואַלידן־באַראַק פלעגן כּסדר אָנקומען נייע פּאַרטיעס „אַלטוואַרג" ***) האָט מען אַהין צווישן די צוויי רייען נאַרעס אַריינגעשטעלט נאָך עטלעכע דריי־גאָרנדיקע געשטעלן. נאַטשאַלסטווע האָט דעם אינוואַלידן־באַראַק באַטראַכט, ווי אָפּפאַל, ווי „מיסט". די קרוע־בלוע ****), די קרומע־לאָמע, זענען דאָך נישט געווען די שקלאַפן־מיוחסים, וועלכע האָבן אין דער טייגע געזעגט די ריזן־בוימער, געלייגט די מאַסיווע בוימער־שטאַמען אין הויכע פּיראַמידן־שטאַבעס, מיט איין וואָרט, געגעבן אַזוי־אַרום די גוואַלדאָוונע פּראָצענטן פון דער יקר־המציאותדיקער געהילץ־פּראָדוקציע אין לאַנד און דערמיט געשטאַרקט דעם וווילשטאַנד און כּבוד פון די טשעקיסטישע פאַרוואַלטערס. און וואָס האָבן זיי געהאַט פון דעם אינוואַלידן־באַראַק? — בלויז אַ קליינע טייל איז פון דאָרט געשיקט געוואָרן אויף דער אַרבעט אין דער „ראַבאָטשאַיאַ זאָנאַ" — (אַרבעטס־זאָנע) בשכנות מיטן לאַגער־פּונקט. אָבער אַ סך וועלכע האָבן דאָרט געלעבט זענען געווען כראָניש־קראַנקע, „דאָכאָדיאַגעס", די וועלכע האָבן זיך שוין אין גאַנצן געהאַט אַרויסגעשלאָגן פון די כּוחות, געפאַלן פון די פיס, האַלבע מתים, וואָס פלעגן מיט מאַטערנישן אַראָפּקריכן פון די נאַרעס, כּדי כאָטש איין מאָל אין טאָג דערפּויזען צו דער לאַגער־סטאָלאָווע און דעריבער זענען די וווינוגס־באַדינגונגען (קאָמיש גאָר צו באַנוצן זיך אין דעם לאַגער גיהנום מיט אַזאַ מין נאַטירלעכן מענטשלעכן אויסדרוק) אין אָט דער שקלאַפן־אכסניה געווען די סאַמע אומדערטרעג־לעכסטע. די פענצטער זענען אין אַלע באַראַקן קליינע, ווי אין אַ פּויעריש שטיבל. און אין יעדן ראַם — דאָפּלט־פענצטער, געדיכט פאַרקראַטעוועטע

***) דער 1952 יאָר, — די צייט, ווען מ'האָט אין מאָוועטן־פאַרבאַנד איזאָ־לירט די גלויביקע אַלטע מענטשן, פאָרשטייער פון די פאַרשידענע רעליגיעזע סעקטעס.

****) די זעקאַ פון דעם אינוואַלידן־באַראַק פלעגט מען געבן אָנצוטאָן די הלבשה פון דעם דריטן טערמין, די סאַמע שמאַטאָווע, פאַרשמאָלצענע און פאַר־סמאַליעטע בושלאַטן, פופייקעס, רעקלעך, וואַטאָווע הויזן און אָפּגעטראָגענעם, צעקרימטן פאַרשימלטן שוכוואַרג.

מיט דיקע אייזנס *). אין מזרח־סיביר איז דאָך דער זומער (דער פרילינג צוזאַמען מיטן זומער) אַ קאַרליקל, אַ טל ומטרל. דער מאַי איז מערסטנס נאָך אַ קאַלטער און אין סעפּטעמבער איז שוין אין די אוּונטן גוט קאַלט. עס פרעסטלט שוין, פלעגט מען נישט דערלעבן גאָר אַרויסצונעמען די דאָפּלט־פענצטער, עס זאָל אין באַראַק אַריין אַ ביסל פרישע לופט. אַ געלעכטער גאָר — און ווער וואָלט זיך געזאָרגט וועגן דעם? און ווי אַזוי האָט מען זיי בכלל געקאָנט אַרויסנעמען, די דאָפּלט־פענצטער, אַז זיי זענען דאָך געווען אַרומגעשפּינט און פאַרקויטיקט מיט געפּגרטע פליגן, קאָמאַרעס און מיט ברוד און זשאַווער צונויפגעוואַקסן מיט די קראַטעס, סיידן, אַרויסצוהאַקן זיי צוזאַמען מיט די ראַמען. אין אַ געוויסער מאָס זענען די דאָפּלט־פענצטער געווען זומער אַ ראַטונעק פון די טייגע־קאָמאַרעס. אַזעלכע בלוט־צאַפּערס! קאָנסט אָנטאָן צוויי פּאָר וואָלענע זאָקן אויף די פיס, קומען זיי צו צו דער הויט און זויגן זיך איין, ווי מיט נאָדלען. אַזייגער 8—9 אין אָוונט, באַלד נאָכן קאָנטראָל־אַפּעל מוזן שוין די אַרעסטאַנטן זיין אין די באַראַקן. די דניעוואַלנעס, די באַראַק־אויפראַמערס, האָבן שוין אַריינגעשטעלט אין ענגן באַראַק־פּאַרהויז די לאַגער־שררה׳טע די גרויסע פּאַראַשע־פאַס... און די אויפזעער פאַרשליסן דעם באַראַק פון דרויסן ביז 5 באַגינען, ביז עס דערהערט זיך דער זעץ מיטן אייזן איבערן ענגענדיקן רעלס ביי דער לאַגער־וואַכטע. דאַן קומט צוגיין דער אויפזעער און שליסט אויף דעם באַראַק. בייטאָג איז די לופט אין אינוואַלידן־באַראַק אַ פאַרדומפּטע, אַ טוכלע, אַזוי ווי מען וואָלט צווישן די נאַרעס אויסגעשאָטן אַ קאַדקע מיט פאַרלעגערטע זויערע קרויט. בלויז דורך דער דרויסנטיר קומט אַריין אַ פרישער אָטעם. אָבער ביי נאַכט, ווען דער באַראַק איז פאַרהאַקט, איז דער אַוער און סרכניש אַזוי געדיכט, — אַ האַק אויפצוהענגען און זי וועט זיך וויגן אין דער לופטן. און ווען עמעצער פון די אַלטע, קראַנקע, ווערט פּלוצעם נישט גוט, איז שריי חי־וקיים — קיינער וועט נישט קומען צוהילף, סיידן זעץ אויסביידע שייבלעך פון באַראַק־פענצטער און גוואַלדעווע מיט נישט קיין באַנומענע קולות, מ׳זאָל אויף דער וואַכטע ביי דעם „קייזערלעכן טויער" דערהערן, נאָר דאַן ביסטו באַוואָרנט מיט אַ 5 מעת־לעת לאַגער־קאַרצער.

אין מיטן נאַכט, די זעקאַ וייסן נישט געגוי ווען, קומען צו די דעזשורנע־אויפזעער, ווי מכשפים צו די באַראַק־פענצטער, באַטאַפּן די קראַטעס, צי זיי זענען נישט איבערגעזעגט און האָרכן זיך איין, צי עס

*) די סאַמע באַלדיקע רעקאַציע פון די לאַגער־נאַטשאַלניקעס אויף סטאַלינס טויט איז געווען אַזאַ: בוכשטעבלעך אויפן אַנדערן טאָג האָט מען אין אַלע באַראַק־פענצטער געטאַפּלט די קראַטעס. זענען שוין געווען סיי דאָפּלטע פענצטער, סיי דאָפּלטע קראַטעס...

גרייט זיך נישט עמעצער פון די קאַליקעס און „דאָכאָדיאַגעס״ צו מאַכן אַ ויברח דורכן באַראַק־קוימען און דער עיקרשט קוקן זיי זיך גוט איין אין די באַראַק־פענצטער, כדי צו „פּאַקן״ דעם אַרעסטאַנט — דעם נאַכט־שומר אין באַראַק ביים טיש אַ שלאָפנדיקן...

מ׳זאָגט, אַ האַרץ איז אַ זייגער — ריכטיק. אַ שקלאַף אין לאַגער איז שטרענג פאַרבאָטן צו האָבן אַ זייגער. ער טאָר נישט וויסן די צייט. אָבער ווי ס׳פלעגט נאָר דורך די פאַרמורזעטע באַראַק־שייבלעך נעמען שאַריען, פלעג איך שוין זיין וואַך און אָנשטעלן מיין אויער צו דערהערן — אונדזער באַראַק איז דאָך געווען דער אָפּגעווייטערטסטער פון דער וואַכטע — דעם קלאַפּ מיטן אייזן איבערן הענגענדיקן רעלס. איך פלעג אָט די רגע נישט פאַרפעלן. קיין זיסע בשורות פלעגט מיר אָט דער קלאַנג נישט ברענגען, נאָר עס פלעגט ציִען צו דערהערן דעם רעלס־גאָנג. עס פלעגט אַ שניט טאָן איבער מיין האַרצן: „אַ נייער קאַטאָרגע־טאָג״...

ראַבאָטשאַיאַ זאָנאַ

ווען עס האָט זיך פאַר מיר געעפנט דער לאַגער־טויער בין איך געווען אַלט קנאַפּע 42 יאָר. אויף דער פריי, נאָך מיין צוריקקערן זיך אין מערץ חודש 1946 יאָר פון דעם מיליטערישן שפּיטאָל, האָב איך באַקומען די ערשטע גרופּע אינוואַלידשאַפט. שפּעטער מיט אַ יאָר — די צווייטע גרופּע. דאָס האָט געהייסן — נישט פעִיק צו קיין שום אַרבעט און גיט דאָס רעכט נישט צו אַרבעטן. אָבער אין דעם רעזשימנעם לאַגער איז מיר אַפילו נישט איינגעפאַלן צו טענהן (און צו וועמען טענהן?), מ׳זאָל מיך באַפרייען פון אַרבעט? אין באַראַק זענען געווען נאָך אַזעלכע אינוואַלידן ווי איך, זענען זיי אַלע געגאַנגען אין דער אַרבעטס־זאָנע: קאַלינאָוויטש, אַ ווייסרוס אָן אַ פוס, געווען מיט אַ יאָר 8 ייִנגער פון מיר, געאַרבעט אַלס שמיד, מאַלאַכאָוו, אָן אַ האַנט, ייִנגער פון מיר מיט אַ 10 יאָר, געאַרבעט אין דער לאַגער־בעקעריי, מיצאַ — אַ מאָלדאַוואַן, אָן אַ פוס, האָט געהערט אין זיין דאָרף צו אַ רעליגיעזער סעקטע און דערפאַר באַקומען 25 יאָר קאַטאָרזשאַנסקע לאַגער, געאַרבעט אַלס שוסטער, אַ קאַרעלאָ־פין, זיין פאַמיליע געדענק איך נישט, אָן אַ פוס, געאַרבעט צוזאַמען מיט קאַלינאָ־וויטשן אין דער שמידעריי; וואַניע, אַן אוקראַינער פון ביעלאָצערקאָוו, מיט אַ צעקאַליעטשעטן פוס, איז געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף איין קוליע, אַ שוסטער, געווען אומגעפער אין איין עלטער מיט מיר. און נאָך איז

געווען איינער אָן אַ פוס, פון גאַליציע, מיט אַ פוילישער פאַמיליע, דאַכט זיך, קאַלינאָווסקי, אָדער קאָוואַלעווסקי; איין אייך צייט מיט מיר געקומען אין לאַגער און איז אַוועק אַרבעטן אין דער סטאָלעריי. (אים האָב איך עס געהאַט אַוועקגעגעבן מיין שיינעם אויסגעצאַצקעטן קאַוקאַזער שטעקן און גענומען זיין פשוטן. כ'האָב באַלד דערפילט, אַז איך, דער ייִד ,זאָל זיך אין מיינע אַרעסטאַנטישע טראַנטאַבגדים אָנשפּאַרן אויף אַ קוראַרטנעם קיסלאָוואָדסקן שטעקן, עפּעס האָט עס גאָר קיין אויסזען נישט. און איך האָב זיך פון אים, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווי פון אַ מיאוסקייט אָפּגעטרייסלט). אמת, איך בין געווען אַ שווערערער אינוואַליד פון זיי, נאָר אַלציינס, צו לעבן אין אַ באַראַק, צווישן אַזאַ כאַליאַסטרע יונגע גויים אינוואַלידן, אַ אָן אַן אינוואַליד, אַ ייִד דערצו און וועלן זיין מחוץ הכלל, נישט אַרבעטן, אַרומדרייען זיך פאַר זייערע אויגן — דאָס איז געווען נישט אין מיין נאַטור. און נאָך אַ זאַך, זייער אַ דעליקאַטע — דאָ, אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, באַזונדערס אין דעם אינוואַלידן־באַראַק, זענען אַלע געווען די זעלבע יחסנים: קאַליקעס, פאַרשקלאַפטע פון דער סטאַלין־בעריאַ־באַנדע, וואָס האָט אונדז „אויסגעגלייכט” און סיי די, וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיט די היטלעראָווצעס, סיי די, וואָס האָבן זיי געטריי געדינט און סיי די היטלעראָווצעס אַליין, פאַרשטופּט אויף איין אַרומגעצוימטן הויף און דאָס אַליין איז שוין געווען פאַר מיר אַ גיהנום. האָב איך אין אָט דער שוידערלעכער אומגעבונג מיין גערעכטיקייט, פאַרביטערטקייט, מיין אייגענעם בלוטיקן חשבון געמוזט פאַרשטיקן אין זיך און ווי שטאַרק איך זאָל נישט האָבן געצויגן זיך צום לעבן, האָב איך אין דעם לאַגער־המון, צווישן וועלכע ס'זענען געווען נישט ווייניק דם־שונאים אונדזערע, געשטרעבט נישט צו צעשיידן זיך מיט מיין איינציק געבליבענעם וואָפן — מענטשלעכקייט און ייִדישע ווירדע. נאָך לאַנג זיך מייאש זיין האָב איך נישט געדאַרפט, עפּעס האָט דאָך מיך יאָ גערופעט — יאָ אַרבעטן, נישט אַרבעטן, ווער־ווער, נאָר איך האָב דאָך געוווסט, ווי שווער ס'וועט מיר אָנקומען יעדע פיזישע אַרבעט ביי מיין צושטאַנד. עס זענען דורך עטלעכע טעג. די נאַטשאַלניקעס האָבן מיך נישט פאַרגעסן — ס'איז געשאַפן געוואָרן אַן אינוואַלידן־ברעיגאַדע פאַר אַלגעמיינער אַרבעט. און אָט שטיי איך שוין מאַנטיק אין דער פרי צוזאַמען מיט אַלע אינוואַלידן — ראַבאָטיאַגעס ביי דער וואַכטע צו גיין אין דער אַרבעטס־זאָנע.

☆

די אַרבעטס־זאָנע האָט זיך פאַקטיש געפונען אין דעם קוואַדראַט פונעם לאַגער, בלויז אָפּגעטיילט מיט פונקט אַזאַ הויכן גדר, באַהאַנגען מיט

שטעכדראָט, נאָר כדי אַהין אַרײַנצוקומען, האָט מען באַדאַרפט צוערשט אַרויסגיין פונעם לאַגער־טויער און דערנעבן צו אַרײַן אין טויער פון דער אַרבעטס־זאָנע. די קוזניע, די סטאָליאַרקע, די בעקערײַ, די שוסטער און שנײַדער און די וועלכע שנײַדן שינדל־דראַנקע, זײַ האָבן אין דער ראַבאָטשאַיאַ זאָנאַ געהאַט אַ שטענדיקן פּלאַץ, אַ זעמליאַנקע, אַ צונויפֿגעשלאָגן שטיבל, עפּעס ענלעכעס אויף פיר ווענט, אַ שטיקל אָפּדאַך. די ווײַגאָדע פון זײַן אין לאַגער אַן אינוואַליד מיט אַ פּאַך, אַפילו ווען דו ביסט אַ ייִד, איז געווען נישט אָפּצושאַצן. אָבער מיר, די אינוואַלידן־בריגאַדע פאַר אַלגעמיינער אַרבעט, זענען תמיד געווען אין דרויסן, צוזאַמען מיט די שפּערלעך און ציטער־עקלעך, די טריאַסאָגוזקעס.

דער ערשטער חודש, ביז עס הייבן דיך אָן צו פרעסן די מאָסקיטן, איז נאָך געווען צו דערהאַלטן. איך בין אַרײַן אין דער אַרבעטס־זאָנע אין מאַי. צו זיצן און טאָן עפּעס מיט די הענט און אײַנצײַטיק צו וואָיעווען מיט די טייגע־קאָמאַרעס איז אַוודאי געווען נישט גרינג, ווײַל איינס פון די ביידע, אָדער דו דאַרפסט די גאַנצע צײַט פאָכען מיט אַ צווײַגל אַרום זיך, אָפּצוטרײַבן נאָכאַנאַנד די זלידנע מוקן און נישט אַרבעטן. נאָר וואָס הייסט נישט אַרבעטן? — לאָזטו דײַן פּנים, דײַנע הענט, אויף הפקר: — בײַסט, גריזשעט! נאָר לאַנג טערפּען בין איך נישט אימשטאַנד, גיב איך פּלוצעם אַ פּאַטש זיך איבערן שטערן, אין אַ באַק, איבערן האַלדז, אָדער אַ טראַסק מיט איין האַנט איבער דער אַנדערער, דאָס בין איך זיך נוקם אין איין קאָמאַר, אין אַ צווייטן, וועלכע האָבן זיך אײַנגעזויגט אין מײַן בלוט, און זעץ פאַר אַרבעטן. מיר פלעגן פּרוּוון נעבן זיך אָנצינדן אַ הייפל שפּענדלעך און סטרוזשקעס אַזוי, אַז דער רויך זאָל זײַן גויף אונדז און צעטרײַבן די קאָמאַרעס און מורא געהאַט דאָס שײַטערל זאָל זיך נישט צעפלאַקערן און עס זאָל זיך נישט אָנכאַפּן וואָס דערבײַ, אין דער אַרבעטס־זאָנע. נאָר ווי איך האָב עס שוין געזאָגט, איז געווען צו דערליידן — ס׳טוט אַ ווייע אַ גוט פריש ווינטל און די קאָמאַרעס ווערן אויף אַ ווײַלע נעלם און מע אַרבעט.

מײַן ערשטע אַרבעט אין דער ראַבאָטשאַיאַ זאָנאַ איז געווען — אויסצוגלײַכן טשוועקלעך און מאַכן טשוועקעס פון אַלטן פאַרוואַלגערטן דראָט. בײַ אַ נידעריקן צעפּאָרענעם רישטאָוואַניע־געשטעל, אַ קאָזלע, ענלעך אויף אַ טיש, זענען ניר געזעסן אַ מאַן צען־צוועלף. דער שטאַרק־קורצזיכטיקער בריגאַדיר, דער הויכער ווי עוג מלך הבשן זעקאַ איוואַן יאַקאָוולעוויטש יודין מיט זײַן שטענדיק קוים צו באַמערקן שמייכל אויף זײַנע פלאַכע בלײַכע באַקן — ער איז שוין מער ווי צען יאָר אין די סאָוועטישע לאַגערן — האָט יעדן פון אונדז אײַנגעטיילט אַ בלעכענע קאָנסערוון־פּושקע פול מיט צעבויגענע, צוגעפּלעטשטע, צעקרימטע טשוועקלעך און

דערביי — אַ צווייטע לײדיקע פּושקע און פּאָר יעדן קעגנאיבער אָװעק־געשטעלט אַ קליינע קאָוואַדלע און געגעבן אין האַנט אַ האַמער... נישט פּאָר אַלעמען האָבן געקלעקט קאָוואַדלעס, האָט זיך אַ טייל פון דער אינ־יואַלידן־בריגאַדע פאַרנומען מיט אויפראַמען די אַרבעטעס־זאַנע.

— דער פּראָצעס פון טשוועקלעך גלייכן, — האָט אונדז אויפגעקלערט דער בריגאַדיר און ביי די ווערטער זיינע, קוים באַמערקבאַר ווידער אַ שמייכל געטאָן, — האָט אַ פּאָר פּראָצעס: איר זייט דאָך נייאינקע, בעת די זעקאַ רעמאָנט־אַרבעטער האָבן פּאַראיאָרן רעמאָנטירט די באַראַק־דעכער, האָבן די ראַבאַטיאַגעס אינוואַלידן פון די אַראָפּגעריסענע צעפּוילטע שינדלען אַרויסגעצויגן יעדן צעזשאַווערטן, צעבויגענעם טשוועקל און האָבן אויפגעזוכט און צונויפגעקליבן די, וועלכע האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט. אַזוי האָט דער נאַטשאַלניק באַפוילן, און אָט האָט איר זיי דאָ, אין די בלעכענע פּושקעס. אַצינד דאַרף מען ביי זיי אויסגלייכן די האָרביקלעך, די צעקרימענישן און מאַכן זיי ווידער פּאָר פולבאַרעכטיקטע טשוועקלעך...

און גראָד ביי די ווערטער יודינס איז פאַרביי אונדזער טיש דורך דער גזלן דער „טשיז" (אַזוי האָט געהייסן די אמת פון דעם ווירטשאַפטלעכן נאַטשאַלניק פון דעם לאַגער־פּונקט). ער האָט פאַרלאַנגזאַמערט זיין גאַנג און מיטן אויסגעשטרעקטן ווייז־פינגער שטרענג געוואָרנט דעם בריגאַדיר: „קיין איין קרומען טשוועקל זאָל איך דאָ נישט געפינען וואַלגערנדיק זיך". און מיטן זעלבן פינגער אַ פיר געטאָן איבער אונדז אַלעמען: „איר זייט ביי מיר קנאַפּע פריצים. קיין נייע קאַסטנס מיט טשוועקעס וועט מען דאָ פאַר אייך נישט ברענגען, כאָטש שניידט זיי און האַקט זיי אויס פון די אייגענע פינגער..."

ווער זשע זענען דאָס געווען די אַלטע מענטשן, מיט וועמען איך בין געזעסן ביי דעם דאָזיקן קאָזלע־טיש? — ס׳רעדט זיך אַזוי געזעסן, ווייל יעדער האָט אַליין באַדאַרפט שאַפן פאַר זיך אַ פּלאַץ — קיין בענקלעך, טאַבורעטקעס, זענען נישט געווען — געפינען אַלטע שטיקלעך ציגל, פלאַטשיקע שטיינער, קלעצלעך, אַרויפצולייגן אויף דעם דעם אייגענעם בושלאַט, די פופייקע, עס זאָל זיין העכער, זגראַבנער צו זיצן. איך האָב זיך גענוג אָנגעמוטשעט, ביז איך האָב זיך ווי נישט איז, איינגעמאָסטיעט ביי דער קאָזלע — אונדזער וואַרשטאַט. צוגהאָלפן האָט אַ ביימל הינטער מיר, איך האָב זיך געקאַנט מיטן רוקן אָנשפּאַרן אין אים, כדי זיך פילן שטאַנדהאַפטיקער, מיר זאָל ביי דער אַרבעט נישט שטערן מיין פּראָטעז און מיין אַנדער פוס, וואָס בויגט זיך נישט.

ביי דעם אַלטן טאַשקענטסקן בוכאַרער רב בורוכוב העגנגט איבער אַן אויג אַ דיקער אַנוווקס, ווי אַ לאַדן. טראָגט ער צו יעדן צעקאַליעטשטן טשוועקל נאָענט צו די ברילן, דער עיקרשט צום גלעזל איבער זיין געזונ־

טערן אויג, כדי צו באַשליסן, וואָס ער האָט צו טאָן מיטן טשוועקל. איינ־ציטיק הערט ער נישט אויף צו שעפּטשען מיט די ליפּן. שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז דאָס זאָגט ער בלחש, אויף אויסנווייניק, איין קאַפּיטל תהילים נאָכן אַנדערן. דאָס קרומע טשוועקל גיט זיך אים מעשה שטן נישט אונטער, נאָר ער לאָזט אים נישט אָפּ און טרעפט מיטן האַמער מער איבער די פינגער, ווי איבערן טשוועקל. ווען עס גיט זיך אים איין סוף כל סוף די צעבויגענע זייט פון דעם טשוועקל אויסצוגלייכן, צעקרימט זיך די קעגנאיבערדיקע, וואָס איז געווען גלייך... נעבן רב זיצט זיין אָדנאָדיעלעץ*) שאַקאַראָוו, מיט דער גרויסער גוליע אויפן קאָפּ, אַ ייִד אַ האַרעפּאַשניק, נעמט ער אָן שהיות אַרויס ביי ברוכובן דעם „צעמוטשעטן טשוועקל" פון דער האַנט, מאַכט אים פּאָר אַ „שטיקל לייט" און וואַרפט אים קאַטעגאָריש אַריין אין דעם רבס בלעכערנע פּושקע, דער אָנגעצייכנטער פּאָר די שוין אויסגעגלייכטע טשוועקלעך. אויך דער מאַלאַקאָן פיליפּאָוויטש, וואָס זיצט נעבן רב ביי דער אַנדערער זייט, העלפט אים און וואַרפט אַן אויסגעגלייכטן טשוועקל אין רבס פּושקע און ערשט נאָכדעם אין זיינער. פיליפּאָוויטש באַציט זיך מיט רעספּעקט צו ברוכובן — אַ ראַבין; פאַרן מאַלאַקאָן זענען אַלע ייִדישע דינים און מצוות אויך זיינע. אלוהים איז אויך זיין גאָט. און כאָטש ער קען מיט ברוכובן קיין צוויי ווערטער נישט אויסריידן, ווייל דער בוכאַרער רב פון טאַשקענט קען קיין רוסיש נישט, בלויז געציילטע ווערטער, נאָר פון דעם פאַרלירט נישט ברוכוב אין פיליפּאָוויטשס אויגן פון דער חשיבות וואָס אים קומט. ער קוקט מיט ליבשאַפט אויף זיינע מורמלענדיקע ליפּן און פאַרשטייט, אַז אויך דאָ, אין דעם סאָוועטישן גהינום, פאַרלירט נישט דער ראַבין זיין פעסטן בונד מיטן אייביקן באַשעפער.

מיין פּלאַץ איז געווען צווישן דעם לעט, דעם ריגער דרוקער־טיפּאָ־גראַף — אַ קלוגער שטילער מענטש, און דעם ווילן, האַרציקן ייִדן פון סאָראָקע (בעסאַראַביע), אַ בוכהאַלטער, פאַרמשפּט פאַר ציוניזם —ביידע, ער און דער לעט האָבן שווייגנדיק געדזשיקעט מיט די האַמערס איבער די קאָוואַדלעס, אַזוי ווי זיי וואָלטן גאָר קיין אַנדער זאַך אין זייער לעבן נישט געטאָן, ווי נאָר אויסגעגלייכט טשוועקלעך. איך האָב זיך באַמיט נישט אָפּצושטיין פון זיי, האָט מיין איילעניש, ווי תמיד, מיך אונטערגע־פירט און כ'בין נישט אַריין, ווי זיי ביידע, אין דעם געהעריקן רויִקן טעמפּ און ספּריט. כ'האָב זיך נערווירט און ווי אַ פּועל יוצא פון דעם עפּטער מיטן האַמער אָנטרעפן איבער די נעגל פון מיינע פינגער. דער רוקן האָט מיר גענומען שטאַרק ווײ טאָן. איך האָב מיך געדרייט אויף מיין אָרט

*) אָדנאָדיעלעץ — רוסיש — מיטבאַטייליקטער אין ענין.

צו מאַכן מיר באַקוועמער, געפּרוווט אַראָפּצוטרייסלען פון זיך די פּלוצעם־אָנגרייפנדיקע מידקייט, שטאַרקער זיך אָנגעשפּאַרט אויפן ביימלס דינעם שטאַם הינטער מיר און אַלץ אַריינגעבליקט אין דער צווייטער מיינער בלעכענער פושקע, צי איך האָב שוין עפּעס אויפגעטאָן?...

דער מאַליעווער שוחט ר׳ שייע האָט זיך אין די ערשטע פּאָר שעה צוגעכאַפּט מיט פליס צו דער אַרבעט און פון זיינע קליינע רירעוודיקע העגט אַרויסגעלאָזן, ווי ער פלעגט דערביי אַליין וועגן זיך באַמערקן: „מאַשינאַווע, גלייכינקע, שטאַלטינקע טשוועקלעך, אַ חיות אויף זיי צו קוקן". ביי אים האָט זיך ביי דעם קאָזלע־טיש דאָס מויל נישט צוגעמאַכט: „אין דער עוואַקואַציע איז מיר אַלץ אויסגעקומען צו טאָן, וואָס נישט? — אַבי צו אויסצוכלאַפּאַטשען אַ לעפּיאָשקע (אַ פּלאַטשיק אוזבעקיש קיכל, אַזוי ווי ביי אונדז אַ פּיתה) פאַר די אייגענע פּיסקליאַטעס, מע זאָל נישט אויסגיין פון הונגער. אָבער פון אַזאַ מין סאָרט ספּעציאַלנאָסט, ווי גלייכן טשוועקלעך, דאַרף איך זיך מודה זיין, האָב איך נישט געוווסט. עס טרעפט, אַז מע דאַרף אין שטוב עפּעס צוקלאַפּן צו דער וואַנט און דער טשוואָק, ווי אויף צו להכעיס, וויל נישט גיין און צעהויקערט זיך, גלייכט מען אים אויס, האָט עס אַ באַטרעף. אָדער מען וואַרפט אים אַוועק און מע נעמט אַ גוטן טשוועקל, אָבער עס זאָל אויסקומען צו פאַרנעמען זיך רק מיט גלייכן טשוועקלעך, דאָס איז מיר נישט אויסגעקומען..."

דער סאַראַקער בוכהאַלטער רייסט אים איבער: — איר באַדאַרפט זיך גאַרנישט זאָרגן, ס׳וועט אייך נאָך אַלץ אויסקומען... איר האָט דאָ אויף דעם געגוג צייט, איבערן קאָפּ...

ס׳איז מיר שוין הייס געוואָרן, און איך בין גרייט אויך אַראָפּצוואַרפן פון זיך מיין רעקל, נאָר די קאַמאַרעס נעמען זיך שטאַרקער קלעפּן צו מיר און אַנשטאָט אַ פּאַטש טאָן זיך מיט דער האַנט איבערן שטערן, האָב איך זיך שיִער־שיִער נישט דערלאַנגט מיטן האַמער... איך בין האַלב אַ געלינקטער. שרייבן שרייב איך מיט דער רעכטער האַנט און טאָן טו איך אַלץ מיט דער לינקער. איך האָב זיך באַלד פאַרגעשעטלט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען איך האָב טאַקע אַ טעות, ס׳וואָלט אויפגעלאָפן אַ פיינער גוז אויף מיין שטערן און מע וואָלט נאָך אַרום אונדזער קאָזלע־וואַרשטאַט אויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער...

דער מאַליעווער ר׳ שייע האַלט, אַז „די אירקוטסקער קאָמאַרעס זענען, אַ טראַסצע אויף זיי, אין צווייען גרעסער ווי ביי אונדז אין בעלאַרוסיע אין די זומפּיקע פּאַליעסער בלאָטעס".

דער בריגאַדיר יודיק, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, זאָגט צו שייען און צו אונדז אַלעמען: „איך האָב נישט געמאָסטן נישט די איר־קוטסקער און נישט די ביעלאָרוסישע קאָמאַרעס, נאָר איר וועט אין דער

סאַמע נאַענטסטער צוקונפט, דאָ אויפן אָרט, האָבן די פולע מעגלעכקייט צו שליסן קאָנטשאַפט מיט די מאַסקיטן, זיי זענען אפשר אין אַ צען מאָל קלענער און מיזערנער פון אַ קאָמאַר, נאָר..." און אויף זיינע ליפּן באַווייזט זיך דאָס בלייכע שמייכעלע... ר' שייע איז אומגעדולדיק און וויל שוין די מינוט וויסן: „ווען איז דאָס אין דער סאַמע נאָענטסטער צוקונפט?..."

יודין האָט אים נישט באַוויזן צו זאָגן געניי ווען, ווייל עמעצער פון די אויפראַמער רופט דעם בריגאַדיר: ווּהין, צונויפטראָגן דאָס מיסט, ווו איז דער מיסט־קאַסטן?" און יודין הייבט זיך אויף און גייט מיט זיינע לאַנגע, עוג מלך הבשנדיקע טריט צו די אויפראַמערס.

ביי דעם קאָזלע־טיש האָבן מיט אונדז געאַרבעט צוויי געוועזענע רוסישע עמיגראַנטן (אַ שאָד וואָס איך קאָן זיך בשום אופן נישט דערמאָנען די פאַלימיע־נעמען פון פיל מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך אַ לענגערע צייט געקענט אין לאַגער), ביידע זענען זיי, וואַרשיינלעך, געווען דוואָריאַנעס, פון אַדלשטאַנד, יונקערס, און אינעם בירגער־קריג, קורץ נאָך דער רעוואָלוציע, אָפּגעטראָטן מיט די ווייסע אַרמייען און שוין געבליבן אַלס רוסישע עמיגראַנטן אין פּאַריז. שוין עלטערע מענטשן, צווישן 60 און 70. איינער פון זיי איז געווען אַ זשורנאַליסט, אָדער אַ שרייבער, קאָנסטאַנטין געאָר־גיעוויטש. עס האָט מיך געצויגן צו אים. ראשית, זיין גרויסאַרטיקער, קלאַ־סישער, טורגייניעווישער רוסיש. ס'איז דורכגעלאָפן דריי צענדליק יאָר זינט דאָן און איך דאַרף זיך לאַנג נישט אָנשטרענגען, עס זאָל אויפשווימען אין מיין זכרון זיין שמייכל — אַ געמיש פון עפּעס אַ זעלבסטשולדיקייט מיט אַ לוסטיקער חוזק־איראָניע. ער האָט ביי די טשוועקלעך נישט מאַנקירט, נישט געוואָלט ספּעציעל אַרויסווייזן זיין איבערגעמידקייט, אָנמעכטיקייט, ער האָט מיט זיינע שוואַכע כוחות געטאָן, געגלייכט די טשוועקלעך אַזוי ווי מיר אַלע. כאָטש דאָס איז אים, איך האָב עס געפילט, נישט גרינג אָנגעקומען. אָבער ביי יעטוועדער ערשטער מעגלעכקייט, האָט ער נישט געקאָנט צוימען זיך, נישט אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן. די קריוודע, די גאַזלאָוויע, מיט וועלכער מען איז זיך מיט אים באַגאַנגען, איז נאָך געווען ביי אים צו פריש, ווי אַן אָפענע וווּנד. ער האָט זיך אַליין נישט געקענט מוחל זיין און אין אַזעלכע רגעס פלעגט באַהעלן זיין פּנים דער זעלבסט־שולדיקער חוזק־שמייכל: „איך האָב דאָך, — האָט ער געטענהט, — אים געגלויבט, דעם סאָוועטישן געזאַנדטן אין פּאַריז, אַזוי ווי קרילאָווס נאַרישע וואָראָנע האָב איך זיך איינגעהאָרכט אין זיינע זיסינקע צוזאָגעכצן. ווי לעכערלעך דאָס האָט פּאַסירט — איך אַליין האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט, מע זאָל מיך פירן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַריינצונאַרן מיך דאָרטן אין דער פּאַסטקע. איך און מיין פרוי האָבן שטאַרק געגאַרט אויף דער עלטער צוריקקערן זיך צו אונדזער געבוירן־קאַנט. און ווען איך האָב מיך

שוין צוריקגעקערט, — האָבן געאַרגעוויטשס אויגן פלוצעם זיך אָנגעצונדן מיט האַס, — האָב איך זיך מיט זיי, מיט די לצים, ערלעך געטיילט מיט מיין הייסן פאַרלאַנג אָנצושרייבן אַ בוך וועגן מיינע טיפע איבערלעבונגען, אין צוזאַמענהאַנג מיטן צוריקקערן זיך צו מיין היימאַט־ערד. האָבן זיי מיט צעשטשירעטע ציין און גוטע מינעלעך באַוויליקט: „אדרבא, שרייבט, שרייבט, קיינער וועט אייך אין דעם נישט שטערן...״

„ און בעת מיין אַרעסט האָבן זיי, די לאָבוסעס, אַ גאַנצע נאַכט גענישטערט, אַראָפּגעריסן די נייע טאַפּעטן אין דעם אַכט־מעטראַוון צימערל, ווו איך און מיין פרוי האָבן געלעבט און מיך געפּאַכעט אונטערן נאָז מיט די פּיסטאָ־לעטן: „דו, אַלטער הונט, דו, צאַרישער אָפיציר, שפּיאָן, ווו האָסטו אַהינ־געטאָן דיין קאָטר־רעוואָלוציאָנערן שפּיאָנישן בוך, וואָס דו האָסט אָנגע־שריבן?״. איך האָב געפּרווווט זיי צו באַרואיקן: „זוכט נישט, אומזיסט זוכט איר, איך האָב גאָרנישט נישט פאַרבאַהאַלטן. אַלץ וואָס איך האָב באַוויזן אָנצושרייבן ליגט דאָ אָפן פאַר אייערע אויגן, דאָ אויף דעם טישל. אייערע מענטשן האָבן דאָך מיך אַליין דערמוטיקט: „שרייבט, שרייבט, אדרבא, קיינער וועט אייך אין דעם נישט שטערן״. דער האַס אין געאַרגעוויטשס בליק פאַרשווינדט און ווידער שוועבט שוין אויף זיינע פולע ליפּן דער שולדיקער שמייכל, די איראָניע: „און די בלעטלעך, וועלכע איך האָב מיטן גאַנצן האַרצן געהאַט אויפגעשריבן, האָבן זיי, די לצים, אויף די „דאָפּראָסן״ „אויסגעטייטשט״, ווי מיין אַנטי־סאָוויעטישע אַגיטאַציע און עס פאַרפּראָטאָקאָלירט, ווי באַוויזן קעגן מיר, ווייל קיין שום אַנדערע מאַטע־ריאַלן זיינען ביי זיי נישט געווען, און דאָס אַלץ אַריינגעשטעלט אין מיין באַשולדיקונגס־אַקט. אַזעלכע לאָבוסן, אַזעלכע לצים, פונעם קלענסטן ביזן גרעסטן. היינט גלויבט זיי... די הומאַניסטן... די וועלט־פאַרזאָרגער...״

דער אַנדערער רוסישער עמיגראַנט איז שוין געווען לגמרי אַ צעבראָכע־נער, זייער אַ קראַנקער. ווי אַ פּוסטער אויסגעשרפּטער, פאַרקוילטער נוס. עס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט זיין תמיד פאַרגליווערטער בליק, די צע־שוואָמענע אויגן אין די צוויי גרויסע, אָנגעבראָקניעטע, רויטלעכע אויגן־לעכער. ער האָט קוים געהאַלטן דעם האַמער אין די זיך טרייסלענדיקע, מגושמדיקע, ברייט־קנאָכיקע הענט, באַדעקטע מיט גרויסע, געלע פּליאַמעס. ער פלעגט שטיל אַראָפּלאָזן דעם האַמער איבערן טשוועקל. דאָס איז געווען אַ גלעט, נישט קיין קלאַפּ. נאָר ס׳האָט אים שוין גאָרנישט נישט געקימערט, וואָס מע זאָל נישט וועלן זאָגן. זיין נשמה איז שוין געווען פאַרפולט מיט פאַרפאַלנקייט און גלייכגילט. זאָל מע אים שרעקן, דראָען, קיין שום פּחד איז שוין אין זיינע גרויסע, אויסגעלאָשענע אויגן, נישט געווען. אַן איינזאַמער, נישט קיין אייגענע, נישט קיין קרובים, האָט ער נישט געהאַט, און קיין הילף אין לאַגער פון קיינעם נישט באַקומען.. ער פלעגט ווען

נישט ווען דערציילן, אַז זיינע קינדער — און יוגנט־יאָרן האָט ער פאַר־בראַכט אין „צאַרסקאָיע סיעלאָ״, נאָענט פון דער קייזערלעכער משפחה. וואָס עס האָט זיך מיר געגוי פאַרגעדענקט — דער אופן פון זיין אומ־ברחמנותדיק צו זיך אַליין אין כאַראַקטעריזירן די עמיגראַציע־יאָרן... „איך בין גיך דעקלאַסירט געוואָרן, פאַראָרעמט געוואָרן און אָפּגעלאָזן. תמיד געהונגערט, אָן אַ פּאַך, און לערנען זיך אַ פּאַך, אויף דעם האָב איך שוין קיין מוט נישט געהאַט. ביז איך בין געקומען צו אַזאַ לאַגע, אַז מיין אייג־ציקער אָנהאַלט איז געווען טוליען זיך צום שענק, דרייען זיך אַרום די שיכורים. צייטנווייז בין איך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין „מאָדעל״... דער שענקער פלעגט מיט מיין הילף אַמוזירן דאָס פּובליקום. איך פלעג אויף דער וואָר דעמאָנסטרירן, ווי אַזוי אַ קאַלכאָזניק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד טרינקט אויס מיטאַמאָל אַ פולע טיי־גלאָז וואָדקאָ און „פאַרבייסט״ מיט „אַ שמעק טאָן דעם אייגענעם אַרבל...״ אָן אויסגעצערטער, אָן אַ שטענדיקן נאַכטלעגער, פלעג איך תיכף ווערן טויט־שיכור... זיך געוואַלגערט אין איי־געגעם ברוד אַרום שענק... נאָכן קריג האָט אַ פינקל געטאָן פאַר מיר די טרייסט פון צוריקקערן זיך קיין רוסלאַנד... האָט מען מיך אַזוי אומפאַר־שעמט אָפּגענאַרט און געמאַכט מיך אויך דאָ פאַר אַ „מאָדעל״ פון אַ „שונא פון פאָלק און אַ שפּיאָן״...

אין איינעם פון מיינע ערשטע טעג אין דער ראַבאָטשאַיאַ זאָנאַ, בעת איך האָב שוין מיט מיין שטאַרקערער לינקער האַנט געהאַקט פון דראָט צען־צוועלף סענטימעטראָווע טשוועקעס, האָב איך מיר פלוצעם אויפן קול דערמאָנט די שורות פון דעם סאָוועטישן פּאָעט, פאַרזיצער פון דעם אַלוועלטלעכן שלום־קאָמיטעט אין מאָסקווע, ניקאָליי טיכאָנאָוו:

„גוואָזדי בי ס׳דעלאַט איז עטיך לודיי,

ניע בילאָב קרעפּטשע וו מיריע גוואָזדיי.״

אויף מאַמע־לשון איז דאָס בוכשטעבלעך אַזוי: „ווען טשוועקעס פון די מענטשן מאַכן מען קען, וואָלטן שטאַרקערע טשוועקעס און דער וועלט נישט געווען״. האָט זיך דער אַלטער רוסישער זשורנאַליסט קאָנסטאַנטין געאָרגעוויטש ממש אָנגעצונדן: „דען נאָר טשוועקעס האָבן די קאָמוניסטן פון די מענטשן געמאַכט? — מיסט און בלאָטע! טויזנט מאָל ערגער ווי אין פיאָטער דעם גרויסנס צייטן, דעם מענטשנסווירדע און שטאָלץ אויס־געמישט און אויסגעגליכט מיט דער ערד״...

און עס איז דאָן אויפגעשווומען אין מיין זכרון — מיין מאַמע פלעגט אונדז, אירע קינדער, דערציילן, ווי אַזוי עס האָבן זיך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה באַרימט די דייטשישע זעלנער: „מיר וועלן אַלעס, אַלעס אויסגלייכן מיט דער ערד, מאַכן אַלעס גלאַט גלאַט״ און פלעגן — מיין

מאַמעס ווערטער — „אויף די לאַנגע פּיקעס אויפהייבן קינדער פון די וויגן און זיי אַראָפּשליידערן און שעלטן: „פּאַרפלוכטע...”

... רציחה און רשעות האָט איין און זעלבן חיהשן אויסזען אין אַלע בייזע אוממענטשלעכע צייטן — ווילהעלם, ניקאָליי, היטלער, סטאַלין — צום טייוול — איין און די זעלביקע בלוטיקע שאול תחתיה...

דער שוואַרצער פּרייטיק

דאָס איז געשען פרייטיק, נאָך דער אַרבעט. איך בין שוין געווען מיט דער אינוואַלידן־בריגאַדע אין דער לאַגער־סטאָלאָווע, דורכגעשוועקט מיינע אויסגעצערטע געדערים מיט דער פיש־באַלאַנדע, געוואָרגן זיך מיט די פּאָר לעפל „שראַפּנעל”*־קאַשע. איך האָב נאָך נישט באַוויזן צו אַריינגיין אין באַראַק, דערהער איך פּלוצעם באַנומענע גוואַלד־קולות... פּונקט אַנטקעגן אונדזער באַראַק, אויף אַ בערגל, איז די לאַגער־באָד און פּאַריקמאַכערסקע. זע איך, ווי פון די עטלעכע טרעפּלעך אַראָפּ לויפט פּינכאַסאָוו, דער זקן פון די בוכאַרער יידן, האַלב נאַקעט, מיט דער אונטערשטער העמד אין דער האַנט; „ספּאַטיטיע, יאַ ווערויושטשי טשעלאָוועק, ניע דאַמסיאַ... ראַטעוועט, איך בין אַ גלויביקער מענטש, איך וועל זיך נישט לאָזן!...”

אויך איצט, אין אַזויפיל יאָרן אַרום, זע איך פּאָר מיינע אויגן זיין דאַן טויט־בלייכן פּנים מיט די שאַרפע פאַרשפּיצטע שטריכן, זיין שניי־ווייסע באָרד, דער אַנטבלויזטער ווייסער סקעלעט־ברוסטקאַסטן און די דאַרע, ווי שטעקלעך הענט מיט דער ווייסער העמד אין איינער פון זיי. איך הער זיין כריפּענדיקן מיט די לעצטע כוחות געשריי... ער האָט נישט באַוויזן אָפּצולויפן פון די טרעפּלעך עטלעכע טריט אין דער ריכטונג צום באַראַק, ווי עס האָבן אים אָנגעיאָגט צוויי נאַדזיראַטיעליעס, ווי צוויי גרויסע סיבירער וועלף־הינט, און תיכף פאַרדרייט די הענט אויף הינטער, מיט רימענס איבערגעבונדן און ווי אַ שמאַטע אַרויפגעשלעפּט צוריק אויף די טרעפּלעך, אַהינצו אין דער פּאַריקמאַכערסקע... אין דער לופטן איז ווי אַ שטיק רויך געבליבן הענגען פּינכאַסאָווס פּראָטעסט־געיאָמער: „איך וועל זיך נישט לאָזן”...

אַזוי האָט זיך אין לאַגער אין יענעם פרייטיק אָנגעהויבן דער געיעג

* „שראַפּנעל”־קאַשע: די קאַשע איז געווען אַזוי טרוקן, אָן אַ סימן פון פעטס, די גרויסע, פּערדישע, נישט אָפּגערייניקטע גרויפּן וואָס שטעכן אין האַלדז, דערמאָנען האַרמאַטן־שראַפּנעלן, האַרמאַטן־דרויב. חדשים לאַנג פלעגט מען אונדז יעדן טאָג געבן די זעלבע קאַשע. האָט זי ביי די אַרעסטאַנטן געהייסן — שראַפּנעל־קאַשע.

אויף די אַלטע גלוביקע לייט, מיט רציחה, אָפּצושערן ביי זיי די בערד. די דאָזיקע אַרבעט האָבן געטאָן אַליין די נאַדזיראַטעליעס. זיי האָבן מיט די שערלעך שנעל, נישט געשאָרן, נאָר מיט כּוח געריסן די האָר, אויסגעצופּט די בערד שטיקערווייז... דעם ערשטן האָט מען אין דער פֿאַבריק־מאַכערסקע געהאַט אַריינגעשלעפּט דעם 80־יאָריקן בוכאַרער יידן פּינכאַסאָוו. ער האָט באַלד פֿאַרשטאַנען, אין וואָס דאָ גייט, אַראָפּגעכאַפּט דאָס העמד פֿון לייב: „שניידט מיך, שטעכט מיך, נאָר איך וועל זיך נישט לאָזן שערן מיין באָרד" און געפּרוּווט לויפֿן פֿון זיי. פּינכאַסאָוו איז געווען דער איינציקער צווישן די בוכאַרער יידן אין דעם אינוואַלידן־באַראַק, וועלכער האָט פֿריי גערעדט רוסיש. נאָך פֿאַר דער רעוואָלוציע האָט ער אַ לאַנגע צייט געלעבט אין מאָסקווע, געווען אַ סוחר. ער האָט געהאַט געמאָלדן דעם בריגאַדיר יודין: „איך בין אַ גלוביקער ייד. אין דער לאַגער־סטאָלאָווע איז דאָס עסן נישט כּשר. וועל איך מיך באַנוגענען מיטן שטיקל ברויט און מיטן ביסל צוקער".

דעריבער האָבן עס די לאַגער־נאַטשאַלניקעס באַשלאָסן אָנצוהייבן די „באָרד־אַקציע" פֿון פּינכאַסאָוון, דעם ערשטן „איינברעכן" אים, אַלס איינעם פֿון די סאַמע עקשנים־פֿאַנאַטיקער, אַראָפּרייסן פֿון אים זיין רעליגיעזן פּאַנצער, די ווייסע באָרד... די אַלטע גלוביקע לייט אין לאַגער, די בוכאַרער יידן, די מאָנאַכן, יעוואַנגעליסטן, סובאָטניקעס, באַפּטיסטן, מאָלאָקאַנער, גלחים־מיסיאָנערן מוסולמענער, אַלע האָבן זיי געטראָגן שיין־צעקאַמטע ברייטע בערד, ביז דער ברוסט, און שטאָלצירט מיט דעם — אַ סימן פֿון זייער אמונה, ליבשאַפֿט צו גאָט. אָבער די אומווירדיקע, געמיינע לאַגער־נאַטשאַלניקלעך האָבן זיך נישט געוואָלט באַנוגענען מיט דעם, וואָס סטאַלין האָט די פֿרומע זקנים, די פֿאַרשטייער פֿון די פֿאַרשיידענע רעליגיעזע שיטות אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד פֿאַרשפּאַרט אין די לאַגערן, זיי זאָלן דאָרט אומקומען. די לאַגער־סאַדיסטן האָבן זיך געפֿלייסט, אויס חניפה צו די גאָר הויכע עמגעבע־„שישקעס", די שוין איזאָלירטע, אומגליקלעכע, נאָך מער צו דערנידעריקן, אַראָפּרייסן פֿון זיי דעם הדרת פּנים, די בערד: „אַ סאָוועטישער זעקאַ טאָר נישט אין לאַגער טראָגן אַ באָרד. ער דאַרף זיך נישט מיט גאָרנישט אויסטיילן פֿון די אַנדערע אַרעסטאַנטן. ער מוז האָרעווען, אָנטאָן אויף זיך איין און זעלביקן אַרעסטאַנטישן כאַמעט, בידלע־כאַמעט". און דאָס איז געווען די עצם־כּוונה פֿון דעם באָרד־פּאָגראָם. עטלעכע סעקטאַנטן און מוסולמענער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַנדערע באַראַקן, פֿאַרשטעקט זיך אונטער די נאַרעס, די נאַדזיראַטעליעס האָבן זיי מיט ענטוזיאַזם אויסגעפֿונען, געטריבן אין נאָקן: „מאַרש אין פֿאַבריקמאַכערסקע! פֿאַרגעסט וועגן די בערד, דאָ באַדאַרפֿט איר זיין יונג... אַרבעטספֿעאיק...

איינער פון די סובאָטניקעס, וועלכן מען האָט אַרויסגעצויגן פון אונטער דער נאַרע, האָט זיך איינגעשטשעמעט, אַרומגעקלאַמערט ארום אַ פּיסל פון דעם לאַנגן באַראַקטיש און היסטעריש געשריען: „דאָ, דאָ אויפן אָרט, שינדט מיין באָרד מיט מיין פליייש צוזאַמען, און זאָלן אַלע זען ס'ארא באַנדיטן איר זייט".

— די מינוט פירט אים אין קאַרצער אריין, — האָט דער רעזשים־נאַטשאַלניק באַפוילן די אויפזעער. זיי האָבן דעם סובאָטניק געבונדן הענט און פיס, געפּרוווט זיך מיט עפּעס פאַרשטאָפן אים דאָס מויל און גלייך פונעם באַראַק אַוועקגעטאַסקעט צום לאַגער־„בור", לאַגער־קאַרצער...

נאָך דעם קאָנטראָל־אַפּעל, שפּעט אין אָוונט, איז אַ חרפה געווען פאַר זיך אַליין צו טרעפן זיך בליק צו בליק מיט די אַלטע גלויביקע מענטשן, אַזוי מערדעריש האָט מען זיי אָנגעשפּיגן אין דער נשמה... אָן די בערד זענען זיי גאָר נישט ענלעך געווען אויף זיך, פאַרלוירן דעם אייגענעם אויסזען, דעם צלם אלוקים. זיי זענען אַרומגעגאַנגען איבערן באַראַק פאַר־צווייפלטע, אַפּאַטושעטע, נישט געקענט זיך באַרויִקן, להבדיל פאַכאַזשע געווען אויף לעבעדיק־אָפּגעסקובעטע, אויסגעשטשיפּעטע עופות. דער בור־כאַרער רב איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און האָט פאַר בזיון מיטביידע הענט פאַרשטעלט דעם נאַקעטן קין און ווי אַ פּיצל קינד געכליפּעט. און דער 80־יאָריקער פינכאַסאָוו איז אַ פאַרחלשטער געלעגן אויף זיין נאַרע מיטן פּנים צו דער וואַנט. די הענט זענען ביי אים געווען צעפּאַסעוועט. עס זענען אויף זיי נאָך פריש געווען די סימנים פון די רימענס, מיט וועלכע די גזלנים־שקצים האָבן אים געהאַט געפּענטעט. דאָס איז געווען פינכאַסאָווס ערשטער שוואַרצער פרייטיק אויף דער זעקס־ און פערציקסטער קאָלאָנע פון טיישעטלאַג...

נאָכן שוואַרצן פרייטיק

אויף מאָרגן, שבת באַגינען, האָבן די אויפזעער געעפנט די קאַרצער־טיר, און אַרויסגעלאָזט דעם סובאָטניק: „צו דער אַרבעט!..."

ער איז געווען ברייטפּלייציק, קליינוווקסיק, אויף זיינע באַקן איז פון דער באָרד געבליבן ערטערוויז שיטערע הייפלעך האָר און אויפן קין — אַ ראַץ, אַ ריס פון שערל. ער האָט אויסגעזען ווי אַ ייִד, וואָס איז אויפ־געשטאַנען פון שבעה. פון צווישן זיינע אַרומגעשוואָלענע אויגן־שפּאַלטן האָט אַרויסגעבלאַנקט שטאָל־בלויקייט: הימל־בלויע אויגן... ער האָט זיך

מיטן אַקסל עטוואָס אָפּגעקערט פון די אויפזעער און געזאָגט ווי צו זיך אַליין: „היינט איז מיין רו־טאָג... איך האָב באַקומען 25 יאָר סאָוועטישע קאַטאָרגע פאַר דעם, וואָס איך האָב נישט געאַרבעט אום שבת. וועל איך אַצינד, ווען מיר איז שוין געבליבן נישט קיין סך צו לעבן, נישט מחלל זיין גאָטס הייליקן שבת"... און מער האָט דער סובאָטניק קיין איינציקן וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט פון זיין מויל. די אויפזעער האָבן אים געבונדן די הענט, אַוועקגעלייגט אויף אַ טראָג־בעטל און אַוועקגעטראָגן אין דער ראַבאָטשאַיאַ־זאָנאַ. ביי דעם גרינוואָרג־קעלער, ווו דער סובאָטניק האָט געאַרבעט, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט דאָס טראָג־בעטל, אים פונאַנדערגע־בונדן די הענט, נאָר צו זיין אַרבעט אין קעלער האָט ער זיך סיי־ווי נישט אַראָפּגעלאָזט, און געבליבן זיצן אויף דער ערד נעבן דער סקלעפּ־טיר אַ שווייגנדיקער...

די אויפזעער זענען אויך אַריינגעקומען אין דעם אינוואַלידן־באַראַק צו נעמען פּינכאַסאָוון אין דער אַרבעטס־זאָנע. ווען זיי האָבן דערזען זיין צושטאַנד, האָבן זיי זיך נישט אַנטשיידן אַוועקצולייגן אים אויפן טראָג־בעטל און געררופן דעם אַזירבעדזשאַנער דאָקטער־זעקאָ פון דער לאַגער־אַמבולאַטאָריע. דער דאָקטער האָט באַטראַכט פּינכאַסאָוון, גענומען זיין צעטריקנטע, מאַכטלאָזע האַנט ביים פּולס און געזאָגט צו די אויפזעער: „איך נעם נישט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט... איך בין נישט זיכער, צי מע וועט אים פון דאָרט, פון דער ראַבאָטשאַיאַ זאָנאַ, ברענגען צוריק אַ לעבעדיקן". דאָס האָט זיי אָפּגעהאַלטן און זיי האָבן זיך פון פּינכאַסאָוון אָפּגעטשעפּעט...

✡

און ביי דעם קאָזלע־טיש האָט דער בריגאַדיר יודין מיט מיטפּילנדיקע העוויות און מיט זיינע צווינקנדיקע, קורצזיכטיקע אויגן, מער ווי מיט ווערטער, באַרויִקט ברוכובן: „אוודאי פאַרשטיי איך, אַז אַ ראַבין טאָר שבת נישט אַרבעטן. איך פאָדער עס נישט פון אייך... זיצט ביים טיש לפנים וועגן, נאָר זאָל נעבן אייך ליגן דער האַמער... ווייל טאָמער וואַקסט דאָ פּלוצעם אויס דער „טשיז", וועט איר מוזן דעם האַמער נעמען אין די הענט, נישט אַזוי צוליב דער אַרבעט, ווי צוליב מיר..."

דאָס וואָס ברוכוב האָט אויפן שטעל נישט תופס געווען, האָט אים דער סאַראַקער בוכהאַלטער געפּרווט אויפקלערן עס מער צוגעגלעכער, נאָר ביז וואָס ווען, איז שוין דער בוכאַרער רב אַריין אין זיך... זיינע ליפּן האָבן שוין געמורמלט... איך טו אַ בליק אויף ברוכובן, שוין אָן זיין באָרד... און ס'לויפט מיר דורך אַ מחשבה: פונקט אַזוי פלעג איך ייִנגלווייז, איבער די מינסקער גאַסן אַרומדרייען זיך און שעפּטשען מיינע שורות...

פיליפּאָוויטש שטעלט אָן פון צייט צו צייט אויף מיר זיינע גרויסע שוואַרצאַפּלען און פרעגט ביי מיר איין און די זעלבע פראַגע: „אַ זנאַיעש לי טי קטאָ טאַקוי ביל איוב? — ווייסטו דען, ווער עס איז אַזוינס געווען איוב? — פיליפּאָוויטש איז היינט באַזונדערס פילבאַר צו בורוכובן. ער איז אים אייגן נאָענט. נעכטן האָבן זיי צוזאַמען געהאַט אַזויפיל שפיכת־דמים און איוב־עינויים. קוקט ער אַצינד מיט ליבשאַפט אויף זיינע שעפּטשענ־דיקע ליפּן...פיליפּאָוויטש מוז היינט פאַרהיטן בורוכובן פון חילול־שבת און ער וואַרפט אין זיין בלעכענער פושקע איין אויסגעגלייכטן טשוועקל נאָכן אַנדערן.

שאַקאַראָוו, ברוכובס אַדגאַדיעליעץ, האָט געכטן אין אָוונט, נאָך דער „באָרד־אַקציע", געפּועלט ביי דעם בריגאַדיר יודינען, ער זאָל אים פון פרייטיק אויף שבת שיקן אויף נאַכט־אַרבעט אין דער לאַגער־קיך, צו שיילן קאַרטאָפליעס, וועט ער דערפאַר האָבן רעכט דעם שבת צו בלייבן אין באַראַק און נישט גיין אין דער ראַבאָטשאַיאַ־זאָנאַ. אמת, ער נאַרט זיך נישט. ער ווייסט, אַז די נאַכט פון פרייטיק אויף שבת געהערט אויך צו שבת קודש, נאָר דאָך וועט ער שבת רוען...

דער מאַליעווער שוחט האָט געהאַט זיין אייגענעם קוק אויף דער זייער, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, „שטשיפּעטילנעם" ענין: „מיר זענען ביי גזלנים אין די הענט, דער חלף ליגט אונדז אויפן האַלדז, טאַקע ממש, ווי דאָס צעהויקערט טשוועקל, צווישן האַמער און קאָוואַדלע. איז דאָך נישט שייך... צוואַנג־אַרבעט איז נישט צוליב פּרנסה, נישט צוליב כבוד... ס'איז פּיקוח נפש. אַ חולה מעג אַפילו יום כיפּור נישט פאַסטן. איך האָב אַ טאָכטער מיט אַ זון, אייניקלעך, טאָמער גיט זיך אַ דריי דאָס רעדל... איז נאָך דאָ אַ שטיקל האָפענונג, אַז איך וועל זיי זען. מיין תּפילה צום אויבערשטן און מיין בטחון איז ביי מיר טיף אין האַרצן."

איך, דער בוכהאַלטער פון סאַראָקע, ר' שייע, מיר האָבן געאַרבעט. איך האָב ווידער געהאַקט פון דראָט טשוועקעס. איך בין ביים טיש־וואַרשטאַט דער יינגסטער. טו איך די שווערערע אַרבעט. איך הייב מיט האַסט דעם האַמער און לאָז אים אַראָפּ מיט כל חמתי איבער דעם פאַר־פרעסטן דיקן דראָט אין די קלעמער, האַק אָפּ אַ טשוואָק נאָך אַ טשוואָק. איך קום אַריין אין „טעמפּ און ריטם" פון ניקאָליי מיכאַנאָווס ליד — „ווען טשוועקעס פון מענטשן מאַכן מעןקען, וואָלטן שטאַרקערע טשוועקעס אויף דער וועלט נישט געווען"... אַזוי ווי איך וואָלט מיט מיין זעצן מיטן האַמער איבערן דראָט וועלן זיך מיט עפּעס נוקם זיין אין דעם פּאָעט טיכאַנאָוו און אין זיך אַליין — איך בין דאָך אויך געווען שמעלקע מיט דער שמן זיתדיקער, הכנעהדיקער סאָוועטישער פּאָעזיע, צו דינסט דעם פאָטער פון אַלע פעלקער, ימח שמו וזכרו. פון מיינע צו העפטיקע באַוועגונגען מיט

דעם האַמער אין מיין לינקער האַנט, האָט מיך שטאַרק גענומען נויען און ווי טאָן מיין אַקסל־מוסקול. איך האָב מיר געפּרוווט איבערנעמען דעם האַמער אין דער רעכטער האַנט, כדי צו געבן אַ ביסל אָפּרו דער לינקער, באַקומט זיך עס ביי מיר נישט. דער גאַנצער פיזישער כוח מיינער איז פון קינדווייז־אויף פאַרבאָרגן אין מיין לינקער האַנט.

אויסער דעם אינוואַלידן־באַראַק, אין די אַנדערע פיר באַראַקן פון דעם לאַגער־פונקט האָבן געוווינט אַ פינף און צוואַנציק־דרייסיק זעקאַ־יידן, און אפשר מער. די צאָל פלעגט זיך בייטן צוליב די אָפטע עטאַפּן. דאָס אַריבערוואַרפן אַרעסטאַנטן פון איין לאַגער אין אַנדערן איז שוין געווען אַ סיסטעם, דער עיקרשט פון די יינגערע, אַ טייל פלעגט מען שיקן מיטן עטאַפּ אין דער צענטראַלער לאַגער־באַלניצע צו אָפּערירן, אָדער פעסטצושטעלן אַ דיאַגנאָז און צוליב נאָך פיל פאַרשיידענע סיבות, וואָס נאָר נאַטשאַלסטווע האָט וועגן דעם געוווּסט... קיין אויסגעשפּראָכן פרומע, אַזעלכע ווי די בוכאַרער יידן, זענען צווישן זיי, מיר שיינט, נישט געווען. מערסטנס פון זיי האָבן געהאָרעוועט אין דער טייגע, געהאַקט וואַלד, גע־רייניקט די שטאַמען, געקליבן אויף די דיעליאַנקעס די צווייגן און כוואַ־ראַסט. פון די, מיט וועמען איך בין געווען באַקאַנט און גוט אויפגעטראָגן, זענען געווען: דער מאָסקווער פּראָפעסאָר פון פּעדאַגאָגישע וויסנשאַפטן בערנשטיין. ער האָט שוין געמוזט זיין ביי די 60, נאָר האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ פיזיש־געזונטן מענטשן, אַזאַ וואָס וויל זיך אינעם געיאָגטן, הפקרותדיקן לאַגער־שטאַנד נישט אונטערגעבן, נישט פאַרלירן זיך. ער איז מיט פיל יינגערע גויים פון אים געגאַנגען אויף אַרבעט אין דער טייגע און ווען איך פלעג אין די זונטיק־טעג אַריינקומען צו אים אין באַראַק, האָב איך געפילט, אַז זיינע שכנים, די גויים אויף די נאַרעס, אַכטן אים: „אַ פּראָפעסאָר אַ ייד און ,אישאַטשעט׳ מיט זיי צוזאַמען". אישאַטשעט — דער שורש פונעם אוזבעקיש־טאַטערישן וואָרט — אישאַק. דער טייטש — אַן אייזל. דאָס הייסט, אַז ער האָרעוועט ווי אַן אייזל מיט זיי באַגלייך...

מויסיי נאַומאָוויטש מינץ, פון קויבישעוו (סאַמאַרע), אַ קליינינקער, סוטולער, אויסגעזען היפּש עלטער פון בערנשטיינען, ווי איך האָב פאַר־שטאַנען, איז ער אין קויבישעוו געווען אויף פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אַן אַזוי גערופענער פּראָף־טוער. ער איז אויך מיט אַ בריגאַדע מיטליאָריקע ראַבאָטיאַגעס טאָג אין טאָג גע־גאַנגען אין וואַלד. נישט זעלטן, אין אַ זונטיק־טאָג, אַריינקומען מיך געווירען ווערן. איך האָב אים געלייענט מיין פרויס בריוו. ער האָט זיי אויסגעהערט ערנסט, מיט אינטערעס און געבעטן ביי מיר אַ דערלויבעניש, דאָ גופא, מיט זיינע אויגן, זיי אַליין איבערלייענען. מויסיי נאַומאָוויטש איז שוין געווען, קען מען זאָגן, אַן אַלטער ייד, און ווען ער האַלט זיך

נישט אין די הענט און לאָזט זיך אָפּ, איז ער אין איינע צוויי־דריי טעג אַן אויסגעשפּראָכענער קאַנדידאַט אויף צו אַריבער אין דעם אינוואַלידן־באַראַק. אין אונדזערע קורצע שמועסן, האָט ער זיך קיינמאָל נישט גע־קלאָגט אויף זיין געזונט־צושטאַנד. איך האָב פון אים קיין וואָרט נישט געהערט וועגן דער שווערער אַרבעט אין דער טייגע. ער האָט מיר בכלל וועגן זיך גאָרנישט נישט דערציילט, און איך האָב נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ באַשולדיקונגען מע האָט אים אַרויסגעשטעלט און אויף וויפל יאָר ער איז פאַראורטיילט. מיר איז תמיד געווען אָנגענעם צו זען אים און צו הערן זיינע קאַרגע, באַדאַכטע שטייגערישע באַמערקונגען. איך אַליין האָב נישט געוווּסט, וואָס ער האָט געטראַכט, קוקנדיק אויף מיין אויסזען, אויף מיין דעמאָלסדיקן הולך אינעם פאַרדומפּטן אינוואַלידן־באַראַק, מיט מיין פּרויס ברייוו אין דער האַנט...

ראַפאַ:ל איזראַילעוויטש ראָם, אַ פּאַליט־טוער פון דער רויטער אַרמיי נאָך אין די יאָרן פון בירגער־קריג. געווען באַלוינט מיט אַ לענין־אָרדען, יאָרנלאַנג געאַרבעט אַלס וויסנשאַפטלער אין איינעם פון די מאָסקווער פאָרשערישע אינסטיטוטן פון דער באַוואָפענונגס־אינדוסטריע. פאַרמשפּט געווען אויף 15 יאָר פאַר שפּיאָנאַזש און דיווערסיע. אין לאַגער איז ער די ערשטע צייט געגאַנגען אויף אַרבעט אין וואַלד. ביים הויבן די קלעצער האָט ער זיך אונטערגעריסן די געדערים, געלעגן אין דעם צענטראַלן לאַגער־שפּיטאָל. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט אים דער לייטע־נאַנט, דער „טשיז" געמאַכט פאַר איינעם פון די אויפראַמער פון לאַגער־פּונקט. אַ גאַנצן טאָג פלעגט מען ראָמען זען מיטן בעזים, אָדער מיט דער הראַבליע אין די הענט. ראָם האָט געהאַט זיינע אַ „שוואַכקייט", עס האָט אים געצויגן, געריפעט צו פירן וויכּוחים, דיסקוטירן מיט די לאַגער־נאַטשאַלניקעס און אַרויסברענגען זיי פון די כּלים. איך פלעג זיך מיט אים פריינטלעך באַגריסן. ער איז געווען פול מיט טאַקט און אויסערגע־וויינלעכער איידלקייט. ער פלעגט אַלץ טענהן צו מיר: „מ'דאַרף זיי נישט נאָכגעבן, מ'דאַרף זיי באַווייזן אויף טריט און שריט ס'אַראַ עם הארצים זיי זענען, ס'אַראַ פּוסטע באַרימער..."

עס פאַלט מיר איין, אַז דער „טשיז", דער הורג האָט אויס אַנטיסעמי־טישער יוכע זיינער און חוזק, בראַווירט פאַר זיין חברותא לאַגער־אַפּיצירן מיט דעם, וואָס ער האָט זיך דערטראַכט אַוועקצושטעלן מיטן בעזעם אין דער האַנט אויף דער טעריטאָריע פונעם לאַגער־פּונקט דעם ייִדן ראָם, „דעם העלד פון בירגער־קריג, באַלוינטן מיטן לענין־אָרדען", ער זאָל קערן די סטעזשקעס און בוקן זיך צו אים, דעם „טשיז", מיטן בעזעם...

דערוווּסט זיך וועגן דעם, אַז איך בין פאַראורטיילט אַלס ייִדישער פּאָעט, האָט ראַפאַיל איזראַילעוויטש פאַרטרויט מיר, אַז זיין רוסישע פרוי

איז אַ פּראָזאַיִקער, אַ מיטגליד פֿונעם מאָסקווער שרײַבער־פֿאַרײַן. ווען איך בין געפֿערלעך קראַנק געוואָרן און מען האָט מיך אַוועקגעלייגט אינעם לאַגער סטאַציאָנאַר מיט אַ צווײ־זײַטיקער לונגען־אָנצינדונג, האָט דער דאָקטער, דער זעקאַ סמיגלאַ, אַ לעט, געזאָגט צו ישׂראל עמיאָטן*): „מע מוז פֿאַר אים דרינגנד קריגן פּעניצילין". עמיאָט האָט זיך געווענדעט צו ראָמען, און ראָם האָט באַלד אַרויסגענומען פֿון זײַן פּעקל אין „קאַפּטיאָרקע"**) די פּעניצילין־פֿלאַקאָנען, וואָס זײַן פֿרוי האָט אים געשיקט פֿון מאָסקווע און עס איבערגעגעבן דעם דאָקטער סמיגלאַ פֿאַר מיר. אין עטלעכע טעג אַרום איז בײַ מיר די גרויסע היץ געפֿאַלן און איך האָב ביסלעכווײַז גענומען קומען צו זיך.

וולאַדימיר וויגדאָרטשיק

וולאַדימיר יעוועליעוויטש וויגדאָרטשיק, פֿון אײן עלטער מיט מיר. בײַ אַ האַלב יאָר בין איך געווען מיט אים אויף דער 46־טער קאָלאָנע. אַ רויט־געלער, פֿונעם גײן אין די פֿאַר חמימותדיקע אירקוטסקער זומער־חדשים אין דער טײַגע, האָט זיך די הויט פֿון זײַן פּנים, האַלדז און נאַקן און פֿון די הענט געהאַלטן אין אײן שײלן און קוים נאָר באַוויזט זיך אַ סימן פֿון אַ פֿרישער הויט, האָט זי אויך באַלד גענומען שאָבן זיך ווי שאָלעכץ. ער איז געווען אינגאַנצן אין גרויסע, ברוין־רויטע געלע פֿלעקן, ווי באַקלעפּט מיט שטיקלעך פֿון אַ צו שטאַרק־צוגעברוינטער, שיִער נישט צעסמאַליעטער פּרעזשעניצע. זײַנע ברעמען — איבערגעשטאַנען רײַפֿע „גערשטן־וואָנצעס", פֿון וועלכע דער ווינט האָט שוין די קערנער אויסגעבלאָזן. אויך די וויִעס בײַ אים, אַזוי ווי די צײנדלעך פֿון אַ שוין פֿאַרגעלטן זונרויז־בלאַט. און תמיד רויט אַרום די אויגן, גלײַך ווי ער וואָלט זיך ערשט געהאַט גוט אויסגעוויינט. ער איז געווען בײנערדיק, קנאָכיק, ווי אַ צעטריקנטע וואָבלע. נאָר אומרו, באַוועג־כּוח, אימפּעט, האָט פֿון אים געשלאָגן און וואָלט געקלעקט פֿאַר אַ ווזוואָד פּעכאָטינצעס אין שלאַכט.

מען האָט אים אַרעסטירט אין אָנהויב פֿונעם 1950־טן יאָר, אין סאַמע ברען פֿון דעם פּאַרטײיִש־סאָוועטישן קאַמף קעגן די קאָסמאָפּאָליטן און

*) מיט מײַן טײַערן, נאָענטן פֿרײַנט, דעם באַוווּסטן ייִדישן דיכטער ישׂראל עמיאָט, בין איך בײַ אָנדערהאַלבן יאָר געווען צוזאַמען אין אײן לאַגער־פּונקט.

**) קאַפּטיאָרקע — רוסיש, אַ באַראַק־שטיבל, ווו עס האָבן זיך געפֿונען די פּריוואַטע שפּײַז־פּראָדוקטן פֿון די זעקאַ.

בורזשואַזשע נאַציאָנאַליסטן. די לעני̇נגראַדער עמגעבע האָט זיך מיט וויגדאָרטשיקן לאַנג נישט געעסקט, תיכף פאַרוואָרפן אויף זיין האַלדז דעם „היצל־דראָט״ און פאַרשטופט אין דער פאַרקראַטעוועטער מאַשין... ווייזט אויס, אַז אין יענעם ראַיאָן, אָדער קוואַרטאַל, ווו וויגדאָרטשיק האָט גע־לעבט, האָט מיטן אויספילן די פלענער פון אַריינזעצן און פאַרמשפטן ייִדן געהאַלטן נישט „פויגלדיק״, פשוט, אַ צו נידעריקער פראָצענט געווען לגבי אַנדערע ראַיאָנען פון דער צווייטער גראַנדיעזער שטאָט נאָך מאָסקווע — לעני̇נגראַד — דאָס וויגעלע פון דער רעוואָלוציע... אין דריי חדשים אַרום איז שוין די „אויספאָרשונג״ פון זיין עניין געווען פיקס־און־פאַרטיק און מען האָט אים אין קאַמער, אינדערפרי, נאָך פאַרן אַרעסטאַנטישן פרישטיק, אַריינגעטראָגן אונטערצושרייבן דאָס „אָסאָ״־פאַפירל, וואָס האָט לויטן שטאַמפירטן נוסח אַנטהאַלטן: „די הינטראויגיקע דריילינג־מאַניפאָרגע, האָט אים, וולאַדימיר יעוועליעוויטש וויגדאָרטשיק, טשיק־טשאַק, פאַר־אורטיילט צו 10 יאָר שטרענגן רעשזימנעם לאַגער און האָדזי — רייס זיך פון דער הויט, קלאַפ מיט די פויסטן אין די לעני̇נגראַדער קאַזעמאַטן־וועגט...״

וולאַדימיר וויגדאָרטשיק — אַ לעני̇נגראַדער זשורנאַליסט. אויסער דעם איז ער נאָכן קריג עטלעכע יאָר שפעריש געווען פאַרבונדן מיט דער לעני̇נגראַדער פילם־סטודיע, אָנגעשריבן פאַר איר צוויי סצענאַריעס אויף דער טעמאַטיק פון דער פאָטערלענדישער מלחמה. איינעם פון זיי פאַר קינדער. דאָס ענטגילטיק באַשטעטיקן די סצענאַריעס אויף צו לאָזן זיי אין דער אַרבעט, האָט זיך געצויגן, ווי אַ פאַרשלעפטע קרענק און באַדאַרפט נאָך דורכגיין אַ סך גילגולים, אינסטאַנצן, הן פראָפעסיאָנעל־פאַכמענישע, הן פאָליטישע, רעפערטואַרישע, גלאַוויליטישע און דאָס גלייכן. אָבער עס איז שוין, אַזאַ איינדרוק האָט געמאַכט, געגאַנגען אויף אַ לאַד, עס זענען שוין געווען פאָזיטיווע אָפרופן, גוטע רעצענזיעס, אָפענע און פאַרמאַכטע, און פלוצעם, נאַדיר, אין ענדע פון 1949־טן יאָר זענען אָנ־געשווומען שווערע בלייענע כמאַרעס. מען האָט אין וויגדאָרטשיקס סצע־נאַריעס מיטאַמאָל „אַנטפלעקט״ — קאָסמאָפאָליטיזם, דאָס בוקן זיך פאַר דער „צעלייגטער און צעפוילטער״ מערב־אידעאָלאָגיע און נאָך פון דעם זעלבן סאָרט „עטיקעטקעס״ און „יאַרליקלעך״ האָט מען אָנגעקלעפט, נישט אָפצורייסן, אויף זיינע ביידע סצענאַריעס... ביז אין איינעם אַן אָסיענדיקן אָוונט קלינגט מען אים אָן, אַז מען וואַרט אויף אים אַצינד אין דער פילם־סטודיע, ער ווערט פאַרבעטן אויף אַ חברישן, אָפנהערציקן געשפרעך... און ער איז שוין פון דעם דאָזיקן „געשפרעך״ צוריק אַהיים, צו זיין פרוי און די צוויי קליינע קינדער, נישט געקומען... ווען זיין פרוי האָט שפעט אין אָוונט געגומען זיך שטאַרק באַומרויִקן און אָנגעקלונגען צו איינעם אַ

כלומרשט גוט־באַקענטן מענטשן פון דער פילם־סטודיע, האָט ער איר זייער מיטפילנדיק און העפלעך געענטפערט: „קיינער האָט היינט וולאַדימיר יעוועליעוויטשן אויף אַ געשפּרעך אין דער סטודיע נישט איינגעלאַדן, אפשר, האָט עס צו אים עמעץ ווער אַן אַנדערער געקלונגען"...

איי וואָס, וולאַדימיר וויגדאָרטשיק איז בלב ונפש געווען איבערגעגעבן דעם סאָוועטישן היימלאַנד. אין די יונגע יאָרן אַלס קאָמסאָמאָליעץ, נאָך דער דינסט אין דער רויטער אַרמיי פאַרענדיקט אין לענינגראַד אַן אָפיציר־ישע פעכאָטע־שול און אינעם 1940טן יאָר אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן אַלס ראָטע־קאָמאַנדיר אויף דער מאַנערגיים־ליניע קעגן די ווייס־פינער, דאָרטן אָפּגעפרוירן די פינגער פון די פיס און אין קריג קעגן די היטלער־אַרמייען שוין געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ שיסער־באַטאַליאָן, אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן, צוויי מאָל געווען פאַרווונדעט, באַקומען אָרדענס און מעדאַלן... איז דאָס אַלץ מצד דער לענינגראַדער עמגעביסטישער זגרייע סלעדאָוואַטיעלעס*) (אויספאָרשער) אויף זייער שטייגער געוואָרן אויסגעטייטשט אַזוי: „דאָס האָסטו, „סוקין סין" (דער צויגס זון) מאַנעווורירט... געוואָלט „אַריינקריכן אין צוטרוי", „צושמירן זיך צו דער פּאַרטיי", כדי דערנאָך קאָנען אין אַנדערע באַדינגונגען טאָן דיין „שוואַרצע זאַך" — אָפּסמען די סאָוועטישע יוגנט און די גליקלעכע סאָוועטישע קינדער מיט דיינע כיטרע סצענאַריעס, וואָס זענען אויף דורך און דורך, ווי אַ שווים, אָנגעזאָפּט מיט קאָסמאָפּאָליטיזם און קאָנטררעוואָלוציע"... אין אָט די רגעס, ווען וויגדאָרטשיק פלעגט עס מיר דערציילן, האָט ער נישט געקאָנט שטילן זיין צאָרן אויפגעקאָכטקייט, אַ שוים פלעגט אים אַרויפזעצן אויף די ליפּן. ער האָט נישט געוואָלט מיט דעם משלים זיין. ער איז געווען פולשטענדיק איבערצייגט, אַז אַלץ איז עס געטאָן געוואָרן לגבי אים אויס קנאה־שנאה, וואָס געוויסע לא יוצלחס, טויגעניכצן, טאַלאַנטלאָזיקייטן, וועלכע האָבן אים נישט פאַרגונען זיינע סצענאַריעס זאָלן אַרויס אויפן ברייטן עקראַן פאַר מיליאָנען סאָוועטישע צושויער. אָט די מיאוסע פאַרשוינען האָבן עס אויסגעטראַכט אויף אים „פּערציק פעסער" שקרים און רכילותן. ווייל ווען די אָנפירונג פון דער לענינגראַדער פילם־סטודיע, וואָלט זיינע סצענאַריעס איבערגעגעבן אין ציכטיקע הענט פון עכטע אויטאָריטעטע קונסט־טוער, באַוווסטע פילם־מייסטערס, וואָלט עס צו אַזאַ שאַנדע נישט געקומען. און ער איז איבערצייגט, אַז מען וועט זיך סוף כל סוף אין דעם ענין פונאַנדערקלייבן... ער האָט זיך שוין געוועגדעט און וועט נאָך שרייבן אין אַ ריי פּאַרטייישע, סאָוועטישע און קאָמפּעטענטע קונסט־אינסטאַנציעס, ער וועט דערווייזן דעם אמתן קינסטלערישן און פּאַטריאָטישן תוך פון זיין שאַפונג...

*) אגב, מיין כאַבאַראָווסקער אויספאָרשער אַזירסקי האָט אויך זיין טשעקיסטישע קאַריערע אָנגעהויבן אין דער לענין־שטאָט.

איך האָב אים געפּרוּווט אָפּן, ברודעריש, אָנדייטן: עס גייט דען אין דעם קינסטלערישן איכות פון די סצענאַריעס? — ווען זיי זאָלן אַפילו זיין אָן אַ מינדסטן קינסטלערישן און פּאָליטישן פּגם, וואָלט מען זיי אַלציינס פאַרשוואַרצט און פאַרשטרויכלט... האָט עס דען ביי אָט די זשאָנגלאָרן־לצים אַ באַטרעף? — דער עיקר איז דאָך דאָס, וואָס די סצענאַריעס זענען אָנגעשריבן אין די יאָרן 49—1948 און זייער אויטאָר איז וולאַדימיר יעוועליעוויטש וויגדאָרטשיק, נישט קיין אַנדערער, אָט די וויכטיקע צוויי, צום באַדויערן, קאָמפּאָנענטן — „צייט און ייִד", „ייִד און צייט", קלערן אויף אַלץ... האָט מיר וויגדאָרטשיק מיט רוגזה פאַרשלאָגן די רייד: „קיין שום ספּעציעלע ייִדישקייט האָט צו מיר קיין שייכות. פון קינדווייז־אויף האָב איך געלעבט און זיך דערצויגן אין לענינגראַד. איך בין אַ קאַדראָווער אָפיציר פון דער סאָוועטישער אַרמיי. אין די שווערסטע יאָרן פון דער לענינגראַדער בלאָקאַדע געווען אַ שלאַכט־קאָמבאַט, אַ קאָמאַנדיר פון אַ באַזונדערן שיסער־באַטאַליאָן. די סאָלדאַטן האָבן מיך געאַכט און ליב געהאַט און איך האָב זיי נישט געחנפעט, געפאָדערט פון זיי אויסצופירן די קאָמפּליצירסטע אויפגאַבעס, די געפערלעכע ריזיקאַלע שלאַכט־באַפעלן, ווייל איך אַליין בין געווען מיט זיי אונטער איין פייער און זיך נישט געשאַנעוועט. זיי האָבן עס געזען און געפילט".

ביי אָט די ווערטער זיינע וואַרפט אויף מיר וויגדאָרטשיק אַ דורכ־דרינגלעכן בליק: „איר באַטראַכט עס אַלץ פון זייער אַ שמאָלן, נישט ווייטן קוקווינקל, אַ פּראָווינציעלן, זייט מיר מוחל, ווי אַ האָן פון אַ נישט קיין הויכן פּלויט..."

איך האָב געשוויגן און זיך באַמיט מער נישט צו דערמאָנען אים וועגן מיינע אייגענע מחשבותן און אָפּווענדן מיין געשפּרעך אויף זייטיקע, גאָר אַנדערע, שטייגערישע לאַגער־קלייניקייטן... נאָר וויגדאָרטשיק האָט שוין זיין אויפגעבראַזטקייט נישט געקענט אין זיך שטילן און די ברויז־געלע פלעקן אויף זיין געזיכט און האַלדז און נאַקן האָבן אָנגעגאָסן זיך מיט בלוט, ווי דער פלאַם פון אַן אָנגעכאַפּטן טרוקענעם סטויג היי אין אָפענעם פעלד...

און טשיקאַווע, אויך דאָ, אינעם רעזשינעם סטאַלין־לאַגער, די גאַנצע צייט געפינענדיק זיך אונטערן רער פון אויטאָמאַט, האָט וויגדאָרטשיק נישט געוואָלט אויף קיין מינוט נישט צולאָזן אין זיין געדאַנק און געמיט די ביטערע וואָר, אַז ער איז דאָ, נאָך אַלעמען, אַ בוכשטעבלעכער שקלאַף. אויך דאָ, אין דעם מיט שטעכדראָט אַרומגעצוימטן קוואַדראַט, אַרומגעקרייזט מיט די רויטע „אָקאָלישקיס" און מיט סיבירער וועלף־הינט, איז ער געבליבן דער זעלבער קאַדראָווער אָפיציר פון דער סאָוועטישער אַרמיי. עס איז שוין אין זיין געביין און נשמה־אימפּעט געווען דער כסדרדיקער דראַנג

צו זיין קאָמאַנדיר, באַפעלן און פאָדערן און איינצייטיק אַליין אויך אויס־פילן געוויסנהאַפט און פינקטלעך די אויפגאַבעס, וואָס עס שטעלן פאַר אים די העכערע פון אים קאָמאַנדירן. די לאַגער־נאַטשאַלסטווע האָט עס באַלד דערשנאַפּט אין וויגדאָרטשיקן און אין גאַר אַ קורצער צייט אַרום נאָך זיין קומען אין דער 46־טער קאָלאָנע, איז ער שוין געוואָרן אַ בריגאַדיר פון אַ וואַלד־מחנה, געפירט אויף דער אַרבעט, אַרומגערינגלט מיט סאָלדאַטן און אָווטשאַרקעס, די בריגאַדע אַרעסטאַנטן, אַזעלכע ווי ער אַליין, יונגערע און עלטערע גויים, צווישן וועלכע עס זענען געווען נישט ווייניק מערדער, דם שונאים אונדזערע...

וויגדאָרטשיק איז געווען אַ „ריזשי" — אַ געלער, און מיט די רויט־ברוינע פלעקן אויף זיין פנים און הענט, האָט זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן זיין יידישער אָנבליק. פאַרקערט, זיין אָפּגעקראָכענע פאַרשרפּטע הויט אויף זיין געזיכט, האָט אים געמאַכט ענלעך צו אַ ווייסרוסישן קאָל־כאָזניק און די אַרעסטאַנטישע בגדים זיינע האָבן עס נאָך מער אונטער־געשטרייכט. דאָס האָט אים מיטגעהאָלפן צו זיין בריגאַדיר. נאָר צווישן די זעקאַ פון דער בריגאַדע זענען געווען אויסגעשולטע, ראַפינירטע יידן־פיינט. זיי האָבן קיין טעות נישט געהאַט און באַלד פאַרשטאַנען, ווער זייער בריגאַדיר איז און צווישן זיך ריידנדיק פלעגן זיי וועגן אים דערמאָנען נישט אַנדערש, ווי — „ריזשי פּראָקליאַטי זשיד, ליעזעט וו נאַטשאַלסוואָ" — „דער געלער פאַרשאָלטענער זשיד קריכט אין נאַטשאַלסטווע". אָבער אויך גזלנים האָבן ליב צו פילן אַ בייטש איבער זיך, דער דייטש האָט עס אין זיי גוט אַריינגעקנעלט... און דערצו נאָך זענען זיי ווי זייער „ריזשי בריגאַ־דיר" איז אַליין אַזוי פאַרקאָכט אין דער האַרעוואַניע, „אישאַטשעט", גייט אָפּ מיט שוויס, שטעלט אונטער זיינע אַרויסשטאַרצנדיקע ביינער־אַקסלען אונטער די שווערסטע פלאָכטע־קלעצער און ווערט אויסגעריסן מיט זיי צוזאַמען, און קאָמאַנדעוועט... האָט עס אימפּאָנירט זייער רוצחישע שנאה צו יידן: „ריזשי זשיד נאַש בריגאַדיר" (דע געלער ייד איז אונדזער ברי־גאַדיר). האָבן זיי אין זיך געשמייכלט און זיך געוויצלט: „וואַליי, וואַליי..." דער פּירוש פון דעם איז — קריך, אַקער מיט דער נאָז די ערד... און דער לאַגער־נאַטשאַלסטווע איז עס געווען צו דער האַנט...

מיט אַ מענטשן פון אייגן פאָלק און שטאַם...

אָן סטאַטיסטישע אָנגאַבן און נאָך אין אַזויפיל יאָרן אַרום, איז אומ־מעגלעך אויסחשבונען דעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פון די 500—400 זעקאַ,

וועלכע האָבן זיך געמאַטערט אויף דער 46־טער קאַלאָנע. איך קאָן דאָס דיר, מיין לייענער, בלויז ענטפערן אויף אַזאַ אופן, אויב דו ביסט אַ כוואַט און אַ מאַדים אין די זאַכן — וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט, פעלקערשאַפט, שבט, דו זאָלסט נישט אָנרופן, זענען יעדנפאַלס, איינער, צי צוויי אירע פאַרשטייער, געווען דאָרט. און כאָטש מען האָט געלעבט אויסגעמישט אין די פינף באַראַקן, וואָס זענען כמעט איזאָלירט צווישן זיך און געאַרבעט האָט מען אין פאַרשידענע וואַלד־בריגאַדעס, איז אָבער אַ נשמה־לינדערונג, אַ שטראַל אין דער טרייסטלאָזער מרה שחורה־איינזאַמקייט געווען אויף אַ רגע׳לע (ביים אַרויסגיין פון דער לאַגער־סטאָלאָווע, צי ווען דו לויפסט שטעלן זיך צום אָוונט־אַפּעל, אָדער, זיי מיר מוחל, נעבן אַלגעמיינעם אָפּטריט־באַראַק) צו באַגעגענען זיך מיט אַ לאַנדסמאַן, אַ מענטשן פון אייגן פאָלק און שטאַם, אייגן ביסל בלוט, אויסצורעדן מיט אים אַ פּאָר ווערטער, אַ זיפץ צו טאָן צוזאַמען אויף מאַמע־לשון, צו דערהערן, אפשר, אַ פראַזע, אַ שטעל פון אַ בריוו פון אייגן קאַנט און ווינקל, אַ העלע בשורה. ס׳וועט עמץ פון זיי אַ שמייכל טאָן צו דיר מיט אַ וואַרעמען, האַרציקן טאַטע־מאַמע, ברודער־שוועסטער־שמייכל; דערקענסט, כאַפּסט אויף אַ קרובהשע משפחה־תנועה, באַטעמטע קענטלעכע געזיכט־שטריכן, אַ פקחותדיקע מינע פון אַ זקן, וואָס וואָרצלט אין די טיפעניִשן פון דיין פאָלק — אַ דערקוויקנ־דיקער פרישער ברונעם־קוואַל...

צווישן די אַרעסטאַנטן אין לאַגער־פונקט איז געווען אָנגענומען, אַזוי ווי אַ כלל, אמת, קיינער האָט אים נישט פּראָקלאַמירט, נישט מינדלעך און נישט שריפטלעך, אַז טאָמער פּאַסירט — אַן אַרעסטאַנט ווערט נישט גוט, שפּל, פאַלט אַוועק, לויפט דער באַראַק־דניעוואַלניע, אָדער עמעץ, וואָס ווייסט, אַהינצו, אין די אַנדערע באַראַקן, ווו עס וווינט דעם פאַר־חלשטנס אַ לאַנדסמאַן, אַ מענטש פון זיין פאָלק, און מען רופט אים דרינגט צו יענעם, ער זאָל שטיין דערביי און פּרווון מינטערן ברענגען אים צו זיך מיט אַ היימישער צערטלעכקייט, מיט אַ מאַמע־גלעט, מיט אַ ברודערס לייכטן פּאַטש אין אַקסל, אָדער, חס ושלום, איינהאָרכן זיך אין יענעמס לעצטע ווערטער, קרעכץ, איינקוקן זיך מיט טריבער ליבשאַפט אין זיין אַנטרינענדיקן, צאַנקנדיקן בליק, אַלס ווידוי־עדות, עס זאָל נישט זיין אַזוי שווידערלעך־טראַגיש אין דער פאַרוויסטער, פאַרשאָלטענער פרעמד און פאַרפאַלנקייט אַוועקצוגיין פון דער וועלט און נישט זען זיך, נישט גע־זעגענען זיך מיט קיינעם פון זיינע ליבסטע און נאָענטסטע... און דער, וואָס שטייט דערביי זאָל דערנאָך אין אַ בריוו קאָנען איבערגעבן די טרויעריקע בשורה וועגן דעם אומגעקומענעם פאַר זיינע משפחה־מענטשן און, אפשר, אַז ער וועט דערלעבן צו באַפרייען זיך און אומקערן זיך אין יענעם קאַנט, אויפזוכן זיין היימישן אַדרעס און פאַר די אייגענע אַלץ מיט אַלע

פרטים דערציילן, פונקט ווי זיי אליין וואלטן געשטאנען דערביי, ווען זייער פאטער, מאן, ברודער, סאמע ליבסטער, האט אויסגעהויכט די נשמה...

☆

אזוי איז געשען, ווען דער יידישער סאוועטישער קריטיקער עוזר האלדעס, איז בייטאג אוועקגעפאלן אין דעם ערשטן באראק, דער נאענט־סטער צו דער לאגער־וואכטע. איך האב שוין דאן ביי די טשוועקלעך נישט געארבעט ,נאר אין די נעכט געשיילט קארטאפל אין דער לאגער־קיך. איז דער דניעוואלנע, דער אויפראמער פונעם ערשטן באראק (א רייס־רוסישער פויער, געדינט ביים דייטש אלס סטאראסטע פון דארף) געקומען צו לויפן רופן מיך...

מיט האלדעסן בין איך געווען ווייניק באקאנט. ער האט געלעבט אין כארקאוו און איך — אין מינסק. איך האב בלויז געוווסט וועגן אים דאס, וואס ער וועגן מיר, אז ער שרייבט און דרוקט ארטיקלען און, אז איך שרייב און דרוק לידער. אויך אין לאגער זענען מיר געווען ווייטלעך איינער פונעם אנדערן : ער — אינעם ערשטן באראק, אויף איין זייט פונעם לאגער־פונקט, ווי מען זאגט, אויף איין זייט פון דער קלאטקע, און איך — אינעם אינוואלידן־באראק — אויף דער אנדערער זייט פון דער קלאטקע. אריין אין באראק, האב איך דערזען, אז האלדעס ליגט ביי זיין נארע אויפן פאל. דער קאפ עטוואס אויף א זייט, איין ווינקל פון זיין ליפ, וואס איז צוגע־פרעסט צו דער דיל־ברעט, שוימט און דער שוים בלעזלט זיך. ער דרייט מיט די ווייסלען פון די אויגן, מיטן קאפ קלאפט ער אין דיל. איך האב באלד פארשטאנען, איך האב וועגן דעם נישט געוווסט, אז האלדעס ליידט פון דער שווארצער קרענק — די פאליקע... האב איך זיך געלייגט אויפן פאל נעבן אים, מיין דלאניע אונטערגעלייגט אונטער זיין קאפ, ער זאל מיט אים נישט שלאגן אן די ברעטער, געפרווט נאך עפעס וואס ווייכס אונטערצולייגן אונטער זיין פאטיליצע. איך בין געלעגן נעבן אים און גע־וואַרט, ביז דער אנפאל וועט דורכגיין... דער פויער, דער דניעוואלניע, זאגט צו מיר : „איך האב מיך איבערגעשראקן (א נעבעכינקע ,גארנישט געזען ווי יידיש בלוט האט זיך געגאסן...). איך בין אליין אין באראק, אלע זענען ביי דער ארבעט, בין איך געלאפן צו אייך, צו די אינוואלידן... זאל זיין איינער א לאנדסמאן, א ייד דערביי...״ וויפל דער אנפאל האט געדויערט געדענק איך נישט. ווען האלדעס האט געעפנט די אויגן און זיי האבן באקומען דעם נאטירלעכן לעבעדיקן גלאנץ, האט ער, ווי אן עופל, וואס האט זיך אויפגעוועקט פון שלאף, א ווייל געקוקט אויף מיר פאר־גליווערט און ארויסגעבראכט איין־און־איינציקן ווארט : מאלטינסקי... איך האב קוים איינגעהאלטן מיינע טרערן...

אין אַ קורצער צייט אַרום זענען מיר מיט ישראל עמיאָטן געווען ביי האַלדעסן אין זיין באַראַק, געזעגנט זיך מיט אים פּאָר זיין עטאַפּ אין דער צענטראַלער לאַגער־באַלניצע. דעם אַנדער מאָל שוין, ווי מען שיקט אים אַהין. נאַטשאַלסטווע פונעם לאַגער־פּונקט האָט זיך באַמיט פּטור צו ווערן פון די קראַנקע אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען פון אַרבעטס־עלטער און קענען נישט גיין זעגן בוימער, געשיקט אַזעלכע אין איינעם פון די לאַגער־שפּיטאַלן אויף דער טראַסע טײַשעט — אייבאַקאַן, מען זאָל זיי נישט דאַרפן רעכענען אין די צעטלען פון „ראַבאָטשיע יעדיניצי" (אַרבעטס־איינסן). די העכערע נאַטשאַלניקעס פון טיישעטלאַג פאָדערן נאָכאַנאַנד, מען זאָל פון יעדן שקלאַף אויספּרעסן וואָס מער האַרעוואַניע — פּראָצענטן פון אויספּילן די פּראָדוקציע־פּלענער פון גרייטן געהילץ פאַרן לאַנד. און אַזאַ אַרעסטאַנט, ווי למשל, האַלדעס — אי ער אַרבעט נישט (פּאַליקע), אי ער פיגורירט אין די צעטלען פון די „אַרבעטס־איינסן"... שטופּט מען אים אַרויס פונעם לאַגער־פּונקט. אַ געוויסע צייט געפינט ער זיך אין שפּיטאָל, נאָר מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ היילונג קאָן זיין אין דער אַרעסטאַנטישער באַלניצע? האַלט מען אים דאָרטן בערך אַ דריי־פיר וואָכן, ס׳טרעפט אויך אַז מער, און אויב דער מענטש ווייזט נאָך אַרויס עקשנות צו וואָיעווען מיטן מלאך המות, שטופּ מען אים צוריק אין לאַגער אַריין, מערסטנטייל אין זעלבן לאַגער־פּונקט. ווינטער־צייט, אין די אירקוטסקער פרעסט, פיר׳ מען נישט זעלטן די קראַנקע אויף שליטנס, געשפּאַנט אין פגירות־פערד, און ביז די קראַנקע דערלעבן צו קומען אין דער באַלניצע, פרירט מען אָפּ אַן אויער, די פינגער פון די פיס און די הענט, אָדער מען כאַפּט אין וועג אַ לונגען־אָנצינדונג... אַ שפּיל פאַרן טייוול... פּאַקטיש האָט מען מיט דער הילף פון דער שיקעניש קיין שפּיטאָל און פון דאָרטן צוריק אין לאַגער, פאַרקירצט דעם אַרעסטאַנטס לעצטע חדשים און וואָכן... אַ מיטל פון דער טשעקיסטיש־צאַרישער זשאַנדאַרמעריע, אין „ווייסע זאַמש־הענטשיקלעך" איידל און הומאַניש אומצוברענגען...

... עוזר האַלדעס האָט ערשט געהאַט אַריינגעבראַכט פון „קאַפּטיאָרקע" זיין פּערזענלעכן זעקל מיט שפּייז־פּראָדוקטן. עמיאָט האָט מיר געהאַט דערציילט, אַז האַלדעסעס פרוי האָט „איינגעשפּאַנט" די קרובים און אויסער דעם העלפן איר צו באַקענטע, נאָענטע פריינט, און זי שיקט פאַר איר מאַן אָפּט פּעקלעך. האַלדעס האָט אויף דער נאַרע אויסגעלייגט זיין „דאָברע מזל"... אַ פּאָר פּושקעס מיט קאָנסערוון זענען שוין געוואָרן אויפגעלאָפּן, אויפגעקוואָלן אינעווייניק האָט שוין דאָרטן, משמעות, געבראָדזיעט און געזייערט זיך, פונאַנדערגעשפּאַרט די קיילעכדיקע ווענטלעך פון די פּושקעס. ער האָט דאָס ביסל שאר ירקות איינס צום אַנדערן ווידער צוזאַמענגעפּאַקט, אַקוראַטער, עס זאָל ווייניקער אָרט פאַרנעמען, און פונעם זעקל

גאָרנישט אַרויסשטאַרצן, און מיט אַ מינע פון עפּעס אַ שולדיקייט, געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געמורמלט זיך אונטערן נאָז: „איך גרייט זיך שוין לאַנג צום עטאַפּ אין שפּיטאָל און שפּאָר פון זיך אָפּ... דאָרטן, אין באָלניצע, קוקן זיי אויס אויף דעם, די דאָקטוירים, די מעדברידער, סאַניטאַרן, כמעט דער גאַנצע מעדיצינישער פּערסאָנאַל באַשטייט פון זעקאַ, דער עיקר דייטשן און מאַדיאַרן, און יעדן מוז מען מקרב זיין מיט עפּעס, און אַז מען וויל פאַרבלייבן אין פּאַלאַטע נאָך אַ וואָך, דאַרף מען אַוודאי און אַוודאי דערלאַנגען אין דער דלאָניע אַריין אַ פּיינעם שטיק שפּעקאויפּשניט... די זעקאַ, די דייטשן, באַקומען דאָך קיין פּעקלעך נישט, און אַפּעטיטן האָבן זיי גרויסע! און עמיאָטן דאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אַריינלייגן. מיר פאַרשטייען — אַזאַ געפערלעך־קראַנקער מענטש ווי האַלדעס, מוז נאָך יעדער קלייניקייט אָנקומען נאָך הילף. מיר ווינטשן, ער זאָל אין שפּיטאָל קומען צו זיך און, אפשר, וועט שוין ענדלעך אָנקומען אַ שטיקל ישועה פאַר אונדז אַלעמען, כאָטש מען זעט נאָך דערווייל נישט קיין ברעג פון אונדזער פּיין. ס'איז ערשט דער זומער פונעם 1952־טן יאָר און סטאַלין מיט זיין באַנדע לייב־רוצחים אָרודעוועט מיטן לאַנגן חלף, קוילעט מענטשן, אַזוי ווי הינדלעך...

דעם טשעטשענס טויט...

איך בין נאָך געלעגן אין באַראַק פונעם קליינעם לאַגער־שפּיטאָל, אָבער איך האָב אַליין, צום ערשטן מאָל זינט איך בין געפערלעך קראַנק געוואָרן, געקאָנט שוין צופויזען צו דער אָפענער דרויסן־טיר, באַוויזן זיך פאַר דער זון. דער סאַניטאַר האָט מיר צוגעטראָגן אַ טאַבורעטקע. מיר איז געווען אַזוי וווּל — די זון־שטראַלן צערטלען און וואַרעמען מיין פּנים. איך שליס צו די אויגן, אויך מיינע ווייס־דעקלעך דערפילן די חיות־מילדקייט. דער ריגער דאָקטער, דער זעקאַ סמיגלאַ טוט צו מיר צופרידן אַ שמייכל: איך באַגריס אייך מיט זון און מיט לעבן!" לאַנג אָבער צו זיצן אויף דער טאַבורעטקע קען איך נישט. פון דער פרישער דופטיקייט נעמט זיך מיר דרייען דער קאָפּ און איך לייג זיך ווידער אויף מיין בעטל. דער קליינער לאַגער־לאַזאַרעט איז פאַר שוועד־קראַנקע. אינגאַנצן אין באַראַק־חדר, קיין נאַרעס זענען דאָ נישטאָ. אַ זיבן־אַכט נידעריקע בעטלעך. די אַנדערע טיר אינעווייניק פירט אין איזאָליאַטאָר, וווּהין מען טראָגט אַרויס די שוין גוססדיקע. שפּאַרט זיך אָן מיין בליק אין דער פאַרמאַכטער איזאָ־

ליאַטאַר־טיר און מיין נשמה נעמט אַרום אַ טיפע פרייד — אַרויסגעקאַ־ראַפקעט זיך... איבערגעקומען... פּלוצעם קומט אַריין אין הייל־באַראַק דער זעקאַ, דער ברייט־אַקסלדיקער, שטאַלטנער טשעטשען (פון די קאַווקאַזער פעלקערשאַפטן), אַט דער וואָס שמט אין לאַגער פאַרן איינציקן מומחה אויסצוגראָבן אין דער סיבירער ערד אַ טיפן קוואַל־ברונעם. דער טשעטשען איז אין לאַגער־פּונקט געווען אָנגעזען סיי ביי די זעקאַ און סיי ביי דער נאַטשאַלסטווע. און גלייך נאָך אים קומט אַריין דער צווייטער דאָקטער פון סטאַציאָנאַר (אַזוי האָט געהייסן דער קליינער לאַגער־לאַזאַרעט). דער קרימער טאַטער אַכמעדאָוו. זייער ענלעך אויף אַ יידן און פאַרשטייט אַ מענטשן אויפן ווונק. ער ווייזט אים אָן אויף אַ פריי בעטל, דאָס דריטע פון מיינעם. דער טשעטשען קוקט זיך נישט אום, מיר דוכט, אַז ער זעט מיך אַפילו נישט, און ער נעמט פון זיך אַראָפּ די אויבערשטע בגדים. דער סאַניטאַר דערלאַנגט אים אַ כאַלאַט. דער טשעטשען טוט אים אָן און לייגט זיך אויפן בעטל, שפּאַרט אונטער זיינעביידע הענט אונטערן נאַקן. סימעטריש שטאַרצן ברייט דעם טשעטשענס עלנבויגנס. ער קוקט שווייגנ־דיק אויפן דאָקטער. דער דאָקטער זאָגט צו אים געציילטע ווערטער אויף זייער געמיינזאַמען לשון, אויף טשעטשעניש, צי אויף קרימער־טאַטעריש, און גייט אַוועק. מיר פאַלט איין אַ פרעג צו טאָן עפּעס ביים טשעטשען, נאָר איך וואָג נישט. אמת, ביי מיר אין קאָפּ איז נאָך נישט רייף געווען מיין עצם פראַגע. ער קען מיך נישט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן. אפשר, האָט ער מיך יאָ געהאַט באַמערקט ווען נישט איז אויף דער לאַגער־טעריטאָריע, נישט אַזוי מיך אַליין, ווי מיך מיט מיין קוליע און שטעקן. איך אָבער, האָב מיט נייגער, אַנומלט, און נישט נאָר איך, עס איז געווען אַרום אַ רעדל אַרעסטאַנטן — אַלע האָבן באַוווּנדערט, ווי אַזוי דער טשעטשען איז נאָך אַזאַ גרויסער, שוין אָפּגעטאָגענער האָרעוואַניע, גע־שטאַנען אַוודאי אַ 15 מעטער די טיף אין דער ערד, אויפן סאַמע דנאָ פונעם ענגן פּיצל ברונעם־פּירעק, נישט אַ קער צו טאָן זיך און מיט אַ זאַסטופּ אַלץ טיפער געגראָבן דעם ליים אין עמער און ווען דער עמער איז שוין פול געווען מיט געלן־רויטן ליים, פלעגט דער טשעטשען פון דאָרט אַ סימן געבן מיט אַ פּאַך פון דער האַנט, און די אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן אים אויבן געהאָלפן, פלעגן אַרויסציִען אויף אַ שטריק דעם אַטשעפּ מיטן גרונט. דאָס אויסגעגראָבענע ליים האָט שוין געגלאַנצט מיט פייכטקייט, נאָר די ערד־אָדערן זענען נאָך נישט אָפן געווען, צו קוואַלן־וואַסער האָט נאָך דער טשעטשען נישט דערגראָבן זיך. און ווידער לאָזט מען אַראָפּ דעם ליידיקן אַטשעפּ, איינצייטיק, אויף אַנדערע שטריק נידערט מען פּאַוואָליע, פאָרזיכטיק, ברעטער־בערווענעס, וואָס דערנענטערן זיך, הענגען דראָענט איבערן טשעטשענס קאָפּ, ער נעמט זיי אויף מיט זיינע

אויסגעשטערקטע אָרעמס, אין דער גרויסער ענגשאַפט, אויפן סאַמע דנאָ געלינגט אים קונציק אין די שוין דורך אים אויסגעגלייכטע, אויסגעטע־סעטע ערד־ווענט, אַריינצופּרעסן די קורצע בערווענע־ברעטער און שאַפט אַזוי אומבאַמערקט אַ דורכאויסיק — הילצערנעם ברונעם־סקעלעט, קאַרקאַס. נעבן דער ברונעם־עפענונג אין דער הויך שטייט די גאַנצע צייט דער מאַיאָר, דער לאַגער־נאַטשאַלניק. לויט זיין אויסשפּראַך דערקענט מען באַלד, אַז ער איז אַן אוקראַינער. ער קוקט אַלץ אַראָפּ אין דער נידער, ווי האַלט עס דאָרט? — דאָס אויסגראָבן אַ נייעם ברונעם־קוואַל איז פאַרן לאַגער־פּונקט אַ ביז גאָר וויכטיקער ענין. אין לאַגער איז קיין קאַנאַליזאַציע נישט געווען און די צוויי פאַראַנענע ברונעמס פלעגן אין די זומער־חדשים נעמען אויסטריקענען, די קוואַלן פלעגן קוים שזיפּען און מען איז דרינגענד געצווונגען צו גראָבן אַ נייעם ברונעם... ביז עס דערהערט זיך פון דער ברונעם־טיף דעם טשעטשענס אויסגעשריי: סטאָפּ! און דאָס האָט באַדייט: פאַראַן! עס האָט אַ שלאָג געטאָן דער קוואַל. און דער לאַגער־נאַטשאַלניק באַפוילט אַראָפּצולאָזן אַ ריינעם עמער. דער עמער וויגט זיך שוין אויף דער שטריק, און עמעץ פון די אַרעסטאַנטן דערלאַנגט דעם נאַטשאַלניק אַ קרוזשקע אין דער האַנט און, ווען מען ציט אַרויף אויף אויבן אַ פולן עמער מיט קרישטאָל, זילבער־ריינעם, קאַלטן סיבירער קוואַלן־וואַסער, פאַרזוכט ער דער ערשטער דעם זויבערן, ריין ווי אַ טרער, געטראַנק פון די סיבירער טיפע גרונטן. די פּשוטע אַרעסטאַנטן־פּויערים פאַרגעסן אין אָט דער רגע, אַז זיי זענען דאָ נישט מער ווי שקאַלפן, קאַטאָרזשאַנצעס, פאַראורטיילטע אויף אומקום און אַפילו אין דער געשטאַלט פון דעם טשעקיסטישן נאַטשאַלניק זעען זיי אין דעם מאָמענט אַ מענטש מיט געפיל. דעריבער איז דער טשעטשען געווען אַזוי געאַכט אין לאַגער. איך פלעג אים באַמערקן פון דער ווייטן ווי שטאַלט ער שפּאַנט. איך פלעג אַ טראַכט טאָן, אויף טשיקאַוועס, ווי אַלט איז ער. אויב דו ווילסט איז ער אַ יאָר 50 און אפשר גאָר 60. אַ מענטש — אַ הויכער שיינער בוים, לגמרי נישט איינצוזען די יאָרן־קאַרבן.

...אין אַ ווילע אַרום, נאָכדעם ווי עס איז אַרויס דער דאָקטער קומט אַריין דער אַלטער טשעטשען פון דעם אינוואַלידן־באַראַק. מיר קענען זיך מיט אים, ער איז מיר תמיד געווען אָנגענעם מיט זיין קלאָר־ווייסער הויט אויף זיין ברייטן, עטוואָס לענגלעכן געזיכט און מיטן אָפענעם ווילן שמייכל. רעדן האָב איך מיט אים כמעט נישט גערעדט, נאָר ווען ער פלעגט שמייכלען צו מיר, פלעג איך זאָפן אין זיך זיין העלע גוטהאַרציקייט און נישט אויפהערן צו קוקן אויף אים און ער האָט עס, קענטיק, געפילט. אָט אַזוי פלעגן מיר ביים טרעפן זיך, קוקן ליב איינער אויפן אַנדערן. דאָס מאָל האָבן מיר זיך מיט די בליקן נישט באַגעגנט. ער איז תיכף צו

צום בעטל, אויף וועלכן עס איז געלעגן זיין נאָענטער לאַנדסמאַן, פּאַרכטיק־שטום צוגעזעצט זיך נעבן אים, ביי זיין צופוסנס און גענומען מתפלל זיין אויף מוסולמעניש, פון צייט צו צייט מיטביידע דלאָניעס אַרומגענומען זיך דאָס אייגענע פּנים. די איינציקע זילבן, וועלכע זענען צו מיר פון זיין תפילה דערגאַנגען, זענען געווען די זיך איבערחזרנדיקע קלאַנגען — אַללאַ אַללאַ...

און דער גבר, דער ליגנדיקער טשעטשען, האָט געהאַלטן אין אַ נישט געענדערטער פּאָזע די עלנבויגנס אונטערן קאָפּ און נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף זיין פּאָלקס־ברודער, דעם אַלטן טשעטשען, שווייגנדיק־שטיל, אַזוי ווי ער וואָלט אַריינגעקוקט אין אַ טיפן ברונעם וואָס איז אָנגעהאָנגען מיט גרינעם, קילן מאָך־פּלושטש... איך דערמאָן מיך נישט, ווער נאָך איז מיט מיר דאָן פון די שווער־קראַנקע געלעגן אינעם לאַזאַרעט־באַראַק, נאָר אָן אימה האָט גענומען שוועבן אַרום מיר. איך האָב באַמערקט, אַז דעם ברונעם־גרעבערס געזיכט ווערט מער אָנגעשטרענגט, שאַרפער און אויסגעבלייטכער. די הענט פון אונטער זיין נאַקן האָט ער צוגענומען. ער האָט מיט זיי געקנייטשט די שמאַטאָווע לאַזאַרעט־קאָלדרע און געצויגן זי העכער ביז צו זיין ברוסט... עס איז ווידער אַריינגעקומען דער דאָקטער אַכמעדאָוו, צוגעגאַנגען צום בעטל פונעם ליגנדיקן טשעטשען, אָנשטאָט אים וואָס צו זאָגן, געקוקט אויף אים מיט פּרעגנדיקע אויגן, נאָר יענער, גלייך ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען דעם דאָקטערס כוונה און מיין, האָט בלויז אַ שטילן וויג געטאָן צו אים מיט דער האַנט...

אכמעדאָוו האָט פאַרלאָזט דעם סטאַציאָנאַר און דער אַלטער טשעטשען איז געבליבן זיצן אויפן בעטל, צופוסנס זיין לאַנדסמאַן און נישט אויפגעהערט מתפלל זיין. דער טאָג איז אויסגערונען, אין באַראַק איז שוין געוואָרן גוט טונקל... איך בין אַנשלאָפן געוואָרן... וויפל דאָס האָט גע־דויערט, ווער האָט דאָס געקענט ביי מיין צושטאַנד וויסן, נאָר איך האָב מיך פּלוצעם אויפגעכאַפּט. איך בין געווען באַגאָסן מיט שוויס. איך האָב מיך דערשראָקן אַוועקגעזעצט, גענומען אַרומווישן דעם האַלדז. אין באַראַק איז געווען פינצטער, בלויז דורך די באַראַק־שייבלעך קעגנאיבער מיר האָט זיך געליכטיקט לבנה־שיין... דערזע איך, אַז דער זיצנדיקער אַלטער טשעטשען איז נישטאָ. די דרויסן־טיר, קוק איך זיך איין ,איז צוגעמאַכט. איך הער זיך צו... ווער כדאָפּעט עס? — ניין... נישט קיין כראָפּען, אַ גסיסה־כאָרכל... פונעם בעטל, באַמערק איך, הענגט אַראָפּ דעם ברונעם־גרעבערס האַנט כמעט ביזן דיל. ס׳עפּנט זיך די דרויסן־טיר. ס׳קומען אַריין דער דאָקטער אַכמעדאָוו, נאָך אים דער אַלטער טשעטשען פון אינוואַלידן־באַראַק און נאָך זיי די צוויי סאַניטאַרן מיט אַ טראָג־בעטל.

זיי האָבן דעם גוסטדיקן ברונעם־גרעבער אַוועקגעלייגט אויפן טראָג־בעטל און עמיץ פון זיי האָט געעפנט די טיר פון איזאָליאַטאָר...

...דער מומחה אין גראָבן קוואַלן, דער גבר איז אַריינגעקומען שטאַרבן ווייט פון זיין היים, אין דער ווינטער פרעמד, אויפן לאַגער־בעטל אינעם קליינעם לאַזאַרעט, צום ידיד זיינעם, דעם דאָקטער, דעם קרימער טאָטער אַכמעדאָוו און ביז דער לעצטער רגע פאַרנומען די זיסע קלאַנג־תּפילות פון זיין לייבלעך־אייגענעם פאָלקס־ברודער, דעם אַלטן טשעטשען פון אינוואַלידן־באַראַק... דער טשעטשען, דער געניטער קוואַלן־גרעבער, האָט נישט נאָר געהאַט שטאַרקע קלוגע הענט, נאָר אויך אַ האַרץ, ווי קיזלשטיין פון די קאַווקאַזער בערג, אָן מינדסטן פּחד...

מאָסקיטן...

איך האָב עטוואָס צעשטערט די כראָנאָלאָגיע פון מיינע „חדשים און טעג" אין לאַגער און אַ ביסל פאַרלאָפן פאָראויס. קער איך זיך אום צום סוף יוני פון דעם זעלבן מיינעם ערשטן לאַגער־יאָר. איך קאָן אפילו אָנרופן געגנוי די דאַטע — דעם 21־טן ־ 22־טן יוני, איז מקוים געוואָרן איוואַן יודינס, אונדזער בריגאַדירס, מאָסקיטן־פאָרויסזאָגעכץ: אין איינעם פון די טעג געשעעט אין דער אירקוטסקער טייגע אַזאַ אויסטערלישע נאַטור־דערשיינונג (און מערקווירדיק, יעדעס יאָר חזרט זיך דאָס איבער אין איין און דער זעלבער צייט): אין דער זומפּיקער וואַלד־ווילדעניש שטעלט זיך אַוועק פון דער העלער הויט, צווישן הימל און ערד, ווי אַ שווערע כמאַרע, אַ מין לעבעדיק־ווימלענדיקע וואַנט, אַ טונקל־גרויער באַוועגלעכער פאַרהאַנג, געדיכט צונויפגעוועבט פון מילי־מיליאַרדן קליינטשינקע פליגן, מיט איבערגעקריצטע פיר פליגעלעך — מאָסקיטן. אין מזרח־סיביר הייסן זיי אויף רוסיש — גנוס מאַשקאַראַ, טאַשקאָ, וואָס דרינגען אַריין אין דער הויט און פרעסן זיך איין אין לעבעדיקן פלייש. דער דאָזיקער פאַרהאַנג, וואָס וויגט זיך קוים פונאַנדער ביי יעדער לופט־באַוועגונג, הענגט פאַר דיר, ווו נאָר דו טוסט אַ טראָט. די מאָסקיטן נעמען דיך גריזשען מאָמענטאַל, פונקט ווי דו וואָלסט געשטאַנען אייגעזונקען ביזן האַלדז אין דער טייגע־זומפּעניש. אָט דער פאַרהאַנג הענגט אין דער טייגע אין משך פון יולי און אויגוסט — די צוויי הייסע מזרח־סיבירער זומער־חדשים — און אויך אין סעפּטעמבער, ביז עס פאַלט אַראָפּ דער ערשטער געדיכטער שניי, דאַן ווערן די מאָסקיטן אַנטרונען.

באַזונדערס אומדערטרעגלעך זענען די מאַסקיטן פאַר די וואַלד־העקער. נאָך פאַר דעם, ווי זיי גייען באַגינען אַרויס אין דער טייגע, שמירן זיי זיך אויס די הענט, דעם האַלדז און נאַקן און דאָס פּנים מיט וואָס נאָר פאַר אַ פעטס און שמירעכץ יעדער איינער האָט אין אָט די באַדינגונגען געקענט פאַר זיך דאַקאַזשען. מען דרייט אַרום די הענט מיט שמאַטעס ביז די שפּיץ פינגער און דעם האַלדז און פּנים וויקלט מען אַרום שטשילנע מיט צעריסענע שטיקלעך האַנטעכער, טיכלעך, אָנעטשעס, ביז די סאַמע אויגן־שפּעלטלעך, און ערשט אויף דעם אַלעמען ציט מען אַרויף אויפן קאָפּ דעם לאַגער — „נאַקאָמאַרניק" — אַ ספּעציעל שוץ־זעקל מיט אַ געדיכטער שוואַרצער נעץ פון דינע האָר־פעדים (דאָס גיט אַרויס דער „טשיז", דער ווירטשאַפטלעכער לאַגער־נאַטשאַלניק דורך די בריגאַדירן יעטוועדן ראַבאָטיאַגע־אַרעסטאַנט). די זעקאַ האָבן אין אָט די אַרומ־געוויקלטע טראַנטעס און לופּעטעס פאַרן אַרויסגיין צו דער אַרבעט, אויס־געזען ווי די פריצן, די דייטשישע סאָלדאַטן, אין די ווינטער־זאַווערוכעס און פרעסט אויף די קאַלומקער־סטעפּעס, ווען מען האָט זיי אין יאַנואַר־פעברואַר פונעם 1943־ער יאָר אָנגעהויבן טרייבן צוריק פון סטאַלינגראַד. אגב, זענען אויף דער 46־טער קאָלאָנע געווען צווישן די זעקאַ־דייטשן, אויך אַזעלכע וואָס האָבן טאַקע אין יענע שלאַכטן, אין אַזאַ הולך, גע־וואָרפן דעם וואָפן, געהויבן די צעפרוירענע הענט, די אַרומגעדרייטע מיט שמאַטעס — און געשריען: „היטלער קאַפּוט"...

די נאַקאָמאַרניקעס האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן. די אַרעסטאַנטן פלעגן זיך צוריקקערן אין אָוונט פון דער טייגע אַרומגעשוואָלענע, אויף אַ סך פון זיי איז געווען אַ שוידער צו קוקן. דאָס געשווילעכץ האָט פאַרשווו־מען דאָס גאַנצע געזיכט, די פּנימער פלעגן פאַרלירן זייער מענטשלעכן אָנבליק, פאַרוואַנדלט ווערן אין שטיקער רויטע, רויע פלייש, גלייך ווי מען וואָלט זיי אָפּגעגאָסן מיט זוד. ביי אייניקע האָבן זיך אפילו די אויגן־שפּעלטלעך נישט אַרויסגעזען און מען האָט זיי געמוזט פירן צום באַראַק ביי די הענט.

דער הויכער לאַגער־צוים פון די בערווענע־קלעצער מיט די עטלעכע רייען שטעכדראָט איז געווען אַ קנאַפּע מחיצה פאַר דער „מאַסקיטן־וואַנט", הן אין דער ראַבאָטשאַיאַ־זאָנאַ און הן אין לאַגער גופא. די פּיצלעך שוואַרצע פליגעלעך ווערן אויך כּלל נישט נתפּעל פאַר די „פּאַפּקעס" מיט די אויטאָמאַטן אין די הענט, וואָס שטייען אויף די טורעמלעך אין די פיר ווינקעלעך פון דעם גרויסן לאַגער־קוואַדראַט, און גריזשען זיי אומ־ברחמנותדיק, נאָר זיי האָב איך נישט וואָס צו פאַרדאַגענען...

ביי דער טייל פון דער אינוואַלידן־בריגאַדע, אַרום דעם קאָזלע־טיש, זענען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען; פאַר אַלטע מענטשן צו אַרבעטן

אין „נאַקאָמאַרניקעס" איז געווען נישט אויסצוהאַלטן. מען האָט דורך דער שוואַרצער נעץ נישט געזען, ווו די פינגער זענען און ווו דאָס טשוועקל איז אין געקאַליעטשעט די פינגער. עס פלעגט גיך ווערן הייס, מיר האָבן דאָך געאַרבעט אויף דער זון, קיין פּיצל שאָטן, חוץ פון מיין ביימל הינטער מיר, איז נישט געווען. צעשוויצטערהייט, כאַפּסטו אַראָפּ פון זיך דעם „נאַקאָמאַרניק", ווישסט זיך אַרום, און ביז דו ציסט אַרויף ווידער אויף זיך די „שוואַרצע נעץ", באַפאַלן דיך אָן אַ שיעור מאָסקיטן, צעבייסן און צעוווּנדיקן. און אויך דער „נאַקאָמאַרניק" באַשיצט נישט — ווי נאָדלען צו אַ מאַגנעט, ציִען זיך די מאָסקיטן דורך דער נעץ צו דער פּנים־הויט און זויגן דיך און פרעסן. אין משך פון אַ פּאָר שעה, נאָך ביז מיטאָג, איז ביי דעם בוכאַרער רב ברוכוב דאָס אויג מיטן אָנוווּקס פאַרשוואָלן געוואָרן. ער האָט זיך מיטביידע הענט געהאַלטן ביים איג און די מאָסקיטן האָבן אים בעת מעשה צעוווּנדיקט די הענט. דער זקן פיליפּאָוויטש האָט דערזען, וואָס עס טוט זיך מיט ברוכובן, האָט ער פון זיך אַראָפּגעריסן דעם „נאַקאָמאַרניק", אַ שליידער געטאָן אויפן קאָזלע־טיש: „זאָל מען מיר טעסען אַ קלאָניצע אויף מיין קאָפּ, נאָר מער וועל איך אַהער, אין דער ראָבאָטשאַיאַ־זאָנאַ, קיין טראָט נישט מאַכן, און אויך קיין טראַג־בעטל וועט נישט העלפן"...

די ביידע רוסישע עמיגראַנטן זענען שוין אַ וואָך צייט געלעגן אין לאַגער־סטאַציאָנאַר. ר' שייע האָט נאָך מיט אַ פּאָר טעג פּאַר דעם, איידער עס האָט זיך אָוועקגעשטעלט די „מאָסקיטן־וואַנט" (ער האָט זיך שוין געהאַט געניי דערקונדיקט, ווען די מאָסקיטן־סאַראַנטשאַ וועט אָנפאַלן) דעררעדט זיך מיט דעם בריגאַדירס הילף אַריבערצוגיין אויף אַ מער „לייטישער" אַרבעט. אמת, אַ שווערערע — ביי דער פּרימיטיווער שינדל־מאַשין — אָנצולייגן זיך מיטן גאַנצן קערפּער, מיט דער ברוסט, און שטופּן מיט כוח דעם דראַנג אַרום און אַרום, וואָס אַ דאַנק דעם, צע־שניידט דאָס מעסער די ברעט אויף דינע שינדלען. אַמאָליקע צייטן פלעגט די דאָזיקע אַרבעט טאָן אַ בלינדער פערד. אַ לייב־אייגענער פלעגט אים טרייבן אַרום דער אַקס פון דעם פּרימיטיוון מכשיר און ס'האָט געשניטן און געמאָלט...

— דאָ בין איך כאָטש אונטער אַ דעכל, און דאָרטן, — האָט ר' שייע געוויזן מיט זיינע רירעוודיקע הענט אין דער ריכטונג צום קאָזלע־טיש — דאָרטן וועלן מיך אויפעסן די שוואַרצע פליגעלעך...

דער בריגאַדיר יודין האָט די השגחה אויף די טשוועקל־גלייכער איבערגעגעבן דעם יונגן ליטווינער בוטשוקאָסן. אים האָבן געפעלט אַלע פינגער אויף ביידע הענט, און ער פלעגט יעדע זאַך מוזן צונויפפּרעסן צווישן זיינע צעקאַרדאַשעטע „פויסטלעך" און צודריקן עס צו דער ברוסט,

עס זאָל נישט אַראָפּפאַלן. יעדן אינדערפרי פלעגט ער אויף אַזאַ אופן ברענגען צו טראָגן פון דער קוזניע פאַר אונדז דעם אַרבעטס־אינווענטאַר — די קאָוואַדלעס, די האַמערס און די קאָנסערוון־פּושקעס מיט די צעבוי־גענע טשוועקעלעך און די פּוסטע פּושקעס, און אונטערטרייבן אונדז. אים איז געפעלן געוואָרן צו קאָמאַנדעווען מיט אַלטע און דער עיקר מיט די עטלעכע יידן... אָבער אַז עס האָט זיך פּלוצעם געשטעלט די „מאַס־קיטן־וואַנט", האָט ער זיך פאַרלאָרן. מיט זיינע צוויי קריפּל־פּויסטלעך האָט ער נישט געקענט אָנטאָן אויף זיך דעם „נאַקאָמאַרניק". אַ פּאָר מאָל האָב איך עס אים געהאָלפן טאָן. ביז ער האָט מיט אַן אויסרייד צו קריגן פאַר מיר נייעם דראָט אויף צו האַקן טשוועקעס, באַהאַלטן זיך ביי קאַלי־נאָוויטשן אין דער קוזניע...

מיר, די געבליבענע ביים טיש, איך, דער לעט — דער טיפּאָגראַף, שאַקאַראָוו און נאָך אַ פּאָר מענטשן, מיר האָבן געפּרוווט אָנצינדן נעבן זיך אַ שייטער, אַריינשטעקן דעם קאָפּ אין רויך. וויניקער מאַסקיטן, אָבער די רויך־ביטערניש איז געקראָכן אין האַלדז, אין די אויגן. אין דער טייגע, דאָרט איז געווען אַ מעגלעכקייט צו צעלייגן אַ גרויסן רויכיקן שייטער. אָבער אין דער אַרבעטס־זאָנע איז דאָס געווען שטרענג פאַרבאָטן און מיר האָבן זיך געדאַרפט די גאַנצע צייט אומקוקן, צי עס גייט נישט עמעץ... קוים דערלעבט מיטאָג־צייט, אַריינצוקומען וואָס גיכער אין באַראַק, פּטור צו ווערן פון דער מאַסקיטן־סאַראַנטשאַ.

נשתומם צו זיין, אין פאַרמאַכטע געביידעס, דאָרט, ווו עס געפינען זיך מענטשן, בפרט אין די וווינונגס־באַראַקן, עס מעגן אפילו זיין אָפן די טירן בייטאָג און ביינאַכט, בלייבט דער מאַסקיטן־פאַרהאַנג הענגען ביים סאַמע אַריינגאַנג. וויגט זיך אין דער לופטן, נאָר גופא אינעווייניק, קומט קיין איין שוואַרץ פליגעלע נישט אַריין. איך קאָן עס נישט דער־קלערן פאַרוואָס דאָס איז, צי דער גנוס טראָגט נישט איבער דעם ריח פון מענטשן אין אַ באַלעבטן וווין־אָרט, אָדער עס קען זיין, אַז יעטוועדער מאַסקיט באַזונדער האָט אויסער דעם „ווימלדיקן געוועב" אין דער זומער־דיקער, זומפּיקער טייגע, נישט געקענט עקזיסטירן.

מאָזעבאַכס סטאַציאָנאַר...

אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג זענען אינעם לאַגער־סטאַציאָנאַר בלויז פון די זעקאַ פונעם אינוואַלידן־באַראַק געשטאָרבן דער אַלטער

רוסישער זשורנאַליסט געאָרגי קאָנסטאַנטינאָוויטש און דער צווייטער עמיגראַנט, דער קרוב פון דער קייזערלעכער משפּחה, וועלכער האָט זיינע יונגע יאָרן פאַרבראַכט אין „צאַרסקאָיע סיעלאָ". דער סטאַציאָנאַר איז געווען איבערגעפּולט, קראַנקע זענען אויף די שעניקעס געלעגן אויפן פּאָל מיט פאַרשוואָלענע פּנימער פון די מאָסקיטן און אינגאַנצן בלינדע. ביי אַנדערע אַרעסטאַנטן זענען פון דער קאַטאָרזשנער אַרבעט אין וואַלד געשוואָלן געוואָרן די פיס און זיי האָבן פון אָרט נישט געקענט רירן זיך — צווישן די לאַגערניקעס האָבן זיך געמערקט פאַלן פון דער שטאַרק־אָנשטעקנדיקער באָטקין־קרענק, געלזוכט. דער איזאָליאַטאָר ביים סטאַציאָנאַר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפּטיילונג פאַר געלזוכט־קראַנקע און די שטאַרבניקע האָבן שוין געגוססט גופא אין סטאַציאָנאַר, צווישן די נאָך לעבעדיקע. מען פלעגט זיי גלייך פון דאָרטן אויף אַ טראָגבעטל אַוועקפירן אין דעם לאַגער־„בור" (לאַגער־קאַרצער), אַהין אינעם חדרל פאַר די געשטאָרבענע — אַ מין לאַגער־מאָרג... ווו זיי פלעגן זיך געפינען אַ פּאָר מעת־לעת, ביז מען וועט פאַר זיי אין דער סטאַליאַרקע פון דער אַרבעטס־זאָנע צונויפשלאָגן אַ טרונע — דעם „הילצערנעם בושלאַט...

אויך אין די פּאָר קליינינקע צימערלעך פון דער לאַגער־אַמבולאַטאָריע זענען אויף אַלע בעטלעך געלעגן זעקאַ מיט הויכער טעמפּעראַטור. צווישן זיי אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן צעבראָכן אַ האַנט, אַ פוס, צוגעקוועטשט פון אַן אָפּגעריייניקטן שטאַם ביים שטאַבלירן, אָדער ביים קראַכן פון אַ געזעגטן בוים אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ שווערער צווייג. האָט די לאַגער־נאַטשאַלסטווע באַשלאָסן אינעם אינוואַלידן־באַראַק אָפּצוטיילן, אומגעפער, אַ דריטל פונעם באַראַק־שטח און דאָרטן „אויסשטאַטן" אַ נייעם סטאַציאָנאַר. אַלס סטאַציאָנאַר־דאָקטער איז באַשטימט געוואָרן דער זעקאַ, דער היטלעראָוויץ מאַיאָר מאָזעבאַך. ער האָט געהאַט אַ קרום פיסל און נאָכאַנאַנד אונטערלויפנדיק, אונטערשפּרינגענדיק, באַוועגט זיך אויסערגעוויינלעך שנעל, געהאַלטן תמיד זיין לייכטן דינעם וואַלד־שטעקל מיט אַ קעפּל — אַ סוק פון אַ צווייג — פאַרקוועטשט אונטערן אָרעם. אין דעם נייעם סטאַציאָנאַר האָט מען געלייגט די שוין אינגאַנצן פאַראַליזירטע און האַלב־פאַראַליזירטע, וואָס קענען נישט איינהאַלטן דעם אורין און וועמען מען מוז צוטראָגן צו דער נאַרע די שיסל־באַלאַנדע און די „פּאַראַשע". דאָקער מאָזעבאַך האָט אויך אונטערגעקליבן דעם מעד־פּערסאָנאַל און די סאַניטאַרן פון דייטשן. אַ דייטש אַ פּראָוויזער האָט ער געמאַכט פאַר זיין געהילף. אין באַראַק איז געווען אַ יונגער גלויביקער דייטש, אַ שוסטער. עס האָבן אים געפעלט פינגער אויף די פיס, האָט אים מאָזעבאַך איינגערעדט — אויס רחמנות „אויף אַלטע קראַנקע לייטע" צו ווערן אַ סאַניטאַר.

מיט דער הילף פונעם בריגאַדיר איוואַן יודין האָט דער נייער סטאַציאָ־נאַר — דאָקטאָר באַהאַנגען די טייל פון באַראַק, ווו עס הייבט זיך אָן זיין „קאָמפּעטענץ" מיט ראָגזשע־שמאַטעס און אַלטע צעלעכערטע זעק. קיין אַנדער אַרויסגאַנג־טיר האָט דער סטאַציאָנאַר נישט געהאַט. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, ווי פריש דאָרט איז געווען די לופט... מאָזעבאַך האָט מיט שטרענגער דייטשישער פּינקטלעכקייט אָן זיין דערלויבעניש קיינעם פון די אַרעסטאַנטן נישט אַריינגעלאָזן אין דעם אָפּגעטיילטן דריטל פון באַראַק. אָבער דער מלאך המוות האָט גאָר איינגיכן באַקומען אַהין אָ ברייטן, „גרינעם" אַריינגאַנג... קיין שום רפואות איז דאָך אין מאָזעבאַכס רשות נישט געווען. בלויז אויף אַ טישל באַדעקט מיט אַ צעריסענער צע־ראַטקע זענען געשטאַנען סלויטשיקלעך מיט „דיסטילירטע" וואַסער, בינטן צעשניטן פון אַלטע וועש און אַ פּאָר פאַרגעלטע קאַרטאָנענע שאַכט־לעך מיט צוניפגעפּרעסטן, פאַרלעגערטן ציין־פּראַשעק (אין יענער צייט איז דאָס געווען פון די איינציקע צוטריטלעכע סחורה־אַסאָרטימענטן אין די סעלפּאָ־דאָרפישע קאָאָפּעראַטיוון, און ווי אַזוי און דורך וועמען מאָזעבאַך האָט דאָס געקראָגן פאַר זיין סטאַציאָנאַר איז זיך שווער פאַרצו־שטעלן) אויף צו פאַרשיטן אַ געשוויר־פורונקל... אַליין פלעגט זיך מאָזע־באַך איינקליגן וואָס וויניקער צו געפינען אין דער געשטאַנק־לופט פון זיין סטאַציאָנאַר, פאַרלאָזט זיך אויף זיינע סאַניטאַרן און אַרומגעדרייט זיך מיט זיין שטעקעלע פאַרקוועטשט אונטערן אָרעם נעבן דער לאַגער־אַמבולאַטאָריע, צו פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון זיין קאָלעגע, דעם אַזערביידזשאַנער דאָקטער.

ס'האָט דורכגעבליצט אַ מחשבה...

ביים אַריינגאַנג אין דער לאַגער־סטאָלאָווע האָט דער טשיז (דער נאַטשאַלניק איבער דער לאַגער־ווירטשאַפט) אָוועקגעשטעלט פון די אַרעס־טאַנטן ספּעציעל צוויי שרייערס, בילערס, וואָס האָבן באַדאַרפט היטן די אָרדענונג און אַריינלאָזן אין דער סטאָלאָווע בלויז בריגאַדעסווייז, בראָש מיטן בריגאַדיר. איינער פון די שומרים איז געווען — דער דייטש האַנס, אַן אויסגעמושטירטער היטלעראָוויעץ, אָן אַ האַנט, אַ יאָר 35. אויסער דעם, וואָס ער איז געשטאַנען ביי דער טיר, האָט ער באַדאַרפט אויך לויפן אין די באַראַקן און רופן אין סטאָלאָווע די בריגאַדעס לויט די נומערן. באַזונ־דערט אין אָוונט, ווען פון דער טייגע קערן זיך נישט אום די בריגאַדעס

אין איין צייט, פלעגט מען האַנסן זען אַרומלויפן איבערן לאַגערפּונקט מיט זיין זיך באַמבלענדיקן פוסטן פּופּייקע־אַרבל. ער טוט אַ פּראַל אויף די באַראַק־טיר און פּאַליעט אויס פּאַרטויבט צו ווערן: „די פינפטע בריגאַדע... די זעקסטע בריגאַדע”... און אַנטרינט.

דער אַנדערער שומר איז געווען אַן אַלטער מאַן, פון נידעריקן וווּקס, דער קאָפּ איינגעוואַקסן אין די אַקסלען, אַזוי ווי דער מענטש וואָלט גאָר קיין האַלדז נישט געהאַט. מיט אַ גרויסער ביינערדיקער נאָז איבער זייער אַ ברייטן זשאַבע־מויל, אָן ציין, מיט צוויי קליינע, קיילעכדיקע פיש־אויגן. ער פלעגט נישט אָפּטרעטן פון דער טיר, ווי אַ הונט אויף דער קייט, סתם געשריען, צי מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט, פלעגט נאָכאַנאַנד אויסקוויטשען פון זיינע לעפצן און מען האָט נישט געקענט פאַרשטיין, צי דאָס זיינען ווערטער און אויף וואָס פאַר לשון. די יינגערע אַרעסטאַנטן — די גזלנים, פלעגן ביים אַריינקומען אין דער סטאָלאָווע נישט זעלטן פאַרמאַכן אים די „ליאַפּע”, אָדער אים אַ דריק טאָן דעם קאָפּ אויף אַרונטער, גלייך ווי מען וואָלט אים וועלן זיין קאָפּ אינגאַנצן אַריינקוועטשן אין די אַקסלען: „אַלטער טיפּש, וואָס בילסטו?”. ער האָט שוין געוווּסט פון וועמען ער קען אַריינכאַפּן אַ שטורך, אַ קוועטש. דערזעט ער פאַר זיין נאָז אָט די חברותה, ווערט ער תיכף איינגענומען. אָבער ווי נאָר זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען, עפנט ער ווידער דעם ברייטן, אָן־ציינערדיקן פּיסק. ער מוז שרייען, ווייל אַנדערש, האָט ער מורא, וועט אים דער טשיז אַראָפּזעצן פון זיין „שטעלע” און דער קוכער וועט אים שוין דאַן נישט אָנגיסן קיין געדיכטערע שיסל באַלאַנדע...

די ביידע שומרים ביי דער סטאָלאָווע־טיר האָבן נישט געוווינט אין דעם אינוואַלידן־באַראַק. איז עס געשען קורץ נאָך דעם, ווי ס׳האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן מאָזעבאַכס סטאַציאָנאַר. עס איז נאָך געווען פאַרן אָוונט־אַפּעל. זע איך, ווי האַנס מיט זיין איינציקער האַנט און אַ זעקאַ פון דער אַנדערער זייט שלעפּן אויף זיך אַריין אין באַראַק, אין אַ שווערן צושטאַנד, דעם קליינינקן צווייטן שומר־שרייער ביי דער סטאָלאָווע־טיר און האַנס צעפּילדערט זיך: „געפאַלן אין חלשות... ווו איז מאָזעבאַך?..”

אויף מאָרגן אינדערפרי האָב איך אומבאַמערקט, ווען מאָזעבאַך איז געווען אַרויס פון באַראַק, אַ שאַר געטאָן דעם זאַק־פּאַרהאַנג און אַריין אַהינצו, אַ קוק צו טאָן אויפן סטאָלאָווע־שומר. איך בין אויף די שפּיץ־פינגער צו צו דער נאַרע, אויף וועלכער ער איז געלעגן. איך האָב פאַר זיך דערזען לחלוטין אַן אַנדער מענטשן. ער איז געלעגן באַרואיקט־שטיל, באַוועגט מיט די ליפּן, אַזוי ווי עס וואָלט ריזלען אַ קוועלכל... האָט אויסגעזען ווי אַ זויגלינג, זאַט, ערשט פון דער מוטערס פולער ברוסט... זיינע באַקן ראָז... איך האָב אים קוים אַ ריר געטאָן ביי דער האַנט... אַ הייסע... ער האָט

געהאַט היץ. דערפילט מיין ריר צו זיין האַנט, האָט ער געקוקט אויף מיר מיט געבעט און אָן אומבאַהאָלפן חרטה־שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין געזיכט... ס׳האָט מיר אַ שלאָג געגעבן אין מוח דער גרויזאַמער טראַגישער מיין פון זיין געבעט: „שטיי אַ ביסעלע נעבן מיר, גיי נישט אַוועק, קיינער פון מיין משפחה וועט נישט וויסן, ווי אַזוי איך שטאַרב, שטיי נאָך אַ ביסעלע...״ ער האָט מיך צוגעשמידט מיט זיין בליק... געקומען בייטאָג פון דער סטאַלאָווע (ביי דער טיר איז שוין דאָרט געשטאַנען האַנס אַליין...), האָב איך ווידער פאַרשאַרט דעם זאַק־פאַרהאַנג און צו צום קראַנקנס נאַרע... פון דער ווייטן האָט מיך דערזען מאָזעבאַך און אויסגעשריען דעם דיאַגנאָז, צו דעמאָנסטרירן זיין קאָמפּעטענטן דאָקטער־וויסן: „בלוט־שטורץ...״ נאָר איך בין שוין ווידער געווען פאַרכאַפּט פון דעם קראַנקנס געבעט... מיר האָבן זיך מיט אים באַגעגנט מיט די בליקן... ער האָט אויף מיר געקוקט מיט אומבאַגרייפלעך־מענטשלעכער דאַנקבאַרקייט: „שטיי האַרציקער, גיי נישט אַוועק, אוי, ווי זיס עס איז דער בליק פון אַ נאָענטן מענטשן״... און ווידער דאָס שטיל אומבאַהאָלפן חרטה־שמייכל אין זיינע קיילעכדיקע קליינע פיש־אויגן... עס האָט מיך פלוצעם דורכגעבליצט אַ מחשבה: איז ער נישט קיין ייד?... וואָס מורמלען זיינע ליפּן?... צי נישט „שמע ישראל״?... כ׳האָב זיך אָנגעבויגן איינצוהערן... נאָר די געציילטע זעקס ווערטער נישט געקאָנט אויפכאַפּן... צו אָוונט־צו איז ער געשטאָרבן. דאָס איז געווען דער ערשטער טויט־פאַל אין דעם נישט לאַנג־געעפנטן נייעם מאָזעבאַך־סטאַציאָנאַר אין דער 46־טער קאָלאָנע.

דער טיפּאָגראַף

און באַלד נאָך דעם איז אַוועק אַ סדרה שטאַרבעניש, גלייך ווי דער מלאך המות וואָלט זיך פאַר קדחת אין אַ קליין טעפּעלע פאַרדונגען צום נאַצי־דאָקטער מאָזעבאַך אין סטאַלין־לאַגער. דער לעט, דער טיפּאָגראַף, מיט וועלכן איך האָב צוזאַמען געאַרבעט ביי די טשוועקלעך, האָט קיין משפּחה נישט פאַרמאָגט. און ווען ביים אָנקומען אין לאַגער האָט מען אַלעמען דערלויבט צו שרייבן דעם ערשטן בריוו צו די אייגענע, האָט ער זיך געקווענקלט און דאָך געווענדעט נאָך הילף צו זיינעם אַ ידיד. אין אַ צייט אַרום באַקומט ער פון זיין פריינט אַ פּעקל. אין דער פּאַסילקע איז געווען אופשניט און צונג. אָן אויסגעצערטער, פאַרהונגערטער, האָט דער אַלטער דרוק־אַרבעטער נישט געקענט בייקומען דעם נסיון און זשעדנע צו

דעם זיך צוגעכאַפּט. קיין צייַן האָט ער נישט געהאַט, האָט ער נישט צעקייַטערהייט געשלונגען שטיקער געווענדזעלטע פליש און געפּעקלטן צונג, ביז ער האָט עס נישט אינגאַנצן „אייַנגעקאָנטשעט". אין אָוונט איז אים נישט גוט געוואָרן, ער האָט פאַרלוירן דעם באַוווסטזייַן. מען האָט אים אַרייַנגעטראָגן אין מאָזעבאָכס „דריטל" פון דעם אינוואַלידן־באַראַק. בייַנאַכט איז דער טיפּאָגראַף אויסגעגאַנגען.

דער פּוכאָוויטשער פּויער

אין אייניקע טעג אַרום איז אין מאָזעבאָכס סטאַציאָנאַר אַוועקגעפאַלן דער ווייסרוסישער פּויער, וועלכער האָט מיר מיט אַ געוויסער צייַט פאַר דעם געהאַט אַנטליען אַ „באַקאָמאַרניק". מייַנעם האָב איך, בעתן קומען פון דער אַרבעטס־זאָנע, פאַרגעסן אין דער לאַגער־סטאָלאָווע, פאַרפאַלן געגאַנגען. דער ווייסרוס, אַזוי האָט ער מיר דערציילט, האָט געשטאַמט פון אַ דאָרף נעבן דער סטאַנציע פּוכאָוויטש, אומגעפער, עטוואָס מער פון אַ קילאָמעטער איז געווען דאָרט דאָס רעפּובליקאַנישע הויז פאַר שאַפונג פון די ווייסרוסישע שרייַבער. אין זייַער אַ שיינעם אָרט — אין אַ בעריאָזעווען וועלדל, ביי אַ טייכל. נאָך פאַר דער מלחמה פלעג איך אין משך פון עטלעכע יאָר, זומער־צייַט, אויף אַ פּאָר חדשים, אַרויספירן אַהינצו מייַן משפּחה. ווען איך האָב זיך פונאַנדערגערעדט מיטן פּויער, האָט זיך אַרויסגעוויזן — ער געדענקט גוט דאָס אייַנשטאָקיק רויט מויערל — די שרייַבער־דאַטשע אין דער בעריאָזעווער ראָשטשע, נעבן אייַזנבאַן־בריקל איבערן טייכל. אַהין — האָט ער מיר געזאָגט — פלעגן זייַנע קינדער גיין מיט ווענדקעס כאַפּן פיש. נאָך דער מלחמה איז אינעם רויטן מויערל געווען אַ מיליטערישער האָספּיטאַל. האָב איך אַ טראַכט געטאָן, עס קען דאָך זייַן, אַז אָט דער פּויער און זייַנע קינדער האָבן דאָן, נאָך פאַרן קריג, געקאָנט זען ביים טייכל מייַן זונעלע נפתלי, מייַן פרוי און מייַן מאַמען, און אפשר מיך אַליין... און דאָס האָט מיך געגנענטערט צו אים. דערבייַ פלעגט ביי מיר דורכלויפן אַן אַנדער מחשבה: „דער פּויער איז דאָך, מסתם, געווען ביים דייטש אַ סטאַראָסטע אין דאָרף, אָדער אַ פּאָליציאַנט, און אַזוי ווי ער האָט געלעבט נאָענט פון דער שרייַבער־דאַטשע, צי איז צו אים נישט דערגאַנגען עפּעס וואָס וועגן דעם גורל פון מייַן משפּחה? ווי ווייַט איז עס דען פון פּוכאָוויטש ביז מינסק... נאָר דאָס האָב איך געטייַעט אין זיך... בעת מיר פלעגן זיך באַגעגענען, פלעג איך דעם פּויער

פרעגן, ווי פילט ער זיך? און ער פלעגט מיר ענטפערן אויף ווייסרוסיש: „פּאָליעגטשאַלאָ"... דאָס הייסט, אַז עס איז אים אַביסל גרינגער, בעסער. אי' דפלעג אים אַלעמאָל דערמאָנען: דיין „נאַקאָמאַרניק" היט איך, איך וועל אים דיר אָפּגעבן... ווען ס'איז אים אַ סך ערגער געוואָרן, ער האָט שוין קיין כוחות נישט געהאַט אָן זייטיקער הילף אַראָפּצוקריכן פון דער נאַרע, האָט מען אים אַריבערגעפירט אין מאַזעבאַכס „ממשלה"... איך פלעג אַריינקומען דעם ווייסרוס מבקר חולה זיין. ער האָט שוין געהאַלטן גאָר שלעכט, געוואָרן איינגעשרומפּן. עס איז אים שווער געווען אַ קער צו טאָן זיך אויף אַ זייט. ווען ער האָט מיך באַמערקט, האָט ער צו מיר עפּעס אַרויסגעשעפּטשעט מיט זיינע בלוטלאָזע ליפּן. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס ער וויל מיר זאָגן, האָב איך זיך צו אים אַראָפּ־געבויגן נענטער, האָט ער מיט אָנשטרענגונג קוים־קוים איבערגעחזרט: דעם „נאַקאָמאַרניק" וועסטו מיר אָפּגעבן?. — יאָ, יאָ, — האָב איך תיכף געענטפערט. ווי דען אַנדערש? — וועסט געזונט ווערן. מיר זענען דאָך מיט דיר לאַנדסלייט. דו ביסט דאָך אַ פּוכאָוויטשער... איך האָב פאַרשטאַנען, אַז נישט דעם „נאַקאָמאַרניק" האָט ער געהאַט אינזינען אין די לעצטע שע־ען... עס איז דאָך געווען נישט מער, ווי אַ שטיקל שמאַטע. ער האָט אין מיינע ווערטער געוואָלט דערהערן אַ טרייסט־וואָרט, אַ באַהעפטונג צום לעבן — „ער וועט נאָך באַקומען פון מיר צוריק זיין „נאַקאָמאַרניק"... אַ שמייכל, ווי אַ שאָטן פון אַ בלאַסן זונען־שטראַל האָט דורכגעגליטשט זיך איבער זיין יסורימפולן פּנים... אין אָוונט פונעם זעלבן טאָג איז ער געשטאָרבן...

דער רעטשיצער

מיין שכן אויף דער נאַרע — אַ 60־יאָריקער גוי, אַ רעטשיצער, נישט ווייט פון האָמעל, פּאַראַליזירט אויף אַ האַנט און אַ פוס, פלעגט אַרויס־ברענגען פון זיין מויל ווערטער, ווי סעטשקע — צעהאַקטע, צעמאָלטע שטרוי און פאַרהיקען זיך... איז ער די גאַנצע צייט געזעסן אויף דער נאַרע און נישט אויפגעהערט מאַשינעל מיט זיין געזונטער האַנט צו שאַרן, אַרומטאַפּן מיין שעניק. פלעג איך צו אים מיט רוגזא, טענהן: נו, וואָס האָסטו דאָרטן אָנגעטאַפּט? — אַ גאָלדן פינפערל, צי אַ גאָלדן צע־

נערל? צי, אפשר, אַ קערינקע?*) ביסט דאָך שוין אַצינד נישט אין קיין געטאָ־שטוב און נישט קיין יידישע פּערענע איז דאָס, נאָר אַ שעניק מיט טרוכלאָווער, פּאַרעיפּושטער שטרוי אינעם רעזשימנעם לאַגער פון דער אירקוטסקער טייגע...

דער גוי פלעגט שטום קוקן אויף מיר מיט אַ תמעוואַטן שוין זינלאָזן בליק און אַלציינס מיט דער האַנט פאַרגעזעצט צו שאַרן, אַרומטאַפּן מיין שעניק... אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט אים אינגאַנצן אָפּגענומען דאָס לשון, מען האָט אים אַריבערגעפירט אין מאַזעבאַכס „דריטל״...

דער פּאָלטאַווער

אַנשטאָט דעם פּאַראַליזירטן רעטשיצער האָט מען אויף מיין נאַרע איינגעקוואַרטירט אויך אַ פּאַראַליזירטן (אַזאַ מזל האָב איך שוין געהאַט) גוי פון פּאָלטאַווע, מיט טיפּישע געדיכטע אוקראַיִנישע וואָנצעס. איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, באַגעגנט, ווי עס פּאַסט פּאַר אַ דערצויגענעם אינעם גייסט פון דער סאָוועטישער „פעלקער־פריינטשאַפט״... אָבער איך האָב מיט מיין נייעם שכנדל גאָר אויף אַ פיינעם אופן אָנגעמאָרדעוועט זיך. עס האָבן מיר אַזש פונקען געשפּריצט פון די אויגן... זיינע אייגענע און קרובים האָבן אים פון פּאָלטאַווע רעגלמעסיק געשיקט פּעקלעך מיט געקנאָבלטער חזיר־שינקע, און אַזוי ווי ער איז אויף אַ האַנט און אַ פוס געליימט, און קען נישט גיין אין „קאַפּטיאָרקע״ צום שטיבל, ווו די זעקאַ האַלטן זייערע שפּייז־זעקלעך, און עמעצן געטרויען, מען זאָל אים פון דאָרט ברענגען אין באַראַק זיין זעקל האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט. פּאַראַליזירט, אָבער די יוכע און דער האַנאָר שפּאַרט פון אים אַלציינס, האָט ער זיינע שפּייז־זאַפּאַסן געהאַלטן אויף דער נאַרע, ביי זיך צוקאָפּנס, טאָג און נאַכט די הענט נישט אַרויסגענומען פון אונטערן נאַקן, געהיט זיין „בשר־קוויטש״. אָבער די סיבירער קליינע מייזלעך, וואָס האָבן אַן אויסערגעוויינלעכן חוש־הריח, זענען פאַרן פּאָלטאַווער גויס עלנבויגנס, כאָטש ער האָט מיט זיינע וואָנצעס און מיט זיין בליק דערמאָנט אַ בייזן קאָטער, נישט נתפּעל געוואָרן. זיי פלעגן ביינאַכט אַטאַקירן זיין צוקאָפּנס און פראַנק־און־פריי אַרומטאַנצן, לעקן און שטישפּען זיינע דיקע, פעטע פון דער

*) אַ קערינקע — אַ רוסישע געלט־סיגנאַציע; נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע אין 1917 יאָר, ווען ביי דער מאַכט איז צייטווייליק געשטאַנען קערענסקי. די „קערענקעס״ האָבן קיין שום ווערט נישט געהאַט.

קנאַבל־שינקע, נישט געוואַשענע שפּיץ־פינגער. ער, דער פּאַלטאַווער ערל, פלעגט בשעת מעשה שנאָרכען און דער קנאַבל־געשטאַנק, צוזאַמען מיט זיין כראָפּען האָט זיך פון אים געטראָגן אויף אַ מייל... און איך, וואָס פלעג פרווון איינטוליען שטשילנע מיין קאָפּ אין מיין אַרעסטאַנטישן וויגּ־טערדיקן אויערן־היטל, כדי די מייזלעך זאָלן נישט אַריינעמען אין זייער פריילעכן, האַפּקענדיקן קאַראַהאַד, אויך מיין „האַלדז־און־נאַקן", נישט אַרומשפּרינגען אויף מיין געזיכט, פלעג איך די גאַנצע נאַכט, ביז באַ־גינען, קיין אויג נישט קענען צומאַכן, אַזאַ מין פּיין! און טומלען, פראַ־טעסטירן? — האָב איך גוט געפילט, וועט מיר פון דעם קיין גוטס, אויסער שפיכות־דמים, נישט אַרויסקומען. איך וועל מיט מיין קאָכן זיך, בלויז צעבינדן ביי די גזלנים, די יידן־פרעסער, די צינגער, איך וועל זיי מיט דעם דערלאַנגטן „צוקער־לעקעכלעך" פון שפּעטן און באַפּאַלן מיך סתם, פון אַנטיסעמיטישן פאַרגעניגן־וועגן. איך האָב שוין געזעהט אַביסל לאַגער־דערפאַרונג... איך האָב זיך אפילו געענוי פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי זיי וועלן מיר אין די אויגן, אָדער הינטער די אויגן, צעלייגן דעם ענין אויף זייערע „בריטקע־טעלערלעך": „וואָסי? דער אוקראַינער געפעלט אים נישט פּאַר אַ שכן? אַזוי גאָר? און אפשר געפעלט נישט דעם פּאַלטאַווער זיין שכן, און שווייגט... אַ פאַראַליזירטער, נעבעך... זאָל ער, דער פּיסאַטעל מיט די אָרדענס... שרייבן צו סטאַלינען און צו וואָראָשילאָוון אַ זשאַלאָבע (אַן אָנקלאַגע), וועלן זיי אים אינעם אינוואַלידן־באַראַק אויסשטאַטן אַ ראָס־קאָשנע, לוקסוסאָווע ספּאַלניע (שלאָף־צימער) מיט אַלע באַקוועמלעכ־קייטן..."

אומגעפער, אַזוי וואָלט געשען, ווען איך נעם אין באַראַק קרימען זיך און באַקלאָגן זיך אויף מיין שכן. האָב איך זיך געמאַכט נישט וויסנדיק, געשטיקט אין זיך מיינע מאַטערנישן און געפונען אַ ראַטונעק — איך בין אַוועק אויף נאַכט־אַרבעט אין דער לאַגער־קיך צו שיילן קאַרטאָפּליעס. אַ סך בעלנים איז אויף דער אַרבעט נישט געווען און אַהינצו, אין דער קיך אַריין, פלעגט דער לאַגער־קאָמענדאַנט (פון די אַרעסטאַנטן) טרייבן דער עיקרשט די זעקאַ פון דעם אינוואַלידן־באַראַק. געקומען באַגינען פון דער סטאָלאָווע, פלעג איך ווי אַ געהרגעטער איינשלאָפן אויף מיין נאַרע און, אפשר, מער פון אַ פּאָר שעה נישט געהערט מיין שכן. נאָר אַנומלט, איך קער זיך אום באַגינען פון דער אַרבעט, באַגעגנט מיך ביי דער באַראַק־טיר שאַקאָראָוו, פון די בוכאַרער, און גיט מיר איבער אויף זיין צעקאַליעטשעטן רוסיש די בשורה: „דיין שכן איז שוין ביי מאַזע־באַכן... „אוזשע קיפּיט... בוכשטעבלעך באַדייט עס — — „קאַכט שוין"... נאָר ביי שאַקאָראָוון האָט עס געהייסן יציאת נשמה. און וועגן מאַזעבאַכס סטאַציאָנאַר אין דעם אינוואַלידן־באַראַק האָבן זיך שוין די ראַבאָטיאַגעס,

פון דעם לאַגער־־פּונקט בייז געוועדטלט: „דעם פאַשיסט מאָזעבאַכס מאַרג אינעם סאָוועטישן לאַגער...".

קאַרטאָפל שיילן

אין פלוג דוכט זיך, מה רעש? וואָס מאַך איך אַ וועזן פון אַ גאַנצער נאַכט קאַרטאָפל שיילן? — ס'איז גרינגער ווי די מאַרדעוואַניע אין וואַלד, בעת עס גריזשען דיך די מאָסקיטן. און ווינטער ביסטו אויך נישט דאָרטן, אין די קלעמער פון די בייסיקע ביטערע פרעסט, נאָר אין דער וואַרעם און אין דער ליכטיק.

קאַרטאָפל שיילן נישט מער ווי אָן 8 — 10 אַלטע לייט פון דער אינוואַלידן־בריגאַדע, אין אַ זייטיקן חדר פון דער לאַגער־סטאָלאָווע. מען באַלעוועט נישט איבעריקס די אַרעסטאַנטן פון טיישעטלאַג מיט קאַרטאָפל. אויב אין דער בלעכענער שיסל דרייען זיך אַרום, ווי אָזי אַ קאַרוסעלע, אַ צוויי־דריי צוגעפוילטע, האַלב־דורכגעפרוירענע בולבעס און וועסט פּאַראיינס נאָך אין דעם אַריינברעקלען אַ פּאַרסאַזשעטן, ווי אַ קוימען־קערער, שוואַרצן סוכאַר, מעגסטו זיין מיט אַזאַ באַלאַנדע־זופּ גאַנץ צופרידן. און דאָך באַדאַרפן מיר, די קאַרטאָפל־שיילער, אין משך פון דער נאַכט אָנשיילן אויף פרישטיק, וואַרעמעס און וועטשערע. פאַר מער, ווי אַ 500 אַרעסטאַנטן אַ הויכע, ברייטע קאַדקע קאַרטאָפל. מען מוז נאָך אינזינען האָבן, אַז אין די סיבירער נעכט, נישט אויסצוהאַלטן, ווי לאַנג זיי ציִען זיך, טראָגט דער טייוול אָן צום שעף־קוכער נישט געבעטענע געסט — פלוימעס נאַדזיראַטעליעס, גרעסערע און קלענערע לאַגער־נאַטשאַלניק־לעך, און דער שעף־קוכער, אַן אַרעסטאַנט פון די קובאַנער קאָזאַקן, געוויס פון די וולאַסאָווצעס, האָט אויס חניפה און מורא פאַר אַ„שלעכט אויג", מען זאָל אים אין די גרויסע פרעסט נישט שיקן אין דער טייגע בוימער צו זעגן, טוט אַלץ, כדי אויף אין דער גיך צוגרייטן פאַר די „אַקאַלישקעס" פולע פאַטעלניעס מיט פייניקע, פעט־צוגעברוינטע קאַרטאָפלעך, פאַר־שטייט זיך, אויפן חשבון פון דער „אַרעסטאַנטישער קאַדקע" און רייסט נאָך אַראָפּ פון די גראַמען פעטס, וואָס באַלאַנגט צו די 500 זעקאַ, און ביים פרעסן, קומט דער אַפּעטיט. איילט דער שעף־קוכער אַריינצושיקן

צו אונדז זיינעם אַ משרתל — אַ „שעסטיאָרקע*), מיר זאָלן אין מאָמענט דערלאַנגען פון די שוין אָנגעשיילטע נאָך אַן עמערל פון די גרעסערע און שענערע... ווערט שוין אין באַק אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל וויניקער.

...ס'איז שוין האַלבע נאַכט... ביי אַמינאָוון, דעם מוהל פון סאַמאַרקאַנד, קלעפּן זיך די אויגן, ער קען נישט גובר זיין דעם שלאָף. דאָס שייל־מעסערל פאַלט אים אַרויס פון די הענט. און דער דייטש דער צעדרייטער, מיט אַ מיש אין קאָפּ, דער איינציקער פון די דייטשישע „קאָמעראַדן־קאָ־מוניסטן" אין לאַגער־פּונקט (די מ. ג. ב. האָט זיי אויך „דעמאַסקירט", פאַרמשפּט פאַר שפּיאָנאַזש), פּיניעט, קאָכט און פלוכט אַלץ און אַלעמען, פּאָכעט אין דער לופטן מיט זיין שייל־מעסערל און פּיפּקעט מיט זיין פּייקע, נאָר אין דעם געפּעס קומט פון דעם קיין אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל נישט צו. איינעם פון די ווייסע עמיגראַנטן איז געראָטן אין דער קיך אַרויסצושלעפּן אומבאַמערקט פון אַן עמער אַ פּאָר שטיקלעך רויע, פון די שוין אָנגעשניטענע, צוגעגרייטע קאַמבאַלע־פיש אויף צו אַריינוואַרפן עס אין דעם קאָך־קעסל פון דער זופּ־באַלאַנדע, האָט ער דאָס זיך ווערגנ־דיק, איילִיק, רויערהייט אויפגעגעסן און עס האָבן אים אָנגעכאַפּט קראַמפּן אין בויך. לויפט ער אַ ווײַלע צו דער „פּאַראַשע". צווישן די 8 — 10 אַלטע לייט בין איך, דער אינוואַליד, דער ייִנגסטער. קען איך נישט זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט. רויכערן, רויכער איך אויך נישט. שייל איך שנעל, שנעל, אַ קאַרטאָפל נאָך אַ קאַרטאָפל. דער סאַראָקער בוכהאַלטער, אַ געזונט אין אים, שיילט ווי אַ מאַשין. און נאָך אַ זאַך, די עיקרדיקע: אין מיטן אָקטאָבער־חודש שטעלן זיך שוין אין דער אירקוטסקער טייגע שטאַרקע פרעסט, און יעדן אָוונט, נאָך פאַרן קומען אין דער סטאָלאָווע, טראָגט מען אַריין אין מיטן פונעם חדר, וווּ מיר אַרבעטן אַ קאַדקע קאַר־טאָפל שוין האַלב מיט אייז און גליווער־וואַסער. יעדער איינציקער קאַרטאָפל איז אַרומגעפּעלצט מיט קרירה. ווען איך לאָז אַראָפּ אין פּאַס מיין האַנט אָנצושעפּן אויף צו שיילן אַ שיסל קאַרטאָפל, איז ביז איך טו עס, שטעקט מיין האַנט אינעם אייז־וואַסער. די קעלט, דער ליאָד, פאַר־גייט מיר אַזש מיט שטעכעניש אונטער די נעגל. און אַז מען מוז אַרבעטן שנעלער, קוקט מען שוין נישט, צי עס איז דאָ אַ שיסל אונטער דער האַנט, צי נישט און איך צי אַרויס פון דער פּאַס די קאַרטאָפל זשמע־ניעסווייז, שקראַבע זיי אָן פון דאָרט מיט די פינגער. איז מיין האַנט, די

---

*) שעסטיאָרקאַ — רוסיש — דאָס זעקסטל פון דער קאָרטן־טאַליע, געמיינט — אַ סאַמע נישט־ווערטיקער, ביליקער טעלער־לעקער, וואָס רייבט זיך, ווי אַ הונט אַרום זיין בעל־הבית. קוקט אים אין די אויגן און גרייט די נשמה צו פאַרקויפן פאַר אַ זעקסער...

לינקע, כמעט די גאַנצע צייט אין אייז, ווייל איך נעם נאָך אויך אָן קאַרטאָפל פאַרן בוכהאַלטער, וואָס אים איז עס נישט צו דער האַנט צו טאָן. און ווען עס קומט שוין צו נענטער צום דעק פון דער קאַדקע, ווערן די קאַרטאָפל מיזערנער, דריבנער, און דער דייטש, דער „קאַמעראַד" מיטן מיש אין קאָפּ, כעסט זיך, גייט אַרויס פון די כלים, קאָמיש צו קוקן, ווי ער וואָלט אין יעדער פּיטשינקער בולבעלע איינגעזען זיינעם אַ דם־שונא: „מען קען עס נישט שיילן, עס גליטשט זיך, צום טייוול, פון די הענט, עס איז שייזע..." און וואַרפט עס און שליידערט, שוים רינט אים פון די ליפּן, ער פּיפּקעט און שיט פונאַנדער די קאַרטאָפלעך צוזאַמען מיט די פּונקען פון זיין פייקע...

ס'לויפט אַריין אין חדר דער שעף־קוכער און כאַפּט אַ קוק, צי עס איז שוין פול דער באַק. ער טוט אַ נעם פון דער הרודע אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל עטלעכע אין דער האַנט און באַמערקט אויף איינער אַ שאָלעכץ־פּאַסיקל, נישט דערשיילט, און מאַכט אַ ויצעקו מיט אַ שלל „רוסישע ברכות": „די ראַבאַט־אַגעס וועלן מיך צערייסן ווי אַ הערינג. איך וועל זיי שיקן אין וואַלד אַריין אויף מיטאָג שאָלעכץ? — עס וועט דערגיין צום „אָפּער"*, און וואַרפט אין מיין זייט פייערדיקע בליקן... אין אַלץ איז דאָך, פאַרשטייט זיך, דער ייד שולדיק...

קורץ, וואָס איז דאָ לאַנג צו ברייען: בלויז אין משך פון אַ פּאָר חדושים זיינען ביי מיר אַלע פינף פינגער פון דער לינקער האַנט געשוואָלן געוואָרן. זיי האָבן זיך שוין לחלוטין נישט געבויגן אין די געלענקען און צווישן די פינגער האָט זיך צעפלאָסן אַ בלעזלדיקע געשווילעכץ־הייטל. מיין דלאָניע איז געוואָרן קאַפּענע ענלעך אויף אַ לאַפּקע פון אַן ענטל... איך האָב שוין אַבסאָלוט נישט געקענט נעמען אין האַנט דעם שייל־מעסערל. אָט דאַן האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט, דער יונגער מאַדיאַר (אויך פון די זעקאָ) באַזייטיקט מיך פון דער קאַרטאָפל שיילעכטס. פון דער פיינפולער האַרעוואַניע און פון נישט שלאָפן קיין נעכט, און בייטאָג איז אין דעם אינוואַלידן־באַראַק אומ־מעגלעך געווען אָפּצורוען צוליב דעם שטענדיקן גרויסן טומל און געשטאַנק פון די איבער 150 אַלטע, קראַנקע מענטשן, וואָס פלעגן היניען אין באַראַק, האָב איך, ווייזט אויס, באַקומען די גאַר פיינע מראה פון אַ „דאָכאָדיאַגע". אָט טאַקע פונקט, ווי מיין מאַמע פלעגט מיך ייִנגלווייז רופן „אַ גרינע טויז". נאָך גוט וואָס איך האָב ביי זיך קיין שפּיגעלע נישט געהאַט צו איבערצייגן זיך אין דעם, וואָס פון מיר איז געוואָרן. אמת, אַנומלט האָט מיך אויף דער לאַגער־טעריטאָריע דערזען בראָדסקי דער פאַריק־מאַכער, האָט ער זיך דער־

* „אָפּער" — רוסישע ראשי תיבות פון די ווערטער — אָפּעראַטיווער טוער, געמיינט דעם דירעקטן הויפּט־פאַרשטייער פון דער מ.ג.ב. אין לאַגער.

שראָקן: „וואָס איז מיט דיר? ביסט נישט געזונט? קום אַריין, וועל איך דיר אָנשמירן אַ שטיקל פּוטער מיט ברויט..."

פאַרשטייט איר שוין, אַז אויך קאַרטאָפל שיילן דורך די נעכט אינעם מזרח־סיבירער סאָוועטישן שקלאַפן־לאַגער איז — עבודת פרך...

די לאַגער־באָד

וואָס פאַראַ קוועלעניש, מאַטערנישן און פּלאָגן, חרפה און אימה פלעגט אויסקומען איבערצוטראָגן בעתן זיין אין דער לאַגער־באָד. פאַר די זעקא — די אַלטע לייט און אינוואַלידן איז דאָס געווען סכנה־נפשות. אין דער באָד פלעגט מען גיין באַראַקנווייז און דער באַראַק פון די זקנים און פון די קרומע־לאָמע איז אַהין געגאַנגען תמיד אין דער לעצטער ריי, נאָך דעם, ווי ס'האָבן זיך שוין געהאַט געבאָדן די לאַגער־פּני, די ראַבאָטיאַגעס, די וואַלד־העקער.

דער ווינטער איז אין דער אירקוטסקער טייגע געווען אַ מסוכנער, אַן אכזריותדיקער און האָט זיך געצויגן ניין חדשים. מיר האָבן שוין אַפילו פאַרגעסן וואָס דאָס הייסט אַזוינס „געפּלאַצט דער פראָסט", אָדער — אַן „אָדליגע". ביז סוף מערץ זענען די טרוקענע אירקוטסקער פרעסט געווען פלאַם־פייערדיקע, ספּירטאָווע און, מערקווירדיק, נישט קיין ווינטיקע — שטילע, זוניקע פרעסט, נאָר דער הויך פונעם מויל ווערט תיכף נאָך אין דער לופטן פאַרוואַנדלט אין אַן אייז־צעפּל; דו פילסט גאַרנישט, ווי עס פרירט דיר אָפּ אַ שטיקל באַק, די מאָרדע, דער שטערן... דו מוזט די גאַנצע צייט, וואָס דו ביסט אינדרויסן רייבן און שאָבן די צורה. און ווי דו זאָלסט נישט לעכצן נאָך אַ הייסן קאָפּ וואַסער, אַראָפּצושווענקען פון זיך דעם באַראַק־ברוד, פאַרקאָפּטשעטקייט, אַ שאַרעווע טאָן די בייסעניש פון דיינע אויסגעסאָכניעטע ביינער, איז אָבער די מורא און אָפּקומעניש פון דעם גיין אין דעם לאַגער־מרחץ געווען נאָך שטאַרקער. און מע האָט אונדז דעריבער אַהין געטריבן מיט צוואַנג און דראָונג, פּונקט אַזוי, ווי צום באַגינענדיקן און אָוונטיקן קאָנטראָל־אַפּעל. עס איז אונדז נישט ניחה געווען און פריקרע דאָס באָדן זיך, ווייל דו שטעלסט איין דאָס רעשטל פון דיין נעבעכדיק, גרויליק לאַגער־לעבן אין קאָן.

ביז דו שלעפּסט אַראָפּ פון זיך אין דעם קרירה־קאַלטן פּאָדער־צימערל די אָנגעפרינדזיעטע אייגענע און קאַזיאָנע שמאַטעס, די שפּענצערס, די לייבלעך, די שאָליקלעך, צו דערוואַרעמען די עצמות, די פאַרשמאָלצענע פּופּייקע, דעם פאַרמיאוסטן, האַרטן, ווי פעל, בושלאַט, די וואַטאָווע הויזן,

ווי ברייטע ציגיינערישע שאַראַוואַרעס, די אָנעטשעס, די פּאַסטעלעס אַ מין אויסטערלישער סאָרט אַרומגעוויקלטע לאַגער־כאָדאַקעס און באַדאַרפּסט עס אַלץ אויפּאינדערגיך מיט שפּיצן און עקן איינס מיטן אַנדערן צונויפּלעכטן און צונויפּשטייפן אין איין קנופּ, אַז ווי נאָר דער טאָטער־זעקאַ זאָל עס נאָכדעם נישט שליידערן אין דער דיזענפעקציע־קאַמער, זאָל זיך דיין קנופּ, חס וחלילה, נישט פאַנאַנדערבינדן נישט צעשטין זיך... אויב נישט, קענסטו דאָך דערנאָך זיין געצוווּנגען מיט אַ באָרוועסער פוס, צי אָן דעם אויערן־היטל, מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ לויפן דורכן ברענענדיקן פראָסט צום באַראַק.

ווען דער טאָטער האָט שוין פון דיר דיין פאַק שמאַטעס צוגענומען, שטייסטו אַ נאַקעטער אין דעם נישט־געהייצטן פאָדער־חדר און וואַרטסט, ביז דו קריגסט דאָס פיצל גרינע זייף. די דרויסן־טיר עפנט זיך און עס טוט אויף דיר אַ שפּאַר די פראָסטיקע פאַרע. עס העלפט נישט דאָס שרייען: „פאַרמאַכט גיכער די טיר”, ווייל די דרויסן־טיר עפנט זיך באַלד ווידער, מען קומט אַריין נאָכאַנאַנד, די שניידנדיקע דרויסן־קעלט כאַפּט פונסניי אַרום דיינע הוילע רמח אברים. און ווען דו שטופּסט זיך מיט מזל אַריין אין דעם נישט־גרויסן באָד־חדר, זוכן דיינע אויגן אַ וואַקאַנטע, ליידיקע, בלעכענע פושקע, וואָס פאַרבייט דיר אַ שעפל, אָדער אַ ראַשקע, אַ פרייען ברעקל פלאַץ אויף די צוויי, צי דריי הילצערנע בענק, נעענטער צו דער באָד־פאַס און ביז דו שטייסט אין ריי צום בעדער־זעקאַ, דעם הויכן לעט, ער זאָל דיר אין דער בלעכענער פושקע אָנצאַפּן פון דער באָד־פאַס די זייער קנאַפּע פאָרציע וואַסער, קענסטו זיך נישט איינמאָל אויסציען אויפן גליטשיקן פאָל אין די שמוציקע, מילינעס־לוזשקעלעך. און, אַז דו האָסט שוין ענדלעך איינגעאָרדנט זיך, ווייסטו ערשט נישט, וואָס פריער אָנהויבן צו טאָן — אָנזייפן דעם קאָפּ, די הענט, צי די פלייצע, ווייל איינמאָל און אַ צווייטן מאָל טונקסטו נאָר איין דיין וויכעטש־שמאַטקע אין דער פושקע און עס טאָגט שוין דאָס ביסל וואַסער. מיטן אָנגעזייפטן קאָפּ, אין די אויגן איז דיר גוט ביטער (און דען נאָר אין די אויגן?)... רוק איך זיך איבער דער באַנק (מיין פראָטעז האָב איך דאָך געבעטן אַרויסצוטראָגן אין פאָדער־צימער), אויסקליאַנטשען ביים הויכן לעט, ער זאָל מיר געבן נאָך אַ קאַפּ וואַסער אַראָפּצושווענקען די מילינעס... מיין ערגסטן שונא ווינטש איך נישט אַזאַ באָד... מיר, דעם אינוואַליד, קומט אָן נאָך שווערער דורכצומאַכן אַט די אַלע מאַניפולאַציעס. נאָר איך האָב צום לעט קיין טענות נישט, ווען ער נעמט זיך „קנייטשן”, בעת ער שטעלט ווידער מיין פושקע אונטערן קראַנט, איך האָב דאָך אַליין געזען, ווי ער האָט צוזאַמען מיט נאָך אַזאַ באַיאָרטן, הויכן לעט־זעקאַ, ווי ער, פון באַגינען אָן שווער געשלעפּט פון דעם לאַגער־ברונעם, אָן אַ שיער פאָר עמער צו דער באָד. און איך אָוונט ווען דאָך

קומען באָדן זיך די נאַדזיראַטעליעס (אויפזעערס), די „רויטע אָקאָלישקעס" און זיי פליוכען־אויס אַ ים מיט וואַסער, אָן קיין שום נאָרמעס.

אין דעם רעכטן מיטן פון אונדזער שיינעם וואַשן זיך, לויפט אַריין דער לאַגער־פאַבריקמאַכער, דער אַלטער לץ בראָדסקי (אַ מאָסקווער ייד, אַן אַסט־מאַטיקער. אויך אים האָט סטאַלין „געבענטשט" מיט אַ „פינף־און־צוואַנ־ציקער"), אין דער האַנט האַלט ער הויך דעם גאָל־מעסער, שרייט און פרייכט:

— זעקאַלעד, זיבעצניאַריקע, אַכצניאָריקע, זייפט אָן די „ענגע ערטער", דער נאַטשאַלניק האָט באַפוילן אַרומראַזירן, אויב ניט, פאַרשפאַרט ער מיך אין קאַרצער...

און יעדערער (אָ, דער דראַנג צו לעבן!) באַמיט זיך מיט דער דלאָניע צו פאַרשטעלן זיין „שין מם קוף" און אַז עס קומט צו מיין ריי, סטאַרע איך זיך פעסטער צו האַלטן אויף דער גליטשיקייט פון דער באַנק, איך בין דאָך אָן דעם פראָטעז, בראָדסקי זאָל קענען צוטריטלעכער און פאַר מיר מיט וויניקער געפאַר צו טאָן די פאַסקודנע אומווירדיקע אַרבעט, ביי וועלכער איך דערפיל מיך פולשטענדיק אין דער הויט פון אַ שקלאַף און בידלע. און ער, בראָדסקי חכמעט זיך נאָך דערביי:

— אַנו, חיימקע, טשליען סאָיוזאַ פיסאַטעליי, בירָאָבידזשאַניעץ, אַמערי־קאַנסקי שפיאָן, לאָמיך דיך אַ צווייטן מאָל מוהל־זיין... און אין דער שטיל טוט ער צו מיר אַ פאָנפע מיט דער אַסטמע, שוין נישט אויף גוייש, בלויז איך אַליין זאָל הערן: „איי, ווערן זיי איינגעבראָכן אין אַ ליכטיקער שעה, טויזנט דונערן זאָלן אין אים טרעפן, טאַטעניו האַרציקער"...

און אַז מען קומט שוין אַריין צעוואַרעמטע אינעם פאָדער־צימער, ווו מען קען וועלף אַרומטרייבן, טרייסלען מיר זיך און טוליען זיך צו די אייגענע ביינער, וואַרטן ביזקל דער טאָטער וועט פון דער דיזענפעקציע־קאַמער אַריינשלעפן אויפן לאַנגן שטעקן די קנופן קליידער־שמאַטעס, וואָס זענען גליאיק־הייס, נישט צוצורירן זיך און יעדער הויבט אָן נישטערן און ציען, צו געפינען זיין „קנופ". די קופע קליידער פאַלט אויפן דיל און עס ווערט „אַ קוטשע מאַלע" — אַ באַרג מיט טראַנטעס.

אין אָט דער רעגע רוקט דיר אין זער האַנט דער בריגאַדיר פון דער אינוואַלידן־בריגאַדע איוואַן יאַקאָוולעוויטש יודין (שטאַרק אַ קורצזיכטיקער, כמעט אַ בלינדער זעקאַ) „די וואַרעמע ווינטער־וועש" — אַ דינע זומער־מייקעלע מיט טרוסיקלעך — אַן אומדערהערטע עמגעביסטישע זדעקעריי איבער אַלטע, קראַנקע לייט. און די דרויסן־טיר האַלט זיך ווידער אין איין עפענען און פאַרמאַכן און ביז דו ציסט אַרויף אויפן צעפאַרעטן לייב־און־לעבן דאָס שמאָלינקע, כמעט קינדערשע, זומער־העמדעלע, ביז דו קריכסט אַריין אין די פיצאָליקע אייגענע און קאַזאָנע מלבושעכצן, דאַרפסטו זיין שטאַרקער פון אייזן אויסצוהאַלטן עס. און זעלטן ווען דאָס גייט דורך

גלאַט, עס זאָל עמעצער, איינער, צי צוויי פֿון די שוואַכערע, אויסגעצערטע, נישט כאַפּן אַ לונגען־אַנצינדונג און אין משך פֿון געציילטע טעג „פֿאַרברענט ווערן" אין דעם מעדיציניטשן לאַגער־איזאָלאַטאָר, ווייל קיין שום רפֿואות, וועלכע זאָלן קענען ראַטעווען אַן אַלטן מענטשן פֿון פּנעוומאָניע, איז אין לאַגער נישטאָ. טשעקאַ וועט וועגן דעם נישט זאָרגן... און די טרונע, דעם „הילצערנעם בושלאַט" מאַכן דאָך סיווי אין דער סטאָלאַרקע פֿון דער „ראַבאָטשאַיאַ זאָנאַ" אַליין די אַרעסטאַנטן־שקלאַפֿן, דער מאַכט קאָסט עס קיין צעבראָכענער צווייער נישט און קיין בוימער אין דער טייגע אויף טרונעס צונויפֿצושלאָגן פֿעלן נישט. איז נישט קיין ווונדער, אַז פֿיל פֿון די זעקאַ פֿון דעם אינוואַלידן־באַראַק האָבן זיך מיט אַלע תּחבולות געקליגט ווי אַזוי אויסצומיידן די געפֿערלעכע לאַגער־באָד.

דאָך, ווילט זיך מיר, נאָך אַלע מיינע טורמע און לאַגער־מוטשענישעס, ביי אָט דער געלעגנהייט דערמאָנען מיט אַ גוטן וואָרט די רוסישע קייסערינע, יעקאַטערינאַ די גרויסע, די זעלבע, וועלכע האָט זיך איבערגעשריבן מיטן באַרימטן פֿראַנצויזישן פֿילאָזאָף וואָלטער. און זאָלן מיר מוחל זיין אַלע אַלטע רעוואָלוציאָנערן, די עסערן, אַנאַרכיסטן, וואָס איך דערמאָן זי צום גוטן, דאָס האָט זי, יעקאַטערינאַ די גרויסע, מיט אַ קנאַפּע פּאָר יאָרהונדערט צוריק באַפֿוילן מיט איר אימפּעראַטאָרישער גנעדקייט אויסצושטאַטן פֿאַר די רוסישע אַרעסטאַנטן און בוגדים במלכות, אין די אונטערשטע קעלערן פֿון דער מאָסקווער תּפֿיסה „בוטירקי", אַ גרויסאַרטיקע, פֿירשטלעכע באָד, אַ באָד — אַ פּאַלאַץ, מיט גרויסע זאַלן,ברייטע מירמלנע בענק, מירמלנע אָפּרו־קושעטקעלעך און שאַפֿקעלעך מיט אָן אַ שיר קראַנטן און שוויץ־טרעפּ און טרעפּלעך, מיט קאַכלנע, געצירטע ווענט און דילן.

ווען מען האָט מיך נאָכן אורטייל אין לעפֿאָרטאָווע אַריבערגעפֿירט אין דער מאָסקווער בוטירקי־תּפֿיסה, צו וואַרטן אויפֿן עטאַפּ אין לאַגער אַריין, האָב איך אַ צוויי, צי דריי מאָל, געהאַט די זכיה צו וואַשן זיך אין אָט דער גרעפֿישער באָד. און אָן אַ גוזמא — אַזאַ מין קאָמפֿאָרטאַבעלע באָד־שיינקייט, באָד־רחבות איז מיר אין מיין לעבן נישט אויסגעקומען צו זען. איך געדענק, אַז איך האָב ביי איינעם אַן אַרעסטאַנט — אַ גוי געבעטן, ער זאָל זיך מטריח זיין אַרויסצוטראָגן מיין פּראַטעז אין פֿאָדער־זאַל, אַז איך וועל אים דערנאָך ערלעך אויסרייבן די פּלייצע. און איך האָב עס טאַקע געטאָן, געשייערט מיט מיינע דעמאָלדיקע כּוחות זיינע אַרעסטאַנטישע ביינער און ריפּן. איך האָב נאָך געזאָגט צו אים: „שעם זיך נישט, שפּרייט זיך אויס אויף דער באַנק, ווי אַ פֿירשט". די מירמלנע באַנק איז אַ ברייטע און אויך פֿאַר מיר האָט געקלעקט אָרט. איך האָב זיך איינגעמאָסטיעט נעבן אים און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל זיך דורכגעגאַנגען מיטן אָנגעזייפֿטן ראָגזשע־וויכעטש איבער זיין גאַנצן גוף (אַ הויכער פֿויער געווען). און ער איז מיר נישט געבליבן קיין

בעל־חוב, ער האָט דאָס זעלבע געטאָן מיט זיינע „ידי עשו", אַראָפּגעשאָבט פון מיר, אַראָפּגעשווינקט דעם יאָריקן טורמע־ברוד פון דער כאַבאַראָווסקער „אָדינאָטשקע" (איינצל־קאַמער). ער האָט מיר געהאָלפן אַריבערצוזעצן זיך נאָענט לעבן איינעם פון די קראַנטן ,איך זאָל קאָנען באַקוועם מישן אין מיין עכטן, טיפן באָד־שעפל הייסע, מיטעלע און לעבלעכע וואַסער, וויפל מיין האַרץ געלוסט און פּאַליושקען זיך, ווי אַן ענטל און אָפּגעבן זיך מיט אַ פול־פולן שעפל, אַמאָל צען אַוודאי מיט איינגענעם־קילן וואַסער, פאַרכליניענדיק זיך, אָטחיהן מיין טריבע נשמה.

און נישט איך האָב ביי אים געפרעגט, ווער און פון וואַנען ער איז און נישט ער מיך. ביידע זענען מיר אין אָט דער אָדעליקער, קייזערלעכער באָד געווען גלייכע יחסנים, נאַקעטע, ווי די מאַמע האָט אונדז געהאַט, סאָוועטישע אַרעסטאַנטן.

מיין לאַגער־נומער...

אינעם בלוטיקן 1937־טן יאָר, בין איך אין מינסק געווען נאָענט מיטן יידישן דיכטער הענעך שוועדיק, מיט מיין צוקונפטיקן שוואָגער, געאייניקט האָט אונדז ביידן דאָן, אויסער אַלעמען, דער פאַקט, וואָס די נ.ק.וו.ד. האָט אונדז דאַן ביידן געלאָזן אָן ברויט, מיך האָט מען פאַר נאַציאָנאַליזם אַראָפּ־גענומען פון דער „אַרבעט אין דער קינדער־צייטונג „יונגער לעניניעץ" און אויסגעשלאָסן פון קאָמיוג און אים, שוועדיקן איז געווען אויסגעדריקט פּאָליטישער אומצוטרוי, ווייל די נ.ק.וו.ד. האָט אַרעסטירט דאַן זיין שוואָגער דעם דעמאָלדיקן פּאַרטרעטער פון מיניסטער פאַר פאָלקס־בילדונג אין ווייסרוסלאַנד יוסף גערשאָן, דערקלערט אים אַלס שונא פון פאָלק און געשאָסן.

למען האמת, בין איך זיך מודה און מתוודה, אַז אָנטפּלעקט האָט זיך פאַר מיר אין איר גאַנצער קאָלאָסאַלער גרייס די פּאַנאָראַמע פון סאָוועטישער „ווירקלעכקייט" ערשט דאַן, ווען מע האָט מיך אַליין פאַרשטופּט אין סטאַלי־נישן טויט־לאַגער, נעמלעך, אין „טייִשעטלאַג".

מיין אַרעסטאַנטישער לאַגער־נומער איז געווען — אויף רוסיש — A.H. 911 — א.נ.־911 (אומגעפאַר, מיין איך, אַז אַזעלכע לאַטעס אָן אַ נומער האָבן געטראָגן אין מינסקער געטאָ מיין מאַמע אסתר־ברכה, מיין פרוי סטערע און מיין זיבניאָריקער זון נפתלי נאָך מיט צען יאָר פאַר דעם אינעם 1942־טן יאָר).

מיין נומער א.ג.־911 האָט שטענדיק באַדאַרפט זיין נישט צעקנייטשט, אויסגעגלעט, דייטלעך, און צוגענייט איין לאַטע־נומער אויף דער קני פון לינקן פוס (ביי מיר איז דער נומער געווען אויפן פּראַטעז) און די צווייטע לאַטע אויפן רוקן פונעם שוואַרצן בושלאַט — דער אַרעסטאַנטישער אייבער־בגד. האָט דער זעקאַ אויף די סיבירער בלענדנדיקע שנייען. אין זיין בושלאַט אויסגעזען, ווי אַ שוואַרצע וואָראָנע...

דער סוד פון מיין לאַגער־נומער איז פאַר מיר צוערשט געווען נישט צוטריטלעך, נאָר ביסלעכווייז האָב איך דעם טשעקיסטישן „קראָסוואָרד" אַליין, אָן קיינעמס הילף „צעקייט". גאַנץ איינפאַך און פשוט. יעדעס איינציק אות אינעם נומער האָט באַטראָפן — 1000 אַרעסטאַנטן. דער ערשטער „א" פון נומער האָט באַטייט, אַז דער גאַנצער סדר פונעם רוסישן אלף־בית מיט די 32 בוכשטאַבן איז שוין איין מאָל דורך. דאָס הייסט, אַז 32 טויזנט מענטשן האָבן זיך שוין לאַנג געמוטשעט אַלס פּאָליטישע פאַרברע־בער, סאָוועטישע שקלאַפן אין די לאַגער־פונקטן פון דער גרויסער לאַגער — „באַלעבאַטישקייט" — טיישעט־לאַג. אַצינד גייט נאָכן „א" אין מיין נומער דער בושטאַב — „ג" דאָס האָט געהייסן, אַז נאָך דעם ווי איין פולער אלף־בית מיט אַרעסטאַנטן זענען שוין געווען — „איינגעגלידערט" אין טיישעט־לאַג, איז מען אַריבער „ציילן" דעם אלף־בית דאָס צווייטע מאָל, און פון א ביז ג האָט איר אַ קיימא־לן פון 13 בוכשטאַבן, ציילט אדרבה איבער אויף די פינגער, הייסט עס, אַז אויסער די 32 טויזנט מענטשן — נומערן זענען ביז מיר צוגעקומען אין טיישעטלאַג נאָך 13 טויזנט מאַן דערנאָך פיגורירט אין מיין נומער דער ציפער 911. ער האָט באַטייט, אַז ביזן וויטערדיקן רוסישן בוכשטאַב O (אָ) פעלן נאָך 89 מענטשן־נומערן. אין אייניקע טעג אַרום איז אויף אונדזער לאַגער־פונקט געקומען נאָך אַ פרישע גרופּע אַרעסטאַנטן און ביי זיי האָבן זיך שוין טאַקע געצירט אויף די לאַטעס די בוכשטאַבן (— אַ אָ —) און אַזוי ווייטער. די נומערן זענען געוואַקסן און געענדערט זיך. בעת מיין זיין אין טיישעטלאַג האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט אַרעסטאַנטן מיט די בוכשטאַבן „פּ" און „ר".

לאַנג האָט מען די אַרעסטאַנטן אויף איין לאַג־פונקט נישט געהאַלטן, אַ צוויי דריי חדשים. מע האָט זיי, ווי טשערעדעס שאָף איבערגעטריבן פון איין לאַג־פונקט אויפן אַנדערן לענגויס דער גאַנצער טראַסע, פאַזע דער אייזן־באַן־ליניע טיישעט — אייבאַקאַן. און לאַג־פונקטן איז אין אירקוטסקער געגנט געווען קיין „עין־הרע", זייער אַ סך, אַזוי ווי די וואָראָנע־נעסטן אויף די יעלן און סאָסנעס אין דער טייגע.

מע האָט די „שונאים פון פאָלק" געמישט און געטוישט, אַזוי ווי קאָרטן, זיי זאָלן זיך נישט „זביוכען" צווישן זיך, זיך נישט קאָנען אָרגאַניזירן צו אַנטלויפן, אָדער צו מאַכן בונטן און אויפשטאַנדן.

די אַרעסטאַנטישע נומערן אויף די צעפּליקטע פֿאַרשמאָלצענע וואַטאָווע הויזן און אויף די צעקנייטשטע צעסמאָליעטע בושלאַטן זענען געווען צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, טאָמער וועט עמעצן איינגעבן זיך אַריבערקריכן דעם הויכן צוים מיט שטעכדראָט, זאָל מען קאָנען אין אים בעסער צילן און צווייטנס ווייל אין די סטאַליניש לאַגערן זענען שוין די מענטשן קיין מענטשן נישט געווען, בלויז פֿאַרשיפֿרירטע נומערן.

שטאַרבט אַוועק אין לאַגער אַן אַרעסטאַנט ווינטער־צייט, לייגט מען דעם בר־מינן אַוועק אין איינע פֿון די ענגע בור־חדרימלעך („בור" — אַ ראשי תיבות וואָס באַטייט — באַראַק אוסיליענאַוואַ רעזשימאַ — אַהינצו פֿלעגט מען איינזעצן די אַרעסטאַנטן, וואָס זענען עובר דעם לאַגער־רעזשים — אַ תפיסה אין אַ תפיסה — אין די ווינטער־חדשים איז דאָרט געווען געפֿערלעך קאַלט), ביז מע וועט אין דער אַרבעטער־זאָנע פֿאַר דעם טויטן צונויפֿשלאָגן אַ טרונע — דעם „הילצערנעם בושלאַט".

אין משך פֿון די פֿאַר מעת לעתן פֿלעגט שוין פֿון דעם בר־מינן אין „בור"־חדרל ווערן אַ שטיק אייז, די קעלט דערגרייכט דאָך ווינטער אין אירקוטסקער געגנט ביז 50 ־ 55 גראַד. נאָר אַלציינס, איידער מע האָט דעם בר־מינן אַדורכגעפֿירט דורך דער לאַגער־וואַכטע צו באַגראָבן ערגעץ אויף אַ געהיימען בית־עולם פֿאַר די „שונאים פֿון פֿאָלק", פֿלעגט מען צום גראָבן פֿינגער פֿון זיינעם אַ פֿוס צובינדן אַ „בירקע" מיט זיין אַרעסטאַנטישן נומער. און דורכפֿירנדיק דעם געשטאַרבענעם „זעקאַ", פֿלעגט אים דער דעזשורנער „נאַדזיראַטעל" דערלאַנגען אַ זעץ מיט אַ גרויסן הילצערנעם האַמער אין שאַרבן — אַזאַ מין זעץ אין טויטנס קאָפּ האָט געהייסן — קאָנטראָלני אודאַר (קאָנטראָל־קלאַפּ), ווייל אַ קשיא אויף אַ מעשה, און ווי, אַז דעם פֿאַר־שטאָרבענעם אַרעסטאַנט האָט געראָטן איבערכיטרעווען די מ.ג.ב. און ער האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ טויטן, אָדער פֿאַרקערט, אפֿשר ווייל אַ לעבע־דיקער „זעקאַ" אויפֿן אָרט פֿונעם טויטן דורכשמוגלען זיך דורך דעם „קייזערלעכן טויער" — „צאַרסקיע וואָראָטאַ" אַזוי פֿלעגט ביי די לאַגערניקעס הייסן דער אַריינגאַנג־טויער אין סטאַלינישן שקלאַפֿן־לאַגער.

נאָר נישט דאָס בין איך אַצינד אויסן. וועגן די סאָוועטישע מאָרד־אַנשטאַלטן און אויסראָטונגס־קאָמבינאַטן איז טויזנט און איין נאַכט צו דערציילן. נאָר איך וויל זיך אַצינד טיילן מיט דעם, אַז גראָד אין די מיט שטעכדראָט אַרומגעצוימטע פֿאַרעיפּושטע באַראַקן אָנגעפּאַקטע מיט אומגליקלעכע, גוסטדיקע אַלטע לייט — „שונאים" פֿון פֿאָלק", וועלכע זענען טאָג און נאַכט באַוואַכט געווען דורך קוילנוואַרפֿערס, אויטאָמאַטן און „וואָלקאָדאַוון" — רוסישע סיבירער וועלף־הינט גראָד צווישן זיי האָב איך דערזען אַלץ וואָס עס טוט זיך דאָרטן „אויף דער פֿריי" אויף דער אַזוי גערופֿענער „גראַזשדאַנקע", אין דער מוראַדיקער גרויסער־

קאָמוניסטיש ־ רוסישער אימפּעריע. און דעם פאַרהעלטניסמעסיק נישט גרויסן לאַגער־פּונקט (500—400 מענטשן), האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער אומענדלעך „בלוטיק־גוואַלטצענער" סאָוועטישער ים מיט אָן אַן שיער מענטשלעכע־פּיין און יסורים. פּונקט ווי אויף אַן עקראַן, זענען פאַר מײַנע אויגן פאַרבײַגעגאַנגען די פּילצאַליקע קאַדרען פון דער „סאָוועטישערווירקלעכקייט", ווי אַזוי דער ריזיק־צעצווייגטער רוסישער זשאַנדאַרם־אַפּאַראַט מאַכט פון מענטשן, אויס מענטשן, ווי אַזוי אין די חושכדיקע נעכט „אָרודעוועט זיך" אומאויפהערלעך אין די מיט שוואַרצע לײַוונטן פאַרשטעלטע און פאַרהאַנגענע „ליכטיקע קאַבינעטן", ווו מען הערט נישט אויף צו קריכן די מענטשן מיט די שטיוול אין האַרצן, קאַליעטשען מענטשלעכע נשמות און געוויסנס.

ממש אונטערן חלף רייצט מען אָן קינדער אויף עלטערן, עלטערן אויף קינדער, ברידער אויף שוועסטער, מאַן אויף ווײַב.

אין משך פון איין גרויזאַמער נאַכט אַפּאַטושעט מען די ביז טויט־דערשראָקענע מענטשן, און היצעלס מיט רויטע היטלען שלעפּן זיי אָרום און יאָגן זיי, ווי הינט פון איין „ליכטיקן קאַבינעט" אינעם אַנדערן און מען מאַכט פון זיי „אַן אויג" איבער אַ נאָענטן פרײַנד, איבער אַ שכן, איבער אַ לערער און שעף. און אײַנער באַגראָבט דעם צווייטן... ווי אין אַ טייוולאָנישער רדיפה־מאַשין ווערן צעריבן, צעמאָלן מענטשלעכע געטריישאַפט ערלעכקייט און עלעמענטאַרע געוויסנהאַפטיקייט.

ביז מען האָט מיך פאַרזעצט אין לאַגער, האָב איך זיך נישט פאָרגעשטעלט וויפל פאַרשידענע גלויבנס, ניואַנסן פון גלויבנס, וויפל רעליגיעזע סעקטעס, לעגאַלע און האַלב־לעגאַלע ס'פאַרמאָגט דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד. אין די יאָרן 1949 — 1952, ווען מען האָט פאַר נאַציאָנאַליזם, קאָסמאָפּאָליטיזם פאַרטריבן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן צענדליקער טויזנטער סאָוועטישע בירגער האָט, די מ.ג.ב. מיט איין קלאַפּ פאַרשפּאַרט הינטער די שטעכדראָטן טויזנטער וואַנגעליסטן, יעהאָוויסטן, מאַלאַקאַנער, סובאָטניקעס, כליסטאָוצעס, מאָנאַכן, מיסיאָנערן, מוסולמענישע פריידיקער־מערסטנטייל אַלטע גרייז־גראָע לייט פון די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן אין רוסלאַנד און, כמעט, אַלעמען, מיט קליינע אויסנאַמען, האָט זיי סטאַלין מיט זיין באַנדע „באַשאָנקען" און „געבענטשט" — מיט 25 יאָר קאַטאָרגע...

אין דער לאַגער־קאָלאָנע, ווו איך האָב זיך געפונען איז געווען אַ וואונדערלעך־שיינער שטאַלטנער גרייז־גרייזער זקן מיט יונגע שיינענדיקע שוואַרצע אויגן, אַן אייזערבײַדזשאַנער — אַלט געווען 102 יאָר. אויך ער האָט באַקומען, נישט געקוקט אויף זיין אוניקאַלן בכבודיקן עלטער — דעם שטאַמפּאָון, פשוט לעכערלעכן אין אַזאַ עלטער, „סטאַלין־סראָק" — 25 יאָר

קאַטאָרגע!!! מיט מיר צוזאַמען איז אויך געזעסן אַ גרופּע (8 מאַן) בוכאַרער ייִדן פון טאַשקענט, סאַמאַרקאַנט, אַנדיזשאַן; פּינכאַסאָוו, אַמינאָוו, שאַקאַראָוו (נישט אַלע זייערע פאַמיליעס געדענק איך אַצינד) אַלע האָבן זיי באַקומען די „פולע שפּולקע" — 25 יאָר, פּינכאַסאָוו האָט שוין דאַן געמוזט זיין אַלט איבער אַכציק יאָר.

סטאַלין מיט זיין באַנדע עמגעבעשניקעס האָבן געטראַכט, אַז דאָס ליקווידירן „די רעשטן פון קאַפּיטאַליזם אינעם באַוווסטזיין פון די סאָוועטישע מענטשן" איז אַ צו לאַנגער פּראָצעס, באַזונדערס „די רעליגיעזע רעשטן", דער „פאָלקס - אָפּיום", האָבן זיי באַשלאָסן בעסער און לייכטער — פיזיש פאַרניכטן די רעליגיעזע סעקטע־אָנפירער און פּטור... נאָר די מערדערישע אַקציע האָט געגעבן פאַרקערטע רעזולטאַטן, עס האָט זיך באַקומען דער היפּוך — די פאַרשיקטע אַלטע רעליגיעזע לייט, וואָס זענען געזעסן אין די סטאַליניסטישע לאַגערן, זענען ביי זייערע קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך אויף דער פרייַ שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעבעדיקע „קדושים", עס האָט זיך באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט אויס טיפן פּראָטעסט דער רעליגיעזער גייסט און רעליגיעזע טעטיקייט ביי די יונגע־און ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג.

העכער אַ יאָר צייט בין איך געווען צוזאַמען אויף איין לאַג־פּונקט מיט אַ מאַליעווער שוחט רב שייע אַ זיבעציקיאָריקער, אַ שווער־געבראָכטער, איך פלעג זיך וווּנדערן, ווי אַזוי קאָן בכלל אַזאַ מענטש אַרומגיין. דער דאָזיקער שייע האָט געהאַט אַ גאָלדענע נאַטור, אמת אַן אָנגעכאַפּטער, ווען מען פלעגט אָנרירן זיין נאַציאָנאַלע ווירדע, נאָר בכלל פול מיט גוטסקייט און תמימותדיקייט און אַן אויסערגעוויינלעכער האָרעפּאַשניק, ער איז נישט גלייכגילטיק געווען צו האָרעוואַניע און זיך רק געריסן אַהין, ווו ס׳איז שווערער. ערשטנס איז אים געגאַנגען אין לעבן צו זיין מיט די גוים אויף די סאַמע שווערסטע אַרבעטן אין וואַלד אויפן „לעסאָפּאָוואַל" — וואַלד־גע־וואַלגער, וואַלד־האַקן און נאָר צוליב דעם, די גוים זאָלן, חס־וחלילה, נישט אויפוואַרפן, אַז ייִדן ווייכן פון אַרבעט. כדי ווינטער־צייט, אין די גרויסע 40 גראַדאָווע פרעסט באַהייצן די וווינונגס־באַראַקן, פלעגן די „ראַבאָטיאַגעס", די אַרעסטאַנטן, וואָס פלעגן זיין אויף דער קאַטאָרזשנער אַרבעט אין וואַלד, זיין געצוווּנגען גייענדיק צוריק פון דער האָרעוואַניע טויט־מידע־באַוואַכטע מיט אויטאָמאַטן און וועלף־הינט מיטשלעפּן אויף די אַקסלען בערעמעס האָלץ און איבערגעבונדענע פעקלעך מיט שפּענדלעך. נאָר די דאָזיקע „בערעמעס" פלעגן פאַר די סיבירער פרעסט זיין בלויז אַ צוקער־לעקעכל.

און די אַרעסטאַנטן האָבן זיך געמוזט איינשפּאַנען, ווי לאַסט־פערד אין

די ברייטע גרויסע שליטנס, אויף וועלכע עס זענען אַרויפגעוואַלגערט געווען קלעצער געהילץ און שטופּן די שליטנס מיט די לעצטע כוחות נאָך אַ צוועלף־שעהיקן קאַטאָרזשנעם אַרבעטס־טאָג אין דער טייגע צו די באַראַקעס, כדי כאָטש אויף עטלעכע באַנאַכטיקע שעה אויף די נאַרעס צו דערוואַרעמען די צעפרוירענע צעמוטשעטע גלידער.

דער קאַראַוואַן מענטשן־פערד אין די ברייטע שליטנס פלעגט מיר דער־מאָנען רעפּינס בילד — די רוסישע וואָלגער בורלאַקעס ציִען פון זיך די נשמה אַרויס, שלעפּנדיק לענגויס דעם ברעג־טייך די באַרקאַסן (שיפלעך) מיט „דער דובינושקע — היי, אוכניעם״...

געדענק איך, אַז צווישן די פאָדערשטע „שלעפּ־פערד״ איז תמיד געווען דער שווער געבראָכטער מאָליעווער שוחט רב שייע. איך האָב מיט רב שייען אַ געוויסע צייט געלעבט אין איין באַראַק פאַר אינוואַלידן און אַלטע קראַנקע לייט, פלעגט מען אונדז, די אַזוי־גערופענע אינוואַלידן — בריגאַדע (אַרבעטן אין לאַגער האָבן געמוזט אַלע אויסשליסלעך, אָן הענט, אָן פיס, כאָטש קריכן אויף די קאַראַטשקעס, נאָר אויף דער „באַלאַנדע״ מוזטו האָרעווען) פלעגט מען אונדז טרייבן אין סטרוי אויף דער אַרבעט אין דער „ראַבאָטשאַיאַ זאָנאַ״ און צוויי מאָל אַ טאָג צו דער לאַגער־סטאָלאָווע. עס זענען געווען פעריאָדן, איבערהויפּט אין די פאַר הייסע מזרח־סיבירער חדשים (פון 15טן יוני ביזן 15טן אויגוסט, אומגעפער) ווען מען פלעגט אונדז די אַרעסטאַנטן קאָרמענען מיט פאַרעיפּושט פלייש. אפילו דורכגיין דעמאָלט פאַרביי דער סטאָלאָווע איז פאַר מיר געווען פשוט אומדער־טרעגלעך, אַזוי האָט געאָווערט די הייסע לופט אַרום. פון דער שפּלדיק־זיסלעכער פעסט, פלעגט מיך אַזש פאַרכאַפּן דער אָטעם, ביים צוגיין נעב־טער צו דער סטאָלאָווע, פלעג איך פאַרקוועטשן מיינע נאָזלעכער. אַז מען פלעגט שוין אַריינקומען אינעווייניק גופא אין דער סטאָלאָווע, אין דער שוויסיק־אָנגעפּאַרעטער פאַרדומפּטער לופט, איז שוין דער געשטאַנק געווען נישט אַזוי געפערלעך. דאָס פאַרגרינטע (ס׳האָט אויסגעזען, ווי אַ זשאַבע) שטיקל פלייש, פלעג איך פון מיין בלעכענער שיסל מיט „באַ־לאַנדע״ אַרויסנעמען. איך האָב עס נישט געקענט עסן. דאַקעגן רב שייען האָט עס נישט געקימערט... ער פלעגט אויפעסן אויך מיין חלק. איך האָב אים נישט איין מאָל געוואָרנט: אפשר דאַרפט איר עס נישט טאָן. ס׳איז דאָך נישט פריש... נאָר ער פלעגט אַ פאָך טאָן מיט זיין קליינעם הענטל: — עס מאַכט נישט אויס, סט׳זיך איבערקאָכן, הינער שלינגען אפילו שטיינער — און עס שאַדט זיי נישט...

אין יאָרן אַרום האָב איך עס „פאַטיאַפעט״, פאַרשטאַנען — רב שייע איז דאָך געווען אַ שוחט און די גאַנצע טעג געטאָפּטשעט זיך אין זיין בלאָ־

טיקער שחיטה־שטעלכל, די לופט איז דאָרטן שטענדיק אָנגעזאַפּט געווען מיט דעם זסילעכן גערוך פון פאַרקליטן בלוט פון די געקוילעטע עופות, פון ד יפאַרבלוטיקטע פאַרברודיקטע פעדערן איז אים דאָס שטיקל פלייש מיטן שלעכטן גערוך נישט געווען דערווידער, ווי מיר, כאָטש הונגעריק בין איך געווען נישט ווייניקער פון אים. אין פרייע מינוטן האָב איך אַ פּאָר מאָל געשריבן פאַרן שוחט מעלדונגען — „זשאַלאָבעס" (אָנקלאָגעס) צום פּאָרזיצער פון אויבער־סאָוועט פון פ.ס.ס.ר. קלימענט יעפּרעמאָוויטש וואָראָשילאָוון (די אַרעסטאַנטן פלעגן זיך דאָס רוב ווענדן צו אים), ער זאָל איבערקוקן זיין ענין. שייע איז אויך געווען פאַרמשפּעט אויף 25 יאָר, האָט ער מיר מיט אַלע פּרטים באַקאַנט געמאַכט מיט זיין „דיעלאָ", מיט די אַלע אויסטראַכטענישן און משונה־ווילדע נישט געשטויגענע „פּאַרברעכנס", אין וועלכע מען האָט אים באַשולדיקט. אַזעלכע „דיעלעס" „שטאַמפּאָוועו" זענען ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך געווען צו אַנדערע טויזנטער פאַבריצירטע ענינים, דאָס שרייבן אָנקלאָגעס איז געווען אַן אַרוסיגעוואָרפענע אַרבעט, עס האָט געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס. די מעלדונגען פלעגט מען ביי די אַרעסטאַנטן צונעמען, נאָר ס'איז אַ גרויסער ספק צי מען זאָל זיי האָבן ווו געשיקט ווייטער און „העכער". חדשים פלעגן דורך און אויף קיין שום גוטס און גוטער בשורה פלעגן זיך די אַרעסטאַנטן נישט דערוואַרטן. אָבער אין דער טבע פון מענטשן איז זיך אָנצוכאַפּן כאָטש אָן אַ מינדסטע האָפענונג־שטרויעלע און מען פלעגט ווידער און ווידער שרייבן „פּראָשעניעס" אָנקלאָגעס, ווער צום הויפּט־פּראָקוראָר, ווער צו דער מיליטערישער קאָליעגיע און ווער צו וואָראָשילאָוון.

איז ווען איך האָב שייען געשריבן די „זשאַלאָבע", האָט ער זיך מיט מיר געטיילט, ווי מיט אַן אייגענעם ברודער און מיט גרויס פאַרביטערטקייט מיר דערציילט אַ שוידערלעכע געשיכטע, ווי אַזוי אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן האָבן אים איין מאָל אין אַ ווינטער־נאַכט, ווען ער אזי שוין געגאַנגען נאָך מערב פון מנין אַהיים, גענומען צוויי אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער שטייף אונטער די הענט, געהייסן זיך נישט אַרומקוקן אין די זייטן און רויק גיין און פאַרשלעפּט אים אין ג.פּ.או. מען האָט אים אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן אין איין פּודזיען און סטראַשען מיט „סאָלאָווקי" און מיט אַנדערע שוואַרץ יאָר און אויב ער וויל, אַז ער מיט זיין משפּחה זאָלן בלייבן לעבן און אַז מען זאָל ביי אים נישט צונעמען דאָס „שוחטעס", פאָדערט זיך פון אים נישט קיין סך, איין קלייניקייט, ער זאָל זיי פון צייט צו צייט צו וויסן געבן, וואָס עס הערט זיך אין מנין, ווער עס רעדט ... אין משך פון אַ סך יאָרן בין איך ביי זיי געווען, ווי אַ הונט

אויף דער קייט, אַרויסגעריסן האָב איך זיך פון זיי נאָר אין דער מלחמה־צייט, ווען איך בין געווען אין דער עוואַקואַציע און דערנאָך האָבן זיי ווידער געגומען זיך צו מיין נשמה... די דאָזיקע „פּעטליע״ זייערע האָט מיך געשטיקט, נישט געלאָזט עטעמען, איך האָב זיך קיין אָרט נישט געפונען, געפּרוווט מיט גוטן בעטן זיך, ס׳האָט נישט געהאָלפן. איך בין געפאָרן צו מיין פּלימעניק קיין לעגינגראַד, אַן אַדוואָקאַט, עצהן זיך מיט אים, ווי אַזוי ראַטעווען מען זיך אַרויס פון דער דאָזיקער שאַנדע, ביז, גאָט האָט געהאָלפן, מען האָט מיך צוגענומען, אַריינגעזעצט מיט כלל ישראל — איז ווי שרייבט מען עס וועגן דעם אַלעם אָן, האַ ? — האָט ער נישט אויפגעהערט גיך גיך רעדן צו מיר, די אויגן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט צו מיין טומבאַטשקע לעבן דער נאָרע, ווו איך בין געזעסן און געשקראָבעט פאַר אים אויף צעקנייטשטע שטיקלעך פּאַפּיר זיין „זשאַלאָבע״ צו וואָראָשליאָוון.

די ערשטע צייט האָט שייע ביטער אַ שמייכל געטאָן, — פּלעגן זיי מיר פאַר דער „טירחה״, וואָס איך דאַרף קומען צו זיי אין דעם אָפּגערעדטן אָרט ערגעץ אין אַן אויסרייסעניש, געבן אויף מאַכאָרקע און אויף „פּאַדמיאַמאָקעס״... און אונטערשרייבן זיך... צווישן זיי איז געווען אַ ייִד אַ הורג, אַ גזלן — פּלעגט ער מיך שטעכן אין די אויגן: „איר זייט דאָך אַ פאַרשטייער פון קולט, טאָ קלייבט זיך צו אַ צונעמעניש פון דער גמרא... איז ווי שרייבט מען וועגן דעם אַלעם אָן ? — האָט רב שייע מיט אַן אויפגעקאָכטער נשמה פאַרענדיקט און אַראָפּגעלאָזט שטיל און מיד זיינע שטענדיק רירעוודיקע קליינע, כמעט קינדערשע הענט...

און איינער פון די בוכאַרער ייִדן שאַקאַראָוו פון טאַשקענט, אַ הויכער ייִד, שוין געוויס געווען איבער זיבעציק, מיט אַ גרויסער גוליע אויפן קאָפּ, איך פלעג אים שרייבן בריוו צו זיין פרוי און קינדער און אויף „זשאַלאָבעס״ וועגן איבערקוקן זיין ענין, האָט מיר בסוד סודות דערציילט, אַז די אַלע 7 בוכאַרער ייִדן זיינע „אַדנאַדיעלצעס״, וואָס זיצן אַציינד צוזאַמען מיט אים אויף דעם זעלבן לאַגער־פּונקט, פלעגט מען אים נאָך מיט עטלעכע יאָר פאַר דעם, ווי מען האָט זיי אַלעמען אַריינגעזעצט, שלעפּן טאָג און נאַכט און מ.ג.ב. און ציִען פאַרן צונג...

—וועסטו שוייגן, וועסטו נישט דערציילן, — פלעגן זיי מיך שרעקן, — ביסטו אַלציינס אין אונדזערע הענט, מירן דיך און דיין משפחה אַרויסשיקן קיין סיביר אויף זיבן יאָר פאַר ספּעקולאַציע... אָט וועגן דער דאָזיקער אומהיילבאַרער אַנטימאַראַלישער געשווילעכץ, מיט וועלכער עס האָט בייזווויליק, ציניש אַנגעשטעקט מיליאָנען מענטשן די רוסיש־באָלשעוויסטישע קאַסטע, האָב איך זיך גרינטלעך, און אויסשעפּלעך דערוווסט בעת מיין זיין אין די סטאַלינישע לאַגערן, ווען איך האָב זיך באַקאַנט

שטייגעריש מיט דער „פּאַדנאַגאַטנע“, מיטן שמוץ פון די פּילצאַליקע פּאַבריצירטע „ענינים“ אין אַלע עקן פון דער גרויסער מדינה.

אמת, איך האָב שוין טיילווייז וועגן דעם געוווּסט פריִער, נאָר אין לאַגער איז פאַר מיר אין גאַנצן קלאָר געוואָרן, אַז איך לעב אין אַ דורך און דורך צעפוילטער פּאָליציישער מלוכה, וואָס די צאַרישע אָרדענונג מיט דער „אָכראַנקע“ איז אין פאַרגלייך מיט איר געווען פּשוט אַ גן־עדן... דעם באַרימטן רוסישן רעוואָלוציאָנערן שרייבער־דעמאָקראַט טשערנישעווסקי, וועלכער האָט זיך געפונען אין די קאַזעמאַטן פון דער צאַרישער שליסלבורגער פעסטונג, האָט מען געגעבן אַ מעגלעכקייט אין זיין איינצל־קאַמער צו אַרבעטן איבער זיין ווערק „וואָס טאָן“, וואָס איז געווען געריכטעט קעגן דעם קיסר און דער צאַרישער אָרדענונג און אין אַ יובל אַרום אין די יאָרן פון וועלט־פּראָגרעס, אין די זעכציקער יאָרן פונעם 20־טן יאָרהונדערט, פלעג מען אַ פּאָליטישן אַרעסטאַנט אין ראַטנפאַרבאַנד נישט געבן אין זיין איינצל־קאַמער אפילו אַן אשר יצר־פּאַפּירל.

די קאָמוניסטישע לערע, די גרויסע לעניניסטישע מאָראַל, וואָס די מיליאָנען רוסישע ייִדן האָבן אין אָנהויב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אויפגענומען מיט ברייטהאַרציקייט און ליבשאַפט און נישט געשאָנעוועט פאַר דער דאָזיקער לערע דאָס אייגענע לעבן און דאָס לעבן פון זייערע קינדער, קייקלט זיך אַצינד אין יאָרן אַרום, אַזוי אומווירדיק־מיאוס ווי אַ בלאָטיקער ברודיקער קנויל אַלץ נידעריקער אין שאול־תחתיה... און קיינער איז שוין נישט אימשטאַנד דאָס אָפּהאַלטן אין זיין פאַלן...

חייקין און דער טשיז

ס'האָט זיך מיר פאַרגעדענקט נאָך אַ ייִד מיט וועמען איך בין געווען באַקאַנט אויף דער 46־טער קאָלאָנע — חייקין. ער האָט, לויטן רוסיש־סאָוועטישן שטייגער געהייסן באַריס מאַטוויייעוויטש, אָדער, אפשר, פאַר־קערט, מאַטווײ באַריסאָוויטש. אַ קיעווער. יונגערהייט געהאָט פאַרענ־דיקט אַ בוי־טעכניקום. אין די מלחמה־יאָרן געווען אַ 40־יאָריקער סאָלדאַט אין אַ באַדינונגס־טייל פון אַן אַוויאַציע־קאָרפּוס. נאָכן קריג איינגעאָרדנט זיך אויף ווירטשאַפטלעכער אַרבעט אין דער פאַרשטייערשאַפט פון דער אוקראַיִנישער רעפּובליק אין מאָסקווע (אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן און אויטאָנאָמע רעפּובליקן האָבן אין מאָסקווע געהאַט אַזעלכע פאַרשטייער־שאַפטן). לויט דעם ווי חייקין האָט מיר דערציילט, פלעגט ער נאָכאַנאַנד

אַרומפֿאָרן אין קאָמאַנדירונגען (שליחותן) פֿון מאָסקווע קיין קיִעוו און צוריק. „איך בין געווען מער, — האָט ער געשפּאַסט — אין באַן, ווי אויף דער אַרבעט“. געלעבט האָט ער אַליין, אָן אַ פֿאַמיליע. אין קיִעוו געהאַט צוויי יינגערע, פֿאַרהייראַטע שוועסטער.

אין לאַגער האָט זיך חייקין אויסגעטיילט מיט זיין פּיקאַנט־אַרומגעראַזירט קליין קמץ־בערדעלע, אַ יצר הרעדיקס... חייקין איז געווען גוט באַהאַוונט אינעם סאָוועטישן „ווו איין און ווו אויס“, נאָר ווייזט אויס צייטנוויז צופֿיל געמאָסטן און געוויגן און דאָס בערדעלע זיינס האָט געגעבן צו וויסן: „איר וועט מיך נישט אָנפּייפֿן...“ ווען ער איז אָנגעקומען אין לאַגער האָט מען אים, ווי יעדן נייאינקן, אַ האַלב־נאַקעטן, צוגערופֿן צום טיש אויפֿן פּלאַץ ביי דער וואַכטע, אַרום וועלכן עס האָט זיך געהאַט צונויפֿגענעקליבן די לאַגער־נאַטשאַלסטווע — די „קופּצי“ (די סוחרים) צו באַטראַכטן די פֿרישע פּאַרטיע שקלאַפֿן —„טאָוואַר“ (סחורה), פּונקט ווי אויף אַ פֿערד־מאַרק... אויפֿן טיש איז געלעגן דער הויכער שטויס דינע פּאַפּקעס מיט די טורמע־דאָקומענטן פֿון די זעקאַ. דער טשיז האָט געוואָרפֿן זיין ביטול־בליק אויף חייקינען: „וואָס קען טאָן דאָס בערדעלע ?“.

„גראַזשדאַנין נאַטשאַלניק“, — האָט אים תיכּף חייקין געענטפֿערט, — „דאָס בערדעלע קען טאָן אַלץ. נאָר ביי דער געלעגנהייט זאָל מיר דערלויבט זיין צו דערמאָנען — קורץ פֿאַר מיין אַרעסט בין איך אַ לענגערע צייט געלעגן אין שפּיטאָל מיט אַ האַרץ־קראַנקהייט...“

— טשעפּוכאַ, — האָט דער גזלן, דער טשיז, זיך שוין אָפּגעקערט פֿון אים און אומדערוואַרט, ווי צו זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן — „פּאָדאָזשדי“ — (וואַרט צו)... דער „פּאָדאָזשדי“ האָט באַטייט: אויף מאָרגן האָט ער חייקינען באַשטימט אויף דער אַרבעט פֿון לאַגער־קאָפּטיאָרסטשיק, אַרויסצוגעבן די זעקאַ זייערע פּריוואַטע זעקלעך מיט שפּייז און אַנדערע קלייניקייטן. גופא אין דער קאַפּטיאָרקע (אַ באַראַק־שטיבל) פֿלעגט דער זעקאַ אַרויסנעמען פֿון זיין זעקל עפּעס וואָס (עטלעכע ציגעלעך צוקער, אַ ציבעלע, אַ פּושקע פֿיש־קאָנסערוון, סוכאַריקלעך, רפֿואות, טאַבעק, אָנבאַלאַנגט פֿון דעם, וואָס פֿאַר אַ מעגלעכקייט די אייגענע האָבן געהאַט דעם זעקאַ אַרויסצושיקן אין דער פּאָסילקע) און צוריק אָפּגעבן דעם קאַפּטיאָרסטשיק אויף אחריות דעם פֿאַרנומערירטן זעקל. דער טשיז האָט זיך אין חייקינען נישט טועה געווען. חייקין האָט ערלעך געהיט די גאַנצקייט פֿון די זעקלעך, ער האָט רויִק, העפֿלעך, מיט געדולד באַדינט יעדן זעקאַ און דער עיקר, באַמיט זיך איבעריקס נישט אַריינצוקוקן יענעם אין „טעפּל“. אין דער קאַפּטיאָרקע איז געווען ריין־צוגעקליבן, די זעקלעך לויט די נומערן אַקוראַט צעשטעלט אויף די פּאָליצעס, אַז ווי

נאָר דער זעקאָ קומט אַריין, האָט ער אים באַלד דערלאַנגט אויפן טאָמ־באַנק זיין זעקל. חייקין האָט זיך געזאָרגט, אַז צו די שפּייז־פּראָדוקטן זאָלן קיין צוטריט נישט האָבן די מייז. ער פלעגט תמיד, פאַרן אַוועקגיין פון שטיבל אויפן פאָל צעשטעלן אַ פּאָר פּאַסטקעס, אָנשטעכן אויף די ספּרוזשינקעס שטיקעלעך בשר־קוויטש. קיינער האָט זיך אויף חייקינען נישט געקענט באַקלאָגן. געוויס איז דאָס אין לאַגער געווען נישט קיין שווערע אַרבעט, אָבער אויך פאַרבונדן מיט ריזיקע: עמעצער פון די אונטערוועלטניקעס האָט געקענט תמיד אויסמאַרקירן אַ רגע, בעת חייקין איז אַליין אין דער קאַפּטיאָרקע, אַריינקומען, צושטיין צו אים און דראָען: „דו ווייסט דאָך ביי וועמען עס איז צו פיל, טאָ דערלאַנג מיר קאָרשט פון יענעמס זעקל...״ נאָר חייקין איז געווען נישט פון די שרעקעוודיקע און דער אורקע האָט אויך פּונקט אַזוי, אויב נישט מער, באַדאַרפט ריזיקירן... דאָך איז ביי די גויים־אַרעסטאַנטן, ווען זיי פלעגן זיך באַגעגענען מיט חייקינען, תמיד געווען אויף דער שפּיץ צונג: „דעם יידן גריזשען נישט די מאָסקיטן... פאַר וועלכע מעשים טובים קומט עס אים אַזאַ וואַרעם, זאַט ערטל...״

חייקין האָט דאָס גרינג געקאָנט איבערלייענען אין זייערע שנאה־בליקן און איז אַנומלט געקומען אין דער לאַגער־אַמבולאַטאָריע צו דעם אַזערביידזשאַנער דאָקטער און געטענהט צו אים: „מענטשן פאַרגינען מיר נישט די „קאַפּטיאָרקע״... אין מיינע לאַגער־דאָקומענטן איז פאַר־צייכנט, איידער מען האָט מיך אַרעסטירט בין איך געלעגן אין שפּיטאָל מיט אַ שווערער האַרץ־קראַנקהייט. אונטערזוכט מיך, איך האָב עס נישט אויסגעטראַכט...״

חייקין האָט פאַרגענומען נאָך אַ שריט: ער האָט זיך איבערגעקליבן וווינען אין דעם אינוואַלידן־באַראַק. אמת, דאָס איז אים נישט אַזוי לייכט אָנגעגאַנגען. ער האָט פון זיינע פּריוואַטע זאַכן, וועלכע ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אין לאַגער, באַדאַרפט אָפּגעבן דעם קאָמענדאַנט, דעם יונגן מאַדיאַר, זיין איינציקן, נייאינקן אָנצוג. די ערשטע צייט, ווען איך האָב ביינאַכט געאַרבעט אין דער קיך־סטאָלאָווע, איז חייקין געשלאָפן אויף מיין נאַרע. דערנאָך האָט זיך אין באַראַק געפונען אַן אָרט: דער רוסישער עמיגראַנט געאָרגיעוויטש איז אין סטאַציאָנער געשטאָרבן. אין די אָוונטן, ווען דער באַראַק איז שוין פון אויסן געווען צוגעשלאָסן, פלעגט חייקין צוזעצן זיך אויף מיין נאַרע אויסצודערציילן מיר פון זיין לעבן:

— מיינע ראָמאַנען האָבן מיך אומגליקלעך געמאַכט...

איך האָב צוערשט נישט פאַרשטאַנען: איר האָט דען, חייקין, געדרוקט ראָמאַנען?

חייקין האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט: „דאָס האָט מיר נאָך געפעלט, צו זיין אַ שרייבער... אַ ייִד — אַ שרייבער, היינטיקע צייטן, איז דאָס זעלבע, ווי זיך אָנטאָן אַ שטריק אויפן האַלדז. איך מיין מיינע אייגענע ליבע־ראָמאַנען, וועלכע איך האָב געפירט, זיי האָבן מיך פאַרפירט אין אלף הששי... נאָך דער מלחמה בין איך שוין געווען אַן אַלטער בחורעץ און פרויען אַרום — איינע שענער און ייִנגער פון דער אַנדערער. איך בין אינגאַנצן צעלאָזן געוואָרן, אַרומגעפלויגן ווי אַ בין איבער די זיסע, שמעקנדיקע בלומען־קווייטן... ביז איינע אַ ש׳יאוסניצע, אַ פּיאַווקע, איז צו מיר צוגעזאָטן, נישט אָפּטשעפּען זיך פון איר. זי האָט מיך אין איינעם אַ טאָג געוואָרנט: „אָדער אָדער...״ איך האָב געמיינט, זי שרעקט מיך מיט דעם, וואָס זי וועט זיך נעמען דאָס לעבן... האָב איך געוווּסט, „אַז די וואָס פּודזיען, טוען דאָס נישט... אָבער זי די פּאַסקודע, האָט גאָר געהאַט עפּעס אַנדערש אין זינען... זי איז אַוועק אַהין... און איבערדערציילט וואָרט אין וואָרט אַלע טריפה אַנעקדאָטן מיט וועלכע איך האָב זי פאַרווײַלט. אַזאַ בעסטיע, זי האָט זיך מיט דעם נישט באַנוגנט. זי האָט נאָך כיטרע אויסגעפרעגט ביי די אַנדערע מוידן, מיט וועלכע איך פלעג זיך באַגע־גענען און דאָס אויך צוגעטראָגן אַהין... און מען האָט יענע אַהינצו גע־שלעפּט... אין אַ פּאָר חדשים אַרום — די אויספאָרשונג איז געגאַנגען גיך „ווי מיטן קאָנוועיער״ — האָט מען מיך שוין געהאַט אַריינגעבראַכט אין דער קאַמער „לויטן סאָוועטישן קורס״ דעם „אָסאָ״־פּאַפּירל מיטן „צענערל״...

חייקין האָט נישט אָן אַ גרונט געפילט, אַז מיט דער קאַפּטיאָרקע וועט ער זיך אין גיכן מוזן געזעגענען: פון מאָסקווע ביז טייִשעטלאַג, ביז אין דער טייגע־זומפּיקייט פון דער 46־טער קאָלאָנע, איז 5,000 קילאָ־מעטער... נאָר די שוואַרצע בשורות וועגן די סטאַלינישע גזירות אויף ייִדן איבערן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד, פלעגן צו אונדז אין דער וואַלד־געדיכטעניש דערגיין זייער גיך דורך די צענטראַלע צייטונגען „פּראַוו־דאַ״, „איזוועסטיאַ״, „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ״ אויפן דריטן, צי פערטן טאָג, דער עמגעבע־לייטענאַנט פון דער „קאַוועטשע״ (קולטור־דערציִערישע טייל פון לאַגער־פּונקט) פלעגט זיך שוין די צייטונגען זאָלן זיין אין אַלע פינף באַראַקן. עס איז דאַן נישט געווען קיין איין צייטונגס־נומער, עס זאָל דאָרט אויף די שפּאַלטן נישט זיין צעלייגט אין דער ברייט און אין דער לענג די יודאָפאָבישע שנאה צו די סאָוועטישע ייִדן און צו ייִדן בכלל... דער סוף פונעם 1952־טן יאָר.. אָט אָט האָט זיך שוין געגענטערט דער בלוטיקער בילבול אויף די ייִדישע דאָקטוירים „די מערדער אין די ווייסע כאַלאַטן״, וועלכע מען האָט באַשולדיקט אין

דעם, אַז זיי האָבן עס געוואָלט פאַרסמען סטאַלינען און זיינע נאָענטסטע מיטקעמפער...

און די „פּעשקעס״, די קליינע לאַגער־נאַטשאַלניקעס, האָבן מיט הכנעה און גרויזאַמען פּחד, מער ווי אויס ליבשאַפט צו דעם „פאָטער פון די פעלקער״, צו דער „אייביקער זון אויף דער סאָוועטישער ערד״, תיכף „רעאַגירט״ — געאיילט אַרויסצושטופן די יידן אַרעסטאַנטן אויף שווע־רערער אַרבעט, געוואָרפן זיי אין פּרצוף דעם האַס און מיט וואָס נאָר עס לאָזט זיך, דערגאַנגען זיי דאָ, אין דער טייגע, די יאָרן, דערנידעריקט, געטראָטן... צווישן זיך האָבן די יידן אַרעסטאַנטן מיט ווונקען, מער ווי מיט ווערטער, זיך איבערגעשמועסט, זיך אַרומקוקנדיק אויף אַלע זייטן — „נישט גוט״... צווישן די זעקאַ זענען שוין אפילו געווען קלאַנגען, אַז מען וועט אין די לאַגערן שאַפן ספּעציעלע יידישע „שאַנד־בריגאַדעס״, אַ מין יידישע געטאָ אין סאָוועטישן גהינום...

דער טשיז האָט זיך אָנגעזעצט אויף חייקינען: — וואָס מאַזאַליעסטו מיר די אויגן מיט דיין בערדעלע? ווען אַלעמען איז געווען באַפוילן אַראָפּ־צונעמען די בערד, פאַרוואָס האָסטו עס דאַן נישט געטאָן? האַ?...

חייקין האָט געפּרוווט באַרעכטיקן זיך: — איך בין נישט קיין גלויביקער... און עס איז דאָך נישט קיין באָרד...

— מאָלטשאַט! (שווייג) תיכף לויף אין פאַריקמאַכערסקע און גלייך צוריק צו מיר... דריי מינוט אויף אַראָפּצונעמען די כיטרע באָרד דיינע... איך וועל דאָ, ביי דער קאַפּטיאָרקע, וואַרטן...

און ווען חייקין האָט זיך צוריקגעקערט מיט אַן אָפּגעראַזירטן קין, איז אים דער טשיז באַפאַלן: — דו, זע נאָר, וואָס פאַר אַ געזונטע מאָרדע דו האָסט זיך דאָ אָנגעפּאַשעט... האָסט דאָך מיך אָפּגענאַרט... ווי אַלט ביסטו?

— 52 יאָר, — האָט חייקין דייטלעך געענטפערט — אין מיין פאָר־מולאַר איז אַזוי פאַרשריבן.

— מאָלטשאַט! (שווייג) זאַווטראַ זשע נאַ ראַסוויעטיע וו טייגו נאַ לעסאָפּאָוואַל!... (מאָרגן באַגינען אין דער טייגע וואַלגערןביימער!)...

אין דער סושילקע*)

ס'איז דורך אַ פּאָר וואָכן, די געשווילעכץ אויף מיין לינקער האַנט האָט עטוואָס גענומען אָפּגיין. די פינגער האָבן זיך אין די געלענקען נאָך קוים האָט געבויגן, כ'האָב ניִשט געקענט אַרומנעמען דאָס הענטל פון מיין קוליע־שטעקן. אָבער אין לאַגער זענען, אויסער נאַטשאַלסטווע, געווען פון די זעקאַ גופא גענוג „השגחה־אויגן", וועלכע האָבן אין זינען געהאַט מיין האַנט מער ווי איך אַליין. צו אַזעלכע האָבן געהערט מאָזע־באַכס, היות ער איז געוואָרן דאָקטער פונעם מעדיציניִשן סטאַציאָנאַר ביי דעם אינוואַלידן־באַראַק, האָט ער זיך, בוכשטעבלעך, פאַרשאַפן דאָס רעכט, ניִשט אָן דער צושטימונג פון נאַטשאַלסטווע צו זיין דער „פּוסק אחרון" — ווער פון די אַלטע לייט און אינוואַלידן זענען נאָך ביכולת צו אַרבעטן און מוזן אַרבעטן און ווער ניִשט. און מאָזעבאַך האָט ניִשט געקענט צוזען, דער ייִד, וואָס איז מיט וואָפן ביז בערלין דערגאַנגען, זאָל כאָטש אַן איינציקן טאָג אַרומגיין איבערן לאַגער „שלינג־און־שלאַנג". ער, דער היטלעראָוויעץ, מעג יאָ וואָכן און חדשים אַרומשפּרינגען פּוסט־און־פּאַסט אויף זיין קרומען פיסל מיטן שטעקל פאַרקוועטשט אונטערן אָרעם: ער איז דאָך ביי נאַטשאַלסטווע — „חסן", אַ דאָקטאָר.. און איך — „שייזע"... יודע־קאָמוניסט, שמוציקער אינזעקט פון מיסט, וואָס מען קאָן אָן קיין שום „אַרישער געוויסנסביסע" פאַרשאַרן, צעטרעטן..."

געוויס האָט אויך דער בריגאַדיר פון אינוואַלידן־בריגאַדע, איוואַן יודין געהאַט איבער מיר די „אָפּיעקע", טאַקע אידעלערהייט, מיט אינטעלי־גענטישן טאַקט, נאָר דעם חשבון האָט ער געפירט (און אַז ס'איז נאָר דערצו דאָ דעם ד"ר מאָזעבאַכס אַ הכשר) — דער זעקאַ זאָל תמיד אויף זיך טראָגן דעם שקלאַפן־כאָמעט, ווייל, אַז ניִשט, ווערט ער אויס בריגאַדיר — דער טשיז שטעלט תיכף אַ צווייטן אויף זיין אָרט. צו אַריינלייגן יודינען עפּעס אין זיין דלאָניע? (פאַר וואָס ניִשט? ס'וואָלט אים ניִשט פאַרשאַט. ער איז געווען עוג מלך הבשנדיק הויך, מיט ברייטע ביינער און האָט געקאָנט אַריינשטופּן אין זיך ניִשט איין „פּייקע" און בפרט נאָך — „צום ברויט") — האָב איך, ליידער, ניִשט געהאַט וואָס: מיין פּרוי איז אין ווייטן אוזבעקיסטאַן קוים דורכגעקומען מיט דער חיונה און פלעגט פון דעם לעצטן אָפּשפּאָרן פון זיך און פון די קינדער צו קאָנען שיקן מיר אין סיביר, איין מאָל אין דריי, צי פיר חדשים אַ פּעקל...

---

*) סושילקאַ — רוסיש — אַן אַלקער, ווו מען טריקנט מלבושים און שוכוואַרג.

... איז זונטיק אין אָוונט, נאָך פאַרן קאָנטראָל־אַפּעל אַריין צו אונדז אין אינוואַלידן־באַראַק דער קאָמענדאַנט — זעקאַ, דער יונגער, שיינער מאַדיאַר און איז גלייך צו צו מיין נאַרע: „קום מיט מיר, האָסט אַן אַרבעט אין אַ וואַרעם אָרט... דאָרטן וועלן שוין דיר די פינגער נישט פאַרפרוירן ווערן...״ און ער האָט מיך אַריינגעפירט אינעם באַראַק נומער צוויי, ווו ס׳האָבן געלעבט די ראַבאָטיאַגעס פון די וויכטיקסטע וואַלד־בריגאַדעס. אין דעם גרויסן לאַנגן באַראַק, בשכינות מיטן צימער, ווו עס איז געשטאַנען דער אַלגעמיינער טואַלעטן האַנט־פּאַס, איז געווען אַ קליינער, פינצטערער אַלקערל — די סושילקע. דאָרטן פלעגן זיך דורך נאַכט טריקענען די וואַליקעס פון די וואַלד־העקער. דאָס איז געווען מיין נייער אַרבעטס־פּלאַץ! נאָך דעם, ווי אַלע זעקאַ פון באַראַק האָבן זיך שוין געלייגט שלאָפן, האָב איך באַדאַרפט אויפקלייבן צופוסנס פון די נאַרעס אַלעמענס פאַרוויס־אויסגעשטעלטע וואַליקעס (יעדער אַרעסטאַנט פלעגט נאָר דורך די אויערלעך, אָדער פשוט דורך אַ לעכל אין יעדן וואַליק דורכציִען אַ פעסטן בענדל, פאַרשטייפן מיט אַ שלייף, די „פּאָר״ זאָל זיך נישט צעשיידן. אַנדערע פלעגן מאַכן לעכלעך אין די אָנוטשעס, עס דורכנעמען מיטן בענדל צווישן די וואַליקעס) אַריינטראָגן זיי אין דער סושילקע. מיט יעדן פּאָר פלעג איך אַרויפקלעטערן אויף די הויך־צעשפּרייטע קלעצלעך, שטעלן זיך אויף זיי און, כמעט, אונטערן סופיט, אויף ספּעציעלע הילצערנע הענגערס. אויפהענגען טריקענען, איך פלעג טאָן אַזוי מיט יעדער פּאָר באַזונדער, ביי מיין אינוואַלידשאַפט האָב איך אַנדערש נישט געקאָנט. די באַראַק־דניעוואַלנעם (די אויפרוימערס) פלעגן שוין צו מיין קומען גוט אָנהייצן דעם אויוון פון דער סושילקע, אַז בעת איך פלעג אין משך פון דער נאַכט שטעלן זיך אויף די קלעצלעך צו באַטאַפּן און איבערהענגען די וואַליקעס, עס זאָל זיין פרייער צווישן זיי און זיך בעסער טריקענען, פלעגט מיר פון דער היץ, פון דעם גליִענדיקן „דוך״ פאַרכאַפּן דעם אָטעם און איך פלעג זיך וואָס גיכער אַראָפּלאָזן אונטן, אויף די קלעצלעך.

מיין שטענדיקער וווין־פּלאַץ איז געווען אינעם אינוואַלידן־באַראַק. קיין נאַרע אינעם באַראַק נומער צוויי האָט מען מיר נישט געגעבן, האָב איך זיך די גאַנצע נאַכט געמוזט געפינען אויף מיין אַרבעטס־פּלאַץ — אינעם טריקן־קאַמער. די טיר האָב איך געדאַרפט האַלטן פאַרמאַכט, אויב נישט, איז די סושילקע קיין סושילקע נישט, ס׳האָט אין דעם טריקן־אַלקערל געברענט אַ גאַנצע נאַכט אַן עלעקטריש לעמפּל. איך פלעג אויף די קלעצלעך צעשפּרייטן מיין בושלאַט און פופייקע, אין דעם אַלקערל איז געווען אַזאַ חמימה — איך פלעג זיך באַגיסן מיט שוויס, אין גאַנצן אויסטאָן זיך, אויך דאָס העמד פון לייב און אַלץ עס געלייגט אויף די

קלעצלעך. עס זאָל מיר, אגב, זיין לייכטער אַרומצוקריכן איבער זיי און שטעלן זיך באַטאַפּן די וואָליקעס. איך פּלעג פּרוּוון אויף אַ רגעלע אַ דרימל טאָן, נאָר דער פּחד, אַז איך קאָן שטאַרק איינשלאָפן און די היץ אין דעם טריקן־אַלקערל פּלעגן מיך נאָכאַנאַנד וועקן און טשוכען. איך האָב גוט פאַרשטאַנען — איך טאָר נישט באַגינען אַריינברענגען אין באַראַק קיין איין פייכטע, נאַסע פּאָר וואָליקעס, דער ראַבאָטיאַגע זאָל אין זיי 12 שעה אַרומגיין אין וואַלד אין פלאַקערדיקן פראָסט. מ׳וואָלט מיך פאַר דעם נישט אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ און נישט גערעכנט זיך מיט דעם, וואָס איך בין אַ קאַליקע. פּלעג איך ביינאַכט, כּדי צו זיין איבערצייגט, אַז די וואָליקעס ווערן טרוקן, אַריינשפּאַרן אין זיי די הענט, אַרומטאַפּן פון אינעווייניק און אויך פונאַנדערשפּרייטן די אָנוטשעס, זיי זאָלן זיך גיכער און זיכערער טריקענען.

דאָס פאַראַנטוואָרטלעכסטע אין מיין אַרבעט איז געווען, באַגינען צו דערהערן דורך די דאָפּלטע באַראַק־שייבלעך, די פאַרקאָוועטע מיט פראָסט, דעם „גאָנג״, דעם זעץ מיטן אייזן איבערן וואַכטע־רעלס (קיין זייגער איז דאָך אין באַראַק נישט געווען), כּדי תּיכּף אַראָפּצוכאַפּן פון די הענגער די וואָליקעס, דערנאָך אַרומשעפּען, אַרומהענגען זיך אויפן קאָפּ, אויפן האַלדז, אויף די אַקסלען דעם „באַרג״ מיט וואָליקעס און וואַקלענדיקערהייט, מיט קוים־געשטעלטע טריט, אָן דעם שטעקן און קוליע, אַרויסשלעפּן עס פון דער סושילקע און אַ שליידער טאָן די „בערעמע״ אין מיטן באַראַק, צווישן די נאַרעס, צו די פיס פון די ראַבאָטיאַגעס.

איך וואָלט עס געקענט טאָן פּאַמעלעכער, פריער מיט אַ שעה, אָדער מיט אַ האַלבער שעה פאַרן „פּאָדיאָם״ (באַגינענדיקער באַפעל אויפצושטיין), וואָלט איך מיט דעם געשטערט די נאַכט־רו פון באַראַק, ווען פאַר די אַרעסטאַנטן איז אַזוי טייער יעדע רגעלע שלאָף און צווייטנס וואָלטן זיך די וואָליקעס נישט דערטריקנט. די וואַלד־העקער און צווישן זיי היפּש יונגע גזלנים־מערדער, האָבן געזען מיט וויפל פלאָגעניש און מאַטערניש איך טו עס. און אפשר, האָט זיך מיר דאַן אויסגעוויזן, אַז זיי האָבן געזען, נאָר איך האָב פון זיי קיין קרומען וואָרט נישט געהערט.

וויפל צייט איך האָב געאַרבעט אין דער סושילקע — ווייס איך נישט. ווען מ׳זאָל מיך אפילו אין יענעם פּעריאָד צייט אַ פרעג טאָן צוויפל איך, צי וואָלט איך געענטפערט. אַצינד, אַז איך טו אַ טראַכט, מיין איך, אַז נישט ווינציקער פון אַ חודש, נאַכט־איין־נאַכט, אָן אַן איבעררייס, ביז אין איינעם אַ באַגינען — און, אפשר, איז עס געשען מיט מיר אין מיטן נאַכט... אָדער די באַראַק־דניעוואַלניס האָבן צו פרי פאַרמאַכט דעם קוימען, און איך האָב זיך אויף טויט פאַרטשאַדעט, אָדער איך האָב מיך שוין אין גאַנצן געהאַט אַרויסגעשלאָגן פון די כּוחות, נאָר ווען עס האָט

דערלאַנגט אַ זעץ דער אײַזן איבערן רעלס בײַ דער וואַכטע, האָבן די וואַלד־העקער אומזיסט געוואַרט, איך זאָל זיך באַווײַזן אין באַראַק מיט דעם באַרג וואָליקעס אויף זיך... מ׳האָט מיך אַרויסגעשלעפּט אויפֿן שניי... געריבן די שלייפֿן... די באַראַק־דניעוואַלנעם האָבן מיך געבראַכט צו פֿירן צו מײַן מקום־מנוחה — צו דער ערשטער אונטערשטער נאַרע, בײַ דער טיר פֿון דעם אינוואַלידן־באַראַק. גאָט איז אַ פֿאָטער... איך בין נישט אַרײַנגעפֿאַלן אינעם „דריטל" פֿון מאָזעבאַכס „מאַרג־סטאַציאָנאַר"... מײַן נאָמען חיים האָט זיך פֿאַר מיר געמיט...

די שפּאָגל־נײַע וויעראַ טשעבעריאַק...

דער „קייזערלעכער־טויער" פֿונעם סטאַלין־לאַגער האָט זיך מיט שאָדנפֿרייד צעפּראַלט פֿאַר די געשפּענסטער — „די מערדער אין ווײַסע כאַלאַטן"... זיי האָבן פֿאַרנומען דעם גאַנצן לאַגער־חלל, אַרײַנגעריסן זיך אין אַלע באַראַקן... און נישטאָ מיט וואָס צו עטעמען און נישטאָ זיך פֿון זיי, ווו אַהינצוטאָן — סײַדן לאָזן זיך לויפֿן אויסער זיך, אין שגעון צום שטעכ־דראָט פֿון דער „גייטראַלער זאָנע"... וועט דיך דער סאָלדאַט פֿונעם טורעמל איבערן קוואַדראַט־ווינקל באַגעגענען מיט אַ קויל און אויס מיט אַלע דײַנע בענקענישן און פּײַנען, סט׳פֿאַלן ווי אַ סנאָפּ, באַוואַשן מיט בלוט, צוזאַמען מיט די נאָך טליִענדיקע אין דיר האָפֿענונגען... איך האָב מיך פֿאַרשמעקט אויף מײַן נאַרע, אויף דער נאַקעטער ברעט... דער נײַער קאָמענדאַנט, אָנשטאָט דעם מאַדיאַר, אויך אַ זעקאַ, אַ געזונטער הויכער קאַלמיק, מיט אַרויסשטאַרצנדיקע באַקן־סקולעס, איז נאָך הײַנט אין דער פֿרי אַרײַן צו אונדז אין באַראַק, כלומרשט זיך פֿאַרצושטעלן פֿאַר די אַרעס־טאַנטן — „איך בין דאָס דער נײַער בעזעם"... און צוגענומען מיט רציחה פֿון מײַן נאַרע דעם שעניק, דעם שטרויזאַק, בלויז בײַ מיר אַליין. און פֿאַר וואָס ער טוט דאָס און מיט וואָס איך האָב זיך פֿאַרזינדיקט, האָט ער נישט געזאָגט. צוגענומען און גאָר. ליג איך אויף דער נאַקעטער ברעט... כ׳האָב אַרויפֿגעצויגן ס׳ווינטער־היטל טיפֿער איבער די אויערן, איך זאָל אַרום זיך גאָרנישט נישט הערן, איך האָב צוגעמאַכט די אויגן, איך זאָל קיינעם אין באַראַק נישט זעען...

נאָר קען מען דען לאַנג ליגן אַזוי? — אין לאַגער גייען נישט אָן קיין קונצן פֿון אַ שטרויספּויגל: באַהאַלטסטו דעם קאָפּ און הויבסט אויף דעם עק, וועט מען דיר אַראָפּהאַקן דעם עק מיטן קאָפּ צוזאַמען... מײַן נשמה

האָט ווי אַן אייזערנע רייף אַרומגעכאַפּט אַ גישט קיין גוטער פּאַרגעפיל — אַ זיך געשווינדט־דערנענטערנדיקע פּאַרטיליקונג... סאַמע ביי מיין נאַרע — אַן אַפּריס... אַ שוואַרצער תהום...

די אינוואַלידן האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעטס־זאָנע. ס׳איז שוין נאָך מיטאָג. דער לייטענאַנט פון „קאַוועטשע״ האָט אַליין בכבודו ובעצמו, וואָס דאָס טרעפט זעלטן, אַריינגעטראָגן אין באַראַק די ציַיטונגען. דערזען, אַז דער בריגאַדיר יודין איז אין באַראַק נישטאָ, לייגט ער זיי אַוועק אויף יודינס נאַרע און טוט אַ זאָג צום שמיד קאַלינאַוויטש, וואָס פאַרנעמט די נאַרע קעגנאיבער יודינס: „לייענט... ביז גאַר אינטערעסאַנטע נייעס״... און איז אַרויס פון באַראַק. קאַלינאַוויטש כאַפּט אַ מאָסקווער „פּראַוודאַ״״, לויפט דורך מיט די אויגן איבער די גרויסע קעפּלעך אויף דער ערשטער זייט און הייבט אָן פלוצעם צו לייענען אויפן קול... אַרום קאַלינאַוויטשעס נאַרע ווערט אַ געזעמל... אַצינד חזרט ער שוין איבער די נייעס מיט זיינע אייגענע ווערטער פאַר אַלעמען: „אַ רוסישע מאָסקווער דאָקטאָרין האָט ענדלעך דעמאַסקירט די יידישע דאָקטוירים, „די מערדער אין די ווייסע כאַלאַטן״, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרסמען סטאַלינען און זיינע טרייע מיט־קעמפער און פאַר איר געוואַגטקייט האָט דער אויבער־סאָוועט פון פ.ס.ס.ר. זי באַלוינט מיט אַ לענין־אָרדען״.

פון די שכנישע נאַרעס בעטן די זקנים ביי קאַלינאַוויטשן, ער זאָל נאָך אַ מאָל, וואָרט ביי וואָרט, איבערלייענען דעם אוקאַז פון אויבער־סאָ־וועט... מען וואַרפט בליקן צו מיין נאַרע — וואָס וועל איך דערויף זאָגן ?... און מאַלאַכאָוו, אַן דער האַנט, וועלכער אַרבעט אין דער בעקעריי, צעגוואַל־דעוועט זיך: „האָב איך דאָך צוליב זיי באַקומען 25 יאָר! איז דאָך מיין שולד קיין שולד נישט...״ און שטעמפּלט אָפּ זיין געשריי מיט עטלעכע פּרישע פּעטע „רוסישע ברכות״...

דעם זעלבן מאַלאַכאָוון פלעגט פון צייט צו צייט געפעלן זיין זעצן זיך אויף מיין נאַרע און אָנהייבן מיט מיר, אין גוטן מוט, צו שטויסן זיך ראַנגלען זיך, און דערציילן וועגן די געפּערלעכע מעסערשטעך־געשלעגן, אין וועלכע אים איז אויסגעקומען זיך צו באַטייליקן... און באַרענדיק זיך מיט מיר, פלעגט ער מיט זיין איין האַנט, אָנכאַפּן מיך ביים האַלדז. איך פלעג לאַכן און ווערן זיך. אָבער איך פלעג פלוצעם דערפילן, אַז אין אים צע־קאָכט זיך שוין, אַן אַ שפּאַס, זיין גזלנישע יוכע, ס׳צעגלאַנצן זיך דול זיינע אויגן און ער נעמט מיך אויפן סאַמע וואַרהאַפטיקן אופן ווערגן. פלעג איך שוין אַן אַ געלעכטער, העפטיקער זיך באַשיצן און מיטן גאַנצן כוח פון מיינעביידע הענט אָפּרייסן פון זיך זיין איינציקע האַנט אַרום מיין האַלדז... אָבער אין אַט־דער רגע האָט מיך אַ שלאָג געטאָן אַ מחשבה — מאַלאַכאָוון קאָן אַצינד אין דער הייסער מינוט פאַרגלוסטן זיך צוקומען צו מיין נאַרע

און וועלן זיך אויסטענהן מיט מיר — „אַט וועט איר זייט...” און זיך גאָר אָן אַ קאַטאָוועס נעמען מיט מיר שלאָגן... האָב איך מיך תיכף אָנגעבויגן אַרויסצוציען פון אונטער דער נאַרע מיין פּראַטעז, כדי אויף אין דער גיך „צו שטעלן זיך אויף די פיס”... ס׳נעמען זיך פיבערהאַפּט טראָגן מיינע געדאַנקען: „טאָמער באַפאַלט מיך מאַלאַכאָוו און עמעץ קומט אים צו הילף, אפליו קאַלינאָוויטש... איך בין לעצטנס מיט אים נישט זיכער... דערצו האָט ער דאָך געזען, ווי אַזוי דער קאַלמיק האָט צוגענומען פון מיר מיין שעניק, דעם שטרויזאַק... „הייסט עס, דער ייִד איז ווידער אויסער יעטווערן געזעץ, הפקר און מ׳קאָן מיט אים טאָן וואָס מ׳וויל איבעראַל, אויך דאָ, אין דעם סטאַלין־לאַגער”. איך שטיי שוין נעבן מיין נאַרע און קוק זיך אַרום —ווער קאָן מיר קומען צו הילף? — חייקין איז נישטאָ. אינעם זעלבן טאָג, ווען דער טשיז האָט אים אַראָפּגענומען פון קאַפּטיאָרסטשיק, האָט ער אים באַפוילן צו פאַרלאָזן דעם אינוואַלידן־באַראַק... דער מאָליעווער שוחט אַרבעט שוין לאַנג אין אַ וואַלד־בריגאַדע און לעבט אינעם דריטן, אָדער פערטן באַראַק. דעם סאָראָקער בוכהאַלטער האָט מען מיטן עטאַפּ אַוועק־געשיקט אין צענטראַלער טיישעטער באָלניצע. די אַלטע בוכאַרער ייִדן — וואָס קאָנען זיי מיר העלפן? — שאַקאַראָוו, אפשר, אין דער לעצטער מינוט, וועט ער זיך וואַרפן טאָן עפּעס... דער קאַרעלאָ־פין און דער מאָל־דאַוואַן דער סעקטאַנט מיצא — זיי וועלן זיך, מיין איך, אַריינמישן, איינ־שטעלן זיך פאַר מיר... און גראָדע איז יודין דער בריגאַדיר ערגעץ אַרויס־געגאַנגען. ער וועט געוויס נישט דערלאָזן צו אַן ערנסטן געשלעג... און ביי אָט די שנעל זיך דורכטראָגנדיקע בייזע מחשבות מיינע, קומט אַריין אין באַראַק יודין מיט אַ פּעקל בריוו אין דער האַנט... און אַלע וואַרפן זיך אים אַנטקעגן... די ציַיטונג־נייעס איז שוין אויפן צווייטן און דריטן פּלאַן... אַ בריוו פאַרנעמט אין לאַגער דעם סאַמע אויבן־אָן. איך בין אָבער גע־פּלעפט פון דער שוידערלעכער שוואַרצער בשורה, איך וואַרף אויף זיך אַרויף מיין פופייקע, כאַפּ אין די הענט מיין קולע און שטעקן און אין דעם „בריוו־טומל”, וואָס איז אויך מיר זייער און נוגע — „אפשר אַ בריוו?”, כאָטש איך האָב ערשט אייערנעכטן אַ בריוו פון מיין פרוי באַקומען, גיי איך, לויף איך כמעט אַרויס פון באַראַק. ס׳בריט אָפּ מיין אָטעם, ס׳געזיכט, די שאַרפע קרירה — „באַדאַרפט אויך אָנטאָן דעם בושלאַט”, נאָר איך וועל זיך שוין איצט נישט צוריקקערן. נישקשה, כ׳וועל נישט צעפרוירן ווערן, כ׳בין נישט קיין קיזשאַק. און איך נעם מיט האַסטיקע באַוועגונגען צו שפּאַנען, ווי מיין שטייגער איז, נעבן באַראַק הין און צוריק, און אַרומקוקן זיך... „וווהין? צו וועמען קומט מען אַריין? כאָטש עמעצן זען... די דניעוואַלניעס האָבן תכלית־שנאה פיינט ווען אַ זעקאַ פון אַ פרעמדן באַראַק עפנט די טיר און טראָגט אָן שניי און ברוד, בפרט פון

אינוואַלידן־באַראַק און נאָך אַ ייִד דערצו. זיי באַפּאַלן מיט זילזולים און טרייבן פּשוט דורך... נאָר אַט דערזע איך פון דער ווייטנס מאָטל סאַקציערן*)... ער האָט מיך אויך באַמערקט און גייט מיר אַנטקעגן. איידער ער איז צו, נאָך אַ פּאָר שפּאַן נישט דערגייענדיק, זאָגט ער צו מיר: „לאָמיר זיך דורכגיין, נישט געאײַלט, אין דער ריכטונג צו אייער אַפּטריט..." אַ הונדערט טריט אַהינצו צו גיין און קיינער איז אַרום אונדז נישטאָ...

— ווייסטו שוין? — טוט אויף מיר אַ קוק סאַקציער.

יאָ.

— האָבן מיר זיך געקאָנט אַזעלכעס פאָרשטעלן — פּונקט אין פערציק יאָר אַרום זאָל אין דעם לאַנד פון קאָמוניזם אויסשפּראָצן אַזאַ גיפטיקער שוואָם, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, אַ שפּאָגל־נייע וויערא טשעבעריאַק...

— אוי, נישט גוט, — זאָג איך — איך געפין מיר קיין אָרט נישט...

— האַלט דיך, חיימקע. איך האָב ערשט גערעדט מיט אייניקע וויכטיקע מענטשן, געוועזענע פּראָפעסאָרן. זיי זענען איבערצייגט — „וואָס ערגער ס'איז, אַלץ בעסער"... דער געשוויר איז שוין רייף און וועט פּלאַצן..." „דער דאָקטער סמיגלאָ זאָגט: — „אַ חרפּה פאַר רוסלאַנד"...

איך שלאָג איבער סאַקציערן: אָבער די שוואַרצע מאה, די קוילער, דאָ גופא אין די באַראַקן... איך האָב געוואָלט געבן צו וויסן סאַקציערן וועגן דעם, אַז דער נייער קאָמענדאַנט, דער קאַלמיק, האָט ביי מיר היינט צוגענומען דעם שעניק — מיין שטרויזאַק... איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן. נישט געוואָלט עס אַרויסברענגען פון מיין מויל, אים שווערער צו מאַכן אויפן האַרצן... אָנשטאָט דעם, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: — עמיאָטן האָסטו געזען?

— יאָ.

— וואָס זאָגט ער?

— פרעג שוין בעסער נישט, אויב מ'וועט אים איצט, אין זיין צו־שטאַנד, קוים וואָס ער שלעפּט די פיס, שיקן מיט אַ בריגאַדע אין וואַלד, איז ער אין איינע־צוויי טעג פאַרטיק...

איך האָב שוין נישט געפרעגט ביי סאַקציערן, ווי האַלט עס ביי אים? צי דראָט אים נישט, מ'זאָל אים אַרויסשטויסן פון דעם שניידער־וואַר־שטאַט? — איך האָב גוט געוווּסט, אַז סאַקציערן, ווי שווער ס'זאָל אים נישט זיין, וועט ער וועגן זיך נישט ריידן... מאָטל סאַקציערן האָט מען דאָך צוגענומען פון שפּיטאָל נאָך אַ קאָמפּליצירטער לעבער־אָפּעראַציע. די היץ איז נאָך ביי אים נישט געוועזן אַראָפּגעפאַלן. ער איז אין לאַגער

---

*) מיטן יידישן דיכטער דעם ווילן און האַרציקן מאָטל סאַקציערן, זענען מיר 4 יאָר געווען אין טייִשעט־לאַג און ביי אַנדערטהאַלבן יאָר אויף איין לאַגער־פּונקט.

געקומען מיט אַ נישט פאַרהיילטער ווונד און טראָגט אויף דעם אָפּערירטן אָרט אַ באַנדאַזש. די ווונד אייטערט זיך... מיר האָבן זיך שטאַרק איינער דעם אַנדערן אַ דריק געטאָן די האַנט און ער איז אַוועק צו זיין באַראַק און איך — צו מיינעם.

און נאָך נישט דערגייענדיק צום באַראַק, יאָגט מיך אָן עשקינד, דער גענעראַל עשקינד... די זעקא, סיי די יידן, סיי די גויים האָבן מיט אַ בייטעם פון איראָניע אים אַנטקעגן געטראָגן דעם דאָזיקן טיטל מיט זיין פאַמיליע־נאָמען צוזאַמען: גענעראַל עשקינד. אַזוי האָט ער זיך פאַר אַלעמען פאַרגעשטעלט, ווען ער איז געקומען אין לאַגער.

...אין דער זעלבער צייט, ווען אין מאָסקווע זענען דורך די צוויי פּראָצעסן פון דעם אַנטיפאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט און פון דעם ביראָבידזשאַנער, איז דאָרט פאַרגעקומען אַ דריטער פּראָצעס, אויך בסוד־סודות — מ'האָט פאַרמשפּט אַ גרופּע פון אַ מאָן דרייסיק יידן — פון די אָנגעזעענסטע טוער, דירעקטאָרן אינזשיניערן, וויסנשאַפטלער פונעם מאָסקווער אויטאָמאָבילן־זאַוואָד — „אַמאָ". די באַשולדיקונגען, וועלכע די מאָסקווער מ.ג.ב. האָט אַרויסגעשטעלט דער דאָזיקער פּילצאַליקער גרופּע סאָוועטישע יידן, וועלכע האָבן יאָרצענדליקער געאַרבעט אויפן זאַוואָד, האָבן איבערגעשטיגן די סאַמע ווילדסטע, אומגעלומפּערטסטע בילבולים: מ'האָט די גרופּע יידן חושד געווען, אַז זיי האָבן, בוכשטעבלעך, געגרייט אַ „פּאָדקאָפּ" — אַ מין פאַרטיפונג, אַן אונטערערדישן טראַנשיי־טונעל, קאַטאַקאָמבע, צום קרעמל, כדי, פאַרשטייט זיך, צו „שטירצן" דעם קרעמל בראש מיט סטאַלינען... אויסשליסלעך אַלע פון אָט דער גרופּע האָבן באַקומען צו 25 יאָר. און איינער פון די „שטירצער" איז געווען עשקינד, דער פאַרוואַלטער פון דעם זאַוואָדישן „אָטדיעל סנאַבזשעניאַ" — צושטעלונג, באַזאָרגונג־אָפּטייל פון זאַוואָד. אין די מלחמה־יאָרן האָט עשקינדס פּאָסטן אַנטשפּראָכן צום ראַנג פון אַ גענעראַל און דאָס איז אים ווייזט אויס געפעלן געוועזן, מע זאָל אים אַזוי רופן. נאָך די מלחמה־יאָרן האָט ער זיך לאַנג נישט געקאָנט שיידן מיט דער דאָזיקער „זוואַניע־חשיבות" און גערעכנט (אַ מענטש קאָן דען זיין נישט פאַרנאַרישט), אַז אינעם סיבירער רעזשימנעם לאַגער וועט אים ביישטיין דער „גענעראַל־זכות", און אים העלפן צו פאַר־גרינגערן די שקלאַפעריי. איז ער זיך טועה געווען, ווי נאָר דער טשיז האָט דערהערט, אַז דעם מאָסקווער יידן רופן די זעקא „גענעראַל עשקינד", האָט ער אים, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עשקינד איז אַ קראַנקער מענטש, אַריבער די זעכציק, אַריינגעשטופּט אין אַזאַ וואַלד־בריגאַדע, וואָס גיין צום אַרבעטס־אָרט האָט מען באַדאַרפט 7—8 קילאָמעטער אין דער טייגע... און עטוואָס לינדערן זיין פיינלעך־שווערע לאַגע האָט עשקינד געקאָנט בלויז דורך דעם, וואָס ער פלעגט דעם לאַגער־נאַראַדטשיק — אַ זעקאַ פון

כאַרבין, אָפּטלעך אונטעררוקן פון די פּעקלעך, וואָס זיין פרוי און קינדער פלעגן אים שיקן — מאָסקווער קעסטעלעך שפּראָטן, סאַרדינען און כדומה און דער נאַריאַדטשיק פלעגט שוין פועלן ביי עשקינדס בריגאַדיר און אויך פּאָר עפּעס, נישט אומזיסט, ער זאָל מיט פאַרשידענע תירוצים און אויסריידן, איבערלאָזן עשקינדן אויף אַ פּאָר טעג אין דער זאָנע גופא...

...הייסט עס, יאָגט מיך אָן עשקינד האַרט ביי דער באַראַק־טיר:

— מ׳וועט דאָך אונדז אַלעמען קירצער מאַכן מיט אַ קאָפּ. דער טשיז האָט שוין צוגענומען ביי בראָדסקין די גאָל־מכשירים און טרייבט אים אין וואַלד. ער האָט צו אים געזאָגט: „פּאַר אַזאַ וואָלף ווי דו, בראָדסקי, ביסט, איז דיין פּאַסיקסטער אָרט אין וואַלד צו זעגן בוימער און נישט צו האַלטן אַ בריטווע אין דער האַנט... איז וואָס זאָגט איר אויף דעם? — די נייע וויערא טשעבעריאַק וועט דאָך אונדז אומגליקלעך מאַכן... מאַרט־שינסקע, — אַזוי האָב איך ביי עשקינדן געהייסן — איר געהערט דאָך צו די שרייבער, צו די אינזשיניערן פון די מענטשלעכע נשמות...

געגעראַל עשקינד, — האָב איך אים דערויף געענטפערט, — איר זייט דאָך געוויס נישט קיין נאַרישער מענטש, — וואָס ערגער, איז אַלץ בעסער, — האָב איך אים איבערגעחזרט די ווערטער, וועלכע כ׳האָב אַקאָרשט געהערט פון מאָטל סאַקציערן, — און געעפנט די באַראַק־טיר.

דריי געשעענישן אין איין טאָג...

אין באַראַק האָט מיר דער בריגאַדיר יודין אויסגעשטרעקט צוויי בריוו: „ווו ביסטו נעלם געוואָרן? — אַ וווּנדער, דו זאָלסט נישט ביי זיין ביים צעטיילן די אָנגעקומענע פּאָסט...

איך האָב אויף דעם יודינען גאָרנישט נישט געענטפערט... איך האָב קוים איינגעהאַלטן מיינע הענט, זיי זאָלן נישט ציטערן פון אומגעדולד און אומרו... איך בין מיט די בריוו דורכגעלאָפן די עטלעכע טריט צו מיין נאַרע, אין איילעניש אַרויסגענומען פון דער קעשענקע אין מיין אויבער־העמדל מיינע שפּאַקולן — טאַקע שפּאַקולן, נישט קיין ברילן, די גלעזלעך איינגעפּאַסט אין קוים־זשיפּענדיקע רעמלעך — דרעטלעך, די צעבויגענע האַלאָבלעס פאַרשטאַרקט מיט שטריקלעך, בענדלעך און פאָדעם, אַרומצו־דרייען די אויערן־לעפּלעך — און אָנגעטאָן מיט טיאַבקענדיקן האַרצן צו דער־זען מיין פרויס טייערע, דייטלעך־קלאָרע אותיותלעך, איר ליבן פּערלדיקן כתב, וואָס כ׳פלעג מיט אָן אַ שיעור זיסקייט און הייסער צערטלעכקייט

איינזאַפּן אין נשמה. און אַזויביים באַקומען יעדן בריוו אירן. איך האָב זיי אַלע צוזאַמען געהיט, ווי אַן אוצר אין מיין אַרעסטאַנטישן זעקל אונטערן צוקאָפּנס. נאָר אַצינד האָבן די צוויי בייע בריוו אירע מיך אין גאַנצן אויפ־געטרייסלט. איך בין געבליבן זיצן, ווי געליימט, ווי צוגעשרויפט צו דער נאַקעטער נאַרע־ברעט... אין איינעם פון די צוויי בריוו שרייבט צו מיר מיין הינדע־לעבן, ווי שטאַרק זי איז באַאומרויקט, וואָס זי האָט נאָך אַלץ נישט באַקומען פון דער פּאָסט די באַשטעטיקונגס־קוויטאַנציע מיט מיין אונטערשריפט, אַז מ'האָט מיר אויף מיין וווין־אָרט איבערגעגעבן די פּאָסילקע. זי האָט שוין מיר וועגן אָט דער זאָרג אירער דערמאָנט אין איינקע לעצטע בריוו. לויט איר חשבון, האָב איך שוין די פּאָסילקע לאַנג באַדאַרפט באַקומען. ווייל זי ווייס עס גענוי, מענטשן, וועלכע האָבן אין איין צייט מיט איר געשיקט פּעקלעך, אומגעפער, אין דעם זעלבן אַדרעס... האָבן שוין די באַשטעטיקונגס־קוויטאַנציעס לאַנג דערהאַלטן. און דער אַנדערער בריוו מיין פרויס, — דאַטירט מיט עטלעכע טעג שפּעטער — פול מיט גרויזאַמער פאַרצווייפלונג, נישט גוטן פאַרגעפּיל, האַרץ־געשריי: „וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט?" מען האָט איר צוריקגעקערט די פּאָסילקע... „צי בין איך נישט געזונט?... צי האָט נישט געטראָפן מיט מיר דאָס סאַמע שרעקלעכסטע...?" זי האָט פאַרגליכן, שרייבט זי די קוויטאַנציעס פון די פאַריקע צוויי געשיקטע פּאָסילקעס מיט דער קוויטאַנציע פון דער לעצטער, וואָס זי האָט באַקומען צוריק. אין אַלע דריי פאַלן האָט זי געשיקט לויט איין און זעלבן אַדרעס. קיין שום טעות איז נישטאָ, אַלץ פּאַלט צונויף. זי ווייס נישט וואָס צו טאָן, צו וועמען ווענדן זיך? „וואָס איז מיט דיר געשען? טייערער, האַרציקער מיינער... איך און מיין שוועסטער בראָניע און די קינדער, מיר זענען אויסער זיך פון פּחד און אומרו"...

אָט אין דעם האָט זיך אויסגעדריקט די אכזריות, דער באַנדיטיזם פון דעם רעזשים אין טיישעטלאַג: איך האָב געהאַט רעכט צו שרייבן מיין פרוי איין און איינציקן בריוו אין משך פון אַ האַלב יאָר, בשום אופן נישט מער — איין בריוו... דאָס איז געווען די פיינפולסטע שטראָף, וואָס האָט ווי מיט בייטשן געפּאַסעוועט, געשניטן מיין האַרץ. זי, מיין פרוי — אַ פרייע בירגערין — קאָן שרייבן צו מיר אָפט. ענטפערן אָבער קאָן איך אויף אירע בריוו אין אַ האַלב יאָר אַרום. און די איינציקע האָפענונג און טרייסט פון מיין פרוי און קינדער, פון מיין שוועגערין איז געווען צו באַקומען די באַשטעטיקונג, מיין חתימה, אויף דער פּאָסילקע־קוויטאַנציע. הייסט עס, אַז איך לעב נאָך.

מיין ערשטן בריוו האָב איך געשריבן צו מיין פרוי, ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַגער — אין מאַי 1952־טן יאָר. דעם 2־טן — אין אָקטאָבער. און צו ענטפערן איר אַצינד אויף דעם בריוו, אין וועלכן זי גיט מיר צו

וויסן, אַז זי האָט דאָס פּעקל צוריקבאַקומען, האָב איך רעכט ערשט אין פעברואַר חודש פונעם קומענדיקן 1953־טן יאָר. מיט קיין איין טאָג נישט פריער.

דריי גרויזאַמע געשעענישן האָבן היינט, ווי אַ האַנט אין אַן אייזערנער הענטשקע אָנגענומען מיך ביים גאַרגל:

א) די נייע וויעראַ טשעבעריאַק... מיליאָנען סאָוועטישע ייִדן זענען אויפן ראַנד פון אומקום... אויב עס איז שוין די רציחה אַרויסגעטראָגן בפרהסיא אין די צענטראַלע בלעטער, אַז די יידישע דאָקטוירים האָבן געוואָלט סמען סטאַלינען און זיין סוויטע און אַז די זעלבע דאָקטוירים־יידן האָבן אין זיינער צייט געוואָלט אומברענגען דעם גרויסן רוסישן שרייבער מאַקסים גאָרקי, הייסט עס, אַז דער „שוואַרצער סוף״ איז שוין פון פריער פּאַראויסבאַשטימט, ווייל בלויז מיטן משפט אַליין איבער די „מערדער אין ווייסע כאַלאַטן״, וועט עס זיך נישט פאַרענדיקן. און די סאָוועטישע יידן דערוואַרט — פאַרטיליקונג, דעם זעלבן גורל פון די קרימער טאָטערן, אינגושן, טשעטשענצעס, קאַלמיקן, וואָלגער־דייטשן אין דעם ערשטן מל־חמה־יאָר 1941 — 1942... מ׳וועט די סאָוועטישע יידן פאַרשטויסן, פאַר־שפּאַרן אין די רוסישע קאַפּעקאַלן, אין די ביראָבידזשאַנער צעפוילטע באַראַקן...

אויב די פריערדיקע אַנטי־ייִדישע פּראָצעסן אין מאָסקווע מיט 7—8 מאָנאַטן צוריק — דער ביראָבידזשאַנער משפט, דער פּראָצעס איבערן אַנטיפאַשיסטישן ייִדישן קאָמיטעט און די מאָסקווער יידישע שרייבער, זענען פאָרגעקומען בסוד־סודות פון דער גאַנצער וועלט, איז מיטן אָפּדרוקן אַצינד אין דער צענטראַלער סאָוועטישער פּרעסע דאָס באַלוינען מיט אַ לענין־אָרדען די נייע „וויעראַ טשעבעריאַק״, ווערט די צעיושעטע יידן־שנאה אַרויסגעטראָגן אָפן פאַרן גאַנצן רוסישן שוואַרצמאההדיקן ערב רב...

ב) מיין אייגענע אויסגאַנגסלאָזע גרויליקע לאַגע: דער נייער קאָמענ־דאַנט, דער קאַלמיק, האָט היינט אין דער פרי צוגענומען פון מיין נאַרע דעם שעניק — מיין שטרוי־זאַק... הייסט עס, אַז איך קאָן מיך שוין גרייטן צום שוידערלעכסטן... און אין אַזאַ מין מאָמענט און אַטמאָספער באַרויקן זיך מיט פאַרמילדערונגס־אילוזיעס, איז שוין מער ווי לעכערלעך — איך בין ווידער אין קלעם פון אימהספולער טשעקיסטישער פאַרהוילונג...

און ג) דאָס צוריקקערן זיך פון מיין פרויס פּאָסילקע, פאַרגרעסערט פילפאַכיק מיינע פינצטערע פאַרגעפילן... אויף מיין וועג צו טיישעטלאַג, ווען איך בין געווען אין די איבערליפערונגס־תפיסות: סווערדלאָווסק, נאָוואָסיבירסק, קראַסנאָיאַרסק, האָב איך זיך אָנגעהערט מיט געשיכטעס פון אַלטע זעקאָ, וועמען עס איז אויסגעקומען צו זיין אין די יאָרן 1937 — 1938 אין די יעזשאָוו־לאַגערן אויף דעם ווייסן צפון, אין קאָלימאַ: מ׳פלעגט

דאָן, פון צייט צו צייט, לויט „שוואַרצע צעטלען" פון די לאַגער־פונקטן, אַרויספירן פּעקלעכווייז אַרעסטאַנטן, נישט גערעכנט זיך, אויף ווייפל, ווער עס איז פאַרמשפּט און צעשיסן... עשקינדס ווערטל „מ'וועט אונדז מאַכן קירצער מיט אַ קאָפּ", האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן פון זיין הינטער־באַוווסטזיין... ס'איז נישט סתם אַ זאָג... מיין צושטאַנד אין אָט דעם אָוונט איז געגליכן געווען צו יענעם זומער ביינאַכט אין כאַבאַראָווסק, ווען מיין אויספאָרשער אַזירסקי האָט מיר אומדערוואַרט אַרויסגעשטעלט די באַשולדיקונג אין פאַראַט און שפּיאָנאַזש. פאַר דער אינקוויזיטאָרישער סאָוועטישער זשאַנדאַרמעריע האָבן נישט עקזיסטירט קיין שום נאָרמעס — צי פאַרן משפּט, צי נאָכן משפּט, מ'קאָן אַ מענטשן צען מאָל אַראָפּנעמען פון דער תליה און צען מאָל ווידער אַרויפציען... ס'איז די זעלבע, פאַרשאָלטענע, צאַרישע רוסלאַנד, מיט אַ צוגאָב פון אַ שיכורן קאָמוניסטישן גרעבץ... און מיט וועמען קאָן איך זיך אַצינד טיילן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך ביי מיר אויפן האַרצן — מיט קיינעם נישט — בלויז פאַרטייען, פאַרשטיקן אין זיך. בפרט נאָך דאָ, אין דעם אינוואַלידן־באַראַק. אָדער וואָס? — קומען קלאָגן זיך צו איינעם פון די לאַגער־נאַטשאַלניקעס: דער קאָמענדאַנט, דער קאַלמיק, האָט ביי מיר צוגענומען דעם שעניק — מיין שטרויזאַק? אָדער וועלן זיך דערוויסן פאַרוואָס מיין פרוי האָט צוריקבאַקומען דאָס פּעקל, וואָס זי האָט מיר געשיקט? — דאָס וואָלט זיי בלויז פאַרוויילן און זיי וואָלטן זיך שווענקען אין מיין בלוט. — קיין שום ווענדן זיך צו זיי, קיין שום מגע ומשא. האָסן, פאַראַכטן, נישט אויפהייבן אויף זיי מיין בליק... אַגב, פאַר די יאָרן פון מיין געפינען זיך אין לאַגער, האָב איך נישט געוווסט, ווו אַ טיר עפנט זיך צו נאַטשאַלסטווע...

...ס'טונקלט זיך שוין אין באַראַק. ווי געשווינד דער דעצעמבער־טאָג ווערט אַנטרונען, פונקט אַזוי ווי ער וואָלט גאָר נישט באַוויזן געבוירן צו ווערן. דער היטלעראַוויעץ האַנס, מיט דער איין האַנט, דער שומר ביי דער לאַגער־סטאָלאָווע, האָט שוין אַ צעפּראַל אויף געטאָן די באַראַק־טיר און פאַרטויבט מיט זיין „רייך־קאָמאַנדע": יודינס בריגאַדע! — און פאַרשווינדט.

איך וועל היינט גאָרנישט גיין עסן וועטשערע, — פאַלט מיר איין, — און איך טאַפּ אָן אין מיין קעשענע די דריי ציגעלעך צוקער און די קליינע ציבעלע אין דער צווייטער קעשענע, פון די לעצטע שוין טאָגנדיקע „זאַפּאַסן" אין מיין קאָפּטיאָרקע־זעקל... איך טו במחשבה אַ חשבון, אַז אויב איך וועל, ווי געהעריק שפּאָרן, קאָן איך צעציען דאָס, וואָס עס איז ביי מיר פאַרבליבן פון מיין צווייטער פּאַסילקע, נאָך אויף צוויי־דריי וואָכן... און איך בעט שאַקאַראָוון, ער זאָל מיר פון דער סטאָלאָווע ברענגען מיין אָוונטדיקע פּייקע ברויט. איך וועל מיך בעסער, — טראַכט איך, —

ווען אַלע וועלן אַרויס פון באַראַק, אויף אַ ווײַלע כאַטש פּרוּוון זיך צולייגן אויף דער נאַרע כאַפּן אַ דרעמל. און איך שפּרייט אויס אויף דער נאַקעטער ברעט מײַן בושלאַט און נורע זיך אײַן אין מײַן פופייקע. איך בין דאָך אַצינד אויף מײַן נײַעם אַרבעטס־פּלאַץ, דער נאַכט־דניעוואַלנע, גופא אין דעם אינוואַלידן־באַראַק. נאָך דעם, ווי די נאַדזיראַטיעלעס פאַרשליסן אויף בײַנאַכט פון אויסן דעם באַראַק, דאַרף איך אַ גאַנצע נאַכט זײַן וואַך, עס זאָל אין באַראַק גאָרנישט נישט פּאַסירן. פּאַקטיש, אויב עס זאָל אפילו יאָ וואָס טרעפן, קאָן איך סײַ־ווי מיט גאָרנישט נישט קומען צו הילף — איך בין פאַרשפּאַרט באַגלײַך מיט אַלעמען. און אויב עס זאָל זיך אין באַראַק אָנכאַפּן אַ שריפה, קאָן איך בלויז צוזאַמען מיט אַלעמען אויפהויבן אַ געוואַלד, די נאַדזיראַטיעלעס זאָלן דערהערן אויף דער וואַכטע... איז מײַן אַרבעט סתם אַן אַרבעט פון מאַטערן זיך, באַרען זיך בײַם באַראַק־טיש מיטן שלאָף און מורא האָבן, אַז דער דעזשורנער אויפזעער קאָן האַלבע נאַכט דורך די שײַבלעך באַמערקן, ווי איך האַלט אַראָפּגעלאָזן מײַן קאָפּ אויפן טיש, גניביש אויפשליסן די טיר און פּאַקן מיך אַ שלאָפנדיקן...

ווי אַ צולאָג צו מײַנע געהאַקטע צרות און פּלאָגן אין יענע טעג, האָט זיך מיר געזעצט אַ מכה סאַמע אונטערן אָרעם* די ווייטיקן זענען געווען אַזוי גרויס, אַז איך בין געווען געצוווּנגען צו ווענדן זיך צום הריג־נפש, צו מאַזעבאַכן. ער איז דאָך געווען דער אָפיציעלער דאָקטאָר־זעקאַ פון דעם אינוואַלידן־באַראַק. איך האָב אויסגעטאָן מײַן העמד און אויפגעהויבן דעם אָרעם. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און אויף דער וווּנד... און... טשיקאַווע, איך האָב דערפילט אין זײַן בליק מיטלייד... ער האָט אַ רגע געשוויגן און אַ דריק געטאָן מיט די אַקסלען און אַ זאָג געטאָן: „צום טײַוול... איך האָב קיין אַנונג נישט, וואָס איך קאָן טאָן? — דאָס אײַנציקע, וואָס איך פאַרמאָג — און ער האָט אָנגעוויזן אויף זײַן טישל, אויף וועלכן עס זענען געלעגן די שוין־באַקאַנטע מיר פּאָר קאַרטאָנענע שאַכטלעך מיט פאַרלעגערטן ציין־פּראָשעק פון די דאָרפישע „סיעלפּאָ“־קאָאָפּעראַטיוון...

— פּרוּוו — האָב איך אים געענטפערט — אפשר, וועט עס מיר לינדערן די קראַמפן... און דאָקטאָר מאַזעבאַך האָט דעם „קאַרבונקול“ געדיכט פאַרשאָטן, ער האָט נישט געזשאַלעוועט, מיט טרוקענעם, ווי קלײנינקע פּיצעלעך האָגל־גרײַפּעלעך, ווײַסן פּראָשעק.

אין די נעכט פלעג איך זיצן אויף מײַן אַרבעטס־פּלאַץ אַלס נאַכט־דניעוואַלנע בײַם באַראַק־טיש. די יסורים פון דעם אונטערן־אָרעם־געשוויר האָבן געריסן מײַן מוח, איך האָב זיך קיין אָרט נישט געפונען. די

*) אַן אָנרײַס אויף אַזאַ אָרט האָט אין לאַגער געהייסן — „סוטשיאַ ווימיאַ“ (רוסיש) „דער צויגס אייטער“.

צעוואַרעמטע ברעקעלעך ציין־פּראָשעק האָבן קענטיק, נאָך שטאַרקער געריבן דאָס קראַנקע אָרט און צערייצט דעם ווייטאָק, כאָטש שריי: הימל עפן זיך! די פּיין פּלעגט מיך אין דעם ביינאַכטיקן, פאַרשפּאַרטן, שטאַרק אָנגעהייצטן באַראַק, אָנגעפּולטן מיט מענטשלעכן שוויס און שרחהניש, פאַרשיכורן. און איך פלעג אַן אויסגעמאַטערטער, פאַרזינקען אין אַ טיפן שלאָף... און דאַן, בין איך געווען די „רויב" פונעם יונגן נאַדזיראַטיעל בוראַוווקין. אין וועלכע נעכט ער איז דעזשורנע, האָב איך דאָך נישט געוווסט... ביי אים, ביי בוראַוווקינען, איז דאָס שוין געוואָרן אַ מין סאַדיסטישע הנאה, אַ „ספּאָרטיוווער אינטערעס", צו פּאַקן מיך אויף מיין „פּאָסטן" אַ שלאָפנדיקן. און ער האָט שוין אין די דאָזיקע פאַלן געהאַט פאַר מיר אַ ספּעציעל־צוגעטראַכטע שטראָף: אויפגעשלאָסן די באַראַק־טיר, פלעגט ער זיך, ווי אַ קאַץ, אויף די שפּיץ־פינגער, צוגנבענען צום טיש, אויף וועלכן ס'ליגט מיין שלאָפנדיקער קאָפּ, אין זיינע ביידע דלאָניעס האַלט ער שוין אָנגעגרייט די צוויי פאַרשטייפטע ווי שטיקלעך אייז, שניי־קוילן (שניי פעלט נישט אין סיביר) און מיט זיי באַפאַלט ער מיך פלוצעם, רייבט מיינע אויגן מיטן פאַרפרעסטן שניי. נאָר איך פלעג דאָך מערסטנס אַנשלאָפן ווערן מיט מיינע שפּאָקולן אויף די אויגן, עפּעס לייענענדיק בעת מעשה... פלעגט מיך בוראַוווקין מיט זיינע אייזערנע הענט אַריינקוועטשן די שטיקלעך שניי צוזאַמען מיט די רעמלעך־דרעטלעך, מיט די שוואַכע, צעבויגענע האָלאָבלעס אין די אויגן, אין מיין נאָז, אָפּט צעקרעלן, צעבלוטיקן און לאָזן סימנים אויף מיין געזיכט. דערביי פלעגט ער אויספּלאַצן מיט זיין דונערדיקן, יווונישן געלעכטער, דערשרעקן, אויפוועקן פון שלאָף די אַלטע, קראַנקע אַרעסטאַנטן אויף די נאַרעס...

די זיסע פּיין

ווילט זיך מיר ביים סוף פונעם בוך אָנקומען צו מיין מאַמעס אַ ווערטל: „אַ מענטש קען אויף זיך מער דערטראָגן, איידער צען אָקסן קענען דער־שלעפּן". און נאָך פלעגט מיין מאַמע זאָגן: „לאָזט עס, קינדער, אַלץ מיט דער נאַטור..."

אָבער מיין פרוי, מיין הינדע־לעבן איז אויף דעם זאָג מיין מאַמעס נישט איינגעגאַנגען — זי האָט מיט אירע שטילע כוחות פאַרוואָרפן דעם לאַגער־נאַטשאַלניק מיט בריוו: „פאַר וואָס, איז צוריקגעקומען די פּאָסילקע, וואָס זי האָט געשיקט איר מאַן? און ווו איז אַצינד איר מאַן?" און איינצייטיק,

האָט מיין פרוי נישט געוואַרט אויפן נאַטשאַלניקס ענטפער און אויפן זעלבן אַדרעס געשיקט אַן אַנדער פעקל. און די צייט? — וואָס וויס די צייט? — אַ פערד אַ צעפּאָלאָשעטער, וואָס מען דאַרף צו דעם קיין בייטש נישט — ס׳יאָגט אַזוי, אַז ס׳קאָן נישט נאָר דעם געשפּאַן און וואָגן, נאָר אויך די ערד אויף איר אַקס פאַנאַנדערטראָגן...

דער יונגער מערדער בוראַווקין פלעגט אַלץ אָפטער שפּילן מיט מיר אין „כאַפּינקעס"... אָבער איך האָב מיך אויך שוין עפּעס אויסגעלערנט אין אָט דער „שפּיל": ווען איך האָב שוין געפּילט, אַז דער שלאָף „נעמט מיך קנעטן און וועלגערן" פלעג איך באַצייטנס אַראָפּנעמען פון די אויגן מיין גאַנצן „שפּאַקולן־אַגרעגאַט" — די רעדלעך־דרעטלעך, די האָלאָבליעס מיט די שטריקלעך און בענדלעך... פלעגט שוין בוראַווקין מיט וויניקער סכנה פאַר מיר רייבן מיך מיט די שניי־קוילן און כאָכאָטשען... ביז איין מאָל, אין אַ מיטן נאַכט, האָט פּלוצעם אַרום אונדזער לאַגער־פּונקט, פון דער זייט פון דער באַן־ליניע, אָנגעהויבן הודזיען אַ סירענע, פאַרכלינעענדיק זיך, נישט אויפגעהערט ביטער צו וויען. און די וועלף־הינט, די וואָלקאָדאַוון הינטערן לאַגער־צוים, האָבן זיך צעבולן, צעסקאַווטשעט. אין משך פון אַ צוויי מעת־לעת האָבן געהודזיעט די סירענעס... איר שטויסט זיך שוין מסתם אָן — דאָס האָט די אירקוטסקער טייגע אין די ערשטע טעג פון מערץ 1953 יאָר אָנגעזאָגט אונדז די ישוע־בשורהלע: „סטאַלין האָט געמאַכט דעם קונץ און אויסגעצויגן די פּאָדקעוועס..."

די סירענע האָט געפלאַנכעט און די לאַגער־טשעקיסטן האָבן אויס מורא פאַר בונטן און אויפשטאַנדן געשיקט זייערע שלאָסערס און שמידן צו דאָפּלען די קראַטעס אויף די באַראַק־פענצטערלעך, נאָר דאָס איז שוין געווען אַ מין לייגן דעם בר־מינן קאַלטע פּריפּאַרקעס... אַרום אונדזערע העלדזער זענען לויזער געוואָרן די פּעטליעס און כאָטש דער רעזשים איז אין יענע טעג געוואָרן שטרענגער און דראָענדיקער, דאָך האָט זיך אונדז געעטעמט לייכטער, פרייער האָט זיך אָפּגעזיפצט. און פאַר מיר איז דאָס געווען אַ רפואה שלמה צום אָנרייס אונטערן אָרעם. מזאָגט דאָך, אַז „די מכה האָט גוט אָנגעריסן, עפנט זי זיך אַליין"...

עס זענען דורך נאָך אַ פּאָר וואָכן און ישראל עמיאָט איז געקומען מיר צו וויסן געבן, אַז היינט טיילט מען פּאָסילקעס און מיין נאָמען איז אין צעטל*.

מיין ידיד ישראל עמיאָט האָט אויך געהאַט אַ חלק אינעם פּעקל: ער איז דאָך געווען אַ מסוכנער רויכערער און איך — גאָרנישט. האָט מיין

---

*)דאָס צעטל פון די פאַמיליעס, צו וועמען פון די זעקאַ איז אָנגעקומען אַ פעקל, פלעגט מען אויסהענגען אויף דער אַריינגאַנגס־טיר אין „קאַווטשע".

פרוי, כמעט אין יעדער איר פּאָסילקע, די צייט, וואָס איך בין מיט עמיאָטן געוועזן אין אין לאַגער־פּונקט, געשיקט פּאָר אים אַ 5—6 פּעקלעך מאַכאָרקע.

באַלד נאָך סטאַלינס טויט האָט זיך אין לאַגער אָנגעהויבן די גרויסע „עפּידעמיע" פון שרייבן זשאַלאָבעס (אָנקלאַגעס) וועגן איבערקוקן די ענינים. מ'האָט געשריבן אויף טיש און אויף בענק און ווו נישט? — אפילו, בעת מען פלעגט שטיין אויסגעשטעלט ביי די אָוונט־אַפּעלן, פלעגט מען פאַנאַנדערשפּרייטן די בויגנדלעך פּאַפּיר אויפן רוקן פון דעם פאָרויס־שטייענדיקן און פאַרזעצן צו פּעקען און דראַקען אַ זשאַלאָבע... מ'האָט געשריבן צו וואָראָשילאָוון, צו זשוקאָוון, שווערניקן, מאַלענקאָוון, צום אויבער־סאָוועט, צו דער הויפּט־פּראָקוראַטור, אין צ.ק. פון דער פּאַרטיי, אין דער קאָנטראָל־רעווידיר־קאָמיסיע פון צ.ק. און נישט דערוואַרטנדיק קיין ענטפער ווידער געשריבן. מיין פרוי האָט מיך אין אירע בריוו געבעטן, איך זאָל מיר ווענדן צום גענעראַל פּוכאָוו, אין וועמענס דיוויזיע איך האָב געדינט אין די מלחמה־יאָרן. איך האָב מיין פרוי געשריבן, אַז במילא שיקט מען אַלע זשאַלאָבעס אָפּ צו איינעם און דעם זעלבן פענצטערל... אָבער איך האָב איר צוליב געטאָן און געשיקט מיין „פּראָשעניע" צו פּוכאָוון.

און אומבאַמערקט האָבן געפּלאַצט די שטאַרקע טייגע־פרעסט. ס'איז שוין אַפּריל־חודש און פּאָר אונדז יידן־אַרעסטאַנטן איז קיין מזרח־סיביר געקומען צו פליען די ערשטע שוואַלב מיט אַ „בינטל ליכטיקע שטראַלן אין שנעבל": „הערט! הערט! פון דער גוואַלדאָוונער אַנטיסעמיטישער געשיכטע מיט די יידישע דאָקטוירים, די „מערדער אין די ווייסע כאַלאַטן", האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך... אַ קאָלאָסאַלער כזב ושקר. די קרעמל־הערשער זענען געצוווּנגען געווען צו איבערקערן דעם פעלץ אויף דער אַנדער זייט און בפרהסיא, פאַר דער גאַנצער וועלט ביי דער זונה, דער נייער וויעראַ טשעבעריאַק, אָפּצונעמען דאָס בלעכל, דעם לעניןֿ־אָרדען. און נישט המן איז אויפן פערד, נאָר אסתרס קלוגער פעטער מרדכי. און די פּאָמויניצע גיסט זיך אויף המנס קאָפּ..."

...ס'איז שוין נאָכן אַרבעטס־טאָג. די יונגע ראַבאָטיאַגעס — אינוואַלידן זענען אַלע אין באַראַק. יודין ברענגט אַריין פרישע צייטונגען. דער זעלבער שמיד, קאַלינאָוויטש, כאַפּט ביי אים די מאָסקווער „פּראַווּדאַ". ער לייענט, און ווערגט זיך מיט יעדן וואָרט פון דער נייעס... און איך זע, ווי אויף די נאָענטע שכנישע נאַרעס, בלייבט מען זיצן, ווי אָפּגעשמיסענע, מיט אָפענע, שטומע מיילער. איך קנייפּ זיך, שטשיפּע זיך די הענט, בייס זיך די ליפּן מיט די עטלעכע געבליבענע פּאָדערשטע ציין, איך זאָל זיך נישט צעווייגען אויפן קול...

אין אייניקע טעג אַרום האָט דער טשיז ווידער געביטן דעם קאָמענ־

דאַנט. ווער, ער איז געווען, זיין אויסזען, האָב איך נישט פאַרגעדענקט. איך דערמאָן מיך נאָר, ער איז צוגעגאַנגען צו מיין נאַרע און געזאָגט: לעבן דער וואַכטע ליגט פאַר דיר אַ שטרויזאַק. האָב איך אים אויף דעם געענט־פערט: — אַנטליי מיר אויף אַ ווײַלע דײַנע פּיס, וועל איך צולויפן צו דער וואַכטע נעמען דעם שטרויזאַק... ער איז אַוועק. נאָר, אומגעפער, אין אַ שעה אַרום האָט ער אַרײַנגעשלעפּט אין באַראַק און אַוועקגעלייגט בײַ מײַן נאַרע נעבן דער טיר אַ פּוכקן אָנגעפּאַקטן זאַק מיט פרישן שטרוי...

די אַרעסטאַנטישע טעג זענען געלאָפן און אין האַרצן האָבן נישט אויפגעהערט צו ברויזן, צאַפּלען זיך נײַע האָפענונגען. מ׳האָט שוין געהאַט אַראָפּגענומען די בריוו־גזירה. ס׳איז שוין דערלויבט געווען צו שיקן אַ בריוו יעדן חודש און דעם קאָנווערט האָב איך שוין אַליין געהאַט רעכט צו פאַרחתמענען.

איך פלעג צו מײַן פרוי אָפּטלעך, מיט די רוסישע אותיות, שרײַבן מאַמע־לשון־ווערטער, עפּענען פאַר איר מײַן האַרץ, מײַנע צאַרטסטע, ריינסטע געפילן.

און דאַכט זיך, טײַשעט־לאַג... גיהנום־יאָרן, פּײַן אויף פּײַן, אימת מוות, אָן אַ שיעור דערנידערונגען, הונגער... און דאָך זענען בײַ מיר פון יענער חושכדיקער צײַט פאַרבליבן אין זכרון פּיצלעך העלע וואָלקנדלעך — איך דערמאָן מיר די מאַי, יוני, חדשים, פאַר דעם, ווי עס פלעגט זיך סטאַביל שטעלן די „מאָסקיטן־וואַנט"... איך קער זיך אום פון דער אַרבעטס־זאָנע אין באַראַק, אָן אָנגעהאָרעוועטער, דער דניעוואַלנע האָט אָקערשט אַרײַנגעטראָגן אַן עמער מיט קאַלטן, קוואַליקן ברונעם־וואַסער. איך שעפּ אָן אַ פולן בלעכענעם קענדל, נעם מײַן פּייקע פרישן קאָרענעם ברויט און מיט אַזאַ אַפּעטיט פאַרזופּ איך יעדן ביסן. מיר איז אין מײַן לעבן אין געוויסע צײַטן אויסגעקומען צו עסן פון שענסטן און בעסטן און דאָך פיל איך נאָך הײַנט אויף מײַן גומען דעם טעם פון דעם פרישן שוואַרצן ברויט מיטן קאַלטן זיסן סיבירער ברונעם־וואַסער.

און אַז איך קום דערנאָך אַרויס אין דער לאַגער־זאָנע, — אַרום און אַרום געדיכטע טײַגע, הימל־הויכע ריזיקע סאָסנעס און יעלן און די צוים־בערווענעס מיטן שטעכדראָט זעען אויס ווי מיאוסע קריפּל־ליליפּוטן לגבי זיי און קאָנען בשום אופן נישט פאַרשטעלן פון מיר דעם וואַלד־רוים אָנגעגאָסן מיט די פאַרשיכורנדיקע דופט־ריחות. איך הער נישט אויף אײַנצוזאַפּן אין זיך מיט דער גאַנצער ברוסט דעם האָניק־טעם פון דער אָוונט־ראָסע אויף די פריש־אויסגעשפּראָצטע שאַרף־שמעקנדיקע, פּעכיקע סאָסנע און יעלן־קנאָספּן. און ביזן אָוונט־אַפּעל, נאָך פאַר דעם, ווי מ׳טרײַבט אונדז אַרײַן אין די פאַרשטיקנדע באַראַקן, פלעג איך „אַרײַנכאַפּן" אָנצוקוקן

זיך אויפֿן זון־פֿאַרגאַנג אין דער טייגע. אַ שקיעה — אַ ים מיט שײַנקייט־ פֿלאַמען האָט געבושעוועט אַרום פֿאַר מײַנע אויגן... מײַן האַרץ פֿלעגט אויסגיין פֿון בענקשאַפֿט, ווען דער פֿײַערדיקער זון־קויל פֿלעגט זיך אַרײַנגליטשן אין דער טייגע־געדיכטעניש... אָט די געציילטע רגעס פֿלעגן לינדערן מײַן מרה־שחורה.

...איך געדענק, דאָס איז געשען אויך אין די פֿאַר זומער־חדשים. מײַן נאָמען איז ווידער אין די צעטלען פֿון די, וואָס באַקומען פּאָסילקעס. מײַן הינדע־לעבן האָט פֿון דעם ווײַטן נאָמאַנגאַן געהאַט אַ גוט אויג אויף מיר, נישט געלאָזט מיר פֿאַלן... זאָגט צו מיר מאָטל סאַקציער: זע, פֿאַרליר זיך נישט... האָסט אַ קוליע מיט אַ שטעקן... זאָלן זיך די נאַדזיראַטיעלעס נישט דערוועגן עפּעס צונעמען בײַ דיר... שטיי פֿעסט בײַם פֿענצטערל און קוק מיט בײדע אויגן...״

אָבער ס׳רעדט זיך אַזוי, פּרווו מיט זיי וואָיעווען, מיט די ימח־ שמוניקעס די „אָקאָלישקעס״. דער הויפּט רוצח סטאַלין איז שוין אין דער ערד, נאָר זײַ טראַכטן גאָרנישט אָפּצוגעווינען זיך פֿון מאַראָדיאָרעווען. אַראָפּרײַסן, אַראָפּצופֿן פֿון די פּאָסילקעס, וואָס דער אַרעסטאַנט באַקומט פֿון זײַן היים. די נאַדזיראַטיעלעס דאַרפֿן דאָך האָבן מיט וואָס צו פֿאַרבײַסן די טיי־גלעזער סיבירער ספּירט און וואָדקאַ, שנײַדט מען אָפּ פֿון דעם זעקאַ׳ס פּאָסילקע (זיי האַלטן שוין צו דעם מאָמענט אָנגעגרייט שאַרפֿע קצבישע מעסער) אַ שטיק שפּעק, וווּרשט, אויפֿשניט — זיי דאַרפֿן דאָך פֿרישע וויטאַמינען פֿאַר זייערע ווײַבער און קינדער — וואָס מער אויבסטן און פּרוכטן. איך האָב שוין געוווּסט פֿון מײַן דערפֿאַרונג, אַז פֿון די 10 ־ 12 ציבעלעס, וואָס מײַן פֿרוי פֿלעגט מיר שיקן. פֿלעגן די אַ 3—4 תמיד בײַ מיר צונעמען. אָבער ווען איך האָב דאָס מאָל דערזעען, אַז דער נאַדזי־ ראַטיעל גאַגאַרין, אַן אַלטער גוי, וועלכער האָט אין יענעם טאָג געהאַט אַרויסגעגעבן פֿאַר די זעקאַ די פּאָסילקעס האָט זיך מיט זײַנע בליקן אָנ־ געצילט אין מײַן צעעפֿנטן זעקל אויף די דרײַ גרויסע נאָמאַנגאַנער עפּל, שיינע און רויטע ווי די זון בעת דער טייגע־שקיעה און איך פֿיל, אַז אָט־אָט וועט ער זיי אַראָפּשאַרן אין אַ קעסטל, אָדער אין עפּעס אַנדערש, וואָס שטייענדיק פֿון דער זײַט פֿענצטערל, זע איך דאָס נישט... האָב איך זיך נישט אײַנגעהאַלטן: „טשעפּע נישט די דרײַ עפּל... מײַן פֿרוי האָט צוויי קינדער און האָרעוועט מיט די לעצטע כוחות און שיקט מיר איין מאָל אין דרײַ, צי פֿיר חדשים אַ פּאָסילקע...״ דער נאַדזיראַטיעל גאַגאַרין האָט אַ שפּאַר געטאָן מיר מיט רציחה דאָס פּעקל דורכן פֿענצטערל מיט אַ „איפּע״ אויף די ליפּן...

האָבן מיר זיך דערנאָך צוזאַמען מיט סאַקציערן און עמיאָטן פֿאַר־ קליבן אין אַ ווינקל און איך האָב, ווי מײַן שטייגער, געלאַכט: געוווּנענע,

געפונענע עפּל... איך האָב סאַקציערן געגעבן איין עפּל, עמיאָטן דעם צווייטן און אויפן דריטן האָב איך געמאַכט אַ ברכה מיט דוד האָפשטיינס קלאַסישע שורות:

„די ריינער לאָגל פול מיט ווייַן
מיט שנייִק־האַרטן
ווי דורכזיכטיק, ווי דופטיק איז
דיין דיניק הייטל...
...אַ ווייטער גרוס פון ווייסע בליטן...

און צוזאַמען האָבן מיר הנאה געהאַט. און דער עיקר, וואָס מיר — דריי ייִדישע דיכטער זענען אַ רגעלע געשטאַנען איינייִנעם, נאָענט איינער צום אַנדערן אין אונדזער אַרעסטאַנטישן הולך מיט די שיינע עפּל אין האַנט, וועלכע ס'האָט מיר געשיקט מיין פרוי, די לייבלעכע שוועסטער פונעם אומגעקומענעם אויפן שלאַכט־פעלד יונגן ייִדישן פּאָעט דעם קראַ־סאַווער העניך שוועדיק.

...היינט, די ווינטערדיקע לאַנגע נעכט ביים באַראַק־טיש. איך, דער נאַכט־דניעוואַלנע זיך ביים טיש איינינקער אַליין און קיינער, קיינער שטערט מיר נישט. און בריוו קאָן מען שוין שרייבן אַלע צוויי וואָכן... און איך דאַרף נישט וויסן, וועלכע שמוציקע הענט קריכן און באַטאַפּן מיינע אויפגעשריבענע הייסע געפילן און מחשבותן צו מיין ליבער הינדע ־לעבן. איך לייג קיין טראָפּן אַכט נישט, וואָס צו מיין טיש דערטראָגט זיך דאָס כראָפּעניש און שרחהניש פון די 150 אַרעסטאַנטן. דאָס קימערט מיך אַבסאָלוט נישט. איך שמועס זיך אַצינד דורך אין מיין בריוו מיט מיין פרוי אין ווייטן נאַמאַנגאַן אין איר אוזבעקישער קיביטקע און שעפּטשע אין איר אַריין די הייסטע ווערטער און קוש זי און האַלדז זי אין מיין בריוו, אַזוי ווי איך וויל. און זי דריקט זיך שטאַרק, שטאַרק צו מיר מיט איר ברוסט און מיט איר גוף. אויף די שפּיץ פינגער פון מיין רעכטער האַנט ווערט אומבאַמערקט פאַרברענט די לאַנגע סיבירער נאַכט און איך הער נישט אויף צו קושן זיך און האַלדזן זיך מיט מיין הינדע־לעבן.

אונדזער ערשטע נקמה

האָפענונגען, וואָס שנעלער אַראָפּצוּוואַרן פון זיך דעם העסלעכן שוואַרצן בושלאַט מיטן צוגענייטן ווייסן שאַנד־צייכן אויפן רוקן, די ברודיקע וואַטאָווע

הויזן מיטן זעלבן קאָמבינירטן נומער אויף דער לינקער קני, אַ לעצטן מאָל אויסבאָדן זיך אין דער לאַגער־באָד און אַריין אין די אייגענע ציווילע קליידער (מיין הינדע־לעבן האָט זיי מיר געשיקט אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך סטאַלינס טויט) און פריי פאַרלאָזן דעם „קייזערלעכן טויער״, וויסן, אַז ס׳גייט דיר מער נישט נאָך דער סאָלדאַט מיט דער אָנגעלאָדענער ביקס און נאָך יאָרן צעשיידט זיין, הייס אַרומנעמען, צוטוליען צו זיך מיין פרוי און קינדער, זיין ווידער מיט מיין ליבן הויז־געזינד. איך בין דאָך בסך־הכל אַ פשוטער בשר־ודם, אַ טאַטע פון צוויי מיידלעך און וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דעם ייִדס לעבן אָן אַ משפחה... אָט אַזעלכע זענען געווען מיינע האָפערדיקע מחשבות און געפילן, וואָס האָבן זיך דאַן ראַשיק אויפגעוועקט אין מיר נאָכן פלוצעמדיקן סטאַלינס טויט.

אויף וואָס איך האָב שוין דאַן לגמרי נישט אויסגערעכנט און נישט געלייגט זיך קיין פייגעלעך אין בוזעם — אויף אַ ייִדיש לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויף ווידערגעבורט... ווידער־אויפקום... נעכטיקע טעג... איי־זערנע צוויי פאָען... איך האָב נישט אויסגעקוקט אויפן „ויקום מלך חדש״. אין באַצוג צו ייִדן קומט אין רוסלאַנד, סיי ווי סיי, יעדער נייער מושל צו נייע ייִדישע גזירות. איך האָב שוין לאַנג נישט געגלויבט — איך בין דאָך, סוף כל סוף, נישט קיין ליימענע געטשקע, — אַז ס׳קאָן זיך ווידער „צעבליען און צעוואַקסן״ די ייִדישע סאָוועטישע קולטור. אָט די אומפאַרשעמט־ליגנערישע פאַר ווערטעלעך, האָב איך מיר שוין אָן קיין „געגנדזן־פיסלעך״ נישט פאַרגעשטעלט — אָן אויסגעשרפעט אָרט אין מיין האַרצן און אפילו דערמאָנען וועגן דעם, האָט באַטייט — שיטן זאַלץ אויף אָן אָפענע רויע וווּנד...

און ווען איך פרוו מיך אַצינד אָנשטרענגען זיך, אָפּפרישן אין מיין זכרון די צוריק מיט דרייסיק יאָר באַגעגענישן, געשפּרעכן מיט די ייִדישע שרייבער און פּאָעטן, מיט וועלכע איך בין צונאָמען געווען אין די סטאַלינישע לאַגערן, קאָן איך מיך נישט דערמאָנען, אַז עמעצער פון זיי זאָל מיט איין וואָרט, מיט אַ רמז, אָנדייטן אַז ס׳קאָן נאָך טרעפן „דער בעזעם זאָל געבן אַ שאָס״... עס זאָל זיך אין מיטן דרינען אָנדערש אַ דריי טאָן דאָס רעדל... דער קאָמוניסטישער רוסיפיקאַטאָרישער שטיוול האָט די דאָזיקע אילוזיעס ענדגילטיק צעטראָטן און איינגעקוועטשט אין דער סיבירער דורכגעפרוירענער ערד...

קיין באַלדיקע נחמה האָט צו אונדז, די זעקא, סטאַלינס טויט נישט געבראַכט. גוטע ענטפערס אויף די פילצאָליקע זשאַלאָבעס האָט זעלטן ווער באַקומען. די איבערוועגנדיקע מערהייט ענטפער־פאַפירלעך פלעגן אָנקומען פון איינעם און זעלבן פראָקוראָטור־פענצטערל: „אין איבערקוקן דעם ענין — אָפּזאָגן״, אָדער: „דער ענין ווערט באַטראַכט״, אָדער — אין בעסטן

פאַל — „עס איז נאָך נישט אַלץ אויסגעקלאָרט״. ערשט אין אַן אַנדערטהאַלבן יאָר אַרום, אין דעם 1954 יאָר האָט זיך עפּעס אַ שעוועליע געטאָן, צווישן די זעקאַ האָבן זיך גענומען אַרומטראָגן פון אויער צו אויער נייעסן און נייעסלעך. (אין לאַגער האָבן זיי געהאַט איין צונעמעניש — „פּאַראַשעס״...) וועגן אַמנעסטיע, רעהאַביליטאַציע. געדענק איך, אַז מיר האָבן מיט ישׂראל עמיאָטן אַרומגערעדט אָט די נייע דערוואַרטנדיקע פאַרהעלטעגישן. ער האָט מיר געזאָגט:

— „איך וועל מיר, אפשר, קאָנען איינאָרדענען אין דער מאָסקווער צענטראַלער לענין־ביבליאָטעק. ביי אַלע אומשטענדן, וועט מען זיך דאָרטן שטענדיק נייטיקן אין אַ פּאָר ייִדן אַנטיקוואַרן, משגיחים אויף די אַלטע, פאַרצייטיקע ייִדישע ספרים. איך מיין, כ׳וועל אַנטשפּרעכן דעם פּאָסטן. כ׳בין, — האָט ער טריב אַ שמייכל געטאָן, — מומחה אין די שוואַרצע פּינטעלעך...

אָט די אומרויִקע מחשבות עמיאָטס זענען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט געווען פאַרבונדן מיטן „ווידער־אויפבליי״ פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס זענען געווען זיינע חיונה־זאָרגן, אין פאַל, ווען מ׳וועט אים באַפרייען פון לאַגער. און איך בין זיכער, אַז דאָס זעלבע האָבן געטראַכט אויך אַנדערע ייִדישע שרייבער און זשורנאַליסטן, קולטור־טוער, פאַרשפאַרטע אין די לאַגערן. אויך מיך האָבן אָט די געדאַנקען געפּיקט אין מוח — די פּענסיע פון אַ מלחמה־אינוואַליד האָט נישט געקאָנט געבן מיר די מעגלעכקייטן צו דערהאַלטן אַ משפּחה. דאָס, וואָס מ׳האָט געטאָן, געבויט די סאָוועטישע ייִדישקייט פיל יאָרן ביז דער מלחמה און אויך אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן, האָט עס דאָך געגעבן פּרנסה, ביי איניקע מיט אַ פולן שעפל און ביי אַ סך — מיט אַ טיי־לעפעלע... אָבער אַ געוויסער מאַטעריִעלער אָנהאַלט איז עס דאָך געווען. און נישט אומזיסט האָבן עמיאָטן אָט די דאַגהנישן צורו נישט געלאָזט, אַזוי ווי ער וואָלט עס פאָרגעפילט. אַ סימן האָט איר: ווען מ׳האָט אים איגעם סוף פון 1955 יאָר פלוצעם פון לאַגער „אַקטירט״*), ווי אַ כראָניש־קראַנקן, אַן אינוואַליד און אַרויסגעלאָזט אויף דער „פריי״ אָן קיין שום רעכט, אָן מיטלען צום לעבן. איז ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט צום אָרט, ווו מען האָט אים

---

*) די „אַקטירונג״ איז געווען די ערשטע שריט פון די קרעמל־הערשער נאָך סטאַלינס טויט „אויסצולאָדן״ די טויזנטער לאַגערפּונקטן פון די הונדערטער טויזנטער סאָוועטישע לייבאייגענע און שקלאַפן, אַ מין סאָרט באַפרייען זיך פון „טויטע נפשות״. די „אַקטירונג״ האָט נישט געהייסן אַמנעסטיע און נישט רעהאַביליטאַציע. אונטערפאַלן פלעגן אונטער דער רובריק — טיפּע זקנים, כראָניש־קראַנקע און אויסגעשפּראָכענע אינוואַלידן. אָבער אַלץ איינס האָבן די טשעקיסטישע אַקטיר־קאָמיסיעס די דאָזיקע אַרבעט דורכגעפירט שטרענג־אינדיווידועל אַנבאַלאַנגט צו יעדן קאַנדידאַט אויף אַקטירונג, אָן זיין וויסן וועגן דעם.

אַרעסטירט, קיין ביראָבידזשאַן, וווהין עס זענען פאַר אים מיט עטלעכע מאָנאַט שפּעטער אָנגעקומען די רעהאַביליטאַציע־פּאַפּירן, האָבן די אַרומיקע מורא געהאַט צו דערנענטערן זיך צו אים, ווי צו אַ צרעתדיקן, שונא פון פאָלק און נאַציאָנאַליסט... עמיאַט האָט נישט געהאַט מיט וואָס דעם טאָג איבערצוקומען. געצוווּנגען געווען זיך אַרומדרייען אַרום דעם ביראָבידזשאַנער וואָקזאַל, זיין אַ נישט קיין אָפּיציעלער „נאָסילשטשיק" (טרעגער) אָן דעם בלעכל־נומער, מיט אַ שטריק אַרום די לענדן... די ביראָבידזשאַנער וואָקזאַל־„קנעפּלעך" וועלכע האָבן אים געדענקט, האָבן זיך געמאַכט נישט זעענדיק און געלאָזט אים פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן...

דערמאָנענדיק זיך אַצינד די טראַגישע סיטואַציע עמיאָטס פון זיין צייטווייליקן קורצן צוריקקערן זיך פון לאַגער קיין ביראָבידזשאַן, קאָן איך נישט, ליבער לייענער, אויף אַ רגעלע זיך נישט אָפּווייכן פון מיין הויפּט סיפּור־המעשה. די דערמאָנונגען פאַרפּלייצן מיך: דער גאַנצער קאָמפּלעקס „ביראָבידזשאַן" איז דאָך פאַר אַ טייל יידישע סאָוועטישע שרייבער, זשורנאַליסטן, אַרטיסטן און קולטור־טוער אין די לעצטע פאַרמלחמה־יאָרן און אין די יאָרן 1945 ־ 1948 שוין געווען אויסגעהוילט פון מינדסטן נאַציאָנאַלן טרוים, בלויז אַ שטיקל מאַטעריעלע אויסקומעניש, אַ פּרנסה־זאַך — שפּעטערישע קאָמאַנדירונגען קיין ביראָבידזשאַן אויפן חשבון פון אַלפאַרבאַנדישן שרייבער־פאַראיין, „מאָטיוון פון פעלקער־פריינדשאַפט אויפן פאָן פון ביראָבידזשאַן", „ביראָבידזשאַן, איינער פון די ווינקל־שטיינער אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור", „די ספּעציפישקייט פון דער ביראָבידזשאַנער טעמאַטיק", די ביראָבידזשאַנער אָטשערקן, קורץ־מעטראַזשיקע פילמען וועגן ביראָבידזשאַן, רעזשי אין ספּעקטאַקלען פאַרן ביראָבידזשאַנער טעאַטער — אַ „מעלקנדיקע קיעלע", אמת, שוין אַן אויסגעמוטשעטע, פאַרמורזשעטע, וועלכע גיט קוים־קוים די אָרעמע פּאָר ליטער מילך אַ טאָג... געדענק איך, ווען איך בין אין דעם 1947 יאָר „עולה געווען" קיין ביראָבידזשאַן און ישראל עמיאָט האָט זיך מיט מיר (ער איז שוין צו יענער צייט געווען דאָרט „אין די פעדערן" — דעפּוטאָט פון דעם ביראָבידזשאַנער שטאָט־סאָוועט, די כאַבאַראָווסקער רוסישע דיכטערין יוליאַ שעסטאַקאָוואַ האָט איבערגעזעצט זיינע לידער פאַרן כאַבאַראָווסקער זשורנאַל „דאַלני וואָסטאָק) דורכגעשפּאַצירט איבער דער שלום־עליכם־גאַס. די גאַס האָט געהאַט בלויז איין זייט, אַנטקעגן די קאַנאַוועס און דערנער־ביימלעך האָט זיך פון דער ווייטן געזען די הויכע צענטראַלע ביראָבידזשאַנער סאָפּקע*) רוף איך מיך אָן צו עמיאָטן:

*) אויפן ווייטן מזרח האָבן די בערג, די היגלען אַ פאָרם פון באַזונדערע רונד־אַרומגעטעסעטע סטויגן היי אין פעלד און כאַפּן דעם אָנבליק פון אַמאָליקע „צוקער־היטלעך", אָדער זעען אויס, ווי עסקימאָסישע יורטעס און הייסן סאָפּקעס. עס זענען דאָ סאָפּקעס הויכע, מיטעלע און קליינע בערגלעך־סאָפּקעס.

פון אָט־דער סאָפּקע
מאַכט מען עס די קאַפּקע ?...

כמעט דריי יאָר נאָך סטאַלינס טויט האָט זיך, ווי פון פּעך געצויגן דאָס איבערקוקן די אומגעהויערע צאָל פּאָליטישע ענינים און מיר זענען נאָך אַלץ געזעסן אין די רעזשימנע לאַגערן און דער „פּאָליטישער וועטער" פלעגט זיך בייטן אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק — אָט, דאַכט זיך אונדז, שוואַכט זיך אָפּ דער לאַגער־רעזשים און די „פּעשקעס", די לאַגער־נאַטשאַלניקלעך קומען אונדז אָן אַנטקעגן מיט כלומרשטן מיטגעפיל און ליבע־שמייכעלעך און אָט „פאַרשרויפּט מען ווידער די גייקעס" און די זעלבע נאַטשאַלניקלעך וואַרפן שוין אויף אונדז פון אונטער די אַראָפּגערוקטע דאַשיקעס בייזע, שטעכיקע בליקן. עס הייבן זיך אָן אָפטע „שמאָנען" (לאַגער־אונטערזוכונגען), מען זעצט אין „בור" (קאַרצער). אין דער טייגע אַרום די בריגאַדעס וואַלדהעקער פאַרגרעסערט זיך די וואַך און אין די נעכט וואָיען אַרום די לאַגער־פּאַרצוימונגען שטאַרקער און צעצויגענער די זגראַיעס וואָלקאָדאַוון, סיבירער וועלף־הינט.

די ערשטע צייט האָב איך זיך געפרייט מיט דעם — „צרות רבים חצי־נחמה" — די געריכט־אָרגאַנען, די פּראָקוראָרן האָבן נישט קיין שום פיזישע מעגלעכקייטן איבערצוקוקן אַזויפיל ענינים. נאָר דאָס האָט שוין געהאַט צו טאָן מיט מיין נישט ווייט־־זיכטיקייט, מיט מיין פולשטענדיקער זיין אָפּגעריסן פון אַלץ און פון אַלעמען, פון פאַרווילדט און פאַרטעמפּט ווערן אין משך פון יאָרן אינעם אינוואַלידן־באַראַק פון טיישעטלאַג. ווייל וואָס איז דען געווען וואָס איבערצוקוקן? — די אַלע „באַשולדיקונגען" זענען דאָך פון אָנהויב ביזן סוף געבויט געווען אויף איין און דעם זעלבן רוצחישן כזב ושקר... ערשט אַ סך שפּעטער איז צו מיר דערגאַנגען, אַז די עצם־סיבה פון האַלטן אונדז נאָך אַלץ צוגעשמידט אויף דער טשעקיסטישער קייט, האָט געשטעקט אין דעם, וואָס נאָך סטאַלינס טויט האָבן זיינע יורשים, די נאָענטסטע און טרייסטע מיטקעמפער זיינע זיך נישט אויפגעהערט הינטער די הייליקע קרעמל־ווענט, צו גריזשען, ווערגן און פרעסן איינער דעם צווייטן... דער פילמיליאָניקער סאָוועטישער עולם־גולם פלעגט שוין פון דער צענטראַלער פרעסע אחר־המעשה דערוויסן זיך, אַז איינער פון די סטאַלינס טרייסטע יורשים — מיטקעמפער, איז, לאָזט זיך אויס, געווען אַ לאַנגיאָריקער שפּיאָן און שונא פון פאָלק און איז פאַרמשפּעט צום שיסן און אַז דער דאָזיקער אורטייל איז שוין אויסגעפילט געוואָרן... אַזוי איז געשען מיט דער בעריאַ־גאָגלידזע־גרופּע און אַנדערע. דער צע־יושעטער קאַמף פאַרן קאָמוניסטישן „פּרעסטאָל" (טראָן), פאַרן אָנטאָן די קיסר־קרוין פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער צ. ק., האָט דאַן הינטער די

קרעמל־ווענט איבערגעשטיגן די צייטן פון די ־ידישע צאַרן איוואַן דער גרויזאַמער און פּיאָטר דער גרויסער. און ביז עס איז ענטגילטיק נישט קלאָר געוואָרן, ווער עס איז דער נייער סאָוועטישער הערשער, צי אַ אול־טראַ־סטאַלינישער, צי אַ מעסיק־סטאַלינישער, צי אַן אַנטי־סטאַלינישער — האָט קיין ־ייד נישט געקאָנט זיין וועגן רעהאַביליטירן די הונדערטער און טויזנטער פאַראורטיילטע. און ערשט ווען כרושטשאָוו איז מיט דער הילף פון די סאָוועטישע מאַרשאַלן און גענעראַלן געראָטן צו „באַגראָבן" כמעט די גאַנצע סטאַלינס סוויטע — מאַליענקאָוון, מאָלאָטאָוון, קאַגאַ־נאָוויטשן און אַנדערע, — ערשט דאַן, אין אַנהויב פון דעם 1956 יאָר האָבן זיך צעפּראַלט די סטאַלינישע „קייזערלעכע טויערן" און עס איז פאָרגע־קומען די מאַסן־רעהאַביליטאַציע, די אויף קורצע יאָרן כרושטשאָוס־ליבעראַליזאַציע... דאַן ערשט האָט מען פאַר די משפחות פון די באַוווּסטע יידישע שרייבער דערציילט דעם גרויליקן אמת — אַז מ'האָט זיי דעם 12־טן אויגוסט 1952 צעשאָסן... אַ טייל פון די פאַרשיקטע יידישע שרייבער זענען אומגעקומען אין די לאַגערן און די, וועלכע זענען לעבן געבליבן האָט מען פון די לאַגערן אַרויסגעלאָזט און צוזאַמען מיט די אומגעבראַכטע און אומגעקומענע, רעהאַביליטירט.

מיך האָט מען אין נאָוועמבער 1955 יאָר „אַקטירט" אַלס אינוואַליד און אַרויסגעלאָזט פון לאַגער אָן קיין שום רעכט. איך האָב אפילו קיין רעכט נישט געהאַט צו באַקומען מיין פענסיע אַלס מלחמה־אינוואַליד און באַדאַרפט אָפּרייסן דעם ביסן פון מויל ביי מיין פרוי און קינדער. ערשט מיט פיר חדשים שפּעטער, אין פעברואַר 1956 יאָרן איז קיין נאָמאַנגאַן אין אונדזער אוזבעקישער קיביטקע אָנגעקומען מיין רעהאַביליטאַציע־פּאַפּיר וועגן דעם, אַז איך בין אומשולדיק געווען פאַרמשפּעט. מ'האָט מיר צוריק־געקערט מיינע מיליטערישע אָרדנס, דעם מיליטערישן טיטל און דעם בילעט פון דעם אַלפאַרבאַנדישן שרייבער־פאַראיין. פאַר יעדן אָפּגעזעסענעם טורמע־און לאַגער־יאָר האָב איך באַקומען קאָמפּענסאַציע — אַ חודשדיקע אינוואַ־לידן־פּענסיע — זעקס אַזעלכע פּענסיעס, און פון דעם מאָסקווער שרייבער־פאַראיין — אַן איינמאַליקע שטיצע — 3.000 רובל און אַ „פּוטיאָווקע" — אַ קאַרטע אויף אַ חודש קוראָרט, אַזוי האָט מען מיר פאַר איינגעטונקט זיין אין אוממענטשלעכע ליידן אין דער קאָמוניסטישער שאול־תחתיה פאַר־שמירט מיר מיין מויל מיט אַ שאָקאָלאַדקע...

די ערשטע נקמה מיינע און מיין פרויס אין די דם־שונאים און בלוט־צאַפּערס, איז געווען דער מזלדיקער געשאַנק פון אונדזער געמיינזאַמען גורל — אין יולי 1957 יאָר, ווען מיין פרוי איז שוין אַלט געווען 46, איז ביי אונדז אין נאָמאַנגאַן געבוירן געוואָרן אַ זון, וועמען מיר האָבן אַ נאָמען

געגעבן העַנעך — אין ישׂראל הייסט ער חנוך. און איך טרוים, ער זאָל אָפּלעבן ערלעך און שיין דאָס פולע דריטל פון חנוך בן ירד, וואָס האָט אָפּגעלעבט 365 יאָר...

מיט גאָלד צוגלייך

(אָנשטאָט אַן עפּילאָג)

ווען איך בין מיט קאַרגע פינף יאָר צוריק עולה געווען פון סאָוועט־רוסלאַנד, (מיינע קינדער זענען געקומען אין לאַנד אַריין מיט אַ פּאָר יאָר פריער), האָב איך זיך אַ געוויסע צייט געפונען אין אַ האָטעל פאַר נייע עולים און ביז איך האָב פאָרמאַליאַנגעהויבן קריגן מיין שטענדיקע פּענסיע ווי אַ מלחמה־אינוואַליד (די אַרויסטעטן געדויערן בדרך כלל אַ זעקס־זיבן חדשים, פלעגט מיר די סוכנות געבן אַ שטיצע מאָנאַטלעך, אַ זעקס־זיבן הונדערט ל״י. די ישׂראל־לירע איז נאָך דעמאָלט געווען אַ גאַנץ שטייפינקע, זינגעווודיקע. פאַר אַ וואַרעמס ווי אַן עולה חדש, אין מלון גופא, האָב איך געצאָלט 50 אגורות, אַ קילאָ פּאָמידאָרן פון די שענסטע האָט באַטראָפן אַ לירע־אַנדערהאַלבן, מאַראַנצן, ציבעלע און בולבע — איין מקח — ביז צוויי לירות — אויף אויסצוקלייבן; דאָס זעלבע — ווייַנטרויבן. דער נאַכטלעגער אין מלון, חשמל, עלעקטרע הייסט עס, גאַז, וואַסער — אומזיסט. אַ יידישע צייטונג, וועלכע האָט דאַן געקאָסט (אַ וואָכעדיקע, צי ערב־שבתדיקער נומער, געווי, גערענק איך שוין נישט) 70 אגורות. פלעג איך אויך באַקומען בחינם. אַזוי, אַז מיט מיין חודשלעכע שטיצע האָב איך מיר דורכגעלעבט גאַנץ פיין.

מיין האָטעל האָט זיך געפונען אין בת־ים, טאַקע גופא ביים ים. געדענק איך, ווי אַזוי איך בין דאָס ערשטע מאָל אויף מיינע אייגענע אחריות אַראָפּגעקומען מיטן אויטאָבוס פון בת־ים קיין תל־אביב אויף דער תחנה מרכזית (צענטראַל־סטאַציע) און געמאַכט מיין ערשטן נייגעריקן שפּאַציר צווישן דעם געדיכטן רוישיקן עולם. פאַרביי די געשטעלן מיט אויבסט און פרוכטן, פאַרביי די פּילצאָליקע קליינע קאַפּעען, פאַלאַפעל־בופעטלעך, קיאָסקן מיט עסעכץ און טרינקעכץ, קרעמלעך, ביידלעך אָנגעשטאָפּטע מיט פאַרשידנסטע סחורות, זאַכן, שפּילצייג, פאַרביי די צייטונגען, זשורנאַלן, צעלייגט כמעט אויפן טראָטואַר, אויף וועגעלעך אונטער כל־המינים דעכלעך און צודעקן.

איך שטופּ מיך צווישן המון אין דעם הו־האַ און געפילדער; אַ טריט פּופּציק פון אָט דעם אָרט, פון וואַנען עס הויבט אָן זיין מאַרשרוט דער אויטאָבוס נר. 5, בלייב איך שטיין אַנטקעגן אַ קיאָסק־קלייטל, פאַרפולט מיט אַלטע ביכער, בראָשורן, זשורנאַלן אויף ענגליש, דייטש, רוסיש, אָנגעוואַלגערטע שטויסן, פּעקגאַנצע, פאַרמורזעטע, אָפּגעבליאַקעוועטע קליינע ביכלעך, קעשענע־פאָרמאַט, אין ווייכע איינבונדן אויף עברית, מיט בונטע פאַרשיידענע קאָלירטע שער־בלעטלעך, און אַלע — ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. אויף דער אויסערלעכער זייט פון קיאָסק־טירל, הינטער שטריקלעך און בענדלעך, צווישן האַלב־צעפליקטע, פאַרשטויבטע שמות־ביכלעך, האָב איך דערזען אויסגעשטעלט, אַקסל ביי אַקסל, אין האַרטע טונקל־בלויע טאָוולען צוויי שלום־עליכם ביכער — „מנחם־מענדל און די „אייזענבאַן־געשיכטעס‟. איך האָב מיך בשעת מעשה דערפרייט. דאָס זענען געווען די ערשטע צוויי ביכער אויף מאַמע־לשון וועלכע איך האָב עפנטלעך, זאָל זיין אין אַ קיאָסק־ביידל פון אַלטוואַרג, געקויפט אין ישׂראל און באַצאָלט צו צוויי לירות פאַר אַ בוך. געקומען צוריק אין מלון, אין מיין נייער רו אַריין, האָב איך באַדאַכט באַטראַכט די צוויי פיינע שלום־עליכם אויסגאַבעס: אויבן, אויף דער בלויער סופער־הילע, איז מיט גרויסע בלויע אותיות אויף געל געווען אָפּגע־

דרוקט: „די נייע יידישע ביבליאָטעק" און אונטן — צווישן צוויי מנורהלעך מיט קליינע אותיות אָנגעצייכנט: מנורה־פאַרלאַג, בערלין 1948.

דערשינען, הייסט עס, מיט אַ 24 יאָר צוריק אין דעם נאָכמלחמהדיקן בערלין, אָבער די עקזעמפּליאַרן האָבן זיך דאָ, אינעם אָפענעם קלייטל אויף דעם טיר־ווענטל, מיטן פּנים צו דער ישראלדיקער תמימה־זון און סטאַציע שטויב גאַנץ גוט פאַרהיט. אמת, די בוך־בלעטלעך גופא זענען שוין קענטלעך פאַרגעלט און שלאַבעריק געוואָרן. סיי די סופער־הילע און סיי די טאָוולען שיין אויספּאָר־מירט מיט שלום־עליכמס אַ פּאָרטרעט (אונטער וועלכן עס זענען געווען אַריינ־גענומען אין רעמלעך שלום־עליכמס צוואה הן אין פּרזן — „דאָ ליגט אַ ייד אַ פּשוטער"... און הן אין פּראָזע — „ווו איך זאָל נישט שטאַרבן"...) און מיט גראַפיק־געמעלן פון פּראָפ. קליינשמידט. די „אייזנבאַן־געשיכטעס" זענען, אויסער דעם, צוויי פון זיי אילוסטרירט מיט רייכע צייכענונגען. דאָס מנחם־מענדל־בוך, דער ערשטער פון דער בערלינער סעריע „די נייע יידישע ביבליאָטעק" פאַרמאָגט אַ פאָרוואָרט פון די אַרויסגעבער, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„צוזאַמען מיט די פייערן פון מאַידאַנעק און אָשוויענטשים האָבן אין די שרעקלעכע יאָרן פון דער נאַציסטישער הערשאַפט אין אייראָפּע געפלאַקערט נאָך אַנדערע פייערן — די וואָס האָבן געדאַרפט ׳ פאַרניכטן יעדן שפּור פון יידישער קולטור און פון יידישן געדרוקטן וואָרט. דער נאַציסטישער בעסטיע איז עס אין אַ גרויסער מאָס געלונגען. מיט פּעדאַנטישער פּינקטלעכקייט האָבן זיי פאַרניכטעט יידישע ביבליאָטעקן, ספרים און נאָך דער טייוולאָנישער אַרבעט איז געוואָרן אַ זעלטענער צופאַל צו געפינען אַ געדרוקט יידיש בוך"...

אין אַ קורצער צייט אַרום, ווען איך בין אויף תל־אביבער תחנה מרכזית פאַרבייגעגאַנגען אָט דעם ביכער־ביידל, האָב איך באַמערקט, אַז אויפן שטעלעכל־טירל, הינטער די בענדלעך און שטריקלעך שטייען אויפן זעלבן אָרט, פּונקט אַזוי, אַקסל צו אַקסל, אַנדערע צוויי עקזעמפּליאַרן פון שלום־עליכמס „מנחם־מענדל" און „אייזנבאַן־געשיכטעס". מיר האָט זיך געוואָלט צוגיין צום יונגן קרעמער, אים אַ פרעג טאָן צי האָט ער נאָך אַ סך עקזעמפּליאַרן פון אָט די צוויי ביכער, און צי מען קויפט זיי? נאָר איך האָב זיך נישט אַנטשיידן, ווייל, ראשית, בין איך דעמאָלט געווען (איך בין נאָך איצט אויך) אַ קנאַפּער קענער פון עברית, איך זאָל דעם בוך־הענדלער קאָנען אויף גיך אויפקלערן דאָס, וואָס מיך אינטערעסירט, והשנית, איך האָב געוווסט, אַז יעדע פונאַנדערפרעגעכץ און קאָפּדולעניש אויף אַזאַ רומלדיקן, ראַשיקן פּלאַץ, האָבן מענטשן פיינט, דאָס רופט בלויז אַרויס אומגע־דולד און חשד...

זענען דורך אַ פּאָר יאָר. כ׳האָב לאַנג שוין געהאַט פאַרלאָזט דעם האָטעל פּאָר עולים און שוין געוווינט אין מגדיאל. מיין זון, מיין בן־זקונים האָט געדינט אין צ. ה. ל. אין סיני און פלעגט איין מאָל אין צוויי־דריי וואָכן קומען געוווּיר ווערן דעם אַלטן טאַטן. האָט ער מיר אַנומלט געבראַכט אַ מתנה — שלום־עליכמס צוויי ביכער „מנחםמענדל" און „אייזנבאַן געשיכטעס". ער האָט נישט געוווסט, אַז די זעלבע צוויי ביכער האָב איך שוין. מיט וואָס־זשע בילכערס קאָן אַ זון — אַ סאָלדאַט דערפרייען דעם טאַטן — אַ יידישן שרייבער — אַן עולה, אויב נישט מיט שלום־עליכמ׳ען אויף מאַמע־לשון? איך האָב מיט פרייד און ליבשאַפט גענומען פון מיין זונס יונגע פאַרברוינטע הענט, די אויסגעווינטיקטע פון די סיני׳ער גלייקע חמסינען, די צוויי ביכער. איך וואָלט זיי מיט פאַרמאַכטע אויגן דערקענט, אפילו אָנטאַפּנדיקערהייט און האָב אים בלויז אַ פרעג געטאָן, אַ שמייכל טוענדיק אין זיך: געקויפט אויף דער צענטראַלער אויטאָבוסן־סטאַציע?

— יאָ, פונוואַנען ווייסטו?

— איך שטעל מיר פאָר — זאָג איך צו אים. שמייכלט ער: „פאַר פיר ליר"... זאָג איך אים: אַ דאַנק דיר, מיין זון... און אין אָט דער רגע בין איך אין מיין דמיון אַרויף אויף אַ שורה פון מיינער אַן אַלטע פאַרמלחמהדיקע ליד — „דער קאָפּ טוט מיר וויי"... געווידמעט מיין זונעלע נפתלי מיין בכור, ווען די דייטשן האָבן אומגעבראַכט אין מינסקער געטאָ אין יאָר 1942:

...אַ דאַנק דיר, מיין לעבן, / אַ דאַנק דיר, מיין זון / איך האָב נאָר ביז איצט / נישט געוווסט פון דער פון / מסתם, ווו מע שטייט / מיט ליימענע טעפּ, / מוז מען אויך האַנדלען / מיט ליימענע קעפּ"...

...צו מיר אין מגדיאל פלעגט אַריינקומען אַ גאָר פרישער עולה פון רומעניע, אַ ייד אין מיינע יאָרן. איך פלעג אים אָפּגעבן מיינע שוין דורכגעלייענטע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן. ער פלעגט, דער עיקר, לייענען זיין צייטונג אויף רומעניש, נאָר אַז עס מאַכט זיך אויך אונטער דער האַנט אַ יידיש בלאַט — פאַרוואָס נישט? און צו ביסלעך, צו ביסלעך האָט ער זיך אַריינגעצויגן אין מאַמע־לשון. האָב איך אים אָפּגעגעבן די טאָפּל־עקזעמפּליאַרן פון שלום־עליכמס „מנחם מענדל" און די „אייזנבאַן געשיכטעס": דערמאָנט זיך, אַז מיר האָבן געהאַט אַ גאָלדענעם טייערן שלום־עליכם; לייענט און האָט הנאה. און אויב איר ווילט, קאָנט איר אָט די ביכער איבערלאָזן פאַר זיך, ווייל פונקט די זעלבע האָב איך נאָך אַ צווייטן עקזעמפּליאַר.

*

עס איז דורכגעלאָפן נאָך דריי יאָר. אין משך פון אָט דער צייט האָב איך, ברוך השם, געביטן מיין מגדיאַלער דירה אויף אַ דירה נענטער צו תל־אביב — אין אור יהודה. אַ וואָך נאָך יום־העצמאות, דאָס איז געווען דאָנערשטיק, דעם צענטן מאַי, דריי איך זיך אַרום אויף דער תחנה מרכזית אין תל־אביב. איך האָב זיך אָפּגערעדט מיט מיין פרוי, אַז נאָך איר אַרבעט וועלן מיר זיך מיט איר באַגעגענען פיר אַזייגער ביי דעם 823טן אויטאָבוס, וואָס פירט קיין נצרת־עילית. דאָס וועלן מיר צוזאַמען פאָרן צו מיין מחותן, מיין טאָכטערס שווער מאָטע רודערמאַן, דעם געוועזענעם פּאַרטיזאַן פון די ווייסרוסישע וועלדער, אין די יאָרן פון דער היטלער־אָקופּאַציע, אָפּצומערקן דעם „יום הולדת" זיינעם — די אַכציק קיילעכיקע יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק. אַ מתנה האָבן מיר שוין פאַר אים צוגעגרייט. דער זייגער איז ערשט דריי. נאָר אַזאַ רגילות האָב איך שוין, אַ מין מחלה, קומען צו יעדער טרעפונג, ראַנדעווו, לכל הפחות מיט אַ שעה פריער. אָט די רגילות מיינע איז שוין ביי מיר נישט פון היינט אָן און נישט פון נעכטן, נאָר זינט איך האָב אין די שלאַכטן פאַר בערלין פאַרלוירן אַ פוס — מיט פיר און דרייסיק יאָר צוריק — „אַ האַלבער לעבל ברויט" פון מיינע אָפּגעלעבטע יאָרן; פון זינט דעמאָלט האָב איך אַלץ מורא כ'זאָל זיך נישט פאַרזאַמען... דריי איך מיך אַרום אויף דער סטאַציע, וויל קויפן אַ היינטיקע יידישע צייטונג, נאָר אין אָט דער צייט קאָן מען זי שוין נישט אַלע מאָל קריגן. אין מיין רעכטער קעשענע, אונטערן שיידל מיט מיינע ברילן, האַלט איך אָנגעגרייט די פינעף־ליריקע מטבע, כמעט איין גרויס מיטן „פונט" (מיט דער איין־לירה־מטבע), און איך וואָלט שוין וועלן וואָס גיכער פטור ווערן פון איר, ווייל זי פאַרפירט מיך, ס'טרעפט,אַז איך „בראַק" זי אַריין צווישן די איין־פונטיקלעך און גיי שיט זיי אָן, די פיר פאַרלוירענע לירעס, מיינע, זאַלץ אויפן עק... שפּאַן איך פון איין קיאָסק, פון איין דעכל צום אַנדערן און זוך מיט די אויגן צווישן די קופּעס צייטונגען דעם בן־יחידל — אָן איבערגעבליבענעם נומער. ביז איך בין אַזוי, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, געבליבן שטיין אַנטקעגן מיר קענטלעכן ביכער־ביידל... אויף זיין אויסנווייניקסטן טירל הינטער די שטריקלעך־בענדלעך טוט פאַר מיר אַ שיין „מנחם־מענדל" און די „אייזנבאַן־געשיכטעס". די צוויי שלום־עליכם־ביכער, וועלכע איך האָב געקויפט גופא דאָ מיט 5 יאָר צוריק און די זעלבע, וועלכע מיין זון האָט געקויפט פאַר מיר אין דעם זעלבן קלייטל, פאַר דריי יאָר.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר עס האָט מיר עפּעס אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. איך בין אַ רגע'לע געשטאַנען און פאַרשעמט געקוקט **אויף די שוין** נאָענטע מיר איינגעבאַקענע אין האַרצן טונקל־בלויע טאָוולען פון שלום־עליכמס ווערק פון „די נייע יידישע ביבליאָטעק", די דערשינענע אין דעם נאָכמלחמהדיקן בערלין שוין מיט 29 יאָר צוריק... נאָר באַלד איז מיר געקומען אויפן זינען (מנחם־מענדל וועט אייביק ברויזן און יורן אין אונדזערע מוחות און געהירן) — פאַרוואָס זאָל איך נישט ברענגען מיין מחותן צו זיין „יום הולדת" אויסער אונדזער גרונט־מתנה, מיינע און מיין ווייבס, אויך פון מיר אַליין אַ באַשיידענעם געשאַנק — שלום עליכמס ביכער? מיינע דריי ישראלדיקע לידער־זאַמלונגען

האָב איך דאָך אים געשאָנקען און כאָטש איך ווייס, אַז ער אַליין האָט זיי נישט געלייענט, ווייל ער לייענט בלויז, ווי ביי גאָט איז אַ טאָג, פון אלף ביז תוו די „נאַשאַ סטראַנאַ“, נאָר ביי אים, ביי מיין מחותן, איז זייער אָנגעלייגט וואָס איך שענק אים מיינעם אַ בוך. ער קאָן פאַר זיינע באַקאַנטע יידן אין נצרת עילית, וואָס לייענען דווקא יאָ מאַמע־לשון זיך איבערנעמען מיט זיין מחותן, דעם יידישן פיסאַטעל, און געבן זיי צו לייענען מיינס אַ ביכל, פאַרזאָגנדיק דערביי, מע זאָל אים דאָס ביכל צוריקקערן גאַנץ, ווי געהעריק. טראַכט איך: זאָל ער האָבן ביי זיך אין שטוב צו זיין אַכציקסטן געבוירן־טאָג, שלום־עליכמס אַ פּאָר ביכער. וועט ער, קאָן זיין, באַווייזן זיינע שכנים און באַקאַנטע: „זעט, וואָס מיין מחותן דער פיסאַטעל האָט מיר געשאָנקען“. און עס וועלן זיך געוויס געפינען אַזעלכע וואָס וועלן ביי אים נעמען די ביכער צו לייענען און האָבן פאַרגעניגן. פאַלט דען אין נצרת־עילית אַזוי אָפט אַריין אַ יידיש בוך?... און כ׳בין צו נענטער צום ביכער־ביידל. דאָס פּנים פון דעם קרעמער איז אין פאַרלויף פון אָט די יאָרן געוואָרן קיילעכיקער, פולער. איך וואָלט געזאָגט, פלעגמאַטישער: איך האָב אים אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף די צוויי טונקל־בלויע טאָמען: כמה זה עולה? (וויפל קאָסט דאָס?).

— ארבע לירות...

איך האָב אַרויסגעצויגן די ביכער, ווי פון אַ פאַרשטויבטן שטייגל, און: אים אויסגעשטרעקט די פינעפליריקע מטבע, וועלכע איז ביי מיר געווען אָנגעגרייט צו קויפן אַ צייטונג. אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט מיר געגעבן רעשט, האָט זיך מיר ווידער פאַרוואָלט, ווי דאַן, מיט פינעף יאָר צוריק, אַ פרעג טאָן ביי אים (אין עברית בין איך שוין געוואָרן תקיפ׳ער, איך וואָלט שוין יאַקאָש געקאָנט צונויפשטוקעווען די עטלעכע ווערטער), צי האָט ער נאָך עקזעמפּליאַרן פון אָט די און צי מען קויפט זיי?.. נאָר אָנשטאָט דעם האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן פון מויל:

—שלום עליכם לאַכט זיך אויס פון דער אינפלאַציע, ער האַלט מויער־פעסט פון דער ישראל־לירע, זי איז ביי אים — ווי ער ביי מיר — מיט גאָלד צוגלייך...

אויף דעם בוך־הענדלערס ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן פון אַ געצוווּנגענעם שמייכל, וואָס האָט נישט געהאַט אונטער זיך קיין שום נאַמינאַלע דעקונג...

אור יהודה, 1979

אינהאַלט

אין דרייסיק יאָר אַרום... 3
מיין שיר דעם ציבולניק (אַנשטאָט אַ הקדמה) 5

ערשטער טייל. די אויספאָרשונג

פרילינג 41טן יאָר... 13
דריי טעלעגראַמעס... 15
דער מינסקער יידישער דענקמאָל... 18
מיין פאָרן קיין ביראָבידזשאַן 19
ביראָבידזשאַנער פּיין... 22
אין גאָגלידזעס עקספּרעס־וואַגאָן... 28
איך בין אַרומגעגאַנגען, ווי אַ לעבעדיקער מת... 31
דער אַרעסט... 34
אין איינצל־קאַמער מיטן יאַפּאַנעזער 37
מיין פּריוועלעגיע אין שוואַרצן וואַראָן... 39
די צוואַנציק־מינוטיקע שפּאַצירן... 44
די דאָפּראָסן... 46
מיין שכן אין דער איינצל־קאַמער גאַלאָווקאָ... 48
דער פּאָליטרוק דער רוסישער אַרבעטער... 50
גרויזאַמע באַשולדיקונג — פאַרראַט און שפּיאָנאַזש... 52
עפנט זיך פּולצעם די טיר... 54
דאָס שמעקנדיקע רעסטאָראַן־געבראָטנס 57
מיין ערלעך־פאַרדינטער שטיק צוקער 58
מיטן נאַקעטן לייב אויפן פּראַסטיקן אייזן... 60
דער שפּיגל — דאָס פּלאַסטיק־שיסל מיט ביטערן טיי... 62
דער חיה'שער פּחד... 64
דער פּראָטאָקאָל פון פעפערס אַ דאָפּראָס... 66
פּאַנאָמאַרענקאָ האָט זיך „איינגעשפּאַנט"... 69

צווייטער טייל.
„דער מאָסקווער משפט איבער די ביראָבידזשאַנער"

ווידער ציִען זיך מיינע גרויליקע טעג און נעכט... 78
אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין... 81
דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן... 90
פאַרצווייפלט מיט די לעצטע כוחות... 93
„אין שותפות מיט די אַגענטן פונעם אַמעריקאַנער אויסשפּיר"... 96
דעם מאָסקווער משפט האָבן געגרייט... 103
די לעצטע ווערטער... 109

דער אורטייל... 111
אויסמושטירטע אַדעליקע תלינים... 112
אין די העכסטע אינטערעסן פון וועלט־קאָמוניזם... 114

דריטער טייל. נאָכן משפט

ביי דער כנרת 119
אין דער מאָסקווער תפיסה בוטירקי 124
אין „וואַגאָן־זאַק" 129
פערעסילקעס. סווערדלאָווסקער... 136
נאָוואָסיבירסקער... 145
קראַסנאָיאַרסקער... 147
טיישעטלאַג... 149
צו די קייזערלעכע טויערן 151
די זעקס־ און פערציקסטע קאָלאָנע 156
ראַבאָטשאַיאַ זאָנאַ 159
דער שוואַרצער פרייטיק 168
נאָכן שוואַרצן פרייטיק 170
וולאַדימיר וויגדאַרטשיק 175
מיט אַ מענטשן פון איין פאָלק און שטאַם... 179
דעם טשעטשענס טויט... 183
מאָסקיטן... 187
מאָזעבאַכס סטאַציאָנאַר... 190
ס׳האָט דורכגעבליצט אַ מחשבה... 192
דער טיפּאָגראַף 194
דער פּוכאָוויטשער פויער 195
דער רעטשיצער 196
דער פּאָלטאַווער 197
קאַרטאָפל שיילן 199
די לאַגער־באָד 202
מיין לאַגער־נומער 206
חייקין און דער טשיז... 214
אין דער סושילקע... 219
די שפּאָגל־נייע וויערא טשעבעריאַק... 222
דריי געשעענישן אין איין טאָג... 227
די זיסע פיין... 232
אונדזער ערשטע נקמה... 237
מיט גאָלד צו גלייך (אַנשטאָט אַן עפּילאָג) 243